STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06119

ARISHE PAPIRN

Michal Borwicz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל באָרוויטש

אַרישע פּאַפּירן

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

105

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מיכאל באָראָוויטש

אַרישע פּאַפּירן

באַנד איינס

הקדמה: יעקב פּאַט

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, 1955 — תשט״ו

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — גאַסקאָן 1231 — בוענאָס איירעס.

א י נ ה אַ ל ט :

אַ וואָרט פון יעקב פּאַט — — — — — — — — — — — -- 9

אריינפיר־וואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 11

נאַטור־געשיכטע און אָפּצווייגונגען. — סיטואַציעס און פּראָבלעמען

I. דער בלוטיקער נעפּל

1. פּראַגן עקס פּאָסט. — 2. „דאָרט ווו די יידן וועלן גיין". — 3. מאָראַ־לישע סאָלידאַריטעט. — 4. גלעגנהייטלעכע קאָנספּיראַציע. — 5. „ווסיפּעס" (פּאַראַט). — 6. קינדער. — 7. דער גובערנאַטאָר פּראַנק מאַכט „ספּאָרט"־איבונגען. — 8. דער ווידערשטאַנד ברעכט זיך. — 9. פּאַרזעאונגען און פּאַרשפּעטיקונגען — — — — — — — — — — — 21

II. פּאַפּירן

1. דער מאַגישער כח פון באַשייניקונגען. — 2. די ערשטע צייטווייליקע באַשטעטיקונגען אויפן אָרט פון די „אַרישע פּאַפּירן". — 3. די ערשטע קוועלע דייערע. — 4. אויף אַ שפּיצל דאַרף מען געפינען אַ צווייטן שפּיצל. — 5. „קען־קאַרטעס". — 6. אויטענטישע און נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן. — 7. דאָס צעחושן מיט די דאַטעס. — 8. טראַגעדיעס און גראָטעסקן. — 9. די שוועריקייטן ביים דערשלאָגן זיך צו דער הויפּט־קוועלע פון דער פּראָדוקציע. — 10. אונטערערדישע אָרגאַ־ניזאַציע — — — — — — — — — — — — — — — — — 41

III. די ערשטע טריט

1. די פאַרשידענע אופנים פון פאַרלאָזן דאָס געטאָ. —2. די „לאַ־פאַנקעס” אויף אַרבעט. — 3. מיט די שפּורן פונעם טראַמוויי. — 4. פון די מאָסן־גריבער. — 5. פון די טויטן־וואַגאָנען. — 6. די אומ־זיכערקייט פונעם באַוועגן זיך. — 7. דאָס זוכן אַן אָנשפּאַר — — 55

IV. קינדער: שמוגלערס, שלעפּערס, טראַמפּן

1. נאַכטלעגערס אויף די סטאַציעס. — 2. „זשידעק, גיב פּאַפּיראָסן — אָנגעבראָכן די ביינער... אָבער ס'איז גאָרנישט”. — 3. דאָס פירן סחורה איבער דער גרענעץ. — אַנטלאָפן פון תּפיסה פאַר דער עק־זעקוציע. — דער פּאַסטוך. — דער פאַלשער שכן און דער אָרנט־לעכער באַלעבאָס. — אויפן שקלאַפן־יאַריד אין האַנאָווער. — 4. ער איז געגאַנגען מיט דעם הינטל דורכן פראָנט, בכדי ווידער אַריינצו־פאַלן אין תּפיסה. — 5. די פּאַפּיראָסן־פאַרקויפער פון פּלאַץ „דריי קרייצן” — — — — — — — — — — — — — — — — — — 70

V. פּערזענלעכע „אַטריבוטן”

1. אַ יונג מיידל מאַכט פון זיך אַ „פּאַרזעניש”. — 2. נישט־יידן מיט „יידישע שטריכן. — 3. פּרוּווּנגען פון רעליגיע. — 4. אַן „אמתער” שלאַכטשיץ. — 5. נערוון און נערוועזקייט. — 6. דער עקסצענטרי־שער מאַדיאַר און די „אַריערין” פון ווין. — 7. די באַדייטונג פון אַ קאָרעקטער שפּראַך און פון גוטן אַקצענט. — 8. אַ חסיד אין דער ראָלע פון אַ קלויסטער־בעטלער. — 9. קאַלט בלוט און רו — — — 92

VI. וואַנדערונגען

1. מיט אַ קינד אויף דער האַנט פון שטעטל צו שטעטל. — צוריק־מאַרש צוזאַמען... מיט דער דייטשער אַרמיי. — 2. די מאַגישע פאַר־בינדונגען מיטן געטאָ. — 3. די וואַנדערונגען פון נעמי שאַץ־ווינקראַנץ אין קאַמף פאַרן מאַנס לעבן — — — — — — — — — — 120

VII. שאַנטאַזשן און שאַנטאַזשיסטן

1. הויז און גאַס־שאַנטאַזשן. — 2. „געשמועסטע” שאַנטאַזשן: דיס־קוסיעס, געפעליקייטן און גוטע עצות. — 3. וויסנשאַפטלעך אָרגאַני־זירטע שאַנטאַזשן. — 4. די באַדייטונג פון אַ חוצפּה. — 5. אַ בילבול אין שפּיטאָל. — 6. אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער קאַמפּס־אָר־גאַניזאַציע ווערט אַ פּראָוואָקאַטאָר. — 7. עראָטישע שאַנטאַזשן: די אונטערנעמונג פון דער „פּרוי סטאַניסלאַוואַ” און פון „הער הערמאַן. — 8. שאַנטאַזש אין אַ תּפיסה־קאַמער. — 9. דער באַגריף פון

„כבוד״. — 10. פון דער גאַלעריע שאַנטאַזשיסטן־אָריגינאַלן: א) דאָס זוכן פון ווינסשאַפט; ב) אויס נקמה פאַר דער פאַרלווירענער האָפענונג; ג) דאָס געפיל פון אמת און גערעכטיקייט״; ד) דער פאַרליבטער שאַנטאַזשיסט; ה) דאָס געפיל פאַר הומאָר; ו) די צעיושעטע „קומעס״ און דער ערלעכער פאָליציאַנט; ז) אַ געהיימער פאָליציי־אַגענט, אַן אויסלייזער — — — — — — — — — — — — — — 144

VIII. דירות ווערן „פאַרברענט״. דאָס געיעג נאָך אַ מקום־מקלט

1. דאָס רייסן זיך פון קאָנטאַקטן צווישן נאָענטע. — 2. אין טויט־וואַגאָן: דאָס אַנטלויפן און צוריקקערן זיך צו דער אַרבעט. — 3. „דאָרט ווו צוויי (נישט־יידן) שלאָגן זיך״. — 4. די קאָמעדיעס פון „רעפּעדענצן״. — 5. דער אויפריכטיקער טעאָלאָג. — דאָס איינבעטן זיך אויף אַ נאַכט. — 6. אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. — 7. צוזאַמען מיט די פּראָטעגירטע. — 8. פון איין אומגליק אין אַן אַנדערן. — 9. אַן שום געוואַלטיקע סענסאַציעס — — — — — — — — — — — — — — — 191

IX. „אויסלענדישע בירגער״ און די אַפּערע פון „האָטעל פּאָלסקי״ 212

X. אויף אַרבעט אין „רייך״, אין אוקראַינע, אין די באַלקאַן־לענדער און אין די סקאַנדינאַווישע לענדער

1. דאָס נעמען צו צוואַנגס־אַרבעט. — 2. עסקים מיט „מאַכערס״. — 3. „אַרבעטסאַמטן״. — 4. בריוו פון אַ „זון״. — 5. „טאָדט־אָרגאַניזאַציע״. — 6. אין קרים און ערגעץ אַנדערש. — 7. די אַדיסייע פון א. פּאַלקמאַן מיט שקלאַפן קיין נאָרוועגיע; דאָס אַנטלויפן דורך בערג אין דעם נייטראַלן שוועדן. — 8. מיט דער דייטשער אַרמיי קיין דענעמאַרק. — 9. געפּרוווט, אָבער... — — — — — — — — — 217

XI. אויף אוקראַינישע פּאַפּירן — — — — — — — — — — — — — 254

XII. „אויף אַראַבישע פּאַפּירן״

1. אַ יינגל אין דער ראָל פון אַ מיידל. — 2. אַ מיידל אין דער ראָל פון אַ בחור. — 3. זוכנדיק אַ גייסטיקע רעקאָמפּענסאַציע. — 4. אינקאָגניטאָ... פּאַרן אייגענעם ווייב און וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען. — 5. ווען איין פּאַפּירענער „אַריער״ האָט אַנגעטראָפן אַ צווייטן. — 7. אַ רב אַלס פּראַוואָסלאַווער פּאָפּ. — 8. אין דער ראָל פון אַ גלח 275

XIII. אַ ביסל וואַריאַנטן — — — — — — — — — — — — — — — — 280

XIV. די קאָרעספּאָנדענץ — — — — — — — — — — — — — — — — 300

**
*

איך האָב די גרויסע אַרבעט פון מיכאל באָרוויטש, די „אַרישע פּאַפּירן" געלייענט מיט איניקע יאָר צוריק, ווי נאָר זי איז פאַרטיק געוואָרן און אַראָפּ פון זיין שרייבטיש. איך בין געווען פּשוט נתפּעל פון דעם אויפטו. ניט־לאַנג האָב איך נאָך אַמאָל געלייענט דאָס ווערק, און מיין התפּעלות איז נאָך געשטיגן. ווען איך שרייב די ווערטער, ליגן ווידער אויף מיין אַרבעטסטיש די קנאַפּע 800 מאַשין־זייטן פון דעם מאַנוסקריפּט. איך קוק ווידער אין זיי אַריין, און איך זאָג צוויי ווערטער צום מחבר: „ישר כחך!", ווען דאָס בוך„ אַרישע פּאַפּירן" וועט דערשיינען, וועט עס זיין אַן אוצר אין דער ייִדישער ביבליאָטעק.

ייִדן אויף דער „אַרישער זייט", ייִדן מיט „אַרישע פּאַפּירן", ייִדן, וואָס שפּילן דאָס טראַגישע שוישפּיל פון „פּאָליאַקן" אין אַ וואַלד פון מיליאָנען בעסטיעס, — שוישפּילער, וואָס, אויב זיי מאַכן איין שלעכטע העויה, איין שלעכטן שריט, ברענגען אַרויס איין פאַלשן טאָן, באַצאָלן זיי טייער, ווערן פאַרוואַנדלט אין אַש און צעשאָטן אויף אַלע אַרבע רוחות. אַזוינס קען נישט אויפנעמען די פאַנטאַזיע פון אַ נאָרמאַלן מענטשן. „די, וואָס זענען דאָ נישט געווען, קאָנען אונדז נישט פאַרשטיין" — האָבן מיר געזאָגט לעבנ־געבליבענע געטאָ־ייִדן, ווען איך האָב זיי באַגענט אין פּוילן, גלייך נאָכן חורבן.

געפּייניקטע, געיאָגטע, געטריבענע ייִדן. פאַרשטעלטע אַלס פּאָליאַקן, וואָס מוזן זיין פלינק ווי די הירשן, געשיקט ווי די קונצן־מאַכער, איינפּאַ־לעריש ווי דער טייוול אַליין. ייִדישע פרויען, פאַרשטעלטע פאַר גויעס, מיט בלאַנד־געפאַרבטע קעפּ, פאַרמאַסקירטע, וואָס גייען אָן אַלס גוישע דינסטן, שמוגלערינס זענען אַרומגערינגלט פון שאַנטאַזשיסטן, אויסניצער־בלוט־זויגערס, שיכורים, עראָטיקער. ייִדישע מענער און פרויען, שליחים פון דער אונטערערד, טוען רעטונגס־אַרבעט, וואָס דער איינפאַכער מענטש־לעכער מוח קאָן עס גאָר נישט משיג זיין. — דאָס אַלץ איז אַ טייל פון טראַגישן און העראָישן גייסטער־שפּיל אויף יענער זייט געטאָ, — אויף דער „אַרישער זייט".

נאָך דער מלחמה האָב איך געשריבן מיין בוך „הענעך", די אויסטער־לישע געשיכטע פון אַ געטאָ־ייִנגל וואָס האָט דורכגעמאַכט חבוט־הקבר,

וואָס איז לעבן געבליבן און האָט געשריבן זיין טאָג־בוך. דאָס ווערק איז דערשינען אין פאַרלאַג פון די „פוילישע ייִדן“ אין אַרגענטינע, פאַר וואָס איך בין זיי זייער דאַנקבאַר. האָבן מיר דעריבער באַזונדערס פאַרכאַפּט די קאַפּיטלעך פון מיכאַל באָרוויטשעס בוך „אַרישע זייט“, אין וועלכע עס ווערט דערציילט וועגן ייִדישע קינדער אויף יענער זייט, וועגן קינדער־שמוגלער, שלעפּערס און טרעמפּס — אויסטערלישע מעשיות וועגן פּאַפּיראָסן־פּאַרקויפער, וועגן אַ שקלאַפן־יאַריד אין האַנאָווער, וועגן עינויים אין די תפיסות — שוידערלעכע דראַמעס פון ייִדישן קינד, פון וועלכע מען קאָן זיך נישט אָפּרייסן, אַפילו איצט, ווען יאָרן זענען שוין אַריבער.

„ווען די געשעענישן אין דעם בוך וואָלטן געווען אַ פּראָדוקט פון פאַנטאַזיע, וואָלטן זיי געסטאַיעט אויסצופילן צענדליקער בעלעטריסטישע שאַפונגען...“ — שרייבט מ. באָרוויטש. — זיי וואָלטן אָבער געווען ווערטלאָז, ווען זיי וואָלטן געווען בלויז שרייבערישע פאַנטאַזיעס. די בעלעטריסטישע ליטעראַטור לעבט בכלל איבער אין אונדזער צייט אַ קריזיס. דער לייענער וויל נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשיות, מעגן זיי זיין ווי שיין אַרומגעפּוצט, ווי מליצהדיק און פאַרביק. אין דער צייט פון טעלעווידיע, אין דער אַטאָם־תקופה, ווען אעראָפּלאַנען פליִען טויזנטער מיילן אין קורצע ווײַלעס, האָט דער לעזער נישט קיין געדולד צו צעצויגענע ראָמאַנען און צעפלאָסענע פאַנטאַזיעס. ער וויל פאַקטן. די פאַקטן פון לעבן זענען גרויס און וויכטיק. מען דאַרף נאָר קאָנען זיי גוט דערציילן.

דיווירקלעכקייט פון קיין פאָלק, דער אמת פון זיין געשיכטע איז נישט געווען אַזוי גרויס, אַזוי גראַנדיעז, ווי אונדזער ייִדישע ווירקלעכקייט אין די געטאָ־יאָרן. מיר האָבן שוין געטאָ־ און לאַגער־ביכער — לאַגער־פּאָעמעס, זכרונות, נאָוועלן, אַפילו ראָמאַנען — אין די הונדערטער, און כל המרבה לספר הרי זה משובח. גאַנץ אַנדערש, גאַנץ אייגנאַרטיק איז אָבער דאָס בוך וועגן יענע ייִדן, וואָס האָבן אונטער היטלערס ממשלה באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם — די „אַרישע זייט“ פון מיכאַל באָרוויטש, חוץ סטיל, חוץ געפיל, חוץ שטימונג, ליגט אין דעם בוך אַ וועלט מיט אַרבעט, מיט וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, מיט מיזאַמער מאַטעריאַל־זאַמלונג.

ווען איך שרייב די שורות, ליגט שוין אויף מיין טיש דער נסים־נומער 102 פון דער ביבליאָטעק פון פאַרבאַנד פון די פוילישע ייִדן אין אַרגנעטינע. איך ווייס נישט וועלכן נומער עס וועט טראָגן דאָס בוך „אַרישע פּאַפּירן“. איך ווייס אָבער, אַז עס וועט זיין אין אַ גוטער ביכער־געזעלשאַפט און איך האָף, אַז עס וועט אַריינקומען אין די הענט פון טויזנטער ייִדישע לייענער.

יעקב פאַט

ניו יאָרק

אַרײַנפֿיר

דער אורשפּרינגלעכער נאָמען פֿון דעם בוך האָט געדאַרפֿט זײַן: „אין אַן אינו־ניראה־היטל דורך דער דזשונגל“. איך האָב דעם נאָמען געביטן אויף דעם איצטיקן כּדי נישט צו פּראָוואָצירן קיין אַנאַלאָגיעס מיט דעם ביליקן מין וואגאָן־לעקטור. דאָך איז דער ערשטער נאָמען געווען פֿול־שטענדיק פּרעציז און זאַכלעך. דער באַגריף „אינה־ניראה־היטל“ 1) באַציט זיך נעמלעך צו לעגענדאַרע סענסאַציעס. דאָס מאַטעריאַל פֿון דעם דאָזיקן בוך איז אויך נישט ווייניקער אומוואַרשײַנלעך, ווי יענע לעגענדעס. דאָס וואָרט „דזשונגל“ איז אַ סינאָנים פֿאַר אַלערליי אויסטערלישקייטן, וועלכע באַהאַלטן אין זיך אַ שלל מיט אומגערעכטיקייטן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט דערפֿאָרשט ווערן. דער דזשונגל, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין דעם דאָזיקן בוך טרעט, אין דער הינזיכט, נישט אָפּ אויף קיין פֿאַל פֿון יענער אויסטערלישקייט.

ווען די געשעענישן אין דעם בוך וואָלטן געווען אַ פּראָדוקט פֿון פֿאַנטאַזיע וואָלטן זיי געקלעקט אויסצופֿילן צענדליקער בעלעטריסטישע שאַפֿונגען — אין דער העכסטער מאָס פֿאַסצינירנדיקע. צווישן די דאָזיקע שאַפֿונגען וואָלטן זיך געפֿונען אוואַנטוריסטישע דעטעקטיוו־ראָמאַנען און רייזע־באַשרײַבונגען, אויפֿטרייסלענדיקע סצענעס פֿון זיטלעכקייט און גלײַכצײַטיק געפֿילס־תּהומען, וואָס זענען ראוי פֿאַר דער פֿעדער פֿון די גרעסטע ליטעראַטור־שעפֿער־פּסיכאָלאָגן. פֿון דער צווייטער זײַט: אינטריי־

---

1) דאָס וווּנדער־היטל (אָדער מאַנטל) וואָס מאַכט, אַז מען זאָל נישט זען דעם מענטש, וואָס טוט עס אָן. עס איז אַ באַליבטער אָביעקט אין פֿאַרשידענע לעגענדאַרע מעשׂהלעך.

געס און סענסאַציעס אַזעלכע שרייענדיקע, אַז קענען זיי וואָלטן בלאָס גע־וואָרן אַפילו די מחברים פון גאַסיקן ליטעראַטור־טאַנדעט. און (וואָס וועט אויפן ערשטן בליק אויסזען אינגאַנצן אומוואָרשיינלעך, גאַנצע בענדער פון הומאָרעסקעס, וויצן און קאָמישע אַנעקדאָטן; אַנהויבנדיק פון די סאַמע פיינסטע, וואָס פאָדערן אַ סובטעלן הומאָר־חוש ביז די ביליקסטע פון טיף קאָמעדיע דעל ארטע — „בופפאַ".

די דאָזיקע אַלע פאַקטן, געשעענישן און דערשיינונגען זענען אַרויס־געוואָרן געוואָרן דורך אַ באַשטימטער געשיכטלעכער סיטואַציע. זיי האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין אַ באַצייכנטן צייט־שטח, אין די ראַמען פון באַשטימ־טע פּאָליטישע באַדינגונגען. זיי געהערן דעריבער צו דער געשיכטע. גלייכצייטיק אָבער שפּרייזט דער פאַרלויף, דער מעכאַניזם און די אויס־ווירקונג פון יעדן איינעם פון די דאָזיקע טויזנטער פאַנטאַסטישע פאָרפאַלן ווייט, ווייט אַריבער דעם געגעבענעם צייט־אָפּשניט און די געגעבענע ווירקלעכקייט. זייער פּראָבלעמאַטיק, אויסשפּראַך און אַספּעקטן זענען אוי־סער צייטלעך און אין דער העכסטער מאָס פאַרכאַפּנדיק. זיי וואַרפן אַ ליכט אויף דער פּילצאָליקייט פון פראַגן, פון אַ פאַרשידנאַרטיקן כאַראַקטער, פון פאַרשידענע געביטן פון וויסן וועגן מענטש, וועגן מענטשלעכע איינאָרדע־נונגען און צווישן־מענטשלעכע באַציונגען.

עס גייט דאָ וועגן דער דערשיינונג פון די אַזוי גערופענע „אַרישע פּאַפּירן". מיט דעם דאָזיקן נאָמען (אומאָפּהענגיק פון זיין לינגוויסטישן ווערט) האָט מען באַצייכנט די גורלות פון יענע יידן, וועלכע האָבן בשעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם כדי אויסצו־מיידן פאַרפאָלגונגען און טויט. מען קען פרעגן: איז דאָס דאָזיקע בוך נאָך איין בוך וועגן די היטלעריסטישע גרויזאַמקייטן? דער ענטפער איז: ניין! און דאָס דאַרף מען דאָ — כאָטש אין עטלעכע זאַצן אונטערשטרייכן און שטאַרק אונטערשטרייכן.

די ליטעראַטור, וואָס איז נוגע די צייטן פון דייטשער אָקופּאַציע איז ביז איצט געווען אַ ליטעראַטור — קודם כל וועגן היטלעריטישע מער־דערייען. צוליב דעם, וואָס די אופנים פון אָרגאַניזירן און פון אויספירן די דאָזיקע מאָרדן זענען געווען זייער ענלעך צו זיך, חזרן זיי זיך איבער גלייכצייטיק אין אַ גרויסע צאָל ביכער. אין רעזולטאַט דערפון איז דער

לייענער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז — וואָס נוגע יענע יאָרן — ווייסט ער שוין אַלץ און, אַז דאָס לייענען נאָך אַנדערע אַרבעטן פון דעם געביט קאָן אים העכסטנס ברענגען נאָך אַביסל אומוועזנטלעכע פּרטים. פּאַקטיש איז דער ענין פּונקט פאַרקערט. דאָס וואָס מען ווייסט שוין וועגן די אָקופּאַציע־יאָרן איז נישט מער, ווי שוים פון דער ערשטער, קאָשמאַרער רעוואָלאַציע־כוואַליע. אין דער אמתן ווייסט דער לייענער צו ווייניק, אַזוי ווייניק, אַז ער האָט נאָך קיין שום מעגלעכקייט נישט צו אָריענטירן זיך אין דער גרויסער מאַסע פון פאַרשידנאַרטיקן מאַטעריאַל.

די שוועריקייטן צו ברענגען צום אייגענעם באַוווסטזיין דאָס אינדיווידועלע פּנים פון יעדן פון די טויזנטער מענטשלעכע דערפאַרונגען און אמתן באַשטייען דערין, וואָס זיי, די דערפאַרונגען זענען פאָרגעקומען אין אַ געדיכטן און בלוטיקן שאָטן פון אַ דעטערמינירטער אומגעבונג.

ס׳איז אָבער פאַראַן איין געביט, אין וועלכן די ענינים האָבן זיך צוזאַמענגעפלאָכטן עטוואָס אַנדערש: דאָס זענען טאַקע די „אַרישע פּאַפּירן״. להיפּוך צו אַנדערע געביטן האָט דאָ יעדער דורכגעמאַכט זיין וועג באַזונדער. אין געטאָ און אין די לאַגערן האָט מען געלעבט אין שטענדיקער געשטויסנקייט, אין די ענגע ראַמען פון באַדינגונגען און געזעצן, וואָס זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן פון דער הייך. דאָ פאַרקערט: איינזאַם און אין אומאויפהערלעכער אימפּראָוויזאַציע. דאָרט האָט מען זיך תמיד געפונען אין דער סביבה פון מיט־קרבנות און אַן אויסנאַם האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט נאָר די תלינים. דאָ — פאַרקערט: אין דער אַרומרינגלונג און אין כסדרדיקן צוזאַמענטרעף מיט מענטשן פון פאַרשידענע ספערן, פון פאַרשידנאַרטיקן אינטעלעקטועלן, מאָראַלישן און אידעיִשן ניוואָ. די דאָזיקע גרונט־אונטערשידן וואָלט מען געקאָנט אויסרעכענען פיל מער. ס׳איז אָבער גענוג. אין רעזולטאַט האָט די דאָזיקע דערשיינונג זיך צעברעקלט אויף טויזנטער אָפּגעזונדערטע און זייער פאַרשידענע וועגן, וואָס כמעט יעדער פון זיי איז אויסגעברוקירט געווען מיט אומוואַרשיינלעכע סענסאַציעס און סורפּריזן.

נעבן אַ גאַנצער ריי אַנדערע ענינים צייכנט זיך דאָ אָן איין יסודותדיק פּראָבלעם: דער צוזאַמענשטויס פון פאַרשידענע קולטור־שטייגערס. און דאָס נישט בלויז אין פּראָגראַם־פּונקטן, נאָר אויף דעם גאַנצער ליניע,

אַזש ביז די לעצטע דעטאַלן, ביז זשעסטן, בליקן, קליינע געוווינהייטן, כמעט ביז צום אופן פון איינאָטעמען און זיפצן. יעדער פון די דאָזיקע קלייניקייטן, וואָס ווערן אין געוויינלעכע באַדינגונגען אַפילו נישט באַמערקט, האָט דאָ זיך געוויגן אויף דער וואָג־שאָל פון לעבן און טויט. טאָקע דערפאַר איז דאָס מאַטעריאַל אויסערגעוויינלעך און איינמאַליק פאַר די פאָרשער פון קולטור־שטייגער. די ענינים וואָס זיי פאָרשן ביי דערשיינונגען, וועלכע ס׳איז שווער צו דערכאַפּן האָבן די גיהנום־יאָרן אַזוי געדיכט געמאַכט, אַז זיי זענען דערפירט געוואָרן צו „אַ קלאַסישער״ פאָרם, אַ שטייגער, ווי באַקטעריע־פּרעפּאַראַטן צום מיקראָסקאָפּישן דורכקוק. גלייכצייטיק האָט די קאָנפראָנטאַציע מיט דער ווירקלעכקייט אומברחמנותדיק קאָמפּראָמיטירט פאַרשידענע גרויזאַמע טעזן און טעאָריעס.

**
*

די מאַטעריאַלן, וואָס נוגע דעם לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן״ האָב איך שוין געזאַמלט אין די מלחמה־יאָרן און זיי איינגעשלאָסן אין די געהיימע אַרכיוון. פון דאָרט האָט מען זיי נאָך דער מלחמה איבערגעשיקט אין דער „צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן״, צוזאַמען מיט דאָקומענטן וואָס זענען שייך געווען דער טעטיקייט פון „ראַט צו העלפן יידן״ און אַנדערע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. שפּעטער איז אונדז געלונגען צוזאַמענצונעמען אַ גרויסע צאָל גבית־עדותן און טאָגביכער פון דעם געביט. דעם דאָזיקן מאַטעריאַל האָבן מיר נאָך פאַרגרעסערט מיט אַ ספּעציעלער אַנקעטע. דאָס זאַמלען די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָב איך קאָנטינויִרט שפּעטער אין אויסלאַנד, אין עטלעכע לענדער און לסוף — אין די טעטיקייט־ראַמען פון „פאָרשונגס־צענטער פאַר דער געשיכטע פון פּוילישע יידן״ — אין פּאַריז. אומאָפּהענגיק דערפון האָבן זיך אַ גאַנצע ריי טאָג־ביכער פון דעם געביט אין משך פון דער צייט באַוויזן אין דער עפנטלעכקייט (אין פאַרשידענע שפּראַכן); נאַטירלעך זענען אויך די דאָזיקע ביכער גענומען געוואָרן אין אַכט און אויסגענוצט געוואָרן.

די טעמאַטיק פון דעם בוך — אַזוי ווי איך פאַרשטיי זי — האָט געפאָדערט אַ באַזונדערן צוגאַנג און אַ באַזונדערע מעטאָד. וואָרום עס גייט

דאָך דאָ נישט וועגן פּאַראַגראַפן און אַפילו נישט וועגן די פּאַרברעכנס, אַלס אַזעלכע, נאָר וועגן מענטשן און זיינע מענטשלעכע דערפאַרונגען. דעריבער האָב איך פאַר דעם יסוד פון דעם בוך געמאַכט טאַקע די די־רעקטע גבית־עדותן און די דערקלערונגען פון די דאָזיקע מענטשן. מען האָט געדאַרפט צוקומען צו הונדערטער מענטשן, סיי צו די „העלדן״ פון פאַרשידענע געשעענישן, סיי צו די פשוטע, זייטיקע עדות. בעת דער „אויס־פאָרשונג״ האָט מען זיך נישט געדאַרפט צופרידנשטעלן מיט דעם פאַר־מעלן פאַרלויף פון פאַקטן, נאָר אויך פּרווון דערקענען אַלע „אינפּאַנדע־ראַביליען״, ד״ה די פּסיכאָלאָגישע, שטייגערישע א. אַנד. פאַקטאָרן; דער־קענען זייער ראָל, זייער אויסווירקונג און שייכות — אָפּט אַזעלכן, וואָס דער עדות אַליין האָט אים נישט געוווסט און פאַרשטאַנען. גלייכצייטיק האָט מען געדאַרפט זיין וואַך לגבי אומפּינקטלעכקייטן און איבעראַנדער־שונגען, וואָס קומען (באַוווסט, אָדער אומבאַוווסט) מחמת חשק צו סטי־ליזאַציע. דעם צוועק האָבן געדינט די, תמיד אַלץ מער פאַרטיפטערע אָנ־ווייזונגען, וואָס זענען געגעבן געוואָרן די רעפערענטינס און רעפערענטן פון די אינסטיטוציעס, מיט וועלכע איך האָב אָנגעפירט. אין די מערהייט פאַלן האָב איך זיך חוץ דעם באַמיט צו רעדן מיט די עדות פּערזענלעך און דאָס אפילו דעמאָלט ווען די גבית־עדות האָט פּראָטאָקאָלירט די רע־פערענטקע. אין טייל פאַלן האָב איך מיט דעם עדות געהאַט אַן אַריינפיר־שמועס איידער איך האָב אים איבערגעשיקט צו דער פּראָטאָקאָלאַנטקע. אין גאַנג פון געשפּרעך האָב איך זיך אַליין באַמיט קלאָר צו מאַכן די וועזנט־לעכע עלעמענטן פון זיינע זכרונות. (אָפט זענען זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים אַליין אויסגעוויזן צו זיין ווייניק אינטערעסאַנט). שפּעטער האָב איך געבעטן דער פּראָטאָקאָל־שרייבערין זי זאָל זיי זאַרגזאַם נאָטירן. אַן אַנדער מאָל האָב איך דעם שמועס געפירט שוין נאָך דעם, ווי איך האָב איבערגעלייענט דעם פּראָטאָקאָל און זיך באַקענט מיט זיין אינהאַלט. איך האָב פאַרפירט אַ שמועס כדי אויסצופרעגן וועגן געוויסע פראַגמענטן, אויפצולעבן און צו ברענגען פאַר מיין אייגענעם באַוווסטזיין פּרטים פון אַ פאַקט אָדער אַ סיטואַציע, וואָס האָט מיך פאַראינטערעסירט. דעם זעל־ביקן מעטאָד האָב איך אָנגעווענדעט אין באַצוג צו זכרונות, וועלכע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין בוך־פאָרם, אָדער אין זשורנאַלן. כ׳האָב אָפּ־

געזוכט, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, זייערע אויטאָרן (וועלכע האָבן גע־וווינט אין פאַרשידענע לענדער) און אין דירעקטן געשפּרעך מיט זיי האָב איך זיך באמיט, אײן מאָל צו דערגענצן, אַן אַנדער מאָל צו פאַרבילדלעכן פאַר זיך אַליין זייערע איבערלעבונגען. אין פיל פאַלן האָב איך איבעריקנס אַליין פּראָטאָקאָלירט. איבערהויפּט אין אויסלאַנד, איינגעשלאָסן די מאַ־טעריאַלן וועלכע זענען אויפגענומען געוואָרן אין „פאַרשונגס־צענטער פאַר דער געשיכטע פון פוילישע יידן" אין פּאַריז.

**
*

די קאָנסטרוקציע פון דעם דאָזיקן בוך איז פאָלגנדיקע:

דאָס בוך ווערט געעפנט מיט דעם אַרומרעדן די סיטואַציעס, וועלכע האָבן גורם געווען צום איבערגייין אויף „פּאַפּירן" און דער ווידערשטאַנד קעגן זיי, ווי אויך די בהדרגהדיקע עוואָלוציע פון די אַלע פאַקטאָרן. אַ וויטערדיק קאַפּיטל רעדט וועגן די „פּאַפּירן" גופא, וועגן זייער אַרט, די אופנים פון באַקומען זיי, וועגן „אויסמיידונגען" מיט דער צייט א. ד. גל. שפּעטער קומען — לויט דער ריי — בילדער פון באַזונדערע דער־שיינונגען, וועגן קאַטעגאָריעס, צופאַלן, פּראָבלעמען, שייכותן אאַ"וו. דער צווייטער טייל איז געווידמעט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס און אַזעלכע אַפּשניטן פון געהיימער טעטיקייט, וועלכע זענען, אויף דעם, אָדער אויף אַן אַנדער אופן געווען פאַרבונדן מיט „פּאַפּירן". דער דריטער טייל נעמט אַרום פאַקטן און מאַטעריאַלן פון אַ פאַרשידנאַרטיקן טיפּ. דער לייענער וועט דאָרט צוו. אַנד. געפינען: א) מיינע פּערזענלעכע זכרונות (אַ באַזונ־דערע און ברייט־פאַרנעמיקע אַרבעט. זייער כאַראַקטער איז אָנגעצייכנט אין אַריינפיר־קאַפּיטל); ב) אַ בינטל גבית־עדותן פון נישט־יידן; ג) אַ בינטל דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, צום פאַרגלייכן, וועגן לעבן פון יידן (דער עיקר: פוילישע) אויף „אַרישע פּאַפּירן" אין אויסלאַנד; ד) אַנאַליז פון די איבערלעבונגען פון נישט־יידן אויף „פּאַפּירן" (ער דאַרף דערוויזן די אויטענטישקייט פון רעאַקציעס און באַשטימטע סיטואַציעס, נישט געקוקט אויף דער „ראַסע" און צוליב דעם קאָן ער דינען צו פאַרטיפטע לייזונגען פון פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע פּראָבלעמען).

דער שונא פון אַזאַ בוך איז דער פּאַקט, וואָס דער לייענער, הערנדיק און לייענענדיק צוביסלעך וועגן דעם און יענעם, מיינט, אַז ער ווייסט שוין אַלץ. דעריבער קומט מיר אויס אים צו בעטן, אַז ווען ער וועט אין בוך אָנטרעפן דעם, אָדער יענעם פּאַקט וועגן וועלכן ער האָט שוין עפּעס געהערט, זאָל ער אים פונדעסטוועגן נישט אַריבערשפּרינגען. וואַרשיינלעך וועט ער אין אַזאַ „באַקאַנטן" פּאַקט אויך געפינען אַן אומגעריכטע נייעס. און אין רעזולטאַט וועט ער צוזאַמען מיטן מחבר דערגיין צו פיל אומגעריכטע הנחות. יאָ. דערווייל איז צו הנחות נאָך ווייט. עס וואַרט אויף אונדז אַ לאַנגער און פאַרשידנאַרטיקער וועג. אָפּטמאָל: שוין צופיל פאַרשידנאַרטיק.

דער רוב פון די דאָקומענטן און גבית־עדות, אויסגענוצטע אין דעם דאָזיקן בוך זענען רעדאַקטירט, פאַרשריבן (אָדער אויפגענומען) געוואָרן אין דער פּוילישער שפּראַך. (דאָס דערקלערט זיך טיילווייז מיט דער נאַטירלעכער סעלעקציע פון עדות: אויף „אַרישע פּאַפּירן" האָבן געלעבט די מער אָדער ווייניקער שפּראַכלעך אַסימילירטע ייִדן). ס׳איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן אויף פּויליש אַ טייל פון דעם טעקסט גופא. אין פאַרייִדישן די כל־ערליי מאַטעריאַלן און טעקסטן האָבן אָנטייל גענומען די חברים: י. יאַנאַסאָוויטש, מ. קנאַפּהייס און ש. זיסמאַן. איך דריק דאָ אויס מיין דאַנק פאַר זייער מיטהילף.

ערשטער טייל:

נאטור-געשיכטע און אפּצווייגן
סיטואציעס און פּראבלעמען

I

דער בלוטיקער נעפּל

1. פראַגן עקס פּאָסט. — 2. „דאָרט ווו די ייִדן וועלן גייִן". — 3. מאָראַלישע סאָלידאַריטעט. — 4. געלעגנהייטלעכע קאָנספּי־ראַציע. — 5. „ווסיפּעס" (פּאַראַט). — 6. קינדער. — 7. דער גו־בערנאַטאָר פראַנק מאַכט „ספּאָרט־איבונגען". — 8. דער ווידער־שטאַנד ברעכט זיך. — 9. פאַרזעאונגען און פאַרשפּעטיקונגען.

זייער אָפט האָט מען מיר געשטעלט די פראַגע:

— פאַרוואָס זענען די דאָזיקע ייִדן, וואָס האָבן געהאַט אַלע מעגלעכע באַדינגונגען, באַלד נישט אַוועק אויף די אַזוי־גערופענע „אַרישע פּאַ־פּירן"?

היינט, ווען מיר ווייסן שוין ווי אַזוי ס'האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די סיטואַציע און קאָנען שוין באַטראַכטן יענע געשעענישן פון אַ פּערס־פּעקטיוו, קומט די דאָזיקע פראַגע אויף פון זיך אַליין. איז לאָמיר־זשע אַלזאָ זי נאָכאַמאָל איבערחזרן דאָ:

— פאַרוואָס... ... ...?

איבערהויפּט, ווען מיר נעמען אין אַכט און בפרט, ווען מ'ווייסט, אַז:

...אין די לענדער, וואָס זענען געוואָרן אָקופּירט דורך די דייטשן, האָבן די אַנטי־ייִדישע רעפּרעסיעס אָנגענומען דראַסטישע און אכזריותדיקע פאָר־מען שוין גלייך נאָכן אַריינקומען פון דער היטלעריסטישער אַרמיי. ס'איז

נישט געגאַנגען בלויז אין דורכפירן צייטווייליקע און לאָקאַלע עקסצעסן (דאָס הייסט, אַזעלכע, קעגן וועלכע מ׳וואָלט זיך ווי ס׳איז געקאָנט אויס־היטן, אויסבאַהאַלטן, אויסמיידן). ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין שאַפן אַ לאַגע, וואָס זאָל אָנהאַלטן נאָכאַנאַנד, אומאויפהעריק. אַן אומגעזעצלעכקייט, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די אָקופּאַנטישע „רעכט״ מיט בפירושע טענדענצן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז ס׳קאָן זיך ענדערן — נאָר צום ערגערן:

...דער ייִד איז טאַקע גלייך אויסן־געבליבן פון די מישטיינס־געזאָגטע „רעכט״, וואָס האָבן דעמאָלט גענומען הערשן. דעם ייִדס הפקרדיקייט, דאָס וואָס קיינער קאָן זיך פאַר אים נישט אָננעמען, האָט באַשטעטיקט דער אָרעם־באַנד מיטן מגן־דוד (אָדער אַנדערע אָפּצייכנס, וואָס האָבן אונטער־געשטראָכן זיין אויסגעטיילטקייט), וואָס ער איז געווען געצוווּנגען — אונ־טער דער דראָונג פון טויטשטראָף — צו טראָגן אויפן אָרעם. די דאָזיקע עמבלעמען האָבן באַדאַרפן שטעמפלען די מענטשן, וואָס שטאַמען פון אַ ראַסע, וועלכע שוין די נאַטור אַליין, משמעות, זאָל זיי האָבן באַשאַנקען מיט שוידערלעכע חסרונות. אַזוי האָבן געקלונגען די אָפיציעלע טעאָריעס, די אָפיציעלע „וויסנשאַפט״ און הויפּטזעכלעך די אָפיציעלע פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט נישט איבערגעקליבן אין קיין שום מיטלען. דערפאַר אָבער איז אין דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק געווען פּונקט פאַרקערט: די אָרעם־בענדער (און אַלע אַנדערע אויסעלימיניר־צייכנס) האָבן אָנגעוויזן, אַז אויף די דאָזיקע פּערזאָנען קאָנען אַלע אַנדערע, וואָס טראָגן נישט אַזעלכע אָרעמ־בענדער, אומבאַשטראָפט אויסלאָדן זייערע אייגענע שלעכטע נטיות, רשעות און סאַדיזם, וואָס ווערן פאַררעכנט פאַר די אייגנשאַפטן גראָד פון די אויס־געטיילטע.

די גרענעץ וואָס האָט דערלויבט אָנצוווענדן די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען און רעפּרעסיעס געווען (יעדנפאַלס אָפיציעל) — בלויז די צוגעהעריקייט צו דער ייִדישער „ראַסע״. די דאָזיקע צוגעהעריקייט ווידער איז געוואָרן באַשטעטיקט דורכן אויבנדערמאָנטן אָרעמבאַנד, דורך דער לעגיטימאַציע און ענדלעך דורכן געפינען זיך אין דער סביבה פון די קרבנות און — די פאָלגן וואָס קומען נאָך דעם — דאָס אונטערליגן די כסדרדיקע דיסקרי־מינאַציעס. מיט אַנדערע ווערטער — נישט קיין דערשיינונג פון דער ערש־

טער קוועלע, נאָר אַ צווייטראַנגיקע, וואָס איז געוואָרן אָנגעוואָרפן דורך די אָקופּאַנטישע מושלים.

ווען מיר זאָלן נעמען אין אַכט די אויבנדערמאָנטע אומשטענדן, וועט דערפון קלאָר ווערן, אַז דער געדאַנק, אויסצומיידן רעפּרעסיעס דורכן אויסבאַהאַלטן דעם אָפּשטאַם, האָט די קרבנות געמוזט מאַטערן שוין אין סאַמע אָנהייב פון דאָזיקן פּעריאָד. לכל־הפחות די דאָזיקע (גענוג גרויסע צאָל) ייִדן, וועמען דאָס אַסימילירן זיך מיט דער נישט־ייִדישער סביבה וואָלט אָנגעקומען גענוג לייכט און נאַטירלעך. איבעריקנס, דער באַפעל צו טראָגן דעם ייִדן־צייכן איז דער בעסטער באַווייז, אַז די היטלעריסטן האָבן נישט געהאַט קיין צו־גרויסן צוטרוי צו די טעאָריעס, וואָס זיי אַליין האָבן געשאַפן. בכדי צו דערקענען די אַנדערשקייט, האָט מען — זעט אויס — באַדאַרפן פּריִער אָנווייזן אויף איר. חוץ דעם האָט די פּראַקטיק שוין פון די ערשטע וואָכן דערוויזן, אַז גראָד די דייטשן זענען געווען צום ווינציקסטן פּילבאַר אויף אָט דער „אַנדערשקייט" און צום ווינציקסטן פֿעיִק (אויב מ'האָט זיי נישט „צוגעטראָגן") זי אויפצודעקן. און לסוף: יענער צייט־אָפּ־שניט אין סאַמע אָנהייב איז געווען צומיינסטן גינסטיק — אויב ס'גייט וועגן יחידים — צו פאַרמישן די „ראַסן"־קלאַסיפיקאַציע, וואָס האָט שפּע־טער געבראַנגט מיט זיך אַזעלכע גרויזאַמע פאָלגן.

די פריינטשאַפט צווישן ייִדן און נישט־ייִדן איז נאָך דעמאָלט כמעט אָנגעגאַנגען נאָרמאַל און די קאָנטאַקטן זענען נאָך דערוויל נישט געהאַט געוואָרן איבערגעריסן. דאָס לעבן איז מער־ווייניק נאָך דאַן געפלאָסן נאָרמאַל און נאַטירלעך. דאָס איבערקלייבן זיך פון איין וווינאָרט אויפן צווייטן האָט געהערט צו די אַלגעמיינע פּשוטע זאַכן, וואָס האָבן נישט געצויגן קיינעמס אויפמערקזאַמקייט.

די אָקופּאַנטישע ביוראָקראַטיע, וואָס האָט ערשט נאָר־וואָס אָנגעהויבן פירן איר אַרבעט, איז נאָך ווייט געווען אי פון איינגעגליווערטקייט אי פון איינגעוואָרצלטקייט און אין סך־הכל האָט זיך באַקומען, אַז דאָס קאָנען געפינען זיך אויסער יעדער פאַרפאָלגונג האָט דאַן מיט זיך פאָרגעשטעלט איינס פון די לייכטסטע זאַכן (אין פאַרגלייך מיטן שפּעטערדיקן פּעריאָד).

דער, וואָס האָט זיך באַלד אין אָנהויב פון דער אָקופּאַציע געלאָזט אויפן דאָזיקן וועג, האָט זיך שפּעטער דערוואָרבן נישט איין וויכטיקן באַ־

שטאַנדטייל פון די רעקוויזיטן, וואָס זענען געווען נויטיק צו אַזאַ ראָל. טיילווייז אַפילו אויטאָמאַטיש. ווער ס'האָט זיך גלייך אין די ערשטע טעג איינגעמאָלדן (אויפן סמך פון אַן ערשטע־בעסטע מעטריקע, פון אַ באַ־שייניקונג, אָדער עפּעס אַ שטיקל דאָקומענט) אַלס אַן „אַריער", דער האָט שוין שפּעטער נאָרמאַל באַקומען אַ „לעגאַלע" „קענקאַרטע", לעגאַלע ברויטקאַרטן, באַשייניקונגען און באַשטעטיקונגען. יעדעס איינע פּאַפּירל אַזאַ האָט געשטאַרקט זיין פּאָזיציע, האָט נאָך מער פאַרדעקט זיין סוד, זיין פאַרקאַנספּירירטקייט.

ווער ס'האָט זיך באַלד אין די ערשטע טעג (ווען די פּילבאַרקייט און חשד אויפן דאָזיקן פּונקט זענען נאָך געווען פאַרהעלטניסמעסיק מיטצו־דערליידן, נישט אַזוי דורכזיכטיק, אדרבא, נאָך גענוג פאַרנעפּלט) אָפּגע־זוכט צווישן די פּאָליאַקן נייע פריינט און באַקאַנטע, וועמען ער האָט זיך געלאָזט דערקענען אַלס אַן „אַריער", דער האָט שוין שפּעטער געהאַט אַ „נאַטירלעכן" אָנשפּאַר און נישט גאָר קיין באַגרענעצטע „ראַם", ווו ער האָט זיך געקאָנט פילן נישקשהדיק זיכער. להיפּוך צו יענע, וואָס זענען ערשט שפּעטער געגאַנגען אויף „אַרישע פּאַפּירן" האָט ער נישט אַרויסגערופן צו זיך קיין חשד שוין בלויז דורך דער אייגענער אליינקייט, צוליבן נישט האָבן קיין באַקאַנטשאַפט צווישן די פּאָליאַקן, קיין געזעלשאַפטלעכע סביבה און זיין אָפּגעפרעמדט פון גאַנצן פּוילישן אַרום. אַפילו, ווען ער האָט זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדערער גאַס אַריין, אָדער אין אַ צווייטער שטאָט, האָט ער שוין געהאַט אַ גענוג גוטע „פאַרגאַנגענהייט". וואָס האָט זיך געלאָזט לייכט פעסטשטעלן און פונאַנדערקלייבן, אַן מורא פאַר רכילות. (ווייל ס'איז דאָך געווען באַוווסט פאַר אַלעמען און קלאָר ווי אויף דער האַנט!); ער איז דאָך שוין געווען אַן „אַריער" מיט „טראַדיציע". אָט די איינצלהייטן, וואָס האָבן לפנים אויסגעזען ווי קלייניקייטן, צוזאַמען מיט זייער מאַקאַברישער לעכערלעכקייט, האָבן אין יענע יאָרן געשפּילט אַ געוואַלטיקע ראָל, צו וועלכער מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער אומקערן.

דאָך אָבער האָבן די ייִדן גראָד דעמאָלט, — נישט געקוקט אויף די אַלע אויסערלעך־גינסטיקע באַדינגונגען, — ווען די מעגלעכקייטן צו גיין אויף „אַרישע פּאַפּירן" זענען געווען (מער־ווייניק) דערטרעגלעכע און אַנטשפּרעכנדיקע, — צום ווינציקסטן זיך געלאָזט אויפן דאָזיקן וועג.

דאָס אַנטשליסן זיך אויסצוקלייבן צו גיין מיטן דאָזיקן שטעגל באַלד אין דער ערשטער צייט איז געווען אַ זעלטנקייט, אַזעלכע דעציזיעס זענען דאַן געווען זייער ווייניק, ממש צו שטוינען, זיי זענען גראָד געווען אויס־באַמען.

פרעגט זיך טאַקע דעריבער: פאַרוואָס?

**
*

דאָס לעבן אין אַ קלימאַט פון פאַרפאָלגונגען און עקסצעסן, יידן־לענטעס און דערנידעריקונגען, שפּעטער דאָס לעבן אין געטאָ (מיט זיינע פלאָגן און מאַטערנישן), וואָס איז געווען אויסגעפילט מיט אַ סך עוולות, דאָך — נישט געקוקט אויף דעם אַלעם — איז עס פאָרט געווען אַ לעבן פון קאָמפּאַקטע מאַסן. אַן אומהיימלעך לעבן וואָס אַן אמת, אָבער דאָך אַן אייגנס. מ׳האָט געהאַט די איינגעגלויבטקייט, אַז נאָך די ערשטע קאָשמאַרע אויפטרייסלענישן, וועט זיך פאָרט איינשטעלן עפּעס אַן אָרדענונג אינעם געטאָ; די טאָג־טעגלעכקייט וועט טאַקע זיין אַ האַרטע, מיט אַ סך מאַטער־נישן, אָבער — ביי געוויסע אָנשטרענגונגען און צופּאַסן זיך צו די נייע פאַרהעלטענישן — וועט מען פאָרט קאָנען אויסדויערן און איבערקומען די שלעכטע צייט.

אין דער זעלבער צייט אָבער איז מען דורכן אויפהאַלטן זיך אויף „אַרישע פּאַפּירן” שוין געווען תיכף אָנגעוויזן אויף אַן עלנטקייט, וואָס איז גאָר שטאַרק דערגאַנגען די יאָרן און האָט ממש דערדריקט. מ׳איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלייקענען זיך אַליין, צו אַ וואַכזאַמען און נאָכאַנאַנדיקן מאַסקירן זיך, צו אַן עקשנותדיקן אויסהיטן זיך, און אַרומטראָגן זיך מיט אַ שטענדיקן סוד. אין פאַל פון אויפדעקן דעם סוד האָט געדראָט טויט אויפן אָרט.

דער וואָס האָט זיך געפונען אויף „אַרישע פּאַפּירן”, האָט זיך נישט געקאָנט אַזוי לייכט איבערטראָגן פון איין דירה אין דער צווייטער מיט אַ גאַנצער משפּחה. דער דאָזיקער וועג איז געווען גוט פאַר יחידים. מ׳האָט זיך באַדאַרפט אָפּרייסן פון די נאָענטסטע, פאַרווישן נאָך זיך יעדן שפּור, פאַרשווינדן ווערן און צונויפמישן זיך מיטן המון. און... גריזשען זיך,

פֿאַרסמען מיט די נייעסן, וואָס זענען דערגאַנגען פֿון דער ווייטנס, פֿון „דאָרט״. טיילמאָל זענען די ידיעות געווען נישט קיין פּינקטלעכע און פֿאַר־טעפּלטע, אָבער שטענדיק — שרעקלעכע, ממש שווידערלעכע. זיי האָבן צוויסן געגעבן וועגן אומגליקן, וואָס האָבן „דאָרט״ געטראָפֿן מיט די סאַמע נאָענטסטע: מיט דער פֿרוי, מיטן מאַן, מיט טאַטע־מאַמע, שוועסטער־ברידער. דערפֿאַר האָט די מערהייט באַשלאָסן צו זיין צוזאַמען מיט די עלטערן און — אין רעזולטאַט — טאַקע געבליבן מיט זיי צוזאַמען; נאָר אין — געטאָ. די דאָזיקע מענטשן זענען אַפֿילו נישט געווען מסוגל פֿאַר־צופֿילן, אַז ס׳וועט סיי ווי קומען צו דער צעשפּליטערונג און פֿונאַנדער־פֿאַלונג; אַז די משפּחות וועלן זיך לאַנג נישט קאָנען האַלטן צוזאַמען; נאָך מער — זיי האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון, אַז דערמיט, וואָס זיי גייען אין געטאָ, וועלן זיי — אַנשטאָט נישט צו דערלאָזן דערצו — אַליין נאָך זיין, אין לעצטן סך־הכל, דער גורם פֿון דער דאָזיקער משפּחה־צעשפּליטערונג.

אומאָפּהענגיק דערפֿון: כאָטש די דאָזיקע קלעפּ האָבן געווירקט אויף די ייִדן פֿאַרטויבנדיק, דאָך איז די ערשטע רעאַקציע פֿונדעסטוועגן נישט געווען דער געדאַנק צו וועלן אַנטלויפֿן פֿון דער פֿאַרפֿאַלגטער געזעלשאַפֿט, נאָר פֿאַרקערט: ס׳זענען אויפֿגעקומען געפֿילן פֿון סאָלידאַרישקייט און דער ווילן צו טיילן מיט איר דעם בשותּפֿותדיקן גורל. אין אָנבליק פֿון דער פֿאַראָרדענונג וועגן דעם, אַז ס׳ווערט געשאַפֿן אַ געטאָ, איז כמעט אין יעדער משפּחה אויפֿגעקומען די זעלבע פֿראַגע, וואָס איז גיכער געווען אַן אויסדרוק פֿון דערשלאָגנקייט, ווי אַ האָפֿענונג אויף צו קריגן אַן עצה, אַ תּשובֿה:

— וואָס טוט מען? וווּהין גייט מען?

אויף אַזאַ פֿראַגע איז אינעם שטילשווייגן פֿון די דערשלאָגענע מענטשן געווייינלעך געפֿאַלן דער ענטפֿער:

— דאָרט, ווו אַלע ייִדן וועלן גיין.

נישט בלויז די, וואָס זענען געווען פֿאַרבונדן מיט די ייִדישע מאַסן דורך בשותּפֿותדיקע באַדינגונגען און געפֿילן, רעליגיע און שטייגער, באַ־שעפֿטיקונגען און שפּראַך — אַ צונויפֿגעבונדנקייט, וואָס איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע, אַן אָרגאַנישע; נישט בלויז די, וועמען דער באַוווּסטזיין און

די אַנשויאונגען האָבן דיקטירט דאָס דאָזיקן שותּפות, נאָר אָפּטמאָל אויך אַזעלכע יחידים, וואָס האָבן פון לאַנג שוין געהאַט איבערגעריסן יעדע גע־מיינזאַמקייט מיט דער ייִדישער סביבה און זענען שוין אַפילו געווען אָפּ־געפרעמדט פון איר, האָבן אין דער דאָזיקער צייט דורכגעמאַכט אַ פּסי־כישן איבערברוך, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורכן פילן אַ באַדער־פעניש צו זיין נאָענט מיט איר. ס'איז אויפגעקומען אין זיי אַ מאָדנער אויס־ברוך פון צוגעבונדנקייט, פון האַלטן זיך צוזאַמען מיט אַלע ייִדן.

די, וואָס האָבן באַוווסטזיניק (נישט בלויז צוליב דעם, וואָס די גע־שעענישן זענען זיי פאַרלאָפן דעם וועג אינגאַנצן אומגעריכט) אויסגעקליבן די סאָלידאַרישקייט, באַשלאָסן צו טיילן דעם גורל מיט דער ליידנדיקער געזעלשאַפט — זענען אין דער ערשטער צייט געקומען צום אויספיר, אַז — צרת רבים חצי נחמה. מיט אַנדערע ווערטער האָט עס געהייסן, אַז די אַלע עוולות, וואָס ווערן אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָס גרעסערער צאָל קרבּ־נות, וועלן צוזאַמען גיכער זיין דערטרעגלעך און מעגלעך דורכצוטראָגן; פּונקט ווי אַ משא, וואָס איז אויסגערעכנט אויף אַ וואָס גרעסערער צאָל אַקסלען, איז גרינגער זי איבערצוטראָגן. זיי האָבן נישט געוווסט, אַז דער־מיט פאַרגרעסערן זיי בלויז די צאָל אומגליקלעכע און ליידנדיקע. זיי זענען נישט געווען בכוח פאַרצופילן און האָבן זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דעם אָקופּאַנט וועט נישט אויספעלן דער טרויעריקער מוט מהנה צו זיין יעדע צאָל קרבנות, ווי גרויס די צאָל זאָל נישט זיין, און דאָס אין אַ גלייכער מאָס, דאָס הייסט, מיט דער העכסטער.

דערביי דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט נאָך אַן אַנדערע סיבה וואָס האָט גורם געווען צו דער אַקציע פון סאָלידאַריטעט ביי אַלע אָן אויסנאַם ייִדן:

דער דייטש האָט געוואָלט אַרויפצווינגען די סוגעסטיע, אַז ער פאַר־פאָלגט נישט קיין מענטשן, נאָר בלויז... ייִדן. שפּעטער האָט ער דאָס דאָ־זיקע סוגעסטיע־מיטל אַפילו געפּרוווט אָנווענדן פאַרשידנאַרטיק, נישט אויף אַלע גלייך, מאַכנדיק אַ חילוק צווישן די אַזוי־גערופענע מזרח־ייִדן און די ייִדן פון מערב, צווישן אַרבעטנדיקע און נישט־אַרבעטנדיקע, יונגע און אַלטע. היינט ווייסן מיר שוין, וואָס דער אָקופּאַנט איז אויסן־געווען דערמיט און וואָס אַזוינס ער האָט שפּעטער דערגרייכט מיט אָט דער פּלאַ־

נ׳רטער ראַפינירטקייט. ס׳איז אויך באַוווּסט, ווי אַזוי ער האָט דערמיט — אין די ווייטערדיקע עטאַפּן — דעמאָראַליזירט די מענטשן, וואָס זענען שוין אַזוי אויך געווען אויסגעמאַטערט און דערשעפּט ביזן העכסטן גראַד. ס׳איז אויך באַקאַנט, אַז ס׳איז נישט געגאַנגען בלויז אין אַן אויסטיילונג אויף נוצלעכע און אומנוצלעכע, בעסערע און ערגערע, נאָר פּשוט און אויסשליסלעך — ווער פריִער און ווער שפּעטער — אַ סיסטעמאַטישקייט פון אַ שטופנווייזן אומברענגען, לויט אַ געוויסער ריי. איבעריקנס, האָבן זיך דאָך אייגנטלעך די יידן — אינגאַנצן גענומען — געפונען אויף דער טייוולאָנישער רשימה נישט ווי אַן ענדציל, נאָר ווי אַ בלויזער עטאַפּ פונעם דייטשישן פאַרניכטונג־פּלאַן. גלייך נאָך דעם, ווי די דייטשן וואָלטן זיך געווען אָפּגעפאַרטיקט מיט זיי, וואָלט באַדאַרפן קומען די ריי אויף אַנדערע פעלקער און קודם־כל — אויף די סלאַווישע...

אין יענער סיטואַציע איז דאָס נישט־אויסבאַהאַלטן דעם יידישן אָפּשטאַם געוואָרן פאַררעכנט פאַר אַ מאָראַלישער דעמאָנסטראַציע קעגן דער אומזיניקער אידעאָלאָגיע פון די מענטשן־פרעסער.

אַזעלכע אומגעלומפּערטע אויספירן האָבן, איבעריקנס, אין יענע ערשטע טעג פון די יידן־רעפּרעסיעס אויך געקאָנט מאַכן אַפילו אַ טייל נישט־יידן 1).

מענטשן פון דרויסן האָבן אָפטמאָל נישט געקאָנט באַנעמען די דאָזיקע געוויסנהאַפטיקייט. נישט איינמאָל האָט זיך געטראָפן, אַז דער נישט־יידישער פריינט האָט געפּרוווט אויפווייזן דעם באַקאַנטן ייד זיינעם, אַז דאָס געפינען זיך אין דער יידישער געזעלשאַפט, וווּ מ׳איז אויסגעשטעלט פאַרפאָלגט צו ווערן אויף טריט און שריט, וועט פאַר אים שאַפן אַן אויסוועגלאָזע און האָפענונגסלאָזע לאַגע. נאָך זיין מיינונג נאָך — האָט ער דעם יידישן פריינט געראָטן — דאַרף ער אינגאַנצן פאַרלייקענען, אָפּמעקן זיין יידישן אָפּשטאַם. טיילמאָל האָט אַזאַ פאַליאַק אַפילו פאָרגעשלאָגן עפּעס — וואָס צו טון אין דער ריכטונג, נאָר די יידן האָבן אָפּגעזאָגט.

1) די דענער דערציילן מיט שטאָלץ, אַז דער דענישער קעניג זאָל האָבן געדראָט, אויב ס׳וועט קומען אַ באַפעל די יידן זאָלן אָנטון אַ „מגן־דוד״, וועט ער צוזאַמען מיט זיין סוויטע אויך אָנטון דעם זעלבן יידן־צייכן; און אין רעזולטאַט דערפון — אָנשטאָט דער „מגן־דוד״ זאָל ווערן, לויט די כוונות פונעם אָקופּאַנט, אַ „שאַנד־צייכן״ וואָלט ער גאָר פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ צייכן פון כבוד.

די אַנטוויקלונג פון די שפּעטערדיקע געשעענישן האָבן דערוויזן, אַז גראָד די דאָזיקע נישט־ייִדישע גוטע־פריינט האָבן געהאַט רעכט, אַז זייער פּראַקטישע איינשטעלונג אין לעבן איז געווען אַ ריכטיקע, און נישט די פּרינציפּן פון די באַקאַנטע ייִדן זייערע. און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, ווייל די פּאָליאַקן האָבן זיך דאָך געפונען אין אַ סך אַ בעסערער לאַגע, ווי די ייִדן, און גיכער געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן פריי, איידער די ייִדן. זיי האָבן זיך נישט באַדאַרפט איבערנעמען, איינזאַפּן אין זיך, אין אַזאַ מאָס ווי די ייִדן, די כסדרדיקע ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין זייער אינטים־פּערזענלעכער לאַגע און לסוף — ס׳איז פּשוט נישט געווען קיין פאַרגלייך צווישן זייער טאָג־טעגלעכקייט און דער געוואַלדיקער, ממש אומגלויבלעכער דעקלאַסירונג פון די ייִדן. צוליב די דאָזיקע אַלע טעמים האָבן, פאַרשטייט זיך, די פּוילישע גוטע־פריינט געקאָנט אַלזייטיק באַטראַכטן, ריכטיק אָפּשאַצן די לאַגע און וויסן, וואָס ס׳איז צוועקמעסיקער און גינסטיקער צו ראַטן זייערע באַקאַנטע ייִדן. זיי זענען נישט געווען אוממיטלבאַר אַריינגעצויגן אין שווינדלדיקן ראָד־געדריי פון דער ייִדישער קאַטאַסטראָפע, און אַלס פּועל־יוצא — נישט באַאיינפלוסט פונעם פּסיכאָז, וואָס איז געווען אַזוי פאַרשטענדלעך ביי די קרבנות, און נישט באַלעס־טיקט פונעם שותפות־געפיל, וואָס איז געווען אייגן די אוממיטלבאַרע קרבנות. דעריבער האָבן זיי די געשעענישן גיכער געקאָנט באַטראַכטן קלאָרער און זאַכלעך. די ייִדן האָבן כסדר געהאַט טעותים. ווען מען זאָל נעמען אין אַכט די פאָלגן, זענען זיי אין זייערע האַנדלונגען באַגאַנגען פעלערן. די סיבה פון נישט איין פעלער האָט געשטעקט אין זייערע גיכע, אויטאָמאַטישע האַנדלונגען און אויך אין די הנחות, וואָס פאַר זיך אַליין זענען זיי געווען פּאָזיטיוו און האָבן פאַרדינט מאָראַלישע אָנערקענונג. אָבער קיין גוטס איז דערפון נישט אַרויסגעקומען פאַר זיי.

אין דאָזיקן ערשטן פּעריאָד זענען דעריבער געגאַנגען אויף „אַרישע פּאַפּירן" נאָר געציילטע, יחידים. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס זענען געווען איינגעלעבט, אַריינגעוואַקסן נישט בלויז אין דער נישט־ייִדישער געזעלשאַפט, נאָר אויך (און קודם־כל) אין נישט־ייִדישע משפּחות: פרויען פון נישט־ייִדן, מענער פון געמישטע פאַרפעלקער אאַ״וו. און אויך דאָס האָט געהאַט אַ שייכות צו גאָר אַ קליינעם טייל פון דעם מין משפּחות.

אין געטאָ זענען געוואָרן אַריינגעפּרעסט נישט בלויז אַ גרויסע צאָל משומדים נאָר אויך אַ סך פרויען און מענער, וואָס זענען געוואָרן אַרויס־געריסן און צעשיידט פון זייערע באַשערטע, וואָס האָבן געשטאַמט פון פאַ־ליאַקן, פון געמישטע חתונות. ס׳האָט אָפּטמאָל אויך געטראָפן, אַז מ׳האָט נישט ריזיקירט צו פאַרבאַהאַלטן די „ראַסן־אַנגעהעריקייט״ אַפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווען דער נישט־ייִדישער פאַרטנער אָדער פאַרטנערין, האָבן אַרויסגעוויזן די פולסטע גרייטקייט צו ברענגען די ווייטגייענדיקסטע קרבנות. געווען אַ פאַל, צום ביישפּיל, אַז דער מאַן, דער „אַריער״ (בעת דאָס ווייב זיינס איז געווען אין געטאָ), האָט געטון אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, אבי דאָס ווייב זאָל זיין לייכט דאָס לעבן אין געטאָ. ער האָט איר געשיקט פּעקלעך, געהאַט מיט איר זעונגען און נישט געקוקט אויף די אַלע סכנות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן דערמיט און אויף וועלכע ער איז דערביי גע־ווען אויסגעשטעלט. ווען ס׳האָבן זיך אונטערגערוקט די „אויסזידלונגען״, האָט ער פאַרלוירן זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף איבערצוקויפן די דייטשן, וואָס האָבן אים צוגעזאָגט צו ברענגען אַ גרוס פון דער „אויסגעזידלטער״. ער איז אַליין געפאָרן מיט דער טראַסע, איבער וועלכער ס׳זענען געגאַנגען די מאַקאַברישע צוגן; געזוכט, געגישטערט, נאָכגעפרעגט, בכדי צום סוף צו פאַרשטיין, אַז שוין... אַז ס׳איז צו שפּעט.

מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט פרעגן:

— צי איז נישט געווען צוועקמעסיקער „איינצואָרדענען״ דאָס ווייב אויף „אַרישע פּאַפּירן״?

דאָס זענען פונדעסטוועגן פראַגן, וואָס זענען דיקטירט דורך אַ שפּע־טערדיקער לאָגיק; אַ לאָגיק, וואָס איז צוגענגלעך היינט און נישט דעמאָלט, ווען ס׳זענען אָנגעגאַנגען די געשעענישן. מ׳האָט זיך דאָך באַלד צעשיידט צוליב דעם, ווייל מ׳האָט נישט פאָרגעזען די פּאַקטישע אַנטוויקלונג פונעם „פּראָבלעם״. די צייטווייליקע צעשיידונג און דאָס געפינען זיך פון איינעם פון די צדדים אין געטאָ האָט זיך פאַרט אויסגעוויזן פאַר אַ בעסערן אויס־וועג, ווי טוישן די אייגענע הויט און זיין אונטערגעוואָרפן דער נאָכאַנאַנדי־קער שרעק פאַר יעדן שכן און שכנטע. שפּעטער, ווען מ׳איז געבליבן שטיין פאַר אַן אומצווייִדייטיקער צוקונפט, איז זייער אָפט שוין געווען צו שפּעט. דער פינצטערער פאַרניכטנדיקער כוח האָט שוין באַוויזן, אויב נישט צו

צעשמעטערן, איז צו פּאַראַליזירן, אָדער אָפּשניידן יעדע פאַרבינדונג, אָדער אוממעגלעך צו מאַכן, צוליב פאַרשידענע סיבות, דעם איבערשפּרונג צום „אַנשפּאַר", וואָס איז דערוויַיל אינגאַנצן פאַרשטאַרט געוואָרן.

אין גרעסטן טייל האָט דעצידירט דער צופאַל: דאָס צוטשעפּען זיך צו יענעם, אָנכאַפּן זיך אָן עמעצן אויף אַ מינוט, פּראָוויזאָריש אויסנוצן די געלעגנהייט, וואָס איז אונטערגעקומען, סוגערירן אין איין מאָמענט, אַ צונויפפאַל פון אומגעריכט־גוטע באַדינגונגען.

מסירות און „ווסיפעס" (אַריינפאַלן) זענען דעמאָלט געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. אין אַ געוויסער מאָס איז עס — אין יענעם ערשטן פּעריאָד — געווען אפשר דערפאַר, ווייל מ'איז זיך נישט באַגאַנגען, מ'האָט זיך נישט פאַרהאַלטן געהעריג פאַרזיכטיק. נישט איינעם האָט עס זיך אויסגעוויזן, אַז אין די נייע באַדינגונגען צום „נייעם" לעבן איז גענוג אַ בלויז פּאַפּירל, עפּעס אַ שטיקל דאָקומענט, סתם אַזוי, לפנים וועגן. מ'האָט נישט דער־שאַצט, על־כל־פנים אויף אַזויפיל און אין אַזאַ מאָס, אויף וויפל מ'האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשטעלן ווי וווייט ס'קאָן דערגיין און שאַדטן די רכילות און לשון־הרע דאָס שלעכטס פון בייזע צינגער, פון דער מענטשלעכער קנאה־שנאה, שווינדלערישקייט און געמיינקייט. מ'האָט נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי אויסצונוצן, נישט געקענט די אופנים און מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך דאַן געשאַפן און די אייגנטלעכע ראָל, וואָס ס'שטעלט מיט זיך פאַר דער צופאַל. די געכאַפּטע, וואָס האָבן זיך געפּרוּווט אַרויסדרייען פון דער נעץ, האָבן דערפאַר באַצאָלט — צום ערשט מיט תפיסות, אָדער לאַגער, נאָך דעם — געוויינלעך — מיט טויט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ס'האָט געמוזט האָבן אַן איינפלוס און ווירקונג אויף דער דעציזיע פון אַנדערע.

די „ווסיפעס" (דאָס אַריינפאַלן אין שונאס הענט) זענען דעמאָלט גע־ווען אַן אָפּטע דערשיינונג. צווישן אַנדערע סיבות זענען זיי געווען באַ־גינסטיקט דורך די טיילווייזע קאָנספּיראַציעס, אָדער — גענוי זיך אויסגע־דריקט — געלעגנהייטלעכע קאָנספּיראַציעס:

מיר דאַרפן דאָ געדענקען, אַז אין דער צעטומלעניש פון יענע ער־שטע טעג האָבן די דייטשע פאַראָרדענונגען פּאַראַליזירט יעדן טריט פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט געהאַט צוגעוווינט צו דער נייער סיטואַציע. בכן האָבן זייער אָפּט די מענטשן מיטן אַזוי־גערופענעם „גוטן

אויסזען" אַראָפּגענומען די ייִדן־לענטע נאָר געלעגנהייטלעך און נאָר צוליב דעם, בכדי צו קענען דערליידיקן באַשטימטע ענינים, ווי למשל, ווען זיי האָבן באַדאַרפט גיין איינקויפן. ס׳איז גענוג געווען, אַז עפּעס דאָרט אַ ליאַדע גאָרנישט זאָל זען אַזאַ מענטש איין מאָל מיט דער לענטע און דאָס צווייטע מאָל אָן איר, אַז יענער זאָל גלייך ווערן פאַרהאַלטן און אין רעזולטאַט „פאַר־שיט" ווערן. איבערהויפּט, אַז די קרבנות, ווען זיי האָבן געטראַכט וועגן דער סכנה וואָס לויערט אויף זיי און וועגן די אופנים ווי אַזוי זי אויס־צומיידן — זענען זיי אין אָנהייב געקומען צו זייער נאַיווע אויספירן: צוליב דעם וואָס די נייע גזירות און קלעפּ זענען געקומען ווי אָפּיציעלע פאַראָרדענונגען, האָט זיך טייל געדאַכט, אַז דאָס איז אַן ענין פון די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, און דער וואָס וועט זיך נישט צופּאַסן צו אָט די דראַקאָנישע געבאָטן, וועט פאַרפאָלגט ווערן אויסשליסלעך דורך די רעפּרעזענטאַנטן פון דער דאָזיקער „מאַכט"; ס׳הייסט: דורכן דייטשישן זשאַנדאַרם, דייטשישן פּאָליציאַנט און דייטשישן געהיים־אַגענט. און אַז מ׳האָט שוין יאָ אָנגענומען מיטלען צו זיין פאָרזיכטיק, האָט מען צו מיינסט אין זינען געהאַט אויסצוהיטן זיך קעגן די דאָזיקע מלאכי־חבלים, און אינגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט, פאַרגעסן, אַז מען דאַרף נאָך אויך האָבן אין זינען צו זיין פאָרזיכטיק לגבי דער אויסגעברייטערטער מאַכט — די געשטאַלטן, וואָס וואַקסן אויס ווי פון אונטער דער ערד... די פריי־וויליקע צוטראָגער און מוסרים פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

און אַז ס׳קומט שוין צו רייד וועגן די פאַלן פונעם בלויזן געלעגנ־הייטלעכן פאַרקאָנספּירירן די „ראסן"־אָנגעהעריקייט, דאַרף מען נישט פאַרגעסן דעם דאָזיקן טייל, וואָס איז צו מיינסט אויפטרייסלענדיק אין אָט דער דערשיינונג, איך מיין, די ייִדישע קינדער. די זעלבע, פאַר וועמען דער אָקופּאַנט האָט אַביסל שפּעטער רעזערווירט די ערשטע רייען אינעם צוג, וואָס איז געגאַנגען צום טויט. די דאָזיקע קינדער האָבן מיט זייער מוט און פאַרצווייפלטע אָנשטרענגונגען אַריינגעשריבן די טיף־רירנדיקסטע קאַרט־לעך פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע שוין אויפן דאָזיקן ערשטן עטאַפּ. נישט בלויז פאַרן אַנטשטיין פון געטאָ, נאָר אויך שפּעטער, ווען די מענטשן זענען געוואָרן פאַרמאַכט הינטער די מויערן פון געטאָ, ווו מ׳האָט זיך גע־פונען ווי אויף אַן אָפּגעשלאָסענעם גרויליקן בית־עולם, זענען זיי, די דאָ־

זיקע קינדער, אָפּט געוואָרן די איינציקע שפּייזער און פּאַרזאָרגער פון זיי־ערע עלטערן. זיי האָבן זיך אַזוי פלינק געקאָנט געבן אַ גליטש אַדורך דורך די דראָטן און שוין זיך געפינען אויף דער „אַרישער זייט״, בכדי צו באַקומען, אויף וואָס פאַר אַן אופן ס׳זאָל נישט זיין, עפּעס עסן. אויף יעדן טריט הינטער די דראָטן האָט אויף זיי געלויערט אַ סכנה. שפּעטער, ווען זיי האָבן באַדאַרפן גיין צוריק אין געטאָ, האָבן זיי זיך געגרייט אַזוי, גלייך ווי זיי וואָלטן באַדאַרפן אַדורכגיין אַ געדיכטן וואַלד פול מיט געפאַרן. ס׳איז נישט געווען קיין סתם אומקערן זיך, נאָר גיכער אַן אַדורכרייסן זיך ווידער אויף צוריק מיטן דעראָבערטן „גוטס״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ברויט, אָדער עטלעכע קאַרטאָפל. טיילמאָל האָט אַזאַ יינגל „אוואַנסירט״, געוואָרן אַ שמוגלער אין „גרעסערן פאַרנעם״. ער האָט איינגעקויפט פּראָדוקטן אויף דער „אַרישער זייט״, בכדי ער זאָל זיי נאָכער קאָנען פאַרקויפן אין געטאָ די, וואָס האָבן נאָך געהאַט עפּעס געלט. מיט די פאַרדינסטן פונעם שמוגל האָט ער אַרויסגעהאָלפן די אייגענע משפחה. וויפל מאָל און ווי אָפט האָט זיך אַזאַ קליינער שמוגלער מער נישט אומגעקערט פון אַזאַ אונטערנעמונג! אויף טייל ערטער האָבן זיך די דייטשן אַפילו איינגעאָרדנט אַ ספּאָרט־פאַרוויילונג, וואָס איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן פון ווייטנס געטשאַטעוועט אויף אַזאַ יאַטל און פון זייער באַהעלטעניש געשאָסן צום קינד אין זעלבן מאָמענט, ווען דער קליינער האָט געפּרוּווט דורכקריכן אויף דער „אַרישער זייט״.

דעם גובערנאַטאָר פראַנק אַליין האָט זיך איינמאָל אַפילו געהאַט פאַרגלוסט צו לאָזן זיך וווילגיין אויפן זעלבן אופן און דאָס גראָד אין דער אַנוועזנהייט פון אַנדערע הויכגעשטעלטע לייט און זייערע ווייבער מיט וועלכע ער איז ספּעציעל צוליב דעם אַראָפּגעקומען מיטן אויטאָ (נאָך אַ פריילעכע „ביבקע״ אין בעלוועדער) צו דער פאַרקאַן־מויער פון וואַרשעווער געטאָ. צווישן דער דאָזיקער נעטער געזעלשאַפט האָט זיך געפונען דער איטאַליענישער שרייבער און זשורנאַליסט קורציא מאַלאַפּאַרטע, וואָס האָט די דאָזיקע אויסטערלישע סצענע פאַרצייכנט ביי זיך אַזוי:

— „באַקוקט נאָר גוט די דאָזיקע וואַנט — האָט פראַנק געזאָגט — ציזעט איר טאַקע פאַר זיך אַזאַ שרעקלעכע צעמענטענע מויער מיט אַרומגע־

צוימטן שטעכלדראָט, ווי ס׳שרייבן די ענגלישע און אַמעריקאַנער צייטונגען?״

און מיט אַ געלעכטער צוגעגעבן:

— ייִדן, אומגליקלעכע מענטשן, אַלע זענען זיי קראַנק אויף די לונגען... די דאָזיקע וואַנט פאַרהיט זיי ווייניקסטנס קעגן ווינט.

— די שרעקלעכע אוממאָראַלישקייט פון דער דאָזיקער וואַנט — האָב איך געענטפערט — באַשטייט נישט נאָר אין דעם, וואָס זי שטערט די ייִדן אַרויסצוציִען פון געטאָ, נאָר דעריך, וואָס זי שטערט זיי נישט אַרײַנצוציִען אין אים.

— און דאָך, — האָט פראַנק געזאָגט מיט אַ שמייכל, — כאָטש פאַרן עובר זיין אויפן פאַרבאָט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ ווערט מען פאַרמשפּט צום טויט, גייען זיך די ייִדן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, ווען זיי ווילן אַריין און אַרויס.

— ווי? זיי קריכן אַריבער דעם מויער?

— אָ, ניין! — האָט פראַנק געענטפערט — זיי גייען אַרויס דורך קליינע עפענונגען, ענלעך צו מייזן־לעכער. ביינאַכט קאָפּן זיי אונטער די מויער סאַמע אונטן און בייטאָג פאַרשיטן זיי דאָס אָרט מיט אַביסל ערד און פאַרשטעלן עס מיט בלעטער, מ׳זאָל נישט דערקענען. זיי קריכן אַדורך דורך די דאָזיקע לעכער, כדי זיי זאָלן זיך קאָנען איינקויפן אין שטאָט פּראָדוקטן און מלבושים. דער שוואַרצער מאַרק פון געטאָ קומט אין אַ גרויסער מאָס פאַר דורך די דאָזיקע מויערן. פון צייט צו צייט פאַלן טייל שטשורעס אַריין אין דער פולאַפּקע: דאָס זענען קינדער, אַזוי פון אַכט ביז צען יאָר, נישט עלטער. זיי ריזיקירן מיטן לעבן, ווי ס׳וואָלט געווען ביי זיי אַן אמתער ספּאָרט. דאָס איז אויך אַזאַ ספּאָרט־שפּיל, נישט אמת?

— זיי ריזיקירן טאַקע מיטן לעבן? — האָב איך אויסגערופן.

— אין גרונט גענומען — האָט פראַנק אָפּגעוואָנדן — מיט קיין שום זאַך נישט מער.

— און דאָס רופט איר אַן אַ ספּאָרט־שפּיל?

— נאַטירלעך. יעדע שפּיל האָט זיך אירע כללים.

— אין קראָקע — האָט זיך אָנגערופן די פרוי וועכטער 1) — האָט מיין מאַן אויפגעשטעלט אַ וואָנט אַרום גערטאַ אינגאַנצן לויטן מזרח־סטיל. מיט עלעגאַנטע, שמאָלע, בויגנאַרטיקע עפענונגען און שיינע שיס־נעסטן. די ייִדן האָבן זיך דאָרט נישט אויף וואָס צו באַקלאָגן, אַ באמת־עלעגאַנטע וואַנט... אין ייִדישן סטיל.

אַלע האָבן זיך צעלאַכט, און געטופּעט מיט די פיס איבערן בליש־טשענדיקן שניי.

— רוהע! שטילער! — האָט אַ זאָג־געטון דער זעלנער, וואָס האָט אַני־דערגעקניט מיט דער ביקס אין דער האַנט עטלעכע טריט פון אונדז, וואָס איז געווען פאַרשטעקט הינטער אַ קופּע שניי.

דער זעלנער האָט געצילט אין לאָך־עפענונג, וואָס האָט זיך זייער נידעריק געפונען אין דער מויער, ביי דער סאַמע ערד. אַ צווייטער זעל־נער, וואָס האָט אַנידערגעקניט נאָך אים, האָט געקוקט אַהין איבער יענעמס אַקסל. דער אַנדערער האָט אַ צי געטון דאָס צינגל. די קויל האָט געטראָפן אין דער גערטאַ־וואַנט האַרט ביים סאַמע ראַנד פונעם לאָך.

— שלימזל! — האָט פריילעך אויסגערופן דער זעלנער און נאָכאַמאָל אַ שליס געטון דאָס געווער — גרייט צום שיסן.

פראַנק האָט זיך דערנענטערט צו די צווי זעלנער און זיי אַ פרעג געטון צו וועמען זיי שיסן.

— צו אַ שטשור? — האָבן זיי געענטפערט און הויך זיך צעלאַכט.

— צו אַ שטשור? הא, אַזוי גאָר! — האָט פראַנק זיך אָנגערופן און אַנידערגעקניט נעבן די זעלנער, אויך אַ קוק צו געבן איבערן אַקסל פונעם זעלנער.

מיר אַלע זענען אויך צוגעקומען נענטער. די פרויען האָבן געלאַכט און נישט איינגעשטאַנען אויף קיין אָרט, צונויפגענומען די אונטערשטע טייל פון די ספּודניצעס, ווי פרויען טוען עס געוויינלעך, ווען זיי הערן, אַז ער־געץ־נאָענט זענען דאָ שטשורעס, גלייך ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, אַז די שטשורעס זאָלן זיך זיי נישט ארונטערכאַפּן אונטערן קלייד.

---

1) די פרוי פון וועכטערן, דעם „קרייז־הויפּטמאַן" פון קראָקע.

— ווו איז ער? ווו איז דער דאָזיקער שטשור? — האָט געפרעגט די פרוי בריגידא פראַנק.

— אַכטונג! — האָט געזאָגט דער זעלנער און אָנגעשטעלט דעם ציל.

אין דער לאָך־עפענונג, סאַמע אונטער דער געטאָ־וואַנט, האָט זיך באַוויזן אַ קאָפּ שוואַרצע האָר צעשויבערט און צעכראַסטעט. גלייך נאָך דעם האָבן זיך אויסגעשיילט פון לאָך אַרויס צוויי הענט, וואָס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן שניי. ס׳איז געווען אַ קינד.

ס׳איז געפאַלן אַ שאָס. אויך דאָס מאָל האָט דער זעלנער נישט געטראָפן אַ האָר האָט געפעלט. דאָס קינדערישע קעפּל איז פאַרשוואונדן.

— גיב זי מיר אַהער — האָט פראַנק געזאָגט מיט אומגעדולדיקייט אין קול — דו קאַנסט זיך אַפילו רעכט נישט אומגיין מיט קיין ביקס!

ער האָט אַ כאַפּ געטון די ביקס און אָנגעשטעלט דעם ציל.

אַרום איז שטיל, שטיל געפאַלן דער שניי״. 1). — — — — — — — — — —

***

נישט איינמאָל וועט אונדז נאָך אויסקומען צו שרייבן וועגן יידישע קינדער אויף דער „אַרישער זייט״. אין שייכות מיט די פריער־געבראַכטע פאַקטן ווילן מיר דאָ צוגעבן, אַז אַזעלכע דערשיינונגען זענען געווען באַ־זונדער פאַרשפּרייט נישט בלויז אין וואַרשעווער געטאָ נאָר אויך אין אַ סך אַנדערע געטאָס.

די באַוווּנדערונג און באַגייסטערונג פאַר זייערע אויפטוען זענען געוואָרן אויסגעדריקט אין אַקטועלע לידער. ווי אַ ביישפּיל ברענגען מיר עט־לעכע פערזן פון אַ ליד, וואָס איז געוואָרן אָנגעשריבן דורך הענריקא לאַ־

1) קורציאַ מאַלאַפּאַרטע: „קאַפּוט״ (כ׳ציטיר פון דער פראַנצויזישער אויס־גאַבע די זייטלעך 211—212). נאָך דער מלחמה האָט זיך מאַלאַפּאַרטע באַקלאָגט, אַז אַ סך האָבן אים געמאַכט פאַרוואורפן צוליב דער דאָזיקער סצענע. כ׳האָב פראַנקן זיי — טענהן זיי — נישט באַדאַרפט לאָזן אויספירן דעם מאָרד. זיי ווייסן נישט, די דאָזיקע נאַיווע מענטשן, אַז כ׳האָב פראַנקן אין דער לעצ־טער מינוט אַ שטויס געטון די ביקס, אַז ער זאָל נישט טרעפן אין ציל. דער גובערנאַטאָר איז געווען אומצופרידן, וואָס ער האָט נישט געטראָפן און זיך געווענדט צו מיר מיט די ווערטער: „איר זענט נישט קיין מאַנצפּאַרשוין״. („פשעקרוי״ נומער 126 פון 7טן דעצעמבער, 1947).

אַרישע פּאַפּירן

זאוועךט 1) אונטערן נאָמען „דער קליינער שמוגלער". דאָס ליד איז געוואָרן געזונגען אין וואַרשעווער געטאָ:

„...דורך דעכער, דורך לעכער, דורך שפּאַלטן,
דורך דראָטן, דורך גרחן און פּלויט
איך שלייך זיך פאַרשטעלט און באַהאַלטן,
כ'לויף דורך, רייס זיך דורך דורכן טויט.

דאָס טרייבט מיך און יאָגט מיך דער הונגער
און מאַטערט מיך אויס טאָג און נאַכט,
נאָר פלינק זענען פיס מיינע יונגע
ווי אַ קאַץ כ'קריג זיך דורך דורך דער וואַך.

אין טראַנטעס צעפליקט און צעריסן,
דעם זאַק אונטער אָרעם פאַרשטעקט,
נאָר מוטיק, פאַרעקשנט, פאַרביסן
דערשטיק איך אין האַרצן די שרעק.

אויב ס'וועט מיך די האַנט פונעם גורל
דערגרייכן אין מיטן דער שפּיל,
מיין לעבן איז סיי ווי פאַרלוירן,
וויין, מאַמע, נאָך מיר אין דער שטיל.

דו וועסט שוין נישט הערן פון וויטן
מיין אויסגעשריי: — מאַמע! מיין רוף...
דער שטויב פון דער גאַס וועט באַגלייטן
דעם עלנטן קינדערשן גוף.

איין זאָרג בלויז וועט ס'פּנים פאַרקרומען,
אַ גליוער־גרימאַסע פון טויט:
אוי, מאַמע, ווער וועט צו דיר קומען
און מאָרגן באַזאָרגן מיט ברויט" 2).

---

1) דערמאָרדעט געוואָרן דורך די דייטשן.
2) איבערזעצונג פון משה קנאַפּהייס.

**
*

אינעם גאַנג פון די געשעענישן הויבן אָן פאָרקומען די ערשטע „אויסזידלונגען". גלייך נאָך דעם קומען אָן פאַרנעפּלטע, נישט־קלאָרע ידיעות וועגן גורל פון די מענטשן, וואָס זענען אַוועקגעפירט געוואָרן ער־געץ־ווו, אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג. נאָך שפּעטער — די טויבע אָנונגען און פאָרגעפילן וועגן ווייטערדיקן פאַרלויף, וועגן דער סיטואַציע, וואָס נעמט זיך אָבער שוין אַלץ מער אויסקלאָרן. אין דער זעלבער צייט ווערט אָבער אַלצדינג איבערגעדרייט און צעקרימט דורך דער צעהיצ־טער פאַנטאַזיע און איינרעדעניש, אַז מען שאָקלט זיך אַזש אָפּ דערפון מיט עקל, כאָטש ס'איז געווען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער פאַקטישער לאַגע.

אין אָנבליק פון די האַסטיקע ענדערונגען, וואָס די געשעענישן האָבן געברענגט מיט זיך, נעמען זיך קרישלען די פאַקטאָרן, וואָס האָבן נאָך פריער באַשווערט צו נעמען שטעלונג, אָנצונעמען באַשלוסן, זיך צו דע־צידירן איבערצוגיין אויף „אַרישע פאַפּירן". די אַלע, פאַר וועמען דאָס אַריינגיין אין געטאָ אַריין איז, צווישן אַנדערן, געווען אַ מאָראַלישע דע־מאָנסטראַציע, אַן אויסדרוק פון פאַרבונדנקייט מיט דער ליידנדיקער מאַסע פון איין זייט און פון דער צווייטער — אַ גרינגשעצונג און פאַ־ראַכטונג פאַר די ראַסיסטישע אומזיניקייטן, — די אַלע האָבן זיך זייער גיך איבערצייגט, אַז זיי האָבן אויסגעקליבן אַ וועג, וואָס איז — אַפילו לשם „דעמאָנסטראַציע" — געווען פאַטאַל. פאַר די תלינים איז לחלוטין פרעמד געווען יעדער מאָראַלישער אונטערשיד און אויסנאַם, און אויב די קרבנות האָבן אָנגעווענדט דעם דאָזיקן מאָראַלישן מעטאָד, איז עס געווען — נישט ווילנדיק — אין פולשטענדיקן איינקלאַנג מיט די פּלענער, וואָס זענען אָנגעצייכנט געוואָרן דורך די דייטשן. מען האָט איינגעברענגט דער־מיט אַרבעט די דייטשע רוצחים.

וואָס איז אָבער געשען מיט די משפּחה־פאַרבינדונגען? די משפּחות זענען געווען אונטערגעוואָרפן אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן צו ווערן צע־קלאַפּט, צעטרעטן און צעשפּליטערט. דאָס איז פאָרגעקומען אויף אַזאַ אומגעריכטן און שווידערלעכן אופן, אַז קיין שום נאָרמאַל־דענקענדיקער

מענטש האָט עס פריִער אויף קיין פאַל נישט געקאָנט פאָראויסזען און נישט פאַרפילן. וואָס שייך ווידער דעם פערזענלעכן צושטייער צו לינדערן די נויט און די אָנשטרענגונגען צו טראָגן בשותפות דעם שווערן עול, דאָס פאַרגרינגערן יענעם דערמיט, וואָס מ׳איז אַן אח לצרה? אָבער אויך דאָ האָט די דערפאַרונג פון דערווירקלעכקייט געהאַט צו פאַרצייכענען טראַגישע טעותים. יעדער יחיד, וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ, האָט נאָר בלויז פאַרגרעסערט מיט זיך די צאָל קרבנות און דערמיט אַליין נאָך צוגעאיילט די לויפיקע טערמינען פון די מאסן־מאָרדן.

דער מענטש איז געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים און אויג אויף אויג מיט דער קאַטאַסטראָפע, מיטן אומקום.

ס׳איז שוין איצט אָנגעקומען אַ סך שווערער אַרויסצורייסן זיך פונעם מאסן־מאָרד־קרייז, ווי פאַר דעם בכלל ביי־צושטיין דעם נסיון נישט אַריינצוטרעטן אין דער געמיינזאַמקייט, מיטמאַכן און טיילן דעם גורל פון די אומגליקלעכע געטאָ־באַוווינער. דאָס איז נישט געווען בלויז קיין פועל־יוצא דערפון, וואָס דער קרייז איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער און האָט זיך שוין געהאַלטן ביים שליסן, נאָר אויך דערפאַר, וואָס ס׳איז דערווייל איבערגעריסן געוואָרן יעדער קאָנטאַקט מיט די נישט־יידן. די דרייפאַכיקע צוים פון געטאָ־וואַנט, דראָטן און וועכטער איז געוואָרן נישט צום איבערטרעטן, אין דעם מאָראַלישן זין נאָך מער ווי אין דעם פיזישן. מ׳האָט דעריבער נישט געוווסט, ווי ס׳זעט אויס די לאַגע און גלייכצייטיק פאַרלוירן די פעדים, וואָס האָבן זיך געפונען אויף יענער זייט געטאָ־וואַנט, די געהיימע וועגן, וואָס וואָלטן געקאָנט אַוועקפירן ערגעץ־ווו אויף אַ זיכער אָרט.

פריִער האָט מען נאָך ווי ס׳איז געקאָנט איינאָרדענען דאָס איבערגיין אויף „אַרישע פּאַפּירן״, און שפּעטער ערשט — איידער מ׳האָט ענדגילטיק פאַרברענט הינטער זיך אַלע בריקן — האָט מען ביסלעכווייז זיך געקענט באַקענען מיט אַלע אַקסעסואַרן, באַדינגונגען און אופנים, „כאַפּן דעם שיק״ און באַזאָרגן זיך מיט אַן אָרט. איצט איז עס בכלל נישט געווען מעגלעך. דאָס איבערגיין אויף „אַרישע פּאַפּירן״ האָט איצט מיט זיך פאַרגעשטעלט — שוין פון סאַמע ערשטן טריט אָן — אַ וואַנדערן אין אומבאַקאַנטקייטן.

און טיילמאָל איז מען שויןביים שטעלן די ערשטע טריט „פאַרשיט״ גע־וואָרן, אַריינגעפאלן.

צום סוף ווילן מיר נאָך אונטערשטרייכן די סאמע וויכטיקסטע זאַך:

דער געטאָ (שוין אָפגערעדט וועגן די לאגערן!) איז געווען אַן אמתער אָפּגרונט. אין אַ תהום ווערט מען נישט אַריינגעשליידערט אָן אַ שטראָף. און אַ תהום לאָזט איבער נאָך זיך אַ חותם. די היטלערישע טעאָריעס האָבן געקאָנט מיט זיך פאַרשטעלן אַ שלל מיט אומזיניקייטן און פלאפלערייען, דאָך האָט זיך מיט דער צייט אויף אַן אמת געלאָזט מערקן די שפּאָרע „אַנדערשדיקייט״ פון די ייִדן. די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אינעווייניק, הינטער די געטאָ־מויערן, זענען דאָרט ווירקלעך געוואָרן אַנדערע און ס׳איז פשוט נישט געווען מעגלעך, אַז זיי זאָלן שפּעטער נישט פאַרראַטן דעם אייגענעם איך, צו קאָנען אָנגיין פאַר אַ נישט־ייִד. די דאָזיקע אַנ־דערשדיקייט איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען קיין פועל־יוצא פון זייער ראַסן־אָנגעהעריקייט. דאָס איז געווען די „אַנדערשדיקייט״ פון מענטשן, וואָס זענען שוין געהאַט געפּרוווט געוואָרן מיטן ערגסטן, שוין געהאַט פאַר־זוכט דעם טעם פון די ביטערסטע דערפאַרונגען אין לעבן.

II

„פאַפּירן“

1. — דער מאַגישער כוח פון באַשײניקונגען. — 2. די ערשטע צײַטװײַליקע באַשטעטיקונגען אױפן אָרט פון די „אַרישע פּאַפּירן“. — 3. די ערשטע קװעלע זײַערע. — 4. „אױף אַ שפּיצל דאַרף מען געפינען אַ צװײַט שפּיצל“. — 5. „קען־קאַרטעס“. — 6. אױטענטישע און נאָכגעמאַכטע דאָקומענטן. — 7. דאָס צע־חושן מיט די דאַטעס. — 8. טראַגעדיעס און גראָטעסקן. — 9. די שװעריקײטן בײַם דערשלאָגן זיך צו דער הױפּט־קװעלע פון דער פּראָדוקציע. — 10. די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע.

„אַרישע פּאַפּירן“! אינעם דאָזיקן נאָמען האָבן זיך אָפּגעשלאָגן — װי אין אַ קרומען שפּיגל — אַ גאַנצער אױסטערלישער קנױל פון אומהײמ־לעכע שטותים פון יענער עפּאָכע. צװײ אױסדרוקן, און יעדער פון זײ — אין זײער נאַטירלעכן טײַטש — באַדײַטן אַ צײַטװײַליקן „ערזאַץ“־דאָקו־מענט און גלײַכצײַטיק אַ מאַטעריעלער סובסטראַקט פון װאַנזין. פּראַקטיש זענען די דאָזיקע „פּאַפּירן“ געװען בלױז אַ רעקװיזיט. בײַם „פּאַרשיט“ װערן האָבן זײ נישט געהאָלפן. טײלמאָל (כאָטש זעלטן) האָט געטראָפן, אַז ס'איז קײן אײן מאָל נישט אױסגעקומען זיך צו לעגיטימירן מיט זײ דורך דער גאַנצער צײַט, װען מ'האָט זיך געפונען אױף דער „אַרישער זײַט“. דאָס איז אָבער געװען אַ גורל־זאַך, פון די סאַמע גליקלעכסטע פאַלן. דאָך האָבן

זיי אַפּילו דאָן דערפילט זייער אַ וויכטיקע פונקציע; אָך און ווי איז אָבער געווען צו אַזעלכן, וואָס האָט די „פּאַפּירן" בכלל נישט געהאַט.

אין די אָקופּאַציע־יאָרן זענען איבעריקנס די „פּאַפּירלעך" געווען איינס פון די וויכטיקסטע זאַכן. געווען אַ צייט, ווען ס׳האָט געדינט די גילטיקייט פון די פאַרשידנערליי „פּאַפּירלעך". די דאָזיקע גילטיקייט זייערע האָט זיי פאַרוואַנדלט — אונטערן דרוק פון די פאַקטן — אין עפּעס אַ געהיימען כוח, אין אַ שוואַרצקינצלעריי. אָן אַ „פּאַפּירל" האָט אַ מענטש גאָרנישט מיט זיך פאָרגעשטעלט. די „פּאַפּירלעך" האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. צו אַזעלכע אידענטישע דאָקומענטן זענען פאַרעכנט געוואָרן די „אַרבעט־באַשטעטיקונגען", „אורלויב־באַשייניקונג", „איינמעלדונג־קוויטלעך" און קוויטלעך פון אויסמעלדן זיך, פאַרשידענערליי „פּשעפּוסט־קעס", „לעבנס־מיטל־קאַרטלעך", „פּראָלאָנגירונגען" און נאָך אַ גאַנצע ריי אַנדערע.

דאָס באַזיצן „פּאַפּירלעך" איז ספּעציעל ביי ידן געווען אַ שוואַכקייט, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו אַ מאַניע. ווייל די דאָזיקע פאַרשידענערליי „פּאַפּירלעך" האָבן דאָך שוין אין געטאָ דעצידירט וועגן לעבן און טויט. נאָך מער — די היעראַרכיע פון דער גילטיקייט פון די פאַרשידענע קוויט־לעך האָט זיך דאָרט געענדערט פון איין טאָג אויפן אַנדערן. דאָס, וואָס איז היינט געוואָרן רעספּעקטירט, האָט מען זיך מאָרגן דערמיט אינגאַנצן נישט גערעכנט, אויפן אַנדערן טאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳האָט נישט קיין שום ווערט. מענטשן האָבן זיך געיאָגט נאָך פאַרשידענע „באַשטעטי־קונגען" און נאָך פאַרשידענע שטעמפּלען, גלייך ווי נאָך אַ כימערע, וואָס מ׳האַלט זיך אין איין יאָגן נאָך איר, ווען זיי זענען שוין געווען — נאָך די גרעסטע אָנשטרענגונגען — גאָר נאָענט פון איר, נאָר אויסצושטעקן די האַנט און זי צו דערגרייכן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז געווען פּשוט אַן אויסדאַכטעניש, אַ פאַרפירעניש. די פּאַקטישע לאַגע איז געווען אַזאַ, אַז אין דער אמתן האָט קיין שום „פּאַפּירל" לאַנג נישט געהאָלפן. אָבער אין דער זעלבער צייט, אַז ס׳האָט געפעלט דאָס געהעריקע פּאַפּירל, האָט עס זיכער געשאַדט.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער אומסטאַבילקייט פון די פּראָצעדורן, האָט דער דאָזיקער כלל דאָך רעגולירט די סיטואַציע פונעם ייִד נאָך זיין

אַנטלויפן אויף דער „אַרישער זייט“. קיין חכם האָט מען נישט געקאָנט זיין. אַפילו אַזעלכער, וואָס האָט געהאַט די בעסטע „פּאַפּירן“, האָט אויך געקאָנט אַריינפאַלן. דאַקעגן איז דאָס באַוועגן זיך אין גאַס אָן שום „פּאַפּירן“ געווען דאָס זעלבע, וואָס באַגיין זעלבסטמאָרד.

לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳האָט זיך שוין אַפילו איינגעגעבן אויסצומיידן אַלע „לאַפּאַנקעס“ (כאַפּונגען), צו ווערן צופעליק און אומגעריכט אויסלעגיטימירט אויף דער גאַס. אָבער ערגעץ־ווו האָט מען דאָך געמוזט וווינען. בכדי צו וווינען, האָט מען זיך דאָך באַדאַרפט איינמעלדן. בכדי זיך איינצומעלדן האָט מען אא״וו. אין די ערשטע צייטן איז טאַקע גענוג געווען טיילמאָל, אַז מ׳האָט געוויזן אַ טויפשיין־מעטריקע, אָדער אַ פאַרמלחמה־דיקע באַשטעטיקונג, אַז מ׳איז דער זעלבער. די דאָזיקע מעטריקעס (נאָך איידער ס׳איז אַנטשטאַנען די „פאַבריקאַציע“ פון פעלשן כלעריליי דאָקומענטן) האָט מען אַרויסבאַקומען אויף פאַרשידענע אופנים. טיילמאָל האָט דער באַקאַנטער „אַריער“, ביי וועמען ס׳האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אַ גאַנצער באַרג מיט דאָקומענטן, זיינע אייגענע טאַקע פון פאַר דער מלחמה, אָפּגעטרעטן אַ טייל פון זיי דעם באַקאַנטן זיינעם. מיט דער הילף פון די דאָזיקע כמו־דאָקומענטן האָט דער נייער קאַנדידאַט צו ווערן אַן „אַריער“ (וואָס האָט זיך אָפטמאָל געהאָלפן מיט פאַרשידענע מיטלען, אָנהויבנדיק פון געבן „לאַפּקע“־געלט אא״וו) זיך איינגעמאָלדן ערגעץ־ווו, אין אַן אַנדער אָרט. פון דאַן אָן האָט דער דאָזיקער נאָמען (און די פּערסאָנאַליען, וואָס זענען מיט אים פאַרבונדן) קורסירט אויף דער וועלט אין צוויי אַזוי־צו־זאָגן עקזעמפּלאַרן. ס׳האָבן עקזיסטירט, הייסט עס, צוויי מענטשן מיט איין און דעם זעלבן נאָמען, די זעלבע דאַטע פון געבוירן אא״וו. אַן אַנדערש מאָל איז עס געווען אַ מעטריקע פון אַ געשטאָרבענעם, אָדער פון אַזעלכן, וועמען דער שטורעם פון דער מלחמה האָט פאַרוואָרפן ערגעץ־ווו אין אויסלאַנד. און — ס׳האָט זיך אויך געטראָפן, אַז אַ גלח האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש און אָפּשאַצנדיק אין דער פולער מאָס די ערנסטקייט און וויכטיקייט פון דער לאַגע, געטון זיין מענטשלעכן חוב און אין די ראַמען פון זיינע קאָמפּעטענצן אַרויסגעגעבן פאַלשע מעטריקעס, און ערגעץ־ווו האָבן די פּריש־געבאַקענע נעאָפיטן זיי באַקומען אין געהיים. אין אַט די פאַלן האָט דאָס „פעלשן“ נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות מיט דער

רעליגיע (דער פּעטענט איז שוין פּאַקטיש געווען אָדער געוואָרן אַ קאַטאָ־ליק), נאָר מיט דער טויף־צערעמאָניע און מיט די... עלטער־זיידעס.

אומאָפּהענגיק פונעם דאָזיקן אַרט העלפן (וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ ציל, מיט טענדענצן — אַזוי צו זאָגן — אויסצופילן אַ מיסיע) האָט געטראָפן, אַז אַ גלח פון אַ פּאַראַפיע האָט אַרויסגעגעבן אַ פולשטענדיק־פיקטיווע מעטריקע. כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ער איז דערמיט אויס־געשטעלט אויף דער גרעסטער סכנה, האָט ער זיך פון דעסטוועגן נישט אָפּגעזאָגט צו טון די דאָזיקע אידעלע טאַט. איבעריקנס האָבן אַזעלכע און ענלעכע טובות געטון נישט בלויז געציילטע גלחים פון דער רוימיש־קאַטוי־לישער קירכע, נאָר אויך געוויסע עוואַנגעלישע פּאַסטאָרן און אויך איינ־ציקע גייסטלעכע פון אַנדערע רעליגיעס (צום ביישפּיל, דער קראָקעווער גלח פּטאשעק פון דער אַלט־קאַטוילישער קירך).

וואָס שייך ווידער די אויסמעלדונג־קוויטלעך פונעם פריערדיקן ווינ־אָרט (וואָס איז זעלבפאַרשטענדלעך נישט געווען קיין ווינ־אָרט, נאָר אַ פיקציע), זענען זיי געוואָרן אַרויסגעגעבן (פאַר דער געהעריקער „לאַ־פּוּוקע״) דורך די פריש־נאָמינירטע הויז־פאַרוואַלטער. אַ געוויסער נישט־ייִד, אַ קאָנספּיראַטיווער „טעכניק״, וואָס האָט דורכגעפירט פאַרשידענע מאַכינאַציעס, האָט שטענדיק געפלעגט זאָגן: „אויף אַ שפּיצל דאַרף מען געפינען אַן אַנדער שפּיצל״. דרך אגב: אַ געוויסע צייט האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די בעסטע באַשטעטיקונגען זענען גראַד געווען די סאַמע באַ־שיידנסטע, אָן די „לייטישע״ שטעמפּלען, געשריבן מיט אַ האַנט־שריפט פון אַ סאַלטיס, אָדער סעקרעטאַר פון עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף, וואָס מ׳האָט זי קוים געקאָנט איבערלייענען. דאָס „פּאַפּירל״ איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ פּאַפּירל. אויב ס׳האָט נישט געהאַט קיין דעקונג אין די געהעריקע ביכער, אָדער קאַרטאָטעקעס, האָט געדראָט די געפאַר, אַז ביי אַ ליאַדע קלייניקייט, ביים אָנטרעפן זיך מיט די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַ־נען זאָל מען גלייך קענען אַנטדעקן און פעסטשטעלן, אַז ס׳איז געפעלשט.

מיט דער צייט אָבער האָט מען אין דער גאַנצער גענעראַל־גובערניע אָנגעהויבן אַרויסגעבן די אַזוי־גערופענע „קען־קאַרטן״, און פון דאַן אָן האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם פאַקטישן הויפּט־דאָקומענט. אַ טייל ייִדן, די וואָס זענען באַצייטנס איבערגעגאַנגען אויף „אַרישע פּאַפּירן״, זענען

געוואָרן נאָרמאַל איינגעמאָלדן און האָבן (מיט די געהעריקע מעטריקעס), ווי יעדער אַריער, געוואַגט זיך צו שטעלן (אין הסכם מיט דער פּראָצעדור) צו די באַטרעפנדיקע ביוראָען, — די דאָזיקע ריזיקאַנטן האָט זיך איינ־געגעבן צו באַקומען די אויטענטישסטע דאָקומענטן אין דער וועלט; דאָ־קומענטן, וואָס האָבן געהאַט „דעקונג" אין די ביכער און קאַרטאָטעקעס. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און גלייך איז געוואָרן אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען ביי אַ טייל באַאַמטע אויך אַזעלכע אויי־טענטישע „קען־קאַרטן" 1).

אין אַלגעמיין אָבער זענען אַזעלכע דאָקומענטן פאַרהעלטנישמעסיק געווען נישט קיין סך. די איבערוויגנדיקע מערהייט האָט זיך געמוזט באַ־גנוגענען מיט פאַלשע דאָקומענטן, וואָס זענען געוואָרן פּראָדוצירט געגנוג געשיקט דורך פאַרשידענע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. די דאָזיקע גע־פעלשטע דאָקומענטן, האָבן זיך, דרך־אגב, מיט קיין שום זאַך זיך נישט אונטערגעשיידט פון דיווירקלעך־אויטענטישע. נאָך מער — זיי זענען געווען געמאַכט ממש פאַרוואָרפלאַז קאָרעקט. די שטעמפּלען זענען געווען דייטלעכע און די אונטערשריפטן פשוט אידעאַל. די איינציקע מניעה איז באַשטאַנען דערין, וואָס ביים באַנוצן זיך מיט זיי האָט מען באַדאַרפט זיין זייער פאָרזיכטיק. אויב מען האָט זיך, צום ביישפּיל, באַדאַרפן איינמעלדן,

---

1) אין דער איבערגאַנג־צייט (צווישן איין מין דאָקומענט און צווייטן) זענען, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרשידענערליי קאָמבינאַציעס. צום ביישפּיל: אַ ייד מיטן נאָמען פריינד, וואָס האָט געהאַט אויטענטישע „פּאַפּירן", האָט דער־ווייל געוווינט אויף זיינע פריערדיקע דאָקומענטן. ער האָט זיך גלייכצייטיק אויסגעמאָלדן און איינגעמאָלדן — ביי אַ באַקאַנטן אַדמיניסטראַטאָר, פאַרן פרייז פון לעבנס־קאַרטן — אַ פיקטיוון מענטש אויף אַנדערע דאָקומענטן. פאַר דער דאָזיקער פערזאָן, וואָס האָט נאָך דערווייל איגנאַנצן נישט עקזיסטירט, האָט ער אַרויסגענומען אַ רעגיסטראַציע־צעטל פון „אַרבעטסאַמט", אַז ער איז אַרויפגענומען געוואָרן אויף דער רשימה. ער האָט זיך אויסגעסטאַרעט פאַרן דאָזיקן צוקונפטיקן מענטש, אַז ער זאָל ווערן צוגעטיילט צו דער אַרבעט אין אַ באַשטימטער פירמע. „מיר זענען אַלזאָ אויף אַזאַ אופן שוין געווען אין צווייען: איינער האָט זיך ווייטער געאַרבעט נאָרמאַל, געוווינט נישט איינגע־מאָלדענערהייט און געמוזט זאָרגן פאַר ביידע. דער צווייטער ווידער האָט עק־זיסטירט אינעם מעלדונג־בוך, עקזיסטירט אין דער עווידענץ, עקזיסטירט אין „אַרבייטסאַמט", אָבער — נישט עקזיסטירט אין דער ווירקלעכקייט: אַלע זיינע פּאַפּירן האָט ער געהאַט פאַרקאָפּעט אין אַ סלוי אין קעלער און געוואַרט אויפן מאָמענט צו קענען קומען אויף דער וועלט". (פריינד: „טאָגבוך").

איז געווען געוווּנטשן נישט אין דער זעלבער שטאָט, וואָס איז געווען אָנ־געגעבן אויפֿן דאָקומענט, נאָר אין אַ צווייטער. מ׳האָט אויך באַדאַרפֿן זיין געהיט נישט אַנצוטרעפֿן זיך אויף רעווידענטן, וואָס קאָנען אַמאָל קאָנ־טראָלירן לויט די ביכער.

נאַיווע מענטשן מיינען, אַז בכדי זיך צו דערהייבן צו אַ העכערער מדרגה, זענען נויטיק דערצו צייט און אָנשטרענגונגען. אונדזערע דערפֿאַ־רונגען פֿון יענע יאָרן האָבן אונדז געלערנט, אַז אַ סך שווערער איז אַריינ־צולאָזן זיך אינעם לאַבירינט, באַנעמען די טונקעלע וועגן פֿון מאָרד און אומזיניקייטן. מיר זענען געווען היגטערשטעליק לגבי די דייטשן. היגטער־שטעליק אין טראַכטן מיט מאָרד־קאַטעגאָריעס. ווען אַ מענטש, וואָס האָט שפּעטער געהאַט צו דיספּאָנירן מיט „אַרישע פּאַפּירלעך" אויף רעכטס און אויף לינקס, גיט זיך אַ דערמאָן, פֿאַר וויפֿל מענטשן די דאָזיקע „פּאַפּיר־לעך" זענען געווען אַ חלום, און אומדערגרייכיק גליק; וויפֿל מענטשן איז אויסגעקומען אַריינגעצויגן צו ווערן אין מאַקאַברישע פּאַסירונגען צוליב זייער געיעג נאָך אַזעלכע דאָקומענטן; וויפֿל מענטשן האָבן באַצאָלט מיטן לעבן צוליב דעם, וואָס די דאָזיקע „פּאַפּירלעך" האָבן זיי געפֿעלט... ווען מען גיט זיך דאָס אַלץ אַ דערמאָן, כאַפּט אַרום אַ געפֿיל פֿון אוממעכטיקייט, פֿון אַ ווילנלאָזיקייט ביז אַבסורד. אויך דאָ, ווי אויף אַלע אַנדערע אָפּשניטן פֿונעם אומהיימלעכן עפּאָס, האָט אין גרעסטן טייל רעדוצירט דאָס אָפּ־שלעפּן פֿון דער צייט. דער דאָזיקער באַוווּסטזיין איז אָבער געקומען... צו שפּעט.

אין 1942, ווען כ׳האָב אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די קאָנספּיראַטיווע אַר־בעט אין די אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען פֿונעם לעמבערגער געטאָ, איז דאָס איינשאַפֿן זיך אַן „אַריש פּאַפּירל" געווען אַ פֿאַנטאַזיע, יעדנפֿאַלס — פֿאַר די מעגלעכקייטן פֿון אַזאַ קבצן ווי איך בין דעמאָלסט געווען. אַ ליאַדע „פּאַפּירל" האָט באַלד געקאָסט אַ לעגענדאַרע סומע. די צרה איז נאָך אויך געווען גרויס דערמיט, וואָס דאָס אונטערנעמען זיך אויסצופֿירן עפּעס אַ שטיקל „אַרבעט", וואָס פֿאַר ס׳זאָל נישט זיין, איז עס געווען פֿאַרבונדן מיטן אַרויסקריגן זיך אומלעגאַל, אַרויסגנבֿענען זיך פֿון געטאָ. איך דער־מאָן זיך, ווי אַזוי כ׳האָב (נאָך לאַנגע מאַטערנישן) זיך דערטראַכט אויס־צואַרבעטן „פּאַפּירן" פֿאַר די מענטשן, וואָס כ׳האָב באַשלאָסן אַרויסצושיקן

אויסערן געטאָ אַלס פֿאַרבינדלער; זיי זענען, אגב, געווען מיינע סאַמע נאָענטסטע מיטאַרבעטער. און געמאַכט האָב איך זיי, די דאָקומענטן, פֿון עפּעס שטיקלעך קופּאָנען, שטיקלעך־פּיצלעך פֿון „אַרישע"... ברויטקאַרטן, וואָס זענען שוין געווען פֿאַרלעגענע, פֿון פֿאַרגאַנגענע חדשים; און עפּעס אַ מעטריקע מיט אַזעלכע דאַטעס, וואָס נאָר די גרויסע נאַיִוויטעט האָט זיי געקאָנט אָפּטראָגן דער פּרוי, וואָס האָט זיך באַדאַרפֿן מיט זיי — אויב זי וואָלט געוואָרן פֿאַרהאַלטן — לעגיטימירן. איך דערמאָן זיך מיט וואָס פֿאַר אַ געפֿילן כ׳האָב באַגלייט די דאָזיקע פּרוי, בעת איר אַרויסגנבֿענען זיך פֿון געטאָ און מיט וואָס פֿאַראַ געפֿילן כ׳האָב אָפּגעוואַרט איר צוריקקער. זי איז צוריקגעקומען אַ גאַנצע, נאָר דערפֿאַר, ווייל קיינער האָט זי נישט אויסלעגיטימירט. איך געדענק, ווי מ׳האָט שפּעטער אין דער טעמפּער פּוסטקייט אַרומגעזוכט אַזאַ „פּאַפּירל" פֿאַר די נאָענטסטע; ווי מ׳איז „אַריינגעפֿאַלן", און וויפֿל ס׳זענען אומגעקומען צוליבן פֿעלן פֿון די דאָזיקע „פּאַפּירלעך".

לויט דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון די געשעענישן, איז אויסגעקומען צו דערפֿילן דעם טעם פֿון די לאַנגע חדשים לאַגער און נאָך שפּעטער — אומצוקערן זיך צום לעבן, ווי פֿון יענער וועלט און טאַקע אויף „פּאַפּירן".

בעת מיין אַרבעט אויף דער „אַרישער זייט", האָב איך זיי געפֿונען ביי דער סאַמע הויפּט־קוועלע, ווו ס׳זענען פֿאַבריצירט געוואָרן אַלערליי מעגלעכע „פּאַפּירלעך". און — צוגלייך מיט אַלע אַרבעט־חברים — האָב איך זיי געגעבן ווען ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. ס׳איז דעמאָלסט אין די נייע באַדינגונגען געווען איינס פֿון די לייכטסטע זאַכן, ממש אַ שפּילכל, דאָס אויסאַרבעטן איינס נאָכן אַנדערן „קען־קאַרטן", מעטריקעס, „אַרבעט־דאָקומענטן", צי „אויסמעלדונג"־און „איינמעלדונג"־קוויטלעך. די דאָקומענטן האָבן מיר אַרויסגעגעבן אומזיסט, נאָר טיילמאָל האָט מען גענומען — איבעריקנס, אַ לעכערלעך־קליינעם — אָפּצאָל, בכדי אין פֿאַל פֿון אַ „ווסיפּע" („דורכפֿאַל") זאָל מען מיינען, אַז מ׳האָט צו טון מיט „מאַכערס", צוליב „געשעפֿט", „פֿאַרדינסט" און נישט מיט קיין אידעיִשער אָרגאַניזאַציע. דער אונטערערדישער „ראַט צו העלפֿן יידן" האָט נאָך אַפֿילו צוגעגעבן סובווענצן די, וואָס האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט.

בעת כ׳האָב פונאַנדערגעטיילט די „קען־קאַרטן“, אויסגעזוכט די נויטבאַדערפטיקטע, האָב איך זיך נישט איינמאָל פאַרטראַכט. כ׳האָב גע־קוקט אַזוי אויפן פּעקל דאָקומענטן, וואָס זענען געווען ערשטקלאַסיק נאָכ־געמאַכט, מיט אַלע פּיטשעווקעס, — יעדעס מאָל לויט דער לעצטער „מאָדע“ און לויט די לעצטע פאָדערונגען, — באַקוקט די פאָטאָגראַפיעס פון די פרעמדע מענטשן, פון די מענטשן, וואָס זענען מיר געווען לחלוטין אומבאַקאַנט, און אַזוי קוקנדיק האָב איך נישט איינמאָל געזען אין גע־דאַנק די פּנימער פון די אייגענע, נאָענטסטע, וואָס ס׳האָט זיך פאַר זיי אין יענער צייט אויף קיין פאַל נישט איינגעגעבן צו קריגן קיין שום „פּאַ־פּירלעך“; זיי איז איצט שוין נישט נויטיק געווען קיין שום „קען־קאַרטן“, ווייל... נאָכן טויט זענען שוין מסתמא נישטאָ קיין „סטרעיפּן“, קיין „לאַ־פּאַנקעס“.

***

דאָס באַקומען אַ „פּאַפּירל“ איז פאַר טויזנטער ייִדן געווען איינס פון די אומדערגרייכבאַרסטע זאַכן. ס׳איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז די „קען־קאַרטע“, וואָס מ׳האָט שוין ענדלעך — נאָך די אַלע אָנשטרענגונגען — געקריגן אין האַנט אַריין, האָט פאַרמאָגט עפּעס אַ מיסטישן כּוח. מ׳האָט באַטראַכט און באַוווּנדערט די אַלע שטעמפּלען — די קיילעכדיקע און די קאַנטיקע, די טושן, דעם דרוק, די אונטערשריפטן. ס׳איז אייגנטלעך נישטאָ וואָס זיך צו וווּנדערן: יעדער פּונקט, יעדער צופעליק פּינטעלע אויף אַזאַ „פּאַפּירל“ איז דאָך — אין דער קאָנסעקווענץ — געווען אַ פראַגע פון לעבן און טויט; און ווידער פון דער אַנדערער זייט: ווי מאָדנע און נאָענט איז דאָס אַלץ מיט אַנאַנד מיט אַ גרויזאַמען גראָטעסק!

דאָס קאָנספּיראַטיווע פאַבריקל פון פאַלשע דאָקומענטן, ווו ס׳זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער קראָקעווער פּ. פּ. ס. אויך אַ טייל דאָ־קומענטן, וואָס זענען צווישן אַנדערן געגאַנגען פאַר ייִדן, האָט זיך אַ גע־וויסע צייט געפונען ביי וואַנדע ג. (איצט וויטשיק). אין איר ווינונג (אויף דער ווזשעשינסקע גאַס), ווו זי האָט גלייכצייטיק געהאַט אירס אַ לעגאַלן קאָסמעטישן קאַבינעט, זענען אויסגעפאַרטיקט געוואָרן די פאַלשע „פּאַ־פּירן“. דער הויפּט־ממונה איבער די „קען־קאַרטן“, וואָס זענען געווען באַ־

שטימט פאַר ייִדן, איז אין קראָקע געווען מאַריאַ האָכבערג („מאַריאַנסקאַ").
די ביידע פרויען זענען זיך אַזוי איינמאָל געשטאַנען אַריינגעטון אין דער „אַרבעט". זיי האָבן געהאַלטן ביים אויספּאַרטיקן אַ פּאַרטיע דאָקו־מענטן. אויפן טיש זענען געווען פונאַנדערגעלייגט אַלע מאַטעריאַלן — דער גאַנצער וואַרשטאַט. פלוצים האָבן זיי דערהערט ווי עמעצער האָט געעפנט די טיר און אַריין אין דער וווינונג. ס'איז געווען אַן אָפיציר פון דער „גראַנאַטענער" פּאָליציי (געפלעגט ביי זיי פאַרברענגען ווי געוויינ־לעך אַ שכן). די אייגנטימערין וואַנדאַ (ווי ס'פּאַסט פאַר אַ שיינע רייצנדיקע פרוי) האָט זיך דאָן צעשריגן:
— גייט נישט אַריין!... איך טו זיך איבער!...
דער אָפיציר איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר הינטער דער טיר און (ווי ס'פּאַסט פאַר אַ קאַוואַליר, אַ וויצלער) געפּרוווט טרעפן, געגעבן אָנ־צוגעהערן, צווייִדייטיק, זיך באַמיט צו מאַכן אַ וויץ:
— און אפשר פאַרט אַריינגיין?... און אפשר וועל איך אַקוראַט זען עפּעס אַ טשעקאַווע זאַך?...
ער נעמט אָן די קלאַמקע, מכלומרשט, ווי ער וואָלט געוואָלט עפענען די טיר (וואָס די פרויען האָבן בכיוון נישט פאַרשלאָסן, ס'זאָל זיך טאַקע שאַפן אַן איינדרוק, אַז ס'האַנדלט זיך בלויז אין אַן אומשולדיק איבערטוען זיך). וואַנדאַ פאַרלירט זיך נישט און נעמט שרייען נאָך העכער, בייזערט זיך און אין דער זעלבער צייט זעצט זי ווייטער פאָר די אַרבעט ביי די „קעז־קאַרטן". ווען ס'פאַרציט זיך אַביסל לענגער, הייבט מאַרישקע אָן איבערצוגעבן קאָמוניקאַטן:
— איצט טוט וואַנדאַ אָן אויף זיך דאָס אונטערקליידל... איצט...
אַבי נאָר אונטערצוהאַלטן דעם אָנשטעל פון דער באַנאַלער, ממש אידילישער שפּיל און — גלייכצייטיק האָט זי קאָנטראָלירט די פריש־געלייגטע חתימות... ווען די „פּאַפּירן" זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט מען איינס־צוויי אַראָפּגערוימט פון טיש די גאַנצע „דרוקעריי" און — געעפנט די טיר. ס'איז אָנגעגאַנגען אַ „צוקערדיק־זיס" געשפּרעך. נאָך עטלעכע מינוט האָט זיך די מאַריאַנסקאַ אומבאַמערקט אָפּגעטראָגן פון שטוב מיט די פאַרטיקע „פּאַפּירן" אין בייטל און אַוועק אין גאַס, וווּ מ'האָט זי שוין אויסגעקוקט ווי מיט ליכט.

אַן אַנדערש מאָל איז די זעלבע מאַריאַנסקאַ געקומען צו לויפן מיט אַ וויכטיקער באַשטעלונג, וואָס האָט גלייך געמוזט געמאַכט ווערן און באַדאַרפן צוגעשטעלט ווערן צו דער מינוט. עמעצער דאַרף אַוועקפאָרן, אָדער דאַרף קומען צו פאָרן — וויכטיק איז, אַז די „קען־קאַרטע" מוז שוין געמאַכט ווערן אויפן אָרט. גראָד אָבער האָט זיך אין זעלבן מאָמענט באַזעצט באַקוועם אין קאָסמעטישן פאָטעל עפּעס אַ „פאָלקס־דייטשקע". זי איז געקומען טאַקע אויף אַ גאַנצן קאָסמעטישן סעאַנס. ווי אַזוי קריגט מען דאָ אַרויס דאָס „פאַבריקל" פונעם באַהעלטעניש? וואַנדאַ מיט מאַריאַנסקאַ ווינקען זיך איבער, עטלעכע זשעסטן און וואַנדאַ טראַכט שוין עפּעס צו, אַן איינפאַל, וואָס איז ווערט מ'זאָל אים פּאַטענטירן. זי הייסט די דייטשקע צומאַכן די אויגן, פאַרלייגט איר אַ מין קאָמפּרעס אויף די ברעמען און וויִעס און נאָכהער זאָגט זי איר אָן, אַז זי זאָל נישט עפענען די אויגן, ווייל זי קאָן נאָך בלינד ווערן. און אַזוי האָט עס געדויערט „עטלעכע מי־נוט". אין דער פּראַקטיק פירט זיך, אַז די דאָזיקע „עטלעכע מינוט" ווייזן זיך אויס, ווי זיי וואָלטן זיך געוועזן געצויגן זייער לאַנג. אָבער וואָס קאָן מען מאַכן? די קליענטין מוז פאָלגן וואָס מען הייסט איר. זי איז זיך דאָך געקומען שענער מאַכן און נישט בכדי צו פאַרלירן די ראיה.

ס'איז טאַקע שווער נישט אַרויסצובערענגען די דאָזיקע זכרונות; איינס ברענגט מיט זיך דאָס צווייטע. אין אַן אַנדער קאַפּיטל פון דאָזיקן בוך ווערן געברענגט נאָך אַ גאַנצע ריי פאַקטן. איך וויל דאָ דערמאָנען בלויז דעם פאַקט, ווי אַזוי אַ גרופּע קעמפער זענען געבליבן פאַרשטעקט, און די מאַריאַנסקאַ האָט זיך אויסגעקליבן אַהין מיטן גאַנצן „פאַבריקל" צו מאַכן די „קען־קאַרטן" אויפן אָרט. עס דערמאָנט זיך, ווי אַזוי פאַר אונדז, די, וואָס זענען אַריינגעטון געוועזן אין דער אַרבעט גופא, האָבן די „פּאַפּירלעך" פאַרלוירן זייער „וואַזשנעקייט" אויף אַזויפיל, אַז ווען מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָט מען זיך אַפילו נישט געגעבן קיין מי צוצוקלויבן זיך צונויפפרעדן זיך וועגן „קאָמפּלעט", און וואָס פאַר אַ פּלאָנטער ס'האָט זיך צוליב דעם באַקומען 1) נאָר, ווי געזאָגט, וועט נאָך וועגן דעם אַלעם אויסקומען שפּעטער צו רעדן.

1) פאַרגלייך: די לעצטע קאַפּיטלען פון מיינע פערזענלעכע זכרונות אין ווייטערדיקע טיילן פונעם בוך.

די שוועריקייטן צוצוקומען צו דער קוועלע פון דער „פּראָדוקציע" האָט איבעריקנס עקזיסטירט ביזן סוף. די גאַנצע איינאָרדענונג איז געווען געמאַכט אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע קוועלעס זאָלן זיין פאַרקאָנספּירירט. און אין שייכות דערמיט איז געווען אומפאַרמיידלעך, אַז ס'זאָל זיך נישט שאַפן קיין לאַנגע קייט פון פאַרמיטלער. דאָס האָט נישט בלויז באַשווערט אַרויס־צוקריגן אַזאַ „קען־קאַרטע", נאָר ס'איז אויך גלייכצייטיק אויף אַ שרעק־לעכן אופן אויסגענוצט געוואָרן אויף צו נעמען „טרינק־געלט".

אין אונדזער „לעגאַליזאַציע־ביוראָ" איז, צום ביישפּיל, אַריינגע־פלאָסן (צווישן אַ סך אַנדערע „באַשטעלונגען") אַ פאָטאָגראַפיע פון אַן עלטערער פרוי. אינעם בילד האָט די מאַריאַנסקע דערקענט, אַז דאָס דאַרף זיין אירס אַ באַקאַנטע פון פאַר דער מלחמה. די דאָזיקע „קען־קאַרטע" איז געמאַכט געוואָרן אינגאַנצן אומזיסט, איבעריקנס — ווי אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלן. נאָך דער מלחמה האָט די מאַריאַנסקאַ געטראָפן די פריִער־דערמאָנטע פרוי און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דער דאָזיקער „קען־קאַרטע", וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן אומזיסט, האָט זי גע־מוזט באַצאָלן צען טויזנט זל. אין יענע יאָרן איז עס געווען זייער אַ גרויסע סומע געלט.

אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט מען דאָך געקאָנט טרעפן איינער צום צווייטן, ווען אי די פּראָדוצענטן, אי די קאָנסומענטן פון די דאָזיקע דאָקו־מענטן האָבן געמוזט אַננעמען די ווייטגייענדיקסטע פאַרזיכטיקייט־מיטלען? קיין איינער פון די צדדים האָט זיך דאָך נישט באַנוצט מיט קיין רעקלאַמע, צי אַנאָנסן. חדשים־לאַנג האָט איינער פון צווייטן געקאָנט זיין ווייט סך־הכל אויף אַן עטלעכע צענדליק מעטער און דאָך — זיך זוכן און — נישט געפינען זיך, נישט צונויפטרעפן זיך.

נאָך דער מלחמה, ווען די מיטאַרבעטער פון דער יִדישער היסטאָ־רישער קאָמיסיע אין קראָקע, האָבן זיך קעגנזייטיק דערציילט זייערע אי־בערלעבונגען בעת דער אָקופּאַציע, האָב איך זיך, צום ביישפּיל, דערוווּסט, אַז דאָרע אַגאַטשטיין (די סעקרעטאַרין פון דער דאָזיקער קאָמיסיע) האָט זיך נאָכן אויגוסט־אויפשטאַנד אין וואַרשע (ווו זי האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן") געפונען (צוזאַמען מיט איר טעכטערל) אין זשענדאָ־וויץ, אין מיעכאָווער פּאָוויאַט, און נישט־האָבנדיק נאָך אַלץ קיין אַנט־

שפּרעכנדיקע „פּאַפּירן״, האָט זי זיך דעריבער געמוזט באַגנוגענען מיט די כמו־„פּאַפּירן״. זי האָט, איבעריקנס, אויך אָן דעם געהאַט גענוג קלאָפּאָטן און קאָפּ־דרייעניש, שוין נישט־רעדנדיק וועגן די טאָג־טעגלעכע זאָרגן און נויטן.

אַ פאַרוווּנדערטער האָב איך זי איבערגעפרעגט:

— ווו? אין זשענדאָוויץ? אין 1944? נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד?

אין דער זעלבער צייט בין איך שוין לאַנג געהאַט געווען אין מיעכאָוו ביי מיין פונקציע, וואָס האָט געגעבן זייער אַ סך מעגלעכקייטן צו באַזאָרגן הילף. איך בין אָפט געקומען אין דאָזיקן זשענדאָוויץ. איך האָב געהאַט אַפילו דאָרט אַ גרופּע פון דריי ייִדן און דערצו — נישט אויף קיין „פּאַפּירן״. זיי זענען געווען אויסבאַהאַלטן דורך איינעם פון אונדזערע פּוילישע חברים, אויפן בוידעם איבער זיין כאַטע.

אין יענער צייט האָט זיך די פּוילישע אָרגאַניזאַציע אין וועלכער איך בין געווען טעטיק — צוגלייך מיט אַלע אַנדערע — זייער שטאַרק פאַרנומען מיט געבן הילף די פּליטים פון וואַרשע. אומאָפּהענגיק דערפון האָט מען נאָך פריִער לויט דער אָנווייזונג פון „ר. פּ. זש.״ 1) געגעבן הילף נישט איינמאָל און נישט איין ייִד. נישט קיין גרויסע איז זי געווען די הילף, אָבער שטענדיק... נאָר, אַז וועגן דער הונגער־ליידנדיקער דאָרטע אַגאַטשטיין, וואָס האָט זיך אין דער זעלבער צייט אַקוראַט געפונען אין איינער פון די כאַטעס, האָב איך זיך דערוווּסט ערשט — נאָך דער מלחמה. פּונקט אַזוי ווי זי האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז איך געפין זיך אין יענער געגנט.

***

אין די לעצטע אָפּזאַצן האָב איך, אגב־אורחהדיק, באַרירט נאָך איין פאַקטאָר, וואָס הייסט: אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס.

---

1) אונטערערדישער „ראַט פון הילף פאַר ייִדן״. (אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אין צווייטן טייל פונעם בוך).

די הילף, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן די ייִדן ביים „איינאָרדענען" זיך אויף „אַרישע פּאַפּירן", איז געגעבן געוואָרן נאָר אינדיווידועל. יחידים האָבן זיי באַקומען דורך יחידים. די דאָזיקע הילף איז אונטערגענומען געוואָרן אין אַ געוויסער צייט דורך עטלעכע צענטערס פון דער פּוילישער קאָנספּיראַציע. אַנדערע פונקטן ווידער, פון דער זעלבער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע, האָבן געמאַכט אָנשטרענגונגען גראָד אין אַ... פאַרקערטער ריכטונג. די ליניעס אין שייכות מיט דער דאָזיקער פראַגע, זענען געגאַנגען זיגזאַגיק און גענוג קאַפּריזנע און ס'וואָלט געווען אַ פאַרפלאַכונג פונעם גאַנצן ענין, ווען מ'זאָל זיך באַגנוגענען (ביים באַצייכענען די דאָזיקע זאַכן מיטן צוגעבן דעם עטיקעט, למשל, „פּראָגרעסיוו" אָדער „רעאַקציע". ס'וועט באַך יעדנפאַלס אויסקומען זיך אומצוקערן צו דער דאָזיקער טעמע.

אומאָפּהענגיק דערפון הייבט אָן אין דער זעלבער צייט דער דאָזיקער „סעקטאָר" צו אַרבעטן אויך ביי דער ייִדישער קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע, וואָס ווערט דאָסגלייכן אָרגאַניזירט אויף דער „אַרישער זייט". אויף פאַרשידנערליי אופנים (וואָס האָבן זיך אָפּט געגרענעצט מיט פאַנטאַסטיק) ווערן אַנגעקניפּט קאָנטאַקטן צווישן דיביידע קאָנספּיראַטיווע אָרגאַניזאַציעס, און איינצייטיק ווערן אויך פאַרבונדן „פעדים" צווישן די צענטערס, וואָס זענען געווען טעטיק אויף דער אַזוי־גערופענער פריי און די צענטערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין די לאַגערן און אַפילו אינעם תהום פון די טויטן־לאַגערן.

דאָס וואָרט „פעדים" ווערט דאָ באַנוצט נישט בלויז אין באַנאַלן פאַראַלגעמיינערטן זין. אינעם צוזאַמענשטעל וועגן וועלכן ס'איז דאָ אַ רייד, פאַרמאָגט דער אויבנדערמאָנטער מעטאַפאָר אַ קאָנקרעטן זין. דאָס אַלץ, וואָס איז נוגע די דאָזיקע קאָנטאַקטן, האָט פאַקטיש דערמאָנט אין פעדים, אין נישט סתם פעדים, ממש שפּינוועב־פעדים, אַזוי דין זענען זיי געווען. ביי אַ בלויזן בלאָז און וועלן אויפסניי פאַרבינדן האָבן זיי זיך גלייך געריסן. און — „פעדים" — אויך דערפאַר, ווייל אין די מערסטע פאַלן איז דער אופן פון אַרויסווייזן די הילף הויפּטזעכלעך (און טיילמאָל אויסשליסלעך) באַשטאַנען אין דעם, וואָס מ'האָט יענעם אָנגעוויזן מיט וועלכע וועגן און שטעגן ער זאָל גיין (אין דעם שווידערלעכן לאַבירינט)), ווי אַזוי ער זאָל זיך דורכקריגן, אָדער זיי אויסמיידן. ס'איז געווען ממש אַ לעגענ־

מ י כ אַ ל ב אָ ר וו י ט ש

דאַרישער פאָדים, וואָס האָט געווירקט, ווי אַ געהיימער שפּרוך אין אַ מעשהלע. און אויב ס׳זאָל אַפילו האָבן פאַרגעשטעלט מיט זיך „בלויז״ דאָס, האָט עס אויך געהאַט אַ געוואַלטיקע באַדייטונג. און אַוודאי, ווען ס׳וואָלט זיך איינגעגעבן די דאָזיקע פעדים, אָדער נעצן, צו האָבן אין אַ גרעסערער צאָל און אַביסל געדיכטער... און דערצו, ווען זיי וואָלטן גע־שאַפן געוואָרן אַביסל... פריער.

III

די ערשטע טריט

1. די פאַרשידענע אופנים פון פאַרלאָזן דאָס געטאָ. — 2. די „לאַפּאַנקעס" אויף אַרבעט. — 3. מיט די שפּורן פונעם טראַמווי. — 4. פון די מאָסן־גריבער. — 5. פון די טויטן־וואַגאָנען. — 6. די אומזיכערקייט פונעם באַוועגן זיך. — 7. דאָס זוכן אַן אָנשפּאַר.

ס'וואָלט זיך אייגנטלעך געקאָנט אויסווייזן, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ קלייניקייט: נעמען און אַדורכגיין עטלעכע גאַסן, אַראָפּרייסן דעם אָרעמ־באַנד פון אַרבל און אַוועקוואַרפן אים און נאָכהער צונויפמישן זיך מיטן המון. אין דער טעאָריע קאָן עס גאַנץ לייכט מעגלעך זיין, ווייס איך וואָס דאָרט, — אַ נאַרישקייט. אָבער אין דער פּראַקטיק?

דאָס „צונויפמישן זיך מיט דער מאַסע" איז געווען אַ פאַרפּלאָנטערט פּראָבלעם. דערפאַר אָבער האָבן די, וואָס זענען באַצייטנס אַרויף אויפן דאָזיקן וועג, דאָס הייסט, איידער דאָס געטאָ איז געשאָפן און געשלאָסן געוואָרן, — פאַרשפּאָרט אָנצווועענדן די אַלע ריזיקאַלישע שריט און די גאַנצע עקוויליבריסטיק שוין ביים שטעלן די ערשטע שריט. מיר מיינען טאַקע טריט אין פּשוטן זין פון וואָרט. די געוויינלעכע, פיזישע טריט, וואָס מ'האָט באַדאַרפט שטעלן, בכדי אַריבערצוגיין פון דער „יידישער געגנט" צו די „אַרישע" געגנטן, שפּעטער, ווען דער „יידישער וווין־שטח"

איז שוין געוואָרן פאַרמאַכט און שוין „פאַרזיכערט", איז דאָס אויסמיידן אַזעלכע עטלעכע גאַסן אויסגעוואַקסן צו אַ גאַנצן פּראָבלעם. דער געטאָ איז געווען אַ תּפיסה. פון קיין תּפיסה גייט מען נישט אַרויס פראַנק און פריי, אַריין און אַרויס ווען ס׳גלוסט זיך. פון אַ תּפיסה קאָן מען העכסטנס אַנטלויפן, זיך אַרויסגנבענען.

ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז דער קאַנדידאַט „אויף פּאַפּירן" האָט זיך — וועלנדיק פאַרלאָזן די געטאָ־מויערן — צוגעשטעלט און פאַרמישט מיט אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס זענען געגאַנגען אויף אַרבעט אויסערן געטאָ; דאָס דאָזיקע מיטל איז שפּעטער געוואָרן וואָס־אַמאָל שווערער אויסצונוצן, צוליב דעם, וואָס דאָס קאָנטראָלירן איז כּסדר שטרענגער געוואָרן. אַן אַנדערש מאָל האָט מען זיך אַרויסגעקריגן מיט דער הילף פון אַ „פּשעפּוסטקע" (דורכלאָז־שיין). טיילמאָל דורך אַן עפענונג אינעם געטאָ־פּלויט, אָדער דורכן שטעכלדראָט־צוים, וואָס איז געוואָרן פון פריִער אָפּגעצויגן פון ביידע זייטן, מ׳זאָל קענען גלייך זיך אַדורכקריגן. און טיילמאָל... די פאַרשידענערליי אופנים און איינפאַלן ווי אַזוי זיך אַדורכצוקריגן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אַזויפיל, וויפל ס׳איז נאָר געווען געלעגנהייטן און איינפאַלן ביי יעדער געלעגנהייט. זייער אָפט האָבן פאַרפירט אַפילו — לאָמיר אָננעמען — די בעסטע און זיכערסטע, און טיילמאָל האָבן זיך איינגעגעבן די סאַמע פּרימיטיווסטע. יעדער איינער איינפאַל איז געווען גוט, ווען ס׳איז... געלונגען.

דער קאַנדידאַט אויף „פּאַפּירן" (אַפילו ווען ער איז שוין געווען גרייט אויף אַלעם) האָט זיך אַלץ אָפטער געראַנגלט הילפלאָז מיט זיך אַליין, ווי ער וואָלט געווען אין אַ שטייג. טיילמאָל האָט די אומגעריכט־אונטערגעקומענע געלעגנהייט אינגאַנצן פאַרדרייט דעם קאָפּ. אין אַזעלכע פאַלן האָט מען זיך באַדאַרפן דעצידירן אין איין אויגנבליק; פּרוּוון דאָס מזל און דערשלאָגן זיך צום ציל, ריכטיקער געזאָגט, דערשלאָגן זיך ערשט צום אָנהייב. צום אָנהייב פון דער לאַנגער און ריזיקאַלישער וואַנדערונג, אָדער — „אַריינפאַלן".

אין אַ ביוראָ איז געווען באַשעפטיקט אַ יונג מיידל. זי האָט כּסדר געטראַכט און געפּלאַנט ווי אַזוי זיך אַרויסצוקריגן פון וואַרשעווער געטאָ. זי האָט זיך אָבער צו גאַרנישט געקענט דערטראַכטן. אין אַ געוויסן טאָג

האָט זיך צו איר אָנגערופן דער קאָלעגע, וואָס האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט איר אין ביוראָ:

— פריילן פּעלע, וואָס זיצט איר ביים פענצטער. אויפן הויף געפינט זיך דאָך דער לייטענאַנט. ער איז געקומען זוכן די מענטשן אויף אַרבעט. ער דאַרף האָבן דרייסיק פּערזאָן ריינצומאַכן די ביבליאָטעק. אַז מען וועט אייך זען, וועט מען אייך זיכער נעמען.

ס'האָט זיך געהאַנדלט אין אַ געוויינלעכער — פאַר יענע באַדינגונגען — „לאַפּאַנקע" צו געלעגנהייטלעכע אַרבעטן. די געטאָ־באַוווינער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, ווו ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, אַבי נישט אַריינצופאַלן בעת אַזעלכע זוכענישן. דעם מיידל אָבער האָט עס געגעבן אַ נעם. ס'האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן דער יודאַיסטישער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט געטאָ. זי האָט זיך דעריבער אַליין געמאָלדן צו דער אַרבעט, און אַרויסגעפאָרן פון געטאָ אינעם דייטשישן לאַסט־אויטאָ אונטער אַן עסקאָרטע.

ביז פינף אַזייגער האָט געדויערט די אַרבעט. נאָך דעם האָבן די דייטשן אַלעמען געטריבן צוריק אינעם לאַסט־אויטאָ און זיי אָפּגעפירט צוריק אין געטאָ אַריין. דעם אויבנדערמאָנטן מיידל, דער פריילן פּעלע, האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן און איבערבלייבן אין דער פוסטער געבײדע. זי האָט איבערגענעכטיקט די נאַכט — פול מיט פּסיכישע קאָשמאַרן ווי געוויינלעך אין אַזאַ לאַגע. פּאַרטאָגס האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון דאָרט און אַרויס אין גאַס, וואָס איז געלעגן אויף דער אויסגעחלומטער „אַרישער זייט" 1)

אָדער:

די טראַמוויי־ליניע אין קראָקע איז דורכגעגאַנגען דורכן געטאָ. ס'איז שוין אַזוי אויסגעקומען. נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. די פאָרשטאָט („פּאָדגוזשע"), וואָס איז געלעגן פון יענער זייט האָט באַשוועדט די „אַרי־שע" קאָמוניקאַציע פון די צווישן־ראַיאָנען. דער טראַמוויי איז דעריבער דורכגעפאָרן דעם געטאָ, נאָר קיינער האָט נישט געקענט אין אים איינשטייגן

1) נאָוואַקאָווסקאַ: טאָגבוך („מיין קאַמף פאַרן לעבן"), אַרכיוו פון צ.יי.ה.ק.

און קיינעם איז נישט געווען דערלויבט אויסצושטייגן. ער איז דורכגעפאָרן אַ פאַרמאַכטער, אויף טראַנזיט.

אין אָקטאָבער 1942, ווען ס׳האָט זיך געגרייט אַ פרישע „אַקציע״, זענען אַלע וועגן געוואָרן אָפּגעשניטן, אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען זיך אַרויסצוקריגן פון געטאָ. קיין שום „פּשעפּוסטקעס״ זענען נישט געוואָרן רעספּעקטירט. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי משוגע. בייזע נביאותן און שלעכטע פאָרגעפילן האָבן זיך געמישט מיט סטערעאָטיפּישע אָפּליי־קענונגען, אַז מ׳וועט אָפּקומען מיט בלויזע שרעק. מ׳האָט זיך געטרייסט מיט האַרץ־חלשות.

נישט־ווייט פון געטאָ־טויער האָבן זיך דאַן פאַרטייעט עטלעכע מענטשן. זיי האָבן אָפּגעוואַרט די מינוט, ווען דער טראַמווי איז דורכגע־פאָרן די לוואָווסקע גאַס און אויסנוצנדיק דעם מאָמענט (און אויך דאָס וואָס דער וואַך־פּאָליציאַנט האָט אַקוראַט נישט באַמערקט) דורכגעשאַרט זיך דורכן טויער און זיך געלאָזט לויפן לענג־אויס די דראָטן. די דרייסטע אונטערנעמערישקייט זייערע האָט צוגעגעבן מוט נאָך עפּעס אַ פּרוי, וואָס האָט גלייך נאָכגעטון זייער ביישפּיל און זיך אויך געלאָזט לויפן.

„אויף אַזאַ אופן, איינגעבויגענערהייט, זענען געלאָפן פינף מענטשן מיט אַ הונט דערצו (אונדזער „דינאַ״ האָט אונדז שטענדיק באַגלייט און נישט אָפּגעטרעטן פון אונדז) איבער דער פינצטערער גאַס, וואָס איז ווו־נישט־ווו געוואָרן באַלויכטן מיט בליציקן שיין פון עלעקטרישע לעמפּלעך, פאַרווונדערונג־אויסרופן און שטוינונג־אויסגעשרייען און בראַוואָ־פּאַטשע־רייען. ערשט אויפן ראָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. פאַרשידענע פאַר־דעכטיקע טיפּן האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר גע־מיינט, אַז מען אָבסערווירט אונדז. אויף אַ פּאַטאַלן אופן האָבן מיר געמאַכט דעם אָנשטעל פון גלייכגילטיקע פאַרבייגייער, וואָס דרייען זיך דאָ הין און צוריק מכלומרשט ווי מיר וואָלטן געווען ווען אָפּגעוואַרט. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מיר זענען קיינעם נישט אָנגעגאַנגען, קיינער האָט אונדז דאָ נישט געהאַט אין זינען״.2)

אַן אַנדערש מאָל איז דער דאָזיקער „רעיד״ פאָרגעקומען נאָך איב־

---

1) נאַטאַן גראָס (אַרכיוו פון דעם „פאָרשונג־צענטער״ אין פּאַריז).

טערעסאַנטער, מער קאָמפּליצירטער, צום ביישפּיל (אין ראַדון, לעבן באַ־ראַנאָוויטש, אַ שטעטל אויף די מזרח־קרעסן): „דעם 7טן מאַי 1942, האָבן ווייסרוסישע מיליציאָנערן, וואָס זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַרום מינסק, אַרומגערינגלט די שטאָט. דריי טעג צייט האָבן זיי גאָרנישט געטון. זיי האָבן בלויז צונויפגעטריבן אַלע יידן אין אַ קליין געסל און געכאַפּט אַכציק מענער צו גראָבן גריבער צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, לעבן יידישן בית־עולם... פּלוצים האָט איינער פון די יידן אין מיטן גראָבן אַ געשריי געטון „הוררראַ!!!״, פאַרהויבן די לאָפּאַטע און דעם נאָענטסטן דייטש דערלאַנגט איבערן קאָפּ און אים פאַרוווּנדעט. די יידן האָבן גענומען אַנטלויפן אין דער ריכטונג פון וואַלד, און די דייטשן — אין דער פאַרקער־טער ריכטונג — צו דער שטאָט. נאָך אַ ווייל זענען זיי געקומען צו זיך און — געעפנט אַ שיסעריי. ס׳זענען געפאַלן פינף פּערזאָן און פינף־און־זיבעציק האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין די נאַצקער וועלדער״ 1).

אויף אַ מער־ווייניק ענלעכן אופן (אויב מ׳זאָל נעמען אין באַטראַכט די פּסיכישע אומשטענדן) האָבן „געלאַנדעט״ אויף „פּאַפּירן״ די, וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן פון די „טראַנספּאָרטן״, דאָס הייסט, פון די פאַרפּלאָמבירטע וואַגאָנען, וואָס זענען געגאַנגען דירעקט אין די טויט־פאַבריקן. פונעם שפּרונג און האַסטיקן פאַל פון לויפנדיקן צוג זענען זיי געוואָרן פאַרטויבט און אין אַ סך פאַלן — פאַרוווּנדעט פון דער קויל וואָס האָט זיי נאָכגעיאָגט און געטראָפן. אָבער אויך פון דאַנען האָט מען זיך דערשלאָגן צו די „פּאַפּירן״.

מיר דאַרפן נאָך דערמאָנען, אַז — אומאָפּהענגיק פון די באַוווּסטע אויסראָט־לאַגערן — האָט כמעט יעדעס שטעטל געהאַט מאַסן־קברים — אַ ירושה נאָך די עקזעקוציעס, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן אויפן אָרט באַלד נאָכן אַריינקום פון די דייטשן. די ביקסן־סאַלוועס האָבן הונדערטער, צי טויזנטער מענטשן געשליידערט אין די צוגעגרייטע גריבער, אָדער אויף די וואַקסנדיקע בערג מתים. שפּעטער זענען די רוצחים־„העלדן״ אָפּגעפאָרן און איבערגעלאָזט בלויז אויף איינצלנע טעג די צעשאָסענע. די טויטע זענען שוין נישט געפערלעך; דאַקעגן זענען זיי געדולדיק און

1) הערש צוקער (געב׳ 1931; טאָגבוך — נומ׳ 638).

קאָנען וואַרטן ביז מ׳וועט זיי אָפּרוימען. איז אַט — זייער אָפּט האָט זיך געטראָפן אַז פון אַזאַ קופּע מתים האָט זיך אויפגעהויבן אַ מענטש, וואָס איז אָפּגעקומען בלויז מיט אַ לייכטער וווּנד. ס׳האָט אויך געטראָפן, אַז דער נישט־דערקוילעטער „מת״, וואָס מ׳האָט שוין באַוויזן צו באַגראָבן, צוגלייך מיט אַלע אַנדערע קרבנות, האָט זיך אַליין צוריק אויפגעגראָבן, זיך אַרויס־געקריגן פון אונטער דעם פלאַכן שיכט ערד, ווי מ׳האָט עס געפּלעגט טון מיט די טויטע קערפּער — באַגראָבן זיי „אויף דערוויילי״. טײלמאָל איז אַזעלכער אַרויס איינגאַנצן נאַקעט, ווייל די דייטשן, וואָס האָבן נישט אָפּ־געשאַצט דעם ווערט פון אַ מענטשלעך לעבן, האָבן אָבער שוין יאָ געקענט אָפּשאַצן דעם ווערט פון פרעמדע מלבושים און פאַר דער עקזעקוציע גע־הייסן די פאַרמשפּטע אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס אָנטועכץ. איצט — נאָך אַלעם — האָט דער „האַלבער מת״ געהאַט פאַר זיך אַ באַרג מתים, איבער זיך אַ שווייגנדיקן הימל, אין דער נאָענט — די איינצלנע וואַכן און אַביסל ווייטער — די „וועלט״ (מיט אַלע אירע מעגלעכקייטן און — פאַרלייגטע לויערנדיקע נעצן!). איצט דאַרף מען זיך דורכרייסן צום לעבן, צום דאָזיקן לעבן, פון וועלכע דער עקזעקוציע־פּלוטאָן האָט אים נאַרוואָס „אויסגע־מאָלדן״ פון דאָרט.

וואָס שייך די קינדער, זענען זיי — ווי באַוווּסט — געוואָרפן געוואָרן אין די גריבער און נאכהער האָט מען זיי פאַרדעקט מיט מתים. „דער דייטש האָט אָנגעכאַפּט דאָס קינד פאַרן קאַרק און אויסגעשריגן: „נעם דאָס דרעק אונד שמייס הערײן!״. די קינדער זענען אין די דאָזיקע גריבער אַרומגעשווומען אין בלוט. צוויי מיידלעך האָבן זיך אַרויסגעקאָפּעט פון אונטער דער קופּע מתים און זיך אומגעקערט אין שטאָט אַריין, נאָר זיי זענען געווען ווי משוגע. זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט דערציילן״ 1).

צום סוף ווילן מיר נאָך צוגעבן, אַז אַ באַזונדער קאַפּיטל שטעלט מיט זיך פאָר דאָס אַנטלויפן אויף „פּאַפּירן״ פון די טויטן־לאַגערן.

---

1) דאָס איז געווען אין טלוסטער געגנט, אַרום זאַלעשטשיק (אַרכיוו פון דער יי. ה. ק. אין קראָקע, פּראָטאָקאָל נומ׳ 87). ענלעכע פאַלן זענען פאָרגע־קומען אויך אין אַנדערע ערטער.

**
*

ווי מיר האָבן שוין געשריבן אין פּאַריקן קאַפּיטל, האָט זיך דאָס יידישע מיידל פּעלע אַרויסגעשמוגלט פון געטאָ אויף אַ דייטשישן לאַסט־אויטאָ. די גאַנצע נאַכט האָט זי פאַרבראַכט באַהאַלטענערהייט אויפן אָרט פון דעם אַרבעט־פּלאַץ, און פאַרטאָגס זיך אַרויסגעגנבעט פון דאָרט און אַרויס אויף דער גאַס. היות ווי זי געדענקט אַזוי גוט די דאָזיקע מאָמענטן און האָט זיי פאַרצייכנט אין אירע זכרונות, וועלן מיר אַ קוק געבן, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען אירע ווייטערדיקע טריט אין דאָזיקן... דעביוט אירן:

ווען זי האָט זיך שוין געפונען אויף דער גאַס, האָט זי זיך באַמיט אויסצומיידן די אַנטקעגנקומענדיקע מענטשן. אַז זי האָט דערזען פון ווייטנס אַ פּאָליציאַנט, איז זי אַריין אין ערשטן־בעסטן טויער, אָפּגעוואַרט אַ ווייל און ווידער אַרויס. ווען מיר זאָלן די זאַך באַטראַכטן לאָגיש, איז זי דערמיט באַגאַנגען אַ גרויס נאַרישקייט, ווייל מיט אַזעלכע זיגזאַגן האָט זי זייער לייכט געקענט ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. די ערשטע זאַך, וואָס מען וואָלט איר דעמאָלט באַדאַרפן עצהנען, איז געווען, אַז — זי זאָל זיך באַמיִען איינצוהאַלטן די נאַטירלעכקייט. שטעלן אַ נאַטירלעכן טריט, האָבן אַ רויִקן בליק, אַ נאַטירלעכן. ס׳איז נאָך אַ גרויסער ספק, צי די דאָזיקע עצות וואָלטן איר געקאָנט ברענגען עפּעס אַ נוצן. דאָס דאָזיקע מיידל האָט דאָך געהאַט הינטער זיך צוויי יאָר געטאָ! דער דאָזיקער פאַקטאָר ענדערט לחלוטין די גאַנצע „געוויינלעכקייט״. דאָרט, אין געטאָ — קאָן מען אָנ־נעמען — האָט זי זיך אויסגעלערנט גיין מיט נערוועזישע זיגזאַגן, און דער בליק, וואָס איז שוין געווען צוגעוויינט צו זיין כסדר וואַכיק, איז אויף אַן אמת געווען באַגלייט מיט אַ נאָכנאַנדיק אָפּשפּרינגען אין אַ זייט, אַרומ־קרייזן, אויסמיידן... דערצו נאָך האָבן אירע אויגן שוין גענוג זיך געהאַט אָנגעזען; פון אַזעלכע גרוילבילדער זעצט זיך אָפּ אַ מוטנעקייט אין די אויגן, זיי לייגן ספּעציפישע שאָטנדלעך אַרום די אויגן, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אייגנטימלעך פאַר מענטשן, וואָס לעבן אַ סך אַדורך.

אַחוץ דעם זענען נאָך פאַראַן אַ סך אַנדערע קאָנקרעטע סיבות צוליב וועלכע ס׳איז זיך דאָ צו שרעקן. קודם־כל — ס׳איז פאָרגעקומען פאַר־

טאָגס, ווען די גאַסן זענען נאָך כמעט אינגאַנצן פּוסט. דאָס מיידל האָט געהאַט דעם איינדרוק „גלייך ווי ס׳וואָלט זי עמעצער אַ וואָרף געטון ווי אַ שטיין פון אַ שטיינשלײדערער״. דאָך, וואָס ס׳זאָל נישט געשען, טאָר מען זיך נישט אָפּשטעלן. אין דער צייט קאָן מען זיך אָפּט אָנטרעפן אויף דער פּאַטרולירנדיקער זיטן־פּאָליציי; זיי „וועלן זי חושד זיין, אַז זי איז אַ פּראָסטיטוטקע און אַנטדעקן וועלן זיי, אַז זי איז גאָר אַ ייִדישקע״. די פריש־געבאַקענע „אַריערין״ רוקט אַביסל טיפער אַראָפּ דאָס טיכל, וואָס זי טראָגט אויפן קאָפּ, זי זאָל קאָנען אָנגיין פאַר אַ פּויערטע, וואָס קומט איצט פון דאָרף. דאָס טיכל אָבער — ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס — איז נישט קיין פּראָסטס, ס׳איז פון שיפאָן. דאָרפישע פרויען טראָגן נישט אַזעלכע טיכלעך פון אַזאַ טייערן שטאָף. צי איז עס אַ צופעליקייט? זיכער. די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן האָבן אין יענע צייטן געקענט גורם זיין אויסטער־לישע זאַכן. ווי אויף צו להכעיס האָט זיך שטענדיק אַרויסגעוויזן, אַז עפּעס וואָס מוז זיין נישט אין אָרדענונג. זייענדיק פאַרשלונגען פונעם שטראָם פאַרצווייפלונגען — האָט זיך דאָס מיידל אומגעשיקט „געבויגן דאָ פאַרויס, דאָ אין אַ זייט, געוואָלט אומבאַדינגט עמעצן נאָכמאַכן״ — כאָטש זי אַליין האָט נישט געוווּסט וועמען זי וויל נאָכקאָפּירן. אַבי ס׳זאָל נאָר נישט קיינעם קומען אויפן געדאַנק דער חשד, אַז זי איז ענלעך צו אַ ייִדישקע.

אין דעם כסדרדיקן פרוּוון נאָכצומאַכן עמעצן, אַן אומבאַקאַנטן, האָט געשטעקט אַ פּסיכישע סיבה פון אייגענער אומזיכערקייט און אַ ווילן צו פאַרווישן די שפּורן פון די האַסטיק־נערוועזע באַוועגונגען, וואָס זענען געווען אַזוי אייגנטימלעך פאַר די מענטשן פון געטאָ. (דרך־אגב, די, וואָס זענען אַנטלאָפן פון קראָקעווער געטאָ — וועגן וועלכע מיר האָבן שוין געשריבן — האָבן אויך „אויף אַ פאַטאַלן אופן״ געמאַכט דעם אָנשטעל פון „גלייכגילטיקע פאַרבייגייער״). און געבן אַזאַ איינעם צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל בכלל נישט טראַכטן וועגן די סכנות, וואָס קאָנען אַלץ לויערן אויף אים, וואָלט געווען איינס און דאָס זעלבע, ווי ראַטן אַ מענטש, וואָס לײדט אויף ציינווייטיק, אַז — אנשטאט צו טראַכטן וועגן די ציין — זאָל ער בעסער טראַכטן, למשל, וועגן די בלויע בלימעלעך, וואָס וואַקסן אין די אַלפּן. דערווייל אָבער האָבן די דאָזיקע קרעמפּירטע באַוועגונגען (הויפּט־זעכלעך ביי די „דעביוטאַנטן״) צום מײנסטן דעמאַסקירט.

שפּעטער איז געקומען דער צווייטער פּונקט: זוכן אַן אָרט, ווו זיך צו קענען דערווייל אויפהאַלטן.

די פּריילן פּעלע געדענקט דעם אַדרעס פון דער פּוילישער ביוראָ, ווו עס אַרבעט אירס אַ גוטע חברטאָרין. ווען זי דערשלאָגט זיך אַהין, איז נאָך אָבער זייער פרי. דער קליִענט, וואָס באַווייזט זיך צו פרי — ווערט אויך פּונקט אַזוי פּאַרדעכטיק. צו די אַלע צרות איז די חברטאָרין אַקוראַט נישטאָ אין וואַרשע; זי געפינט זיך אין לאָדזש און וועט ערשט קומען איבערמאָרגן. דער שעף פון דער ביוראָ, וואָס האָט — צו איר אומגליק — געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקענען די דאָזיקע פּאַננע פּעלע נאָך פאַר דער מלחמה, האָט זי... נישט איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי. ער האָט זי בלויז געוואָרנט, אַרויסגעשיקט צו איר איינע פון די באַאַמטינס, וואָס האָט איר דערקלערט, אַז „דער שעף וויל נישט האָבן דאָס פאַרגעניגן זי צו זען מער ביי זיך אין ביוראָ". ווו־זשע טוט מען זיך אַהין דעם גאַנצן מעת־לעת, וואָס טיילט זי אָפּ ביזן צוריקקער פון דער פריינדין? אַזאַ לאַנגער מעת־לעת!

צום גליק האָט זי אַ צווייטע באַקאַנטע, וואָס איז געווען באַשעפטיקט אין דער זעלבער ביוראָ, אַרויסגעוויזן אַ גרייטקייט איר צו העלפן. אין געהיים, אויסגעהיטן פאַרן איבעריקן פּערסאָנאַל, האָט זי די פּאַננע פּעלע איינגעאָרדנט — נאָכן פאַרמאַכן די ביוראָ — אין קעמערל, ווו ס'געפינט זיך די גאַרדעראָב... אויף אַ שטול. דאָס, וואָס די אברים ווערן פאַרשטייפט (נאָכן אָפּזיצן לאַנגע שעהן אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזיציע), איז נאָך אַ האַלבע צרה. ערגער איז, אַז אַ מענטש דאַרף זיך דערליידיקן... און כדי אַריינצוגיין אין דער אוביקאַציע, דאַרף מען דורכגיין עטלעכע צימערן, און יעדער שאָרך — איבערהויפּט ביים עפענען אַ טיר — קאָן גלייך אַלאַרמירן דעם נאַכטוועכטער (דרך־אגב: די דאָזיקע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן האָבן אין יענע יאָרן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אמתע דזשונגל פון טאַקטישע פּראָבלעמען און זענען געווען די סיבה פון נישט איין קאַטאַסטראָפע. זיי זענען מסתמא קיינמאָל — אין אַזאַ מאָס — נישט געווען אַזאַ גרויס אָנשיקעניש, ווי אין יענע יאָרן, אין די יאָרן פון לאַגער, תפיסה און ראַפינירטע טאָרטורן אויף אַלע אַנדערע אָפּשניטן).

אויפן אַנדערן טאָג איז די חברטאָרין צוריקגעקומען און ס'האָט זיך

אָנגעהויבן — מיט איר הילף טאַקע — אַ פּיבערהאַפּט אָנבינדן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע באַקאַנטע. בכדי צו געווינען צייט, טרעטן זיי דערווייל אָפּ ביי דער שניידערין. דאָ בלייבט די אַנטלאָפענע פון געטאָ עטלעכע שעה אונטער אַ נישט־איבעריק־גוט צוגעטראַכטן אויסרייד; די חברטאָרין לויפט דערווייל אויסגעפינען פאַר איר אַן אָרט, וווּ זי זאָל קענען איבערנעכטיקן שוין די נאָענטסטע נאַכט. אין דער זעלבער צייט נעמט זי מאַכן באַמיִונגען צו קריגן פאַר איר „פּאַפּירן". אַן אַנדערע פראַגע איז שוין וואָס פאַראַ סיורפּריזן ס'ברענגט מיט זיך יעדער ווייטערדיקער טאָג. נאָר לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג די פאַקטן גופא.

דאָס זוכן אַן ערשטן רעטונגס־פּונקט אַן וואָס זיך אָנצוכאַפּן, דאָס נעוורטאַסטענישע אָנדריקן אויף די קנעפּלעך פון הילף, דאָס אויסמיידן זיך מיט די אומשטענדן, די אַנטווישונגען (אַ פּועל־יוצא פון קליינטשיקע ריק־צוגן, וואָס זענען אָבער געגנוג וויכטיק אין דער קאָנסעקוועניץ) — דאָס אַלץ מיט אַן אַנדער איז זייער כאַראַקטעריסטיש און טיפּיש. אין די זכרונות, וואָס באַהאַנדלען די דאָזיקע טעמע, געפינען מיר אַ סך אַזעלכע באַשרייבונ־גען און וואַריאַנטן. אָדער ס'איז עמעצער אַקוראַט נישטאָ אין שטאָט, צי אין דער היים, אָדער דער יעניקער קאָן נישט צוליב פאַרשידענע סיבות שטעלן צו דער דיספּאָזיציע דאָס באַהעלטעניש: ער האָט גראָד ביי זיך אַ צווייטן גאַסט; אָדער: די שכנותדיקע וווינונג איז פאַרנומען דורך עפּעס אַ „פאָלקסדויטש"; אָדער גאָר: דער סטרוזש איז אַ פאַרדעכטיקטער, אָדער ער אַליין ווערט פאַרדעכטיקט. אָדער פּשוט און מענטשלעך: דער, וואָס האָט צוגעזאָגט, האָט זיך באַרעכנט, ער האָט מורא פאַר דער אייגענער הויט, ער וויל נישט איינשטעלן די קינדער, די פאַמיליע. גלייכצייטיק: טרעפן זיך דאָך אַזעלכע אויך וואָס העלפן. נישט געקוקט אויף קיין שום געפאַר.

למשל: „מיטן ענין פון מיין אָפּפאָר (פון לעמבערג קיין קראָקע) — דערציילט ליובע שיינבוים — האָט זיך פאַרנומען אונדזער באַקאַנטער פון פאַר דער מלחמה, דער פאַליאַק יאַנוש יאַבלאָנסקי. ער האָט מיר אויסגע־אַרבעט דאָקומענטן אויפן נאָמען פון וואַנדאַ מאָנטשקאָ און האָט מיך אויס־געהאַלטן אַ פּאָר וואָכן אין קראָקע"... דער ברודער פונעם עדות איז גע־כאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן בשעת דער „אויגוסט־אַקציע" (1942) אין לעמבערג; שפּעטער איז אים געלונגען צו אַנטלויפן, ער האָט אָבער נישט

געוואוסט ווי זיך אַהינצוטון. „...דאָס ייִנגל האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף די גאַסן, און צופעליק געטראָפן יאַבלאָנסקין, וועלכער האָט זיך מיט אים פאַרינטערעסירט, געהאַלטן ביי זיך אין שטוב עטלעכע טעג, ביז ער האָט אים נישט אויסגעאַרבעט די נויטיקע „פּאַפּירן". שפּעטער האָט ער אים אָפּגעפירט קיין קראָקע איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן. (מיין ברודער האָט אַ „שלעכטן אויסזען"). אין צוג האָט זיי פאַרהאַלטן אַ „באַן־שוף" און יאַבלאָנסקין איז קוים געלונגען זיך אַרויסצודרייען. דריי יאָר האָט ער מיין ברודער אויסגעהאַלטן אין קראָקע" 1).

אינעם דאָזיקן בוך וועט אויסקומען צו ציטירן אַ סך ענלעכע דער־ציילונגען. (איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן דער הילף מצד באַוווסטזיניקע טוער. וועגן זיי וועל איך דערמאָנען אויף אַן אַנדער אָרט. אגב, בין איך שטאַרק צופרידן ווען איך טרעף אין די גבית־עדות פון פאַרשידענע מענ־טשן די נעמען פון טוער מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אין אונטערערד. דאָס האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג. אין די קאַפּיטלען, וועגן ווידערשטאַנד ווערן זייערע אויפטוען דערמאָנט סומאַריש. אין די גבית־עדות פון איינ־צלנע מענטשן קומט דער נאָמען פונעם געגעבענעם טוער צום אויבער־פלאַך אין קאָנטעקס מיט פּרטותדיקע פאַקטן. און דאָרט ערשט דערוויסט מען זיך וועגן דער ראָלע פונעם געגעבענעם טוער אין לעבן פון יעדן איינעם פון די אָפּגעראַטעוועטע).

נאַטאַליע דרעזנער דערציילט: „...נאָכן טויט פון מיין מאַן און קינדער בין איך אַוועק פון לעמבערג, אין נאָוועמבער 1942. איך בין אַוועק צום אוקראַיִנישן גלח עמאנועל קאָרדובאַ אין מאָסטי, נישט ווייט פון פּוסטאָ־מיט. וועלנדיק ראַטעווען אַ ייִדן, האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן דעם פּאָסטן פון אַ ווירטין אויף דער פּלעבאַניע. עס איז מיר דאָרט זייער גוט געווען. ביידע (ד. ה. ער און זיין פרוי) האָבן זיך צו מיר גוט און איידל באַצויגן. אָבער נאָך 8 חדשים דאָרט זיין האָט מען אָנגעהויבן מורמלען וועגן מיין ייִדישן אָפּשטאַם. צום סוף האָט דער גלח באַקומען אַן אַנאָנימען בריוו מיט אַ וואָרענונג, אַז ער האַלט ביי זיך אַ ייִדישע פרוי. נישט וועלנדיק אויס־

---

1) גבית־עדות פון ל. שיינבוים (נר' 1046).

שטעלן דעם גלח און זיין משפחה אויף אַ סכנה, האָב איך מיך מיט זיי געזעגנט און כ׳בין אַוועק קיין קראָקע...

די גאַנצע אויבנגעבראַכטע סכעמע האָט אַ שייכות נאָר צו די מענטשן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקריגן פון געטאָ אין שטאָט, אָדער אומגעגנט און האָבן אויף דער „אַרישער זייט" נאָך געהאַט פריינט, באַקאַנטע, אויף וועלכע זיי האָבן געקענט אויסרעכענען. צום רעשט האָבן זיי טאַקע געטאַפּט אין דער פינצטער מיט אַ בעסערן אָדער ערגערן רעזולטאַט. דאָך האָבן זיי — חוץ אַלעם — געהאַט צו וועמען צו גיין, וועמען אויפצוזוכן, וואָס וואָלטן זיי געקענט העלפן מיט עפּעס. זיי זענען טאַקע געגאַנגען צו היימישע, באַ־קאַנטע קריסטן, צו באַשטימטע מענטשן.

ערגער איז געווען מיט די מענטשן־שפּליטערס, וועמען דאָס אימפּראָ־וויזירטע אַנטלויפן פון געטאָ האָט אַרויסגעוואָרפן אויף אַזאַ אָרט, ווו זיי האָבן נישט געהאַט וועמען צו זוכן, צו וועמען צו גיין. זיי האָבן זיך, למשל, געפונען אויף אַ פּוסטן פּלאַץ, ווי אויפן וואַסער, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט לויערנדיקע סכנות. אַזאַ פּוסט אָרט איז געווען אין דער זעלבער מאָס פאַרעכנט אַ באַן־אַנשיט (ווו ס׳איז געפאַלן דער צי יענער, וואָס איז געשפּרונגען פון טויטנצוג), צוגלייך מיט אַ באַפעלקערטע שטאָט, ווו דער געראַטעוועטער האָט נישט געהאַט קיין פריינט, וואָס זאָלן זיך פאַרדינען אויף צוטרוי; פאַר אַזאַ פּוסט אָרט האָט אויך געקאָנט פאַרעכנט ווערן אַפילו די „אייגענע" שטאָט, די שטאָט, ווו מ׳איז געבוירן געוואָרן און אויסגע־וואַקסן, ווו מ׳האָט פאַר דער מלחמה געהאַט ברייטע באַקאַנטשאַפטן, פריינט און באַציונגען.

ס׳איז אַ פּאַראַדאָקס? זיכער. אָבער ליידער — אַן אמת. טייל האָבן געטוישט די דירות, אַנדערע זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, און נאָך אַנדערע זענען געוואָרן פאַרכאַפּט פון אַ פאַרפאָלגונג־פּסיכאָז. די ערגסטע זאַך איז געווען, וואָס אינעם ווירוואַר פון די נאָכאַנאַנד זיך־בייטנדיקע שטימונגען, איז שוין שווער געווען זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון צו וועמען מען קאָן זיך נאָך יאָ ווענדן און צו וועמען מען טאָר זיך שוין נישט ווענדן. איבעריקנס, האָבן זיך אויך דאָ געטראָפן פאַרשידענע סיור־פּריזן. טיילמאָל האָבן פאַרפירט די אייגענע פריינט — די „געשוווירענע"

און אַן אַנדערש מאָל האָבן אַרויסגעוויזן הילף־גרייטקייט און געוואַגטקייט אַזעלכע מענטשן, אויף וועלכע קיינער האָט נישט אַפילו אויסגעשטעלט.

אַ משל. איינער פון אַ סך: ישעיה פעדערן האָט מען געכאַפּט מיט הונדערט אַנדערע בעת אַן „אַקציע״ אין קאָלאָמיי. דאָס איז געווען אין יוני 1942. מען האָט זיי איינגעלאַדעוועט אין וואַגאָנען: „אין וואַגאָן איז געווען אַן ערך 100 מענטשן. מען האָט אויך אַרייַנגעוואָרפן טויטע קינדער. מיין פעטער, אַ פרומער ייִד, האָט געוואָלט זאָגן ווידוי, נאָר ער האָט גע־טענהט, אַז ער קען נישט ווייל דאָס אָרט איז פאַרומרייניקט. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מען פאָרט אויף אַרבעט קיין אוקראַינע. ס׳איז געפאַלן דאָס וואָרט „בעלזשעץ״ אָבער דאָס האָט אונדז נישט קיין סך אויפגעקלערט, ווייל דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט וואָס עס הייסט בעלזשעץ.

ווען מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. מיר זענען דאָרט געווען אַ פּאָר יונגע מענטשן. מיר האָבן אויפגעריסן דעם דראָט, מיט וועלכן עס איז געווען פאַרקראַטעוועט דאָס פענצטערל. איך האָב זיך אַרויפגעדראַפּעט, איבערגעהאנגען די פיס פון דרויסן, נאָכדעם זיך איבערגעדרייט און פּאַמעלעך זיך אַראָפּגערוקט אויף דער ערד. דאָס איז געווען בייַנאַכט. די דייטשן האָבן כסדר געשאָסן. אָבער מיך האָט קיין שום קויל נישט געטראָפן. פאַר מיינע אויגן איז אַדורכ־געפאָרן אַ לאַנגע קייט פון וואַגאָנען און געפירט צום טויט מיינע נאָענטע... כ׳האָב זיך דערנענטערט צום וואַסער און געטרונקען ווייל עס האָט מיר געברענט פאַר דורשט. נאָכדעם בין איך געגאַנגען פאַר זיך מיטן פעלד־וועג. פּלוצים איז פאַר מיר אויסגעוואַקסן אַן אוקראַאינער. ער האָט גע־פרעגט: „אַ טי קודאַ? דאָס ביזטו אַנטלאָפן פונעם צוג?״.

דאָס איז געווען אַ שטאַרקער יונגאַטש און איך בין געווען אויסגע־דאַרט פון געטאָ און פון די לעצטע איבערלעבענישן. איך האָב געוווּסט, אַז איך קען נישט מיט אים קעמפן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳דאַרף קטנים און אָנגעהויבן אַנטלויפן. ער איז געלאָפן נאָך מיר. ווען איך האָב שוין נישט געהערט זיינע שריט האָב איך זיך צוביסלעך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיך צוגעשלעפּט צו אַ וואַגאָן מיט תבואה בכדי זיך אָפּצורוען... כ׳בין אַריין אין וואַלד. דאָרט האָב איך געטראָפן אַ מיידל פון קאָלאָמיי מיט אַ צעבראָכענעם פוס. זי איז אויך אַרויסגעשפּרונגען פון טראַנספּאָרט.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט אויף דערוויל צוואַרטן. איך בין געגאַנ־גען ווייטער און ווידער געוואָרן אַרומגערינגלט פון דריי אוקראַיִנער, וואָס האָבן מיר געכאַפּט און צוגעפירט צו אַ באַן־ביידל. דאָרט זענען שוין געווען אַנדערע ייִדן, אויך געכאַפּטע נאָכן אַרויסשפּרינגען פונעם טראַנספּאָרט. עס איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן. מען האָט אונדז געפירט קיין קאָלאָמיי. מיך האָט מען אַזוי שטאַרק צעשלאָגן, אַז כ׳בין געווען האַלב לעבעדיק. איינער איז געווען מיט אַ צעבראָכענער פוס; דעמאָלט האָט איין אוקראַיִנער געזאָגט, אַז דעם דאַרף מען באַגראָבן אויפן אָרט, ווייל ס׳איז אַ שאָד אים צו פירן ווייטער. מען האָט אים אַראָפּגענומען און לעבעדיקערהייט באַגראָבן. אויף דער לענג פון וועג זענען געווען אַ סך קרבנות; טויטע וואָס מען האָט דערשאָסן נאָכן אַרויסשפּרינגען און האַלב־טויטע מיט צעבראָכענעביינער. אין קאָלאָמיי האָבן אונדז די אוקראַיִנער איבערגעגעבן דער באַנשוץ־פּאָלי־ציי. דאָרט האָט מען אונדז ווייטער געשלאָגן און איבערגעגעבן דער געסטאַ־פּאָ. פון דער געסטאַפּאָ זענען מיר ווידער אַריבערגעגאַנגען אין תפיסה. דאָרט זענען כסדר אָנגעקומען נייע טראַנספּאָרטן מיט ייִדן פון פּעטשע־ניזשנע, יאַבלאָנוו, קאָסאָוו, קוטע, זאַבלאָטאָוו, אָבערטין, טלומאַטש. נאָך אַ פּאָר טעג פון הונגערן אין תפיסה האָט מען אונדז ווידער געגעבן אין טראַנספּאָרט־וואַגאָנעס. איין דייטש האָט געשריגן: „160 אין איין וואַגאָן״ אָבער ס׳איז געווען איבער 200. מענטשן זענען נישט געשטאַנען, ווייל ס׳איז נישט געווען ווו צו שטעלן אַ פוס. איך בין געשטאַנען אויף איין פוס. די ווענט זענען נאַס געווען פון מענטשלעכע אָטעמס. געשרייען, קרעכצן און אַ געוויין פון קינדער. אַ קנויל פון מענטשן. געווען דאָרט אַ סך דערשטיקטע מענטשן. כ׳האָב אויך איצט באַשלאָסן צו אַנטלויפן. מיר האָבן איבערגעריסן די דראָטן. און ווידער צוגעהאַלטן פון אַנדערע בין איך אַראָפּגעשפּרונגען. כ׳בין געגאַנגען אין פעלד, געגעסן קוקורודזע און גע־טרונקען וואַסער. כ׳האָב ווידער געטראָפן אוקראַיִנער אָבער איך האָב זיי אָפּגעגעבן מיין פּאָרטפעל און זיי האָבן מיר דורכגעלאָזן. כ׳בין געווען אויף דער פריי און כסדר געטראַכט פון מיין נאָענטן חבר, וואָס איז מיט מיר געפאָרן אין וואַגאָן. כ׳האָב אים געעצהט צו אַנטלויפן, אָבער ער האָט מיר געענטפערט: „ניין, כ׳וויל שטאַרבן!״.

כ׳בין געגאַנגען צופוס קיין קאָלאָמיי. אויפן וועג האָב איך געטראָפן

אַרישע פּאַפּירן

אַ פּיילישע פרוי, וואָס האָט מיך, אַן אומבאַקאַנטן, גענומען צו זיך און באַהאַלטן במשך פון 2 טעג אין קוקורודזע. זי האָט מיר געגעבן עסן, אויפֿגעניית אַן „אפּאסקע״, געגעבן מיר אַ היטל און אַריינגעשטופּט צווישן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. אַזוי אַרום האָב איך זיך מיט זיי צוריקגעקערט אין געטאָ. כ׳האָב זיך נאָכדעם רעוואַנזשירט, זאָגנדיק איר: פאַר דעם וואָס זי האָט פאַר מיר געטון, וועט איר גאָט באַצאָלן, אָבער איך גיב וואָס כ׳קען״ 1).

1) וו. יי. ה. ק. אין קראָקע, נר׳ 608.

IV

קינדער: שמוגלערס, שלעפּערס, טראַמפּן

1. נאַכטלעגערס אויף די סטאַציעס. — 2. „זשידעק, גיב פּאַפּי־ראָסן. — אָנגעבראָכן די ביינער... אָבער ס'איז גאָרנישט". — 3. דאָס פאָרן נאָך סחורה איבער דער גרענעץ. — אַנטלאָפן פון תפיסה פאַר דער עקזעקוציע. — דער פּאָסטוך. — דער פאַלשער שכן און דער אָרנטלעכער באַלעבאָס. — אויפן שקלאַפן־יאַריד אין האַנאָווער. — 4. ער איז געגאַנגען מיט דעם הינטל דורכן פראָנט, בכדי ווידער אַריינצופאַלן אין תפיסה. — 5. „די פּאַפּי־ראָסן־פאַרקויפער פון פּלאַץ דריי קרייצן".

מיר האָבן שוין דערמאָנט וועגן די ייִדישע קינדער, וואָס האָבן זיך (אין די יאָרן ווען דער געטאָ האָט נאָך עקזיסטירט) פאַרנומען מיט שמוג־לען „סחורות". די דאָזיקע קינדער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקריגן אויף דער „אַרישער זייט", זענען זיך געוויינלעך באַגאַנגען אָן „פּאַפּירן". אַ טייל פון זיי האָבן אויך שפּעטער אויסגענוצט די דערוואָרבענע דערפאַרונגען. איי־דער מיר ווילן זיך אַריינלאָזן אין דזשונגל פון דער פּאַפּירענער „לעגאַ־ליטעט", וואָלט כדאַי געווען פריִער זיך צוצוקוקן צו די דאָזיקע נעבעכ־דיקע עקזיסטענצן.

איינער פון די דאָזיקע „געפּערלעכע" שמוגלער איז, צווישן אַנדערע, געווען הענריק מעלער (געבוירן אין 1932, אין קראָקע). ווען ס'איז אויס־געבראָכן די מלחמה איז ער אַלט געווען גאַנצע זיבן יאָר.

— „...מיר האָבן באַקומען — דערציילט ער — אַן אויסזידלונג־באַפעל 1) פון קראָקע. מיר זענען געפאָרן קיין באָכניע. די מאַמע, דאָס צעניעריקע שוועסטערל און איך... אין קראָקע האָבן מיר געהאַט אַ מומע — דעם טאַטנס שוועסטער — אַ פרוי פון אַן אַריער. זי האָט געלעבט ווי אַן אַריערן. כמעט יעדן טאָג בין איך צו איר געקומען צו פאָרן; זי האָט מיר געגעבן ברויט פאַר אונדז און צום פאַרקויפן. כ׳האָב געפירט צו צען קילאָ ברויט. אין צוג איז געווען אַן ענגשאַפט — דערשטיקט צו ווערן... כ׳בין אַזוי געפאָרן אַן ערך צוויי יאָר צייט״.

בעת די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע רייזעס האָט ער נישט בלויז צען קילאָ ברויט געשמוגלט, נאָר אויך זיין „ראַסע״. די ענגשאַפט, וואָס האָט געהערשט אין וואַגאָן, האָט געהאַט נאָך אַ סך אַנדערע געפאַרן, חוץ דער פּיזישער אומבאַקוועמלעכקייט.

„אין אַ געוויסן טאָג בין איך מיטן צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין קראָקע, אַרויסגעפאָרן זעקס אַזייגער באַגינען. צו דער מומע איז געקומען צו גיין אַ פרוי און געזאָגט, אַז אין באָכניע איז געווען אַן „אַקציע״ און אַז מ׳האָט צוגענומען מיין מאַמען מיט דער שוועסטער... כ׳האָב שוין נישט געהאַט נאָך וואָס צו פאָרן קיין באָכניע״.

אין די דאָזיקע עטלעכע ווערטער איז איינגעשלאָסן דער טויט פון די נאָענטסטע און די אייגענע פלוצימדיקע איינזאַמקייט. אָט איז דאָס „שפּרונג ברעט״ אויף „אַרישע פּאַפּירן״.

אין משך פון גאַנצן יאָר איז ער טייל צייט אָפּגעווען ביי דער מומע און די איבעריקע צייט — אויפן דאָרף אַלס פּאַראַבעק, פאַר וועלכן זי האָט געצאָלט. די מומע איז אָבער אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ. ס׳איז נישט געווען ווער ס׳זאָל צאָלן פאַרן קליינעם און דער פּויער האָט אים אַרויסגעוואָרפן.

„כ׳בין געפאָרן קיין קראָקע און נישט געוווּסט צו וואָס זיך צו נעמען. פון דער מומעס שוועגערין — אַ קאַטוילישע — האָב איך געקריגן אַ ברויט

1) עס האַנדלט זיך וועגן איינע פון די אויסזידלונגען פון אַ גרויסער שטאָט אין אַ קלענערער. די דאָזיקע וואַנדערונגען האָבן נאָך נישט געטראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער און זין ווי די שפּעטערדיקע „אויסזידלונגען״, וואָס האָבן געפירט אין די... גאַזקאַמערן.

מיט 40 זלאָטעס. אויף סטאַרע־אַלשע 1) האָב איך געזען אַ קופּע היי. כ׳בין דאָרט געשלאָפן עטלעכע נעכט. שפּעטער האָב איך „זיך איבערגעזידלט״ אויפן וואָקזאַל ווו כ׳האָב געגעכטיקט. פון די 40 זל. איז מיר געבליבן 25. כ׳האָב געקויפט הונדערט צייטונגען „גאָניעץ וואַרשאַווסקי״, פאַרקויפט צו 50 גראָשן אַ שטיק און אַזוי האָב איך אָנגעהויבן האַנדלען. נאָך צוויי חדשים איז מיר שוין געווען אַ סך לייכטער, ווייל כ׳האָב שוין פאַרדינט; נאָר לייז האָב איך געהאַט — חמרים, ווייל כ׳בין געשלאָפן אונטער די בענק אויף דער סטאַציע. ווען ס׳איז געווען אַ שלעכטע וואָך — כ׳האָב זיי שוין אַלע גוט געקענט — בין איך אויף איבער נאַכט געפאָרן קיין סלאָמניק און גע־נעכטיקט דאָרט אויף דער סטאַציע. טיילמאָל האָט די „באַנשוץ״ 2) וואָס האָט קאָנטראָלירט די סטאַציע מיט אַ גרויסן הונט, מיך אַרויסגעטריבן פון וואָקזאַל. כ׳האָב זיך דאַן איבערגעטראָגן אויף נאַכט קיין מיעכאָוו און דאָרט געשלאָפן. אויף דער סטאַציע דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט די יינגלעך און אָנגעהויבן האַנדלען מיט פּאַפּיראָסן. אָפּטמאָל האָט מען מיך געכאַפּט בעת אַן אַבלאַווע. ס׳איז געקומען צו פאָרן אַן אויטאָ פון דער געשטאַפּאָ. אַזעלכע יינגלעך, ווי איך, האָט מען בלויז רעווידירט, אָבער נישט פאַר־נומען. ס׳איז דאָרט געווען אַ מאַיאָר, וואָס האָט רעגירט אויף דער סטאַציע איבער אַלץ און אַלעמען. מיר האָבן אים גערופן „דער גראָער״; ער האָט געשלאָגן מיט אַ נאַגייקע, מערדערלעך געשלאָגן און צוגענומען די סחורה, די באַנשוץ האָט מיך עטלעכע מאָל געכאַפּט, צוגענומען ס׳געלט און די סחורה, געשלאָגן און אַרויסגעוואָרפן און נאָך געדראָט, אַז זיי וועלן מיך איבערגעבן דער פּאָליציי. כ׳בין אַוועק הינטערן קינאָ „סטעלאַ״ און דאָרט איבערגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט. כ׳בין אינגאַנצן געוואָרן דורכגעפרוירן״.

אויפן ראַנד פון די „אַרישע פּאַפּירן״ קומען אויף וואָס־מער אַזעלכע מאָטיוון — קינדער־שלעפּער, טראַמפּן, יידישע גאַווראָשן, בראַדיאַגעס, דאָס שלאָפן אויף באַן־סטאַנציעס, אָדער אויף דער גאַס, אין דער קעלט, די כסדר־דיקע „רייזעס״. אַגב, איז כדאַי צו באַמערקן, אַז סלאָמניק און מיעכאָוו (וועגן וועלכע דער קליינער בראַדיאַגע דערציילט) געפינען זיך ווייט פון קראָקע אויף צענדליקער קילאָמעטער. ער איז דאָרט אַהינגעפאָרן מיט דער

1) אַ דאָרף הינטער קראָקע
2) באַן־פּאָליציאַנט

באַן בלויז אויף „איבערנעכטיקן״. איר שטעלט אייך פאָר אין יענע קאָמוניקאַציע־באַדינגונגען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין אויף אַזאַ „נאַכטלעגער״. אַ קלייניקייט!

„כ׳האָב געטראָפן אַ פּרוי — דערציילט ער ווייטער — וואָס האָט מיך אויפגענומען אויף נאַכלעגער. זי איז געווען צו מיר זייער גוט, כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז כ׳בין אַ ייִד. כ׳האָב איר געצאָלט 20 זל. פאַר אַ נאַכט. פריִער האָב איך אָבער געמוזט דורכמאַכן אַ דעזינפעקציע.

איצט האָט מיר שוין אָנגעהויבן גיין בעסער. כ׳האָב וואָס אַמאָל געקויפט מער פּאַפּיראָסן און אַלץ מער פאַרדינט״.

מיט איין וואָרט — אַ רחבות. וואָס אַן אמת האָט זיך טיילמאָל געטראָפן, אַז די דאָזיקע רחבות איז עטוואָס פאַרוואָלקנט געוואָרן אויך:

„אויף דער באַנסטאַנציע האָט זיך געפונען אַ ייִנגל, וואָס האָט מיך געקענט און ער האָט צעפּלוישט פאַר דער איבעריקער חברה ייִנגלעך, אַז איך בין אַ ייִד. די ייִנגלעך זענען געווען אָרנטלעכע, נאָר אַז ס׳האָט עמעצער, צום ביישפּיל, געוואָלט אַ פּעקל „ספּאָרט״ 1) און זיי האָבן גראָד נישט געהאַט, האָבן זיי געשריגן צו מיר:

— „זשידעק, גיב אַ פּעקל „ספּאָרט״!״

אָבער דאָס האָט מיר נישט געשאַדט — גיט גלייך צו דאָס געוועזענע שלעפּערל. זעלבסטפאַרשטענדלעך: איצט, ווען דאָס אַלץ איז שוין הינטער אים, אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט און גליקלעכן פאַרענדיקן זיך פון זיין וואַנדערונג, — קען ער אַזוי טראַכטן וועגן דעם אַלעם. מיר קענען זיך פונדעסטוועגן פאַרשטעלן, ווי ער האָט זיך דעמאָלט געפילט.

— „כ׳האָב גוט געגעסן, זיך אָנגעטאָן, געהאַט אַ וואַליזע מיט פאַרשידענע זאַכן...״

צו דער צופרידנקייט איז גאָר קיין סוף נישט געווען:

— „ביי אַ הונדערט מאָל האָט מיך געכאַפּט די „באַנשוץ״. צעשלאָגן, צוגענומען ס׳ביסל סחורה, אָבער דאָס איז גאָרנישט״.

און ריכטיק: אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס ס׳האָט אַלץ געקענט זיין, איז אַזאַ קלייניקייט פאַקטיש געווען „גאָרנישט״.

---

1) אַ סאָרט פּאַפּיראָסן.

אָבער:

„אין צווישנצייט האָט מען די באַבעשי, ביי וועלכער כ׳האָב גע־וווינט, אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה. זי האָט זיך אַריבערגעקליבן צו איר טאָכטער. פאַר מיר האָבן זיי דאָרט נישט געהאַט קיין אָרט. כ׳האָב גענומען די וואַליזקע און זי אַוועקגעטראָגן צו אונדזער אַמאָליקער דינסט און געגאַנגען האַנדלען. כ׳בין יעדעס מאָל געפאָרן אויף אַן אַנדערער סטאַציע שלאָפן״.

די קאַטוילישע מומע (וועגן וועלכער מיר האָבן שוין דערמאָנט) האָט זיך ווי ס׳איז אַרויסגעקריגן פון די הענט פון דער געשטאַפּאָ, נאָר וועגן לאָזן נעכטיקן דעם קליינעם האָט שוין אַפילו קיין רייד נישט גע־קענט זיין. די וווינונג איז געווען „אַדורכגעלופטערט״ און כסדר אָבסער־ווירט דורך געהיים־אַגענטן. דערפאַר אָבער:

„כ׳האָב איינמאָל געטראָפן די פרוי לושע — אַ ייִדישע — מיט איר קינד, אַ ייִנגעלע. זי איז געקומען צו פאָרן צו דער מומע. זי איז געווען אויף „פּאַפּירן״ און געפאָרן מיט שמוגל. די מומע האָט זי געבעטן, אַז זי זאָל מיך מיטנעמען קיין וואַרשע; כ׳בין טאַקע געפאָרן מיט איר. כ׳האָב דאָרט אָנגעהויבן מאַכן געשעפטן. ס׳איז מיר אָבער נישט געגאַנגען. כ׳בין דעריבער צוריקגעפאָרן מיט דער פרוי לושע קיין קראָקע.

...זומער, 1944, האָבן מיך געהיים־אַגענטן געכאַפּט אויף דער סטאַ־ציע. אין דרייען האָט מען אונדז געכאַפּט. די געהיים־אַגענטן זענען צוגע־קומען מיט אַ ווונק: גיב פּאַפּיראָסן! און אונדז פאַרהאַלטן. זיי האָבן אונדז אַוועקגעפירט אויף דער גערטרודע־גאַס, אויפן פּאָליציי־פּאָסטערונעק. זיי האָבן מיך אויסגעפרעגט, ווי כ׳הייס, ווו כ׳וווין. כ׳האָב אָנגעגעבן אַ פאַלשן נאָמען מיט עפּעס אַן אויסגעטראַכטן אַדרעס. זיי האָבן אונדז איבערגע־שיקט אין קינדער־אַנשטאַלט אויף דער סקאַווינסקי־גאַס. מ׳האָט אונדז דאָרט נישט געגעבן קיין עסן. די לייז האָבן אונדז געביסן. די „באַבעשי״ האָט אונדז געברענגט צו טראָגן עפּעס עסן. דאָרט האָט מען דערקענט, אַז כ׳בין אַ ייִד. כ׳האָב זיך געמוזט מודה זיין״.

די פּאַסירונגען פון די טראַמפּן, וואָס דזשעק לאָנדאָן האָט באַשריבן אין זיינע באַרימטע דערציילונגען, זענען אַ קינדערשפּיל קעגן דעם גורל פון אַזאַ שלעפּערל! און צום סוף — די טראַמפּן־העלדן ביי לאָנדאָנען האָט

נישט געדראָט קיין טויט פאַר יעדער קלייניקייט, פאַר אַן אומפּאַרזיכטיקן אַרויסכאַפּן זיך מיט אַ וואָרט, פאַר אַ ליאַדע דענונציאַציע, צי ביים ווערן פאַרהאַלטן. ער דאַקעגן האָט ביי די אַלע אומגליקן און „גליקן" פון זיין שלעפּערישן גורל דערהאַלטן אין זיך דעם פולן באַוווסטזיין פון זיין אָפּ־שטאַם. אַקעגן דער דאָזיקער הויפּט־סכנה זענען אַלע איבעריקע געפאַרן דערגאַנגען צו אַ צווייטראַנגיקער ראָל, צו דער ראָל פון אַ בלויזן רעקווי־זיט. לאָמיר נאָר באַטראַכטן: געפינענדיק זיך צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע גאַסן־קינדער, האָט ער זיך מיט גאָרנישט נישט אונטערגעשיידט פון זיי, און ס׳האָט אפילו נישט געקאָנט זיין קיין רייד אַז ער זאָל דערקענט ווערן לויטן בלויזן „אויסזען". ס׳איז אָבער גענוג געווען, ס׳זאָל זיך געפינען בלויז איינער, וואָס האָט אים געקענט פאַר דער מלחמה און... „די יינגלעך זענען געווען אָרנטלעכע"... האָט ער צוגעגעבן. און פונדעסטוועגן, ביי זייער גאַנצער אָרנטלעכקייט: „זשידעק, גיב אַ פּעקל „ספּאָרט"!" אָן שום שלעכ־טער כוונה, גיכער פון קינדערישער וווילינגערישקייט, און מעגלעך אַפילו מיט גרויס חברישקייט. דאָס מיספּאַרשטייעניש איז געלעגן אויסער די גרע־נעצן פון זייערע האַנדלונגען, אויסער זיי. דער חילוק איז נאָר געווען אין באַנעמען דעם זין פון זייערע ראָלן. פאַר זיי איז עס געווען אַן אומשולדיק־נאַיווע שפּיל און ביי אים איז עס אויך נאָר געגאַנגען אין אַ קלייניקייט — אין זיין לעבן. און איצט דער צווייטער פאַל. ער „פאַלט" אַריין מיט נאָך אַנדערע צוויי יינגלעך. אַלע דריי ווערן זיי באַשולדיקט אין איין און דער זעלבער זאַך. אָבער ווי אַנדערש איז זיין לאַגע שוין ביים סאַמע אָנהייב! וואָס פאַר אַן אונטערשיד איז פאַראַן צווישן אים און זיי! ס׳איז גענוג בלויז צו פּרווון פעסטשטעלן דעם אַדרעס. דאָס יינגל אָבער האָט אַן אוי־סערגעוויינלעך מזל:

„שפּעטער האָבן זיי געזאָגט, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג, אַז זיי האָבן פעסטגעשטעלט דעם אַדרעס — און האָבן מיך אַוועקגעשיקט קיין בראָנאָוויץ 1). דאָרט איז שוין געווען גוט. אין דער פרי זענען מיר גע־גאַנגען צו דער אַרבעט אויפן הויף, נאָך מיטאָג האָבן מיר זיך געשפּילט. זונטיק האָט מען אונדז אָפּגעלאָזט אַהיים".

---

1) אַ דאָרף הינטער קראָקע.

פונדעסטוועגן: „איך אַ וואָך אַרום בין איך אַנטלאָפן, ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך אַנטדעקן״...

און ווידער הייבט זיך אָן דאָס וואַנדערן. מיר קענען עס. אָ, ווי גוט מיר קענען עס!

„די יינגלעך האָבן מיר געבאָרגט געלט. כ׳האָב פאַרקויפט פּאַפּיראָסן און כ׳האָב פאַרדינט זעקסהונדערט זלאָטעס אין איין טאָג. אַ געהיים־אַגענט איז מיך געקומען זוכן, כ׳האָב אים געקענט פון דער סקאָווינסקי־גאַס. כ׳בין דעריבער אַוועק אין קינאָ, אָפּגעזעסן ביז שפּעט. פאַרנאַכט האָבן איך זיך אַרויפגעזעצט אויפן צוג און געפאָרן קיין וואַרשע, צו דער פרוי לושע. זי האָט דאָרט געהאַט באַקאַנטע אין דער פּאַרטיי 1) און זיי האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ מעטריקע. איך בין נאָכהער געפאָרן קיין ראַדזימין, ווו כ׳האָב געקריגן אַרבעט ביי אַ פּויער אין מאָקרע. דאָרט האָב איך שוין געאַרבעט ביזן סוף. געפּאַשעט קי און ווינטער געדרעשעט די תבואה. קיינער האָט נישט געוווסט ווער און וואָס איך בין״ 2).

דאָס איז אַלץ. קורץ, זאַכלעך און בינדיק. פּרוווט אָבער די דאָזיקע געפּרעסטע רעלאַציע איבערזעצן אויף פּסיכישע צושטאַנדן, אויף איבערלע־בונגען, און (בכדי בעסער אָפּצושאַצן) פאַרגעסן אויף אַ ווייל, אַז דאָס איז נאָר בלויז איינער אויף טויזנטער...

אינגאַנצן עפּעס אַנדערש איז דאָס, וואָס די דאָזיקע ביאָגראַפיע איז נישט בלויז נישט קיין ספּעציעל־אויסגעקליבענע, נאָר אָן אויסנאַמלעך... שפּילעוודיקע. אָן שום וויץ! דאָס סימפּאַטישע יינגל, וואָס האָט זיך אַזוי אויסגעטויגט אין לעבן, איז דאָך געוועזן... וואָס איז דאָ פאַראַן אַ סך צו רעדן? — אָן אמתער בר־מזל און דאָס איז אַלץ. אַפילו, ווען ס׳האָט אים שוין געדראָט דעקאָנספּירירט צו ווערן, האָט ער אין דער לעצטער מינוט ווידער געטראָפן גוטע מענטשן...

---

1) אין דעם פאַל האָט עס זיך געהאַנדלט אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „בונד״, וואָס איז געווען טעטיק — צוגלייך מיט אַנדערע — אין דער אונטערערד.

2) פּראָטאָקאָל נומ׳ 830.

**
*

אַזעלכע „געפּערלעכע שמוגלער" זענען פונדעסטוועגן — ווי מיר האָבן שוין באַמערקט — געווען אַ סך. יעדער איינער פון זיי האָט מיטגע־מאַכט אַ סך.

פּאַוועל דוטמאַן, ווען ער איז נאָך געווען צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין וואַרשעווער געטאָ, האָט געפּלעגט פאָרן נאָך פּראָדוקטן קיין טשעכאָ־נאָוו (וואָס האָט זיך געפונען אויף יענער זייט פון דער ניי־דורכגעפירטער גרענעץ). צוויי יאָר צייט איז ער אַזוי געפאָרן. אין 1942 האָט אים די געשטאַפּאָ פאַרהאַלטן אויף דער גרענעץ און אים צוגעשטעלט אויפן פּאָ־ליציי־פּאָסטן אין נאָווי־דוואָר. דאָרט האָט מען אים דערקענט, אַז ער איז אַ ייד. ער האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן. אַ צעשלאָגענעם האָט מען אים אָפּגעפירט אין תפיסה. פון דער תפיסה איז ער אַנטלאָפן עטלעכע שעה פאַר דער עקזעקוציע וואָס איז שוין געווען פאַר אים צו־געגרייט. ער איז פאַרקראָכן טיף אין וואַלד. פון דאָרט — נאָך דעם ווי מ׳האָט זיך צוויי טעג נאָכגעיאָגט נאָך אים — איז ער אָנגעקומען אין אַ דאָרף. שפּעטער איז ער דורכגעשווומען דעם נאַרעוו (צו וועלכן ער האָט זיך קוים דערשלאָגן, נאָכן אָפּשלעפּן זיך אַ גאַנצע נאַכט איבער זומפּן און וואַ־סער) און אָנגעקומען אין „דריטן רייך". דאָ „טשעפּעט" ער זיך צו ערגעץ אַלס פּאַסטוך. די נייע סביבה ווייסט נישט אַז דער קליינער איז אַ ייד. ס׳איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז דאָ ווו ער האָט געפּאַשעט די קי — אַרום דער „פעסטונג" — האָט זיך געפונען איינער פון די לאַגערן, ווו ס׳זענען אומגעבראַכט געוואָרן יידן. און דער יונגער פּאַסטוך האָט זיך געמוזט אַזוי צוקוקן צו דעם אַלעם וואָס דאָ האָט זיך אָפּגעטון... ער האָט אויסגעהאַלטן אויף זיין „שטעלע" ביז פעברואַר. שפּעטער האָט ער גע־מוזט „צי׳ען" פון דאָרט. און אַזוי איז ער אַריבער פון איין זייט אָרט אויפן צווייטן, פון איין באַלעבאָס צום צווייטן 1)...

איבער דער גרענעץ איז אויך געפאָרן נאָך פּראָדוקטן קיין דייטשלאַנד דער יונגער שלמה קוטנאָווסקי (געבוירן אין וואַרשע אין 1929), וואָס האָט געוווינט צוזאַמען מיט זיינע עלטערן אין הענריקאָוו (הינטער וואַרשע);

1) פּראָטאָקאָל נומ׳ 659.

..."די עלטערן מיינע האָבן מיך אָפּגערעדט. אָבער איך האָב נישט געלייגט קיין אַכט אויף זייערע רייד. יעדעס מאָל פאַר מיין אַוועקפאָרן איז שוין אין שטוב בוכשטעבלעך נישט געווען וואָס צו עסן. כ'האָב מיטגענומען די לעצטע פאַר זלאָטעס... כ'בין אַריבער די גרענעץ און איינגעהאַנדלט אַביסל סחורה. די סחורה האָב איך געברענגט אַהיים, און די שמחה ביי די עלטערן איז געווען גרויס. נאָר די מורא — גרעסער. זיי האָבן נישט געוואָלט, כ'זאָל נאָכאַמאָל פאָרן. נאָר אַזוי ווי ס'זענען נישט געווען קיין אַנדערע מיטלען פון וואָס צו דערנערן, בין איך געווען געצוווּנגען ווייטער צו פאָרן נאָך שמוגל".

אַזוי מער־ווייניק האָבן געוויינלעך אויסגעזען די וואַנדערונגען פון דאָזיקן מין, די אימפּולסן, וואָס האָבן געשטויסן צו ריזיקירן, צו שלעפּן זיך אויף די וועגן, בכדי צו קענען זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

אין די באַנען האָט אויך געפּלעגט טרעפן פאַרשידן. טיילמאָל האָבן פאַסאַזשירן גופא — אַפילו נישט קיין דייטשן — צוגענומען ביים קליי־נעם די סחורה. און פאַרוואָס זאָלן זיי טאָקע אויך נישט געניסן, ווען מען ווייסט אַז דער קליינער איז אומבאַשיצט, הילפלאָז?

און אויך ער, דער קליינער שלמה, איז איינמאָל צוריקגעקומען פון אַזאַ "יאַזדע" און קיינעם שוין נישט געטראָפן אין שטוב. "די באַראַקן זע־נען געווען פאַרברענט און אַ סך מענטשן... דערהרגעט". נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, איז ער אַוועק צו אַ באַקאַנטן וואָס האָט געהייסן זאַ־לעסקי. דער איז פונדעסטוועגן געווען "גוט אַזוי לאַנג, ווי ער האָט גע־קענט פון אונדז עפּעס געניסן. איצט אָבער, ווען איך האָב זיך גענויטיקט אין זיין הילף, האָט זיך אַרויסגעוויזן וואָס פאַר אַ פאַלשע בריאה דאָס איז". די "סחורה" האָט ער צוגענומען און דעם קליינעם האָט ער דווקא געוואָלט איבערגעבן אין דער זשאַנדאַרמעריע. דעם קליינעם חברה־מאַן האָט זיך אָבער איינגעגעבן צו אַנטלויפן. אויפן וועג צום "דריטן רייך" איז ער גע־וואָרן פאַרהאַלטן. ס'איז שוין געווען ביים סאַמע גרענעץ־פּאַס. ער האָט זיך אָפּגעבעטן און — אָנגעקומען אין דערפל זאַמביסקאַ. דאָ האָט ער געקריגן אַרבעט ביים פויער טשעמיעריך. אַ גוטער פויער געווען. ער האָט נישט געענדערט זיין באַציִונג צו אים, ווען ער איז געוווּיער געוואָרן, אַז דער קליינער איז אַ ייִד. נאָר — דער טייוול שלאָפט נישט. טשעמעריכס

שכנים, וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן ביים אַריבערגיין די גרענעץ, האָבן זיך אויסגעקויפט פון זיי פאַרן פּרייז פון אַ מסירה. זיי האָבן געמסרט טשעמעריכן, אַז ער האַלט אַ ייִד ביי זיך, און אַז ער האָט אויף זיין געוויסן נאָך אַנדערע זינד קעגן די דייטשן. די דייטשן האָבן, אַלזאָ, דורכגעפירט רעוויזיעס און אַרעסטן. דער קליינער איז געוואָרן איינגעזעצט אין דער תפיסה אין פּולטוסק. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען דעם קליינעם איינגעקלעמט די פינגער אין דער טיר, מ׳האָט אים גע־טראָטן מיט די פיס איבערן בויך. „שפּעטער האָט מען מיר פאַרגעלייענט דעם אורטייל, אַז מאָרגן אין דער פרי, אַזייגער צען, וועט מען מיך מיט קאָוואַלטשיקן (דעם צווייטן חבר פון דער צעלע, אַ „פּאָליטישער") אויפ־הענגען".

„ביינאַכט האָבן מיר איבערגעזעגט אַ קראַטע און אַנטלאָפן". מיט דער הילף פון דאָזיקן תפיסה־קאָלעגע, דעם קאָוואַלטשיקן, איז דער קליי־נער אָנגעקומען אַרבעטן אין אַ פאַבריק און באַקומען דאָקומענטן אַלס פאַבריק־אַרבעטער. שפּעטער האָט מען אים געשיקט קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. אין אַלגעראָפּ איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע פּאָליאַקן אויס־געשטעלט געוואָרן דורכן „אַרבעטסאַמט" צום פאַרקויפן. די דייטשן זענען געקומען אויפן פּלאַץ און געקויפט מענטשן פונקט ווי מען האַנדלט אין בהמות. ער איז אויך געווען גוטע „סחורה", מ׳האָט אים גענומען און אַוועק־געפירט קיין האַנאָווער אין אַן אַמוניציע־פאַבריק.

„כ׳האָב געהאַט אַ שלעכטן מייסטער. זעקס אַזייגער באַגינען האָט מען געמוזט אויפשטיין צום פרימאָרגן־אַפּעל, און אַכט אַזייגער אָוונט איז מען געגאַנגען שלאָפן. מ׳האָט אונדז געגעבן זייער שלעכט צו עסן, נאָר דאַנקען גאָט דערפאַר". ס׳איז כאָטש גוט געווען דאָס, וואָס קיינער האָט נישט גע־ווּסט, אַז דאָס ייִנגל איז אַ ייִד. „נאַכט נאָך נאַכט האָבן די ענגלענדער און אַמעריקאַנער געשפּילט איבער אונדז מיט באָמבעס פון זייערע באָמבאַר־דיר־אַעראָפּלאַנען. ביינאַכט זענען פאָרגעקומען באָמבאַרדירונגען און ביי־טאָג האָט מען אָפּגערייניקט די גרוזן. פאַר אונדז איז יעדער אָנפאַל געווען אַ פאַרגעניגן און פאַר די דייטשן — אַ קלאָג און אַ בראָך".

ס׳איז אים, פאַרשטייט זיך, נאָך פאַרגעשטאַנען אַ לאַנגע וואַנדערונג און אַן אַרומוואַלגערן זיך אין דער פרעמד. אָבער דאַסמאָל איז דאָס אַרום־

וואַלגערן זיך געווען מיטן אַנטייל פון אַלע פּאַליאַקן, וואָס זענען פאַרשיקט געווען אין דייטשלאַנד 1).

די צאָל ביאָגראַפיעס פון דאָזיקן מין וואָלט מען זעלבסטפאַרשטענד־לעך געקאָנט פאַרטאָפּלען, פאַרגרעסערן, אַריינרעכענענדיק אויך די „שמוגלער", די פּאַסטעכער, די פאַראָבקעס און די טראַמפּן. וואַנדערונגען, אַנטלויפן פון תפיסות און עקזעקוציעס, קורצווייליקע אַפּרוען, פאַרלירן דאָס קוים באַקומענע אָרט צום שלאָפן. און צו דעם אַלעם דאַרף מען נאָך צוגעבן די פּייניקונגען און טאָרטורן בעת די אויספאָרשונגען. טיילמאָל גייען אַפילו די קאָמפּליקאַציעס (צוליב ספּעציפישע פּרעטעקסטן) אַריבער דער ליניע פון דער דייטשישער אָקופּאַציע.

לעאָן מייבלום (געבוירן אין 1930 אין בזשעזשאַן) האָט אין זיינע וואַנ־דערונגען איבער די דערפער מיטגעמאַכט און צוגעזען אַזויפיל, וויפל ס'איז נאָר מעגלעך פאַר אַ מענטש צו קענען דאָס אַלץ אַריבערטראָגן. צום סוף איז אים פאַרמיאַוסט געוואָרן די אַלע אַרומוואַגלענישן און דענונציאַציעס, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין, דאָס אַרויסרייסן זיך יעדעס מאָל און אַרויסדרייען זיך און ענדלעך באַשלאָסן דורכצופירן איבער זיך אַ „קייסער־שניט", און אַט וואָס ס'האָט זיך באַקומען: אין זיין כסדרדיקער וואַנדערונג האָט ער זיך דערשלאָגן צום דאָרף ווילשאַנקי, וואָס האָט זיך געפונען לעבן יעזשאַרנע. דעם גאַנצן ווינטער האָט ער אָפּגעאַרבעט ביי אַן אָרטיקן פּויער. שפּעטער אָבער, דאָס איז געווען אין אַפּריל 1944, ווען ס'איז ווידער עפּעס אַ יינגל צוגעקומען צו אים אין פעלד און געזאָגט, אַז ער וועט אים מסרן, ער ווייסט, אַז ער איז אַ ייד און געדראָט, אַז ער וועט גיין דערציילן אין דער פּאָליציי... איז וואָס האָט ער דעמאָלט געטון, לעאָן מייבלום? „היות, ווי כ'האָב געוווּסט, אַז דער דייטשיש־סאָוויעטישער פראָנט געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען, האָב איך באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין דער ריכטונג פון פראָנט. כ'האָב גענומען מיין באַליבטן הונט און זיך געלאָזט מיט אים אין וועג אַריין. נאָך אַ סך שוועריקייטן, הונגער און סכנות האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבן אַריבערצוגיין דעם פראָנט. נאָר ווען כ'האָב זיך שוין גע־

1) פּראָטאָקאָל נומ' 273.

האָט געפונען אויף דער סאָוויעטישער זייט, האָט מען מיך אַרעסטירט אַלס פאַרדעכטיקטן אין שפּיאָנאַזש״.

„פיר וואָכן האָט מען מיך געהאַלטן אין תּפיסה. כ׳בין אומצייליקע מאָל געוואָרן אויסגעפאָרשט. פון די אַלע איבערלעבענישן בין איך שוין געווען אַזוי דערשעפּט, אַז ס׳האָט זיך מיר שוין נישט געגלוסט צו לעבן. ביי די אויספאָרשונגען בין איך געווען אַפּאַטיש, אין די אויערן איז מיר געשטאַנען אַ רויש און ס׳האָט מיר געשווינדלט פאַר די אויגן״. ביז ס׳האָט אים אין דער תּפיסה איינמאָל באַזוכט אַ מאַיאָר — אַ ייִד, וואָס האָט גע־האַט מיט אים אַ לאַנגן געשפּרעך און „דער מאַיאָר האָט זיך, זעט אויס, איבערצייגט, אַז כ׳בין אומשולדיק״. דעם 2טן יוני 1944, האָט מען אים באַפרייט פון תּפיסה און איבערגעגעבן אין אַ קינדערהיים. 1)

**
*

בעתן שרייבן וועגן דעם ערשטן פון די אויבנדערמאָנטע קליינע שמוגלערס האָב איך אים אָנגערופן „בר־מזל״. כאָטש זיין גורל איז געווען געננג האַרב און שווער און סענסאַציאָנעל־איבערראַשנדיק, איז ער געווען — אַ בר־מזל״. קודם־כּל דערפאַר, ווייל ס׳האָט אים באמת אָפּגעגליקט מיט די אַלע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געהאַט צו טון. און צווייטנס — ווען ער האָט זיך געפונען אויפן שיידוועג און וועלנדיק זיך ראַטעווען — זיך אָנגעכאַפּט אָן לעצטן ברעט, איז עס געווען אַ גוט ברעט וואָס האָט אים אויסגעהאַלטן. מען וואָלט געקענט פרעגן: אויב אַזוי, הייסט עס, אַז אַזאַ אַרט לעבן פון אַ טראַמפּ און פון אַ כסדרדיקן אַרומוואַלגערן זיך איז געווען גאַנץ נישקשהדיק פון אַ לעבן? געוויס איז עס נישט געווען קיין גוט לעבן. מיר דאַרפן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, זע־נען די טויזנטער פיזישע אומבאַקוועמלעכקייטן געווען אַזוי צו זאָגן, נאָר טעכנישע; אַזעלכע, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער אויסגעוויילטער ראָל, וואָס מ׳האָט אויף זיך גענומען. דערפאַר אָבער האָט ער פאַרן פרייז פון די דאָזיקע אומבאַקוועמלעכקייטן שוין געהאַט — אין מאָמענט פון אַ קריזיס — אַן אויסגעטראָטענעם וועג: ווידער צו אַנטלויפן אין זעלבן כאַראַקטער

1) פּראָטאָקאָל נומ׳ 672.

— אַלס טראַמפּ. ער האָט שוין געוווּסט, ווי אַזוי צו אַנטלויפן, ווי אַזוי זיך איינצוואָרדענען די „נאַכטלעגערס" זיינע, און געוווּסט ווי אַזוי צו פאַר־דינען, ער זאָל זיך קאָנען אויסהאַלטן. און איבער אַלץ: ער האָט געוווּסט, אַז — בכלל — קאָן ער רעכענען נאָר און אויסשליסלעך אויף זיך אַליין. אַז ס'דראָט אַ סכנה — דאַרף מען אַנטלויפן, אָן אָפּשלעפּעניש, נישט אויס־שטעלן אויף קיין פריינטשאַפט, הילף, מיטלייד. אַנטלויפן אויף אייגענער האַנט. נישט פאַרטרויען זיך קיינעם און נישט האָבן צו קיינעם קיין צוטרוי. ווערן פאַרלוירן, פאַרשווינדן, פאַרווישן נאָך זיך אַלע שפּורן.

דאָס איז געווען אַ טרויעריקע, אָבער אַ צילבאַוווּסטע דערקענטעניש. בכדי אָפּצושאַצן איר וואָגיקייט, דאַרף מען פאַרגלייכן דעם גורל פון דאָזיקן יינגל מיטן גורל פון טויזנטער אַנדערע, אַזעלכע ווי ער, וואָס זענען אויך געווען אין זעלבן עלטער.

אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן געפּרוּווט קעמפן פאַרן לעבן אויף דער „אַרישער זייט", זענען געווען שיינע טויזנטער. זיי זענען אַנטלאָפן פון די געטאָס „אויף בלינד" און זייער גיך געוואָרן הילפלאָז. כמעט אין אַלע שטעט און כמעט איבער אַלץ וועגן האָט מען זיי געקענט טרעפן. אַזאַ אויס־געהונגערט יינגל איז געגאַנגען בעטלען, געקריגן אַ שטיקל ברויט פון דעם, פון יענעם. ביז ער האָט געוויינלעך אָנגעטראָפן אויף אַזעלכן, וואָס האָט דעם קליינעם שלעפּערל איבערגעגעבן אין די הענט פון דער דייטשישער „גערעכטיקייט" און — דאָס קינד איז שוין געווען אַ פאַרפאַלנס.

— ס'איז געגאַנגען אויף אומקום. אָדער, צום ביישפּיל די נאַכטלעגערס! אַ סך מאָל האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען עפּעס אַ שטיקל מקום־מנוחה, ווו דעם קאָפּ אָנלעקצולייגן. אָבער צומיינסטן — זוכנדיק אַ געלעגער ווו איבערצונעכטיקן — געפונען דעם טויט. מיט טויזנטער לעבנס האָט דאָס קליינוואַרג באַצאָלט פאַר זייערע מענטשלעכע געוווינהייטן און איינ־רעדענישן... דער קליינער, וואָס איז אַנטלאָפן פון געטאָ, איז קודם־כל געגאַנגען אויף דער אַלטער דירה ווו זיי האָבן אַמאָל געוווינט; צו די געוועזענע קריסטלעכע באַקאַנטע, מיט דער אויסרעכענונג, אַז דאָ וועט ער געוויינלעך געפינען אַ מענטשלעכן צוגאַנג, מיטגעפיל צו זיך. אָבער גראָד אין די ערטער טאַקע, ווו אַלע האָבן אים געקענט — אפילו ווען ער האָט פון אַ טייל געקריגן צייטווייליקע הילף — איז ער געפאַלן אַ קרבן פון אַ

דענונציאַציע דורך אַ ליאַדע וועמען. דער הויפּטשטריך, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די אַלע קינדער, איז געווען דאָס אַרומבלאָנקען זיך, פון איין אָרט אויפן צווייטן, נישט־וויסנדיק וווהין צו גיין און צו וועמען זיך צו ווענדן. דאָס האָט זיי גיך מיד געמאַכט און זיי זענען געוואָרן באַהערשט פון אַ פיזישער דערשעפּונג, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך אַן אָפּשוואַכונג פון זייערע וואַכזאַמע חושים און זיי געמאַכט נאָך מער הילפלאָז.

די קינדער, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט (און וועמענס גורל מען וואָלט געקענט באַשרייבן אויפן סמך פון זייערע אייגענע רעלאַציעס), זענען אויסנאַמען. די קינדער פון זייערס גלייכן, די אַלע איבעריקע קינדער פון זעלבן עלטער, פון זעלבן דור וואָס זיי — האָבן געהאַט אַ סך ווייניקער מזל. זיי זענען אומגעקומען מאַסנווייז און טאָג־טעגלעך. מ׳האָט זיי אויפגעכאַפּט — די אַלע קינדער — פאַרשטאַרטע פון קעלט און הונגער, זיצנדיק איינגעקאָרטשעטע אויף די ראָגן, אין די נישעס, אין די טויערן, אויף די שטיגן, אויף אַלע וועגן. מ׳האָט זיי געשאָסן אויף אַלע וואַכפּאָסטנס און פּאָליציי־פּאָסטערונקעס, צומיינסטן באַלד אויפן אָרט, בכדי זיך איינצוברענגען צייט און מי צו שלעפּן זיך מיט זיי...

טיילמאָל האָט דער צופאַל צונויפגעפירט צוויי קינדער צוזאַמען, אָדער עטלעכע קינדער, וואָס זענען געוואָרן פאַרפּאָלגט, אַזוי ווי די חיות... פון דאַן אָן האָבן זיי זיך שוין אין איינעם דורכגעריסן דורך דער דזשונגל. מיט דער צייט האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן גאַנצע גרופּן. אַזאַ גרופּע איז, צום ביישפּיל, געווען די חברה „פּאַפּיראָסן־הענדלער“ אויפן פּלאַץ דריי קרייצן 1) אין וואַרשע. יעדער איינער פון זיי איז אַנטלאָפן פון געטאָ לויט דער אייגענער איניציאַטיוו. אויף דער „אַרישער זייט“ האָט זיי צונויפגעברענגט דער צופאַל. זיי האָבן דאָ פאַרדינט — ווי ס׳ווערט קלאָר פונעם טיטל גופא — הויפּטזעכלעך פון פאַרקויפן פּאַפּיראָסן. אָבער נישט בלויז פון דעם אַליין: טיילמאָל ווי הויפּזינגער, אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי זיך פאַרדונגען צו פאַרשידענע געלעגנהייטלעכע אַרבעטן.

1) פאַרגלייך דעם ציקל רעלאַציעס פון יוזעף זיסמאַנען אונטערן זעלבן טיטל, וואָס זענען געוואָרן געדרוקט אין המשכים אין עטלעכע נומערן פון „נאַשע סלאָוואָ“ (אין דריטן קוואַרטאַל פון 1948).

אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן ס'האָט זיך פאַרגרעסערט זייער „אַנ־סאַמבל":

„...באַלד אינדערפרי, ווי געוויינלעך, זענען די קינדער געפאָרן קיין פּראַגע 1) אין רעזשיצקעס באַזאַר. דאָרט האָט שוין „ביטשעק" 2) געוואַרט פאַרן אַריינגאַנג.

— וווּ איז „באַלוש" 2) — האָט ער אַ פרעג געטון זיין באַליבטן חבר.

— ער איז געלאָפן אין שטאָט אַריין, ר'האָט געפונען קאַלאָריפערן 3). נעכטן איז ער דאָרט אָפּגעזעסן אַ גאַנצן טאָג — האָבן אים די קינדער אָפּגעענטפערט.

זיי זענען אַריין אין באַזאַר. נאָך דעם, ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן פרישטיק און איינגעקויפט פּאַפּיראָסן, זענען זיי אַוועק אויף דער טאַרגאָווע גאַס. ביי אַ מויער איז געשטאַנען אַ יינגל און געהאַלטן אין האַנט אַ וואָג צו פאַרקויפן.

— „אָקאַזיאַ! אָקאַזיאַ"! 4) — האָט ער געשריגן. פון אונטערן ציק־ליסטן־היטל, וואָס ער האָט געטראָגן אַראָפּגערוקט אונטערן שטערן, האָבן אַפּערגעקוקט פאַסן בלאָנדע האָר. דאָס פּנים איז געווען אויסגעמאַגערט, ברודיק. „ביטשעק" איז ראַפּטום געבליבן שטיין און געקוקט, ווי ער וואָלט נישט געווען געגלויבט זיינע אייגענע אויגן.

— וואָס איז געשען? — האָבן אים אַ פרעג געטון די קינדער.

„ביטשעק" האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אויפמערקזאַם איינ־געקוקט אינעם יינגל, וואָס איז געשטאַנען ביי דער מויער.

— „ביטשעק", ווער איז עס? — האָט אים „קולאַס" געצויגן פאַר אַן אַרבל.

— דאַכט זיך, אַז דאָס איז קאַזשיק, „פראַנצויז". כ'האָב אייך שוין דערציילט וועגן אים — האָט געענטפערט איגנאַץ (דאָס הייסט, „ביטשעק"). און ווען ער איז שוין געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דאָס איז טאַקע ער, האָט

1) פאָרשטאָט פון וואַרשע אויף דער אַנדערער זייט ווייסל.
2) צונעמען פון באַזונדערע „מיטגלידער" פון דער גרופּע.
3) וועגן דער באַדייטונג פון די דאָזיקע קאַלאָריפערן פאַרן לעבן פון די קינ־דער וועלן מיר נאָך באַזונדער רעדן.
4) אַ געלעגנהייט! אַ געלעגנהייט! ניצט אויס די געלעגנהייט.

ער געגעבן אַ לויף־אונטער צו דעם ייִנגל ביי דער מויער. געטון אים דע־ליקאַט אַ שטויס אין דער זייט. יענער האָט זיך אַ דערשראָקענער אַ ריס געטון און שוין געוואָלט נעמען לויפן. „ביטשעק" האָט געוויזן מיט אַ פינ־גער אויפן מויל, אַז ער האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן.

— פון וואַנען האָסטו זיך דערנומען אַהער? — האָט ער אים אַ פרעג געטון נאָך אַ ווייל, ווען זיי זענען אָפּגעגאַנגען אין אַ זייט.

— מיט עטלעכע וואָכן צוריק בין איך אַנטלאָפן פון פּאָניאַטאָוו,1) פון דעמאָלט אָן דריי איך זיך אַרום אין שטאָט: איך נעכטיק דאָ אין די גרוזן — האָט ער אָנגעוויזן אויף די חורבות וואָס האָבן זיך געפונען לעבן באַזאַר.

— און פון וואַנען האָסטו די וואָג? — האָט „ביטשעק" ווייטער גע־פרעגט.

— אַ באַקאַנטער שלאָסער האָט זי מיר געגעבן צו פאַרקויפן. ער גיט מיר פאַרשידענע זאַכן. האָב איך זיך צו קויפן עסן... און וואָס טוסטו, פון וואָס לעבסטו? — האָט ער צוריקגעפרעגט, באַמערקנדיק די קינדער, וואָס זענען געשטאַנען פון דער ווייטנס, און צוגעגעבן: — ווער זענען זיי דאָרט אַלע? וואָס קוקן זיי אַזוי אויף אונדז?

„ביטשעק" האָט זיך אומגעקוקט: — דאָס זענען אונדזערע יאַטן. האָב נישט קיין מורא... גיי, טראָג אָפּ די וואָג. מיר וועלן צוואַרטן. וועסט גיין מיט אונדז".

אַ צווייט מאָל האָבן די דאָזיקע קינדער דערקענט אַזעלכע פאַרפאָלגטע ווי זיי, ווען זיי האָבן אַמאָל אָנגעטראָפן עטלעכע מיידלעך, וואָס זענען גע־ווען דורכגעפרוירן ווי די שטיינער. אָן אַנדערש מאָל ביים צופעליקן אָנ־טרעפן זיך מיט „קאָנקורענטן".

צום ביישפּיל:

די גרופּע איז געגאַנגען איבער די הייף ווי „זינגער". זיי זענען צו־געקומען צו אַ ווייטערדיקן טויער און אַריינגעקוקט אין הויף און געזען: אין מיטן הויף זענען געשטאַנען צוויי פרעמדע קליינע ייִנגלעך און גע־

1) אַ לאַגער וווּ די מענטשן זענען געבראַכט געוואָרן צ"א צום אומברענגען.

זונגען. פון די פענצטער האָט מען זיי אַראָפּגעוואָרפן געלט, וואָס איז געווען פאַרוויקלט אין פּאַפּירלעך.

— זיי פאַרקריכן אין אונדזער פּאַראַפּיע. — האָט פּאַוועל פעסטגעשטעלט.

— וויפל האָט עטץ פאַרדינט? — האָט זיי זענעק פאַרטשעפּעט, ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון טויער.

נאָך אַ קורצן שמועס האָבן זיי זיך „דערשמעקט". דאָס איז געווען דער צוועלפיעריקער יאַנעק מיט זיין ניינעריק ברודערל.

— מיר זענען געבליבן אַליין, — האָט דער עלטערער זיי אינפאָרמירט — די עלטערן זענען געשטאָרבן אין שפּיטאָל אויף פלעקן־טיפוס. די שוועסטער האָט מען גענומען קיין טרעבלינקע 1). מיר גייען איבער די הייף און זינגען. דער ברודער נעכטיקט ביי אַ פּאָליאַק אויף גראָכאָווסקע־גאַס. מאָרגן נעמט ער אים צו זיך. ער וועט שוין ביי אים זיין כסדר. איך האָב נישט ווו צו שלאָפן. שפּעט ביינאַכט קריך איך אַריבער דעם אייזערנעם פּאַרקאַן פון פּאַדערעווסקי־פּאַרק (אין פּראַגע) און דראַפּע זיך אַרויף אויף דער מוזיק־עסטראַדע. דאָרט שלאָף איך אויף שטולן צווישן די פּולפּיטן...

— מיר זענען אויך געבליבן אַליין. מיר האָבן נישט ווו צו שלאָפן. מיר נעכטיקן אויף ביידעמער. די לעצטע נאַכט האָט אונדז אַנטדעקט דער „טשעטש" 2). גיב אַ קוק! — פּאַוועל האָט געוויזן זיינע בלויע צייכנס אויף די הענט און דעם בייל אויפן קאָפּ.

— דאָ אויף דער סאַסקע־קעמפּע שלעפּט זיך אַרום נאָך איינער פון אונדזערע יינגלעך — האָט זיך יאַנעק אָנגערופן.

— ער איז איצט נישט ווייט פון דאַנען — האָט צוגעגעבן דאָס קליינע ברודערל.

— פון וועלכער גאַס איז ער? — האָט פּאַוועל אַ פרעג געטון.

— כ'ווייס נישט, קום, וועלן מיר זען.

די קינדער זענען אַוועק צו דער סאַסקע־קעמפּע...".

1) איינער פון די שוידערלעכסטע טויטן־לאַגערן.
2) הויזוועכטער

אַרישע פּאַפּירן

***

דאָס אָנהאַלטן פאַרבינדונגען האָט געהאַט אי גוטע אי שלעכטע זייטן. דעם פּריש־צוגעקומענעם האָבן די חברה גיך באַקענט מיט די אַלע ערטער זייערע און „געגנג". זיי האָבן אים געלערנט ווי אַזוי צו זיין פּאַרזיכטיק ביים פּאַרקויפן פּאַפּיראָסן, ווי אַזוי זיך צו פּאַרהאַלטן; אינפאָרמירט וועגן אַזעלכע ווי זיי, נאָר נישט־ייִדן, קאָלעגן פון פּאַך: ווער ס'איז אַ שונא און ווער — אַן „אייגן יינגל" — אַ „פּשיאַטשעל". אין דער פרי האָבן זיי זיך אָפּגעשמועסט, ווער ס'גייט אין דער זייט און ווער — אין יענער. און ווי זיי טרעפן זיך נאָך מיטאָג.

„נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז מ'האָט זיך קעגנזייטיק אויסגעמיטן אין משך פון טאָג. איינער איז נישט צוגעגאַנגען צום צווייטן, מכלו־מרשט, ווי זיי וואָלטן זיך אינגאַנצן נישט געווען געקענט. אָפטמאָל האָבן זיך די קינדער איבערגעוווּנקען איינס צום צווייטן, פּילבאַדייטיק, זיך איבערגעגעבן קוים־אויפכאַפּנדיקע צייכנס, און זענען זיך ווייטער געגאַנגען יעדער אין זיין זייט".

זיי זענען געשלאָפן ווו דער גורל האָט זיי דערלויבט. איין מאָל ביי אַ זיכערע גוטע „באבעשי", וואָס האָט זיי פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל דערלויבט איבערצונעכטיקן ביי זיך אויפן שטרוי. אַ צווייט מאָל — ווי מיר האָבן שוין געהערט — צווישן רוינען, און נאָך אַן אַנדערש מאָל האָבן זיי זיך אַריינגעגנבעט אויף איבער נאַכט ערגעץ אין אַ סוטערינע, צי אויף אַ בוידעם, ווו נישט אַלעמאָל איז עס, נאַטירלעך, דורכגעגאַנגען אָן שווערע איבערלעבונגען. ווי ס'איז, למשל, געשען מיט דעם, וואָס האָט שוין אויבן דערציילט בעתן שמועס פון די צוויי יאַטלעך, ווי אַזוי מ'האָט אים מכבד געווען מיט קלעפּ, מיט שיניאַקעס און גוזן.

די אייגנטלעכע געשיכטע איז פאָרגעקומען אַזוי:

„פּאַוועל און זענעק זענען געלעגן צונויפגעדריקט אויפן בוידעם פון נעם הויז, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ראָג סאַסקע און וואַשינגטאָן־אַלייע. אַ לאָקאַטאָר האָט דערהערט אַ פאַרדעכטיקן שאָרך, וואָס איז געגאַנגען פון דער הייך, פונעם בוידעם. ער האָט מודיע געווען דעם סטרוזש. דער הויזוועכטער האָט געכאַפּט דאָס לעמפּל און אַרויפגעלאָפן אויפן בוי־

דעם. ער האָט די שלאָפנדיקע חברה־לייט אַריינגעלויכטן גלייך אין פּנים אַריין. ער איז צו צו פּאַוועלן און אים געגעבן אַ קאָפּע מיטן פוס. די קינדער זענען איבערגעשראָקענע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָט דער סטרוזש געפרעגט.

— מיר זענען פון פּאָלוס (אַ הויז פאַר היימלאָזע). מיר האָבן פאַרשפּעטיקט אין „פּשיטולעק" — האָבן זיי אַרויסגעקרעכצט.

— ווען וועט איר דערציילן אַ מעשה. איר זענט געקומען גנבענען וועש! — און גענומען דערלאַנגען די ייִנגלעך מיטן שטעקן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט.

— ניין, פּראָשען פּאַנאַ — האָבן זיי זיך געפּרוּווט פאַרענטפערן — שלאָגט אונדז נישט.

ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. זענעק איז אַריבערגעשפּרונגען די באַלוס־טראַדע און אַראָפּגעגליטשט זיך פון אַלע שטיגן אויפן פּאָרענטש ביז אונטן אַראָפּ. פּאַוועל האָט זיך געלאָזט נאָך אים. זיי זענען אַראָפּגעלאָפן אויפן הויף און צום טויער. דאָס טויער איז געווען פאַרמאַכט. דער סטרוזש האָט זיי נאָכגעיאָגט און אין טויער זיי ווידער דערלאַנגט קלעפּ. זיי זענען צוגעלאָפן צום הילצערנעם פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם הויף פון דרויסנדיקן פעלד. זיי האָבן זיך גענומען אַרויפדראַפּען אין דער הייך. דער יונגערער, זענעק, האָט צוגעהאָלפן דעם קרענקלעכן פּאַוועל.

דער סטרוזש האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט איינשטילן:

— איר, גנבימלעך, וואָס איר זענט! ס'האָט זיך אייך נישט איינגעגעבן! אָבער דערפאַר וועט איר מיך האָבן צו געדענקען!...

איידער ער האָט באַוויזן ווידער צוצופאַלן צו זיי, האָבן זיי זיך שוין דערוויי̆ל אַרויפגעקריגן אין דער הייך און אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּאַרקאַן און זיך פאַרשטעקט אין דער תּבֿואה, וואָס האָט זיך געפונען דערלעבן.

זיי זענען דאָ אַזוי אָפּגעזעסן ביז אין דער פרי. ווען ס'איז געוואָרן טאָג, האָבן זיי זיך געוואָלט אַרויסקריגן אומבאַמערקטערהייט אויף דער גאַס אַרויס. אָבער אויף צו להכעיס האָט גראָד אַ גרופּע אַרבעטער געאַרבעט ביים פאַריכטן דעם ברוק אויף דער וואַשינגטאָנער אַלייע. די ייִנגלעך האָבן נישט געוווסט וואָס פאַראַ מענטשן דאָס זענען. ס'האָט זיך זיי אויסגעוויזן,

אַז דאָס זענען נישט סתם קיין אַרבעטער, מסתמא זענען עס די זעלבע לייט, וואָס האָבן זיי נאָכגעשפּירט און איצט צוגעגרייט אַ פּולאַפּקע אַריינצוכאַפּן זיי. יעדן צופעליקן פאַרבייגייער האָבן זיי חושד געווען, אַז ער איז אַ „שפּיצעל״, וואָס איז גרייט זיי צו כאַפּן און איבערגעבן דער פּאָליציי.

— לאָמיר זיך צעטיילן, — האָט פאַוועל געזאָגט, — דו וועסט אַנט־לויפן אין דער זייט פון דער סאַסקע־קעמפּע און איך — אין דער זייט פון גראָכאָוו. אפשר וועט זיך כאָטש איינער פון אונדז ראַטעווען.

זיי זענען אַרויסגעשפּרונגען פונעם קאָרן און זיך צעלאָפן אין פאַר־שידענע זייטן. די גאַס־אַרבעטער האָבן מיט שטוינונג נאָכגעקוקט די אַנט־לויפנדיקע חברה־לייט.

אין אַ שעה אַרום האָבן זיך די ברידער געטראָפן אויפן פעלד צווישן סאַסקע־קעמפּע און גראָכאָוו.

— מ׳האָט מיך אינגאַנצן נישט נאָכגעיאָגט — האָט זיך דער ערש־טער אָנגערופן זענעק, באַמיִענדיק זיך אַרויסצוברענגען אַפילו אַ שמייכל.

— און איך, — האָט געזאָגט פאַוועל — אַז כ׳האָב זיך געגעבן אַ קוק אַרום און געזען, אַז ס׳איז קיינער נישטאָ, בין איך געווען זיכער, אַז דאָס האָבן זיי זיך געלאָזט נאָך דיר.

— קום, לאָמיר גיין, ס׳אַ שאָד די צייט. מען דאַרף עפּעס פאַרדינען אויך — האָט זיך זענעק אויפגעהויבן צום גיין.

זיי זענען אַריין אין אַ הויף. זיך אַוועקגעשטעלט לעבן דעם הילצערנעם געשטעל, ווו מען לופטערט בעטגעוואַנט און אָנגעהויבן זינגען דאָס פּאָ־פּולערע פּוילישע פאָלקסלידל:

„גענשי זאַ וואָדאָן, קאַטשקי זאַ וואָדאָן,
אוטשעקיי דזשעווטשינאָ 1)...
— — — — — — — — — — — — — —.״

***

אינעם דאָזיקן הימלאָזן לעבן איז אַן ערנסטער און צודריגגלעכער שונא געווען אויך — דער פראָסט. ווי ס׳איז נאָר געווען אַ מעגלעכקייט

1) „גענדזלעך אויפן טייך, קאַטשקעס אויפן טייך. נעם, אַנטלויף זשע, מיידל...״

זיך צו דערוואַרעמען האָט עס געצויגן אַהין ווי מיט צוואַנגען. דערפון נעמט זיך אויך דער אויסערגעוויינלעכער מאַגישער כוח פון די קאַלאָריפערן, וועגן וועלכע מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט.

„...די קעלט איז וואָס אַמאָל מער דערגאַנגען די יאָרן. באַלוש איז צוזאַמען מיט זיין שותפטע אַרויסגעשפּרונגען פון טראַמוויי אויף דער סטאַ־ציע, וואָס האָט זיך געפונען ראָג קשיאַנזשענצע און טשערניאַקאָוו. אַביסל ווייטער האָט זיך געפונען די געביידע פון דער קראַנקן־קאַסע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף די שטיגלעך פאַרן ברייטן אַריינגאַנג. באַלוש האָט אַוועקגעלייגט דעם בערעט אויף די קני און אַרויסגענומען פון אים אַ פּאַפּירל נאָך אַ פּאַפּירל. זיי האָבן איבערגעציילט דאָס „פּאַרדינסט״ און זיך געטיילט דערמיט. די ברייטע גלעזערנע טירן פונעם הויפּט־אַריינגאַנג האָבן זיך געהאַלטן אין איין עפענען און פאַרמאַכן. דאָס זענען אַ גרויסע צאָל אינטערעסאַנטן פון דער קראַנקן־קאַסע געגאַנגען אַריין און אַרויס. ביי יע־דעס מאָל עפענען און פאַרמאַכן די טיר האָט אַ וואַרעם ווינטל אַרויסגעַ־ווייעט און אָנגענעם פאַרהילט די פּנימער פון די צוויי קינדער. דאָס מיי־דעלע האָט פון נייגעריקייט וועגן אַריינגעקוקט אינעווייניק... צווישן די ערשטע און צווייטע טירן האָבן זיך געפונען די קאַלאָריפערן. אַ סך מענטשן, וואָס האָבן באַדאַרפן פאָרן מיטן טראַמוויי, זענען — אַנשטאָט צו ווערן דורכגענומען פונעם שאַרפן פראָסטיקן ווינט אין דרויסן — בעסער געשטאַ־נען דאָ הינטער די טירן אין דער וואַרעם און דאָ געוואַרט אויפן טראַמוויי. דאָס מיידעלע האָט זיך אומבאַמערקט אַריינגעשאַרט אַהין און זיך צוגעַ־טוליעט צום וואַרעמען קאַלאָריפער. זעענדיק, אַז די שותפטע קומט נישט צוריק, האָט באַלוש אויך אַריינגעקוקט אַהין און זי געזוכט מיט די אויגן צווישן די מענטשן. ער האָט זי דערזען ביים קאַלאָריפער און נישט לאַנג טראַכטנדיק אַריין אינעווייניק. ער האָט זיך צוגעשאַרט צום מיידעלע און זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר אויף דער ערד אונטערן קאַלאָריפער... מענטשן זענען אַריינגעגאַנגען און אַרויסגעגאַנגען פון דער געביידע. מ'האָט זיך געאיילט, געשטופּט מיט די עלנבויגנס און נישט באַמערקט די צוויי היימ־לאָזע נפשות... די קינדער האָבן זיך דערוואַרעמט די דורכגעפרוירענע ביינער און פעסט איינגעשלאָפן. זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט ערשט, ווען

אַרישע פּאַפּירן

ס׳האָט זיך צעקלונגען דאָס מיטאָג־גלעקל אין דער גאַזאָווניע, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות מיט דער קראַנקן־קאַסע״.

נישט קיין קלענער פּראָבלעם איז געווען דאָס דערנערן זיך. די קינ־דער האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעפּונען ווילטעטיקע קיכן. טיילמאָל האָט זיי אַ צופעליקער בעל־רחמנות געגעבן עפּעס אָפּצועסן. אַ באַזונדער קאַ־פּיטל שטעלט מיט זיך פאָר די פּראָפּעסיאָנעלע זייט, דאָס שטייגער־לעבן פון די גאַסן־קינדער, און נאָך אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען 1).

---

1) נישט לאַנג צוריק איז געוויזן געוואָרן אויפן עקראַן אַן אונגאַרישער פילם אונטערן נאָמען „ערגעץ־ווו אין אייראָפּע...״. ס׳איז דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון די שלעפּערלעך־קינדער, די קרבנות פון דער מלחמה. עס זענען געווען אויך אַנדערע פילמען וועגן קינדער אין די מלחמה־יאָרן. אַז מ׳האָט געזען די דאָזיקע פילמען איז נישט־ווילנדיק געקומען אויפן געדאַנק די איבערלעבונגען פון די יידישע קינדער. אין דאָזיקן פריער־געבראַכטן כאַראַקטעריסטישן פראַגמענט איז זיכער פאַראַן נישט ווייניקער עלעמענטן, וואָס זענען פילמיש־פאַרכאַפּנדיק בעלעטריסטיש־שטאַרק, נישט ערגער ווי אין יענע אַלע פילמען.

V

פערזענלעכע „אטריבוטן“

1. אַ יונג מיידל מאַכט פון זיך אַ „פּאַרזעניש“. — 2. נישט־ייִדן מיט ייִדישע שטריכן. — 3. פּרוּוונגען פון רעליגיע. — 4. אַן אמתער" שלאַכטשיץ. — 5. נערוון און נערוועזקייט. — 6. דער עקסצענטרישער מאַדיאַר און די „אַריערין“ פון ווין. — 7. די באַדייטונג פון אַ קאַרעקטער שפּראַך און פון אַ גוטן אַקצענט. — 8. אַ חסיד אין דער ראָלע פון אַ קלויסטער־בעטלער. — 9. קאַלט בלוט און רו.

כדי אויסצובאַהאַלטן די ייִדישע אָפּשטאַמונג האָט מען — אַ חוץ „פּאַפּירן“ געדאַרפט באַזיצן נאָך עטלעכע קלייניקייטן. ראשית אַן „אַנט־שפּרעכנדיקן“ אויסזען. שנית, אַ גענויע קענטעניש פון דער פּוילישער שפּראַך און פון די מנהגים.

בנוגע דעם פּיזישן אויסזען האָט זיך אַפילו געשאַפן אַ פּרעקטיקער נעאָ־לאָגיזם — דער באַגריף פון „גוטן“ אָדער „שלעכטן“ אויסזען. אַ „גוטער“ האָט לחלוטין נישט באַדייט אַ שיינער, עלעגאַנטער, געזונטער אָדער סימפּאַ־טישער. פאַרקערט: מען האָט געקענט זיין מיאוס און אַ קאַליקע, מען האָט געקענט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ קראַנקן, אַנטיפּאַטישן אָדער אַפילו אָפּ־שטויסנדיקן מענטש און דערביי האָבן אַ „גוטן“ אויסזען. און פאַרקערט. ווייל אַ „גוטער“ אויסזען האָט געהייסן אַזאַ, וואָס האָט נישט פאַראַטן די ייִדישע אָפּשטאַמונג.

אגב אורחא איז — אַ חוץ באַזונדערס טיפּישע פאַלן — געווען נישט קיין לייכטער ענין פעסטצושטעלן געמוי אין וואָס אַזאַ „גוטער" אויסזען באַשטייט אייגנטלעך. אין געטאָס פלעגט מען למשל אַ געוויסע צייט האַלטן, אַז דער יסוד פון אַרישקייט און „גוטן" אויסזען זענען בלאָנדע האָר. דער־פאַר פלעגן טאַקע די ברונעטע פּרויען אַריבערגייענדיק אויף דער „אַרי־שער" זייט צוזאַמען מיט זייער נאָמען ענדערן אויך די פאַרב פון זייערע האָר. ווען דעם אָבער האָט זיך באַלד דערוווּסט די פּאָליציי, ווי אויך די מוסרים און שאַנטאַזשיסטן און בלאָנדע פרויען זענען געווען שטאַרק פאַר־דעכטיק. ווי אַ רעאַקציע — האָבן פרויען, וואָס האָבן געהאַט נאַטירלעכע בלאָנדע האָר געגומען פאַרבן זיי אויף שוואַרץ. אַ סך וויכטיקער פון די „איינגעבוירענע" אייגנשאַפטן פלעגן אָפּט זיין למשל קאָסמעטישע פּרטים: דער אופן פון קאָמען זיך אאַ״וו.

מיר האָבן שוין דערמאָנט די „פריילין פעלע" (מיר וועלן זיך האַלטן ביי דעם משל, נישט וועלנדיק אַריינפירן קיין נייע ביישפּילן): אירע פריינט האָבן געמאַכט פון איר אַ סטראַשידלע, אַבי זי ענלעך צו מאַכן צו אַן „אַריערין"... גלאַט פאַרקעמטע האָר, מיט אַ שרונט אין מיטן, אויך גע־פאַרבטע ברעמען. אַ חוץ דעם אַ פּליושן היטעלע וואָס האָט נאָך געדענקט פראַנץ יאָזעפס צייטן, טיף אַראָפּגערוקט אויפן שטערן.

אין שפּיגל האָט זיך (אויפן אָרט פון דעם ניינצן־יעריקן מיידל) באַ־וויזן עפּעס אַ פינף און דרייסיק יעריקע פרוי. אַ טיפּ פון אַ לערעריז פון אַ פאָלקס־שול אין אַ פאַרוואָרפן דערפל הונדערטער קילאָמעטער פון אַ שטאָט.

אַ פריינטלעך געשטימטער מענטש האָט אָבער דעם מיידל געגעבן אַן עצה:

— „זאָל אייך נישט אַרן וואָס איר זעט נישט אויס שיין, דערפאַר זעט איר אָבער אויס „גוט", סלאַוויש... איר מוזט פאַרגעסן אין דעם ווילן צו געפעלן ביז דער צייט ווען איר וועט ווידער קענען שפּילן אייערע אמתע ראָלע". הייליקע ווערטער. דאָס וואָלט אָבער געווען ריכטיק ווען דער מענטש וואָלט געווען אָפּהענגיק בלויז פון איין איינזען! אין דעם געיעג נאָך אַ מקום־מנוחה באַקומט די „פריילין פעלאַ" (אָדער בעסער געזאָגט, דעמאָלט שוין מאַריאַ בלאַשטשיק) אַ פּאָסטן פון אַ קעלנערקע אין אַ קליינ־

שטעטלדיקן קאַפּע און דווקא אין אַ לאָקאַל „פּאַר דייטשן": „ס'איז נישטאָ קיין עצה איך מוז ענדערן מיין פריזור און דעם הוט. ווילנדיק זיין אַ קעל־נערקע... מוז איך אויסזען יונג און מאָדערן... איך מאַך מיר לאָקן. איך בין אינגאַנצן נישט ענלעך צו זיך אַליין".

אַ סך אויפמערקזאַמקייט האָט מען, אגב, געמוזט ווידמען נישט נאָר דעם אויסזען, נאָר אויך די אומשטענדן, דער סביבה, דעם הינטערגרונט. איך געדענק אַזאַ פאַקט: איינער, אַ ייִד, וואָס האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" אין לעמבערג האָט געהאַט אַ זייער „גוטן" אויסזען. דאָס האָט אים צוגעגעבן זיכערקייט און ער האָט זיך פראַנק און פריי אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט. קיינמאָל האָט ער אָבער דאָס נישט געטון אין געזעל־שאַפט פון דער פרוי, מיט וועלכער ער איז געווען זייער אינטים באַפריינ־דעט. די פרוי איז נישט געווען קיין ייִדישע. זי האָט נישט געוווּסט פון דער ייִדישער אָפּשטאַמונג פון איר פריינט און אירע איבערצייגונגען (אויב מען קען אַזוי באַצייכענען דאָס בינטל פאַראורטיילן) זענען אַפילו געווען אַנטי־סעמיטישע. די קאָנסעקווענטע אָפּזאָגן פון איר געליבטן אין פרט פון די געמיינזאַמע שפּאַצירן האָבן ביי איר גורם געווען א וואָס מאָל אַ גרעסערע פאַרביטערונג. בפרט ווען ער פלעגט אָפט אַרומגיין מיט אַנדערע פרויען. עס איז געקומען צו אַוואַנטורעס און קריגערייען. ער האָט אָבער פון זיינס נישט געוואָלט אָפּטרעטן. אַ פרוי — ווי אַ פרוי — האָט אים חושד געווען, אַז ער פאַראַט זי (ווי קען דען זיין אַנדערש?). דערווייל זענען די סיבות געווען נישט פאָעטיש פשוטע: די דערמאָנטע געליבטע (אגב אַ שיינע, נישט געקוקט דערויף וואָס זי האָט מיט ייִדישקייט נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא און איז געווען אַן אַנטיסעמיטקע), האָט אָבער געהאַט אַ סעמיטישן אויסזען. איר האָט דער דאָזיקער פרט נישט געשטערט און קיינמאָל אַפילו נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. ער אָבער האָט דאָס איינמאָל באַמערקט און פון דעמאָלט־אָן כסדר געדענקט. ער האָט מורא געהאַט, אַז „טאָמער מען וועט זי נאָר איינמאָל צופעליק פאַרהאַלטן, וועט... ער אַריינפאַלן".

**
*

מיינע אַ באַקאַנטע ר... לעבנדיק אויף „אַרישע פּאַפּירן" אין וואַרשע, האָט אַ געוויסע צייט געוווינט (מיט איר זיבן־יעריקער טעכטערל אינקע)

ביי דער משפּחה פּאַוולאָווסקי, האַרציקע און גוטע מענטשן. אַ צווייטע שטוב אין דער זעלבער דירה האָבן פאַרנומען די ל... מיט זייער זונעלע. די ל... איז געווען אַ פאַרביסענע אַנטיסעמיטקע. זי האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז פרוי ר... איז אַ ייִדישע. צו דער ר.... פלעגט קומען אַ פריינדין — העלענאַ פּיורקאָווסקאַ — אַ פּאָלקע און אַן „אמתע אַריערין", אגב אַ זייער מוטיקע פרוי, וועלכע האָט געטון ייִדן אַ סך טובות. זי פלעגט אויך דערליידיקן פאַרשידענע ענינים פאַר דער פרוי ר. ביי דער מאַדאַם ל. איז פּלוצים אַנטשטאַנען אַ חשד, אַז העלענאַ איז אַ ייִדישקע. שווער צו זאָגן פאַרוואָס. „ייִדישע" שטריכן? אפשר; הגם פאַר אַנדערע זענען זיי געווען כשר. די אויסשפּראַך? אויך מעגלעך; הגם פרוי העלענאַ האָט גערעדט אַזאַ אָרגאַניש ריינעם פּויליש, וואָס האָט נאָר געקענט אַרויסטראָגן פון איר — ווי ווייט מען קען זיך פאָרשטעלן — פּוילישער און „אַרישער" היים. און אפשר גאָר... אפשר האָט זי בעת אַ שמועס מיט דער ל. נישט גענוג טאַקטפול זיך אויפגעפירט און נישט אויסגעדריקט אַ גענוגנדיקן ענטוזיאַזם פאַרן געדאַנק, אַז מען וועט שוין די זשידעס איינמאָל פאַר אַלע מאָל ביז צום לעצטן אויסמאָרדן? אַ פאַקט איז, אַז פונעם חשד איז געוואָרן אַ זיכערקייט און די ל... האָט גענומען איבערצייגן די פרוי ר. (די ייִדישקע, וועגן וועלכערס יחוס זי האָט נישט געוווּסט) אַז זי זאָל מיט „אַזאַ איינער" נישט פאַרקערן, אַז מען דאַרף „אַזעלכע" אויסמיידן... די פרוי ר. האָט פאַרזיכערט, אַז זי קען העלענען און איר משפּחה פון אַ לאַנגער צייט, אַז דאָס חשד אין איר ייִדישקייט איז אַן אומזין. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן די ל. האָט „געוווּסט דאָס איריקע".

צום קולמינאַציע־פּונקט איז געקומען ערב דעם קריסטלעכן פּסח. אין שטוב אַ פאָרעניש, אַן ערב יום־טובדיקע שטימונג. (אַזוי ווי אין אַלע שטובן אין דער זעלבער צייט). מען קאָכט, מען באַקט, מען רייניקט. אַ האַרציקע אַטמאָספערע. פאַר דער קליינער אינקע גרייט מען צו אַ קיישעלע מיט „שוויענצאָנע", די ל. גיט אויך צושטייער. מיטאַמאָל קומט אַריין העלענאַ, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט, בעט די פרוי ר. העלענען, זי זאָל זי פאַרטרעטן און גיין מיט דער קליינער אין קירכע אַריין. העלענע איז מסכים (זי איז וואַרשיינלעך מיט דעם ציל געקומען). דעמאָלט קומט דער אויסברוך. זעענדיק, אַז העלענאַ וועט גיין, רייסט די ל... אויס דאָס קיישעלע

וואָס זי האָט צושטייער געגעבן. „בלויז דאָס האָט נאָך טאַקע געפעלט, אַ זשידוווע זאָל גיין מיט „שוויענצאַנע" — זי זאָגט דאָס אין אַ זייט, אַזוי אָבער מען זאָל די רעוועלאַציע הערן. העלענאַ רעאַגירט נישט. זי וויל נישט צעשטערן די גוטע באַציִונגען צווישן דער ל. מיט פרוי ר. (פאַר וועלכער אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג אין שטוב קאָן זיין געפערלעך). זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי האָט דעם גאַנצן אינצידענט נישט באַמערקט און גייט אַוועק מיט אינקען. די ל. אָבער האָט — זעט אויס — באַשלאָסן די „זשידוווע" ענדגילטיק צו דעמאַסקירן. צושפּאַרן צו דער וואַנט, ליקווידירן. זי האָט אַדורכגעטראַכט אַ געניועם פּלאַן און אים אויסגעפירט. תיכף נאָכדעם ווי העלענאַ מיט אינקען זענען אַהיים געקומען, האָט זי מיט דער פרוי פאַרפירט אַ שמועס. אויספרעגנדיק לפנים פּרטים פון דער קלויסטער־צערעמאָניע (וויפל מענטשן עס איז געווען דאָס יאָר, וועלכער גלח האָט אָפּגעריכט די תפילה, א"אַ), האָט זי גענומען שטעלן דער פרוי העלענאַ פראַגן פון קאַטעכיזם, ליטורגיע, מנהגים. העלענאַ האָט תיכף פאַרשטאַנען דעם זין פון דער דאָזיקער „אויספאָרשונג" (וואָס איז אגב געווען זייער נאַיִוו צוגעגרייט און נאָך מער נאַיִוו דעמאַסקירט). טראָץ דעם אָבער האָט זי זיך אָפּגעהאַלטן פון לאַכן און באַשלאָסן אַליין זיך אַביסל צו פאַרווילן. זי האָט דעריבער אַליין פאַרטיפט דעם שמועס, אַריינגעצויגן די ל. וואָס אַמאָל ווייטער, ביז צו ווייניק באַקאַנטע פּרטים און טראַדיציעס. די עקזאַ־מינאַטאָרקע וועמעס וויסן עס האָט זיך באַגרענעצט צו די אויבערפלעכלעכסטע עלעמענטן און פּאָפּולערסטע מנהגים, האָט פאַרלוירן דאָס לשון אין אָנבליק פון אַזאַ קאַטוילישער געלערנטקייט; און פּונקט אַזוי ווי זי האָט פריִער אַרויפגעצווונגען די טעמע, אַזוי האָט זי איצט געמאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען זיך אַרויסצוציִען פון איר. דערמאָנענדיק שפּעטער דעם שמועס, פלעגט זי זאָגן: „וואָס אמת איז אמת. אויף קאַטוילישע מנהגים קען זי זיך אויס". די דאָזיקע דערשיינונג האָט זי אָבער אויך אויסגעטייטשט אויף איר אייגענעם אופן. איר חשד איז געווען אַ באַגרינדעטער, ווייל: „זי האָט געוווּסט, די „זשידוווקע" אַז מען קען זי אויספרווון, האָט זי זיך אויסגעלערנט כדי נישט דורכצופאַלן". אָבער „אויסגעלערנט האָט זי זיך גוט".

וואָס שייך יענע רעליגיעזע עקזאַמענס, וואָלט מען מיט זיי געקענט

אויספילן אַ גאַנץ בוך. און אויך דאָ האָט זיך דאָס לעבערלעכקייט געגרע־נעצט מיט טראַגיזם:

ליובאַ שענבוים האָט מען אַרעסטירט אין קראָקע (נאָכדעם ווי זי איז דאָ איבערגעקומען פון איר געבוירן־שטאָט לעמבערג) אונטערן פאַרדאַכט, אַז זי איז אַ ייִדישע; צוזאַמען מיט איר האָט מען אַרעסטירט די משפחה זוסמאַן, מיט וועלכער זי האָט געוווינט צוזאַמען.

„...אַן אַ פאַרהער האָט מען אונדז נאָך אַ גענויער רעוויזיע פאַרשלאָסן אין אַ צעלע (אין דער תפיסה אויף דער גאַס שלאַק). דאָרט זענען שוין געווען אַ פּאָר פרויען; זיי זענען געזעסן אויף דער ערד, ווייל עס זענען נישט געווען קיין פּריטשן. איך האָב נישט געוווּסט, אַז צווישן די אַרעס־טירטע זענען פאַראַן ייִדישע פרויען. וואָס שייך אָבער איין יונגער מיידל, בין איך אָבער געווען זיכער. זי איז געזעסן ביי אַ זקנה. פון דערווייטנס האָב איך געהערט ווי די זקנה האָט זי געלערנט די פּרינציפּן פון דעם קאַטוילישן גלויבן. עס איז דאָרט אויך געזעסן אַ פרוי, אַ מסור, וואָס האָט מיך געוואָלט כאַפּן מיט פאַרשידענע שאלות. די צעלע איז געווען ברודיק, פליי, לייז, וואַנצן... אין איין מאָמענט האָט מען אַריינגעוואָרפן אין דער צעלע עפּעס אַ מענטשלעכע שברי־כלי, דאָס איז געווען אַ פאַרפייניקטע פרוי, אַ האַלב לעבעדיקע... איך האָב זיך דערנענטערט צו איר און דערקענט אַ באַקאַנטע פון לעמבערג; אַנקוקנדיק זי, בין איך דירעקט פאַרשטיינערט געוואָרן. אירע אַלע ציין זענען שוין געווען ארויסגעהאַקט. דאָס מויל — איין וווּנד. דאָס פּנים צעקאַלעטשעט, פון קאָפּ האָט גערונען בלוט. כ'האָב איר געוואָלט העלפן, אָבער זי האָט מיר נישט דערלויבט צו העלפן, ווייל דאָס וואָלט מיר געקענט שאַדן. דעם זעלבן טאָג האָט זי זיך געוואָרפן אויף אַ געסטאַפּאָ־מאַן און מען האָט זי דערשאָסן.

מען האָט מיר גערופן אין פאַרהער־זאַל און געשטעלט שאלות וועגן רעליגיע־ענינים: וויפל איז פאַראַנען הויפּט־גלחים? אאַ״וו. כ'האָב זיך גוט אָריענטירט... נאָך דעם פאַרהער (שובערט), האָט מען מיר געפירט צו אַן אַנדערן געסטאַפּאָניק (שולצע), און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אויספרע־געניש. כ'האָב געענטפערט מיט אַ זיכערן טאָן און דאָס האָט מיר געראַ־טעוועט. שולצע האָט זיך געוווּנדערט, אַז אַזאַ אינטעליגענט מיידל האָט געוווינט אַ האַלב יאָר מיט די זוסמאַנס און האָט זיך נישט אָריענטירט,

אַז דאָס זענען ייִדן. כ׳האָב אים געענטפערט, אַז אַזאַ אינטעליגענטער מענטש ווי ער, האַלט מיך דאָ אַ האַלבן טאָג און אָריענטירט זיך נישט, אַז כ׳בין נישט קיין ייִדישקע. נאָכדעם האָט מען מיר געמאַכט אַ פּאָר פאָטאָגראַפיעס, די מאָס פון גאַנצן קערפּער, בפרט פון קאָפּ; מען האָט אונטערזוכט די קאָליר פון די אויגן 1), פינגער־אָפּדרוקן. און נאָכאַמאָל מיך אונטערזוכט פון עניני־אמונה. אויף שולצעס פראַגע צי איך אָריענטיר זיך גוט, האָט דער איבערזעצער געענטפערט, אַז ער אַליין אָריענטירט זיך נישט אַזוי גוט ווי איך" 2).

---

1) וועגן די אַנטראָפּאָלאָגישע „ראַסן"־מאָסן וואָלט מען דאָ אויך געקענט ברענגען צענדליקער קאָמיש־טראַגישע באַשרייבונגען. עס איז באַוווּסט, אַז מיט דעם האָט זיך פאַרנומען אַן אַרמיי פון פאַכמענישע... עמי־הארצים. כדאי דאָ טאָקע צו דערמאָנען כאָטש איינעם פון די הונדערטער ביז איצט נישט פאַרעפנטלעכטע וואַריאַנטן: נ. (געבוירן אין 1925) דערציילט: „אין האַרבסט 1941 האָט מען געהערט וועגן אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרשונגען פון ייִדישע יונגע מיידלעך. כ׳האָב באַקומען אַ שריפטלעכער מודעה פון דער א. ד. (ייִדישע פּאָליציי), אַז אין אַ באַשטימטן טאָג דאַרף איך זיך שטעלן אין דײַטשן געזונטהייט־אַמט ביי דער גראָדזקאַ גאַס אין קראָקע (דער געביידע פון פּוילישן געאָגראַפישן אינסטיטוט). מיט אַ גרופּע פון 7 מיידלעך בין איך אַרויס פון געטאָ אונטערן אויפזיכט פון אַ ייִדישן א־דע־מאַן". אַזוי דריי מאָל. ווייל צוויי מאָל האָט מען זיי נישט אויפגענומען. „ביים דריטן מאָל האָט מען צוויי, דריי מיידלעך אַרונטערגעשיקט אונטער אַ פּאַראַוואַן, בכדי זיך אויסצוטאָן. דאָס איז געווען אין אַ זאַל, איינגעאָרדנט ווי אַן אַמבולאַטאָריע. כ׳בין אַרויס פון פּאַראַוואַן אין אַ קאָמבינאַציע. דער דאָקטער האָט מיר אָבער געהייסן זיך אויסטאָן חוה־נאַקעט. דער דאָקטער איז געווען אין אַ ווייסן קיטל און אויסגעזען ווי אַ שלאַכטער: גראָבע, רויטע לאַנגע הענט; ליסע; רויט אויפן פּנים, אַ גראָבער קאַרק... ער האָט געסאָפּעט. ער האָט געמאָסטן מיין וווּקס, פאַרשריבן דעם קאָליר פון די אויגן, האָט געמאָסטן דאָס פּנים און אַלע קערפּערטיילן... האָר, די הויט, פלייצעס, ברוסטן. נאָכדעם האָט ער מיט די הוילע הענט פעסטגעשטעלט צי איך בין אַ בתולה. אַלץ האָט ער פאַרשריבן אין אַ גראָבן בוך. דער א.־ד.־מאַן האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָקטער דאָס איז געווען דער געזונטהייט־מיניסטער אַליין, וואַלבאום.

פרילינג 1942, אין אַפּריל, האָב איך ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג אויף אַ דײַטשן בלאַנקעט. מיר זענען געגאַנגען צוויי מיט אַן א. ד.־מאַן. דער זעלבער דאָקטער האָט אונדז ווידער גינעקאָלאָגיש אונטערזוכט, ווידער פאַרשריבן און גלייך אונדז געהייסן זיך אָנטאָן. ער האָט געזאָגט, אַז כ׳בין „אַריש געבויט" (פּראָט. נר. 1067).

2) פּראָטאָקאָל נומער 1046.

**
*

וואָס איז נאָך שייך די פּריינט־פּאַליאַקן מיט „סעמיטישן" אויסזען: אויך אין אַזאַ פּאַל איז נישט געווען קיין כלל. אַמאָל פּלעגן „יידישע" שטריכן, פון אַ חבר אָדער חברטע, וואָס זענען נישט געווען קיין יידן, געקענט האָבן פּאָזיטיווע פּאָלגן. איינער פון די „צייטווייליקע אַריער" דער־מאָנט, למשל, וועגן אַ געוויסער „אינקע" (וועלכע האָט זייער אַקטיוו גע־אַרבעט אין אַ פּוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע). אינקע איז פון דור דורות געווען אַן „ענדעטשקע" 1) און אַן אַנטיסעמיטקע (פון די „אָרנט־לעכע" וואָס אין דער פּראַקטיק באַציִען זיי זיך צו יידן קאָרעקט און טייל־מאָל אַפילו מיט קרבנותפולער פריינטשאַפט).

„דאָס וואָס אינקע האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישע יידישקע — דער־ציילט דער עדות איז פאַר אונדז ממש געווען אַ גליק. ווען זי האָט זיך אַריינגעצויגן ווי אַ סובלאָקאַטאָרקע צו דער פרוי נ. האָט זי נישט גע־קענט זיך באַלד איינמעלדן, ווייל די געסטאַפּאָ האָט זי פאַרפאָלגט. דער הויז־וועכטער האָט דעריבער געמאַכט יעלות איבערן גאַנצן הויף.

— ווען וועט זיך שוין די דאָזיקע יידישקע איינמעלדן?

און ווען אינקע האָט געוואָלט זיך איבערציִען, האָבן מענטשן מורא געהאַט איר צו פאַרדינגען אַ שטוב, חושד זייענדיק, אַז זי איז אַ יידישקע. ביי דעם אַלעם איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז קיינמאָל האָט מען אינקען נישט פאַרטשעפּעט אונטערן חשד פון יידישקייט. טראָץ דעם וואָס זי איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן אין שטאָט מיט אומלעגאַלער „ליטעראַטור". אַ מענטש, וואָס האָט זיך נישט געפילט ווי אַ ייד, האָט געמעגט האָבן אַפילו דעם „פּאַטאַלסטן" אויסזען און נישט אויסשטיין קיין שום שאַנטאַזש־פּרוּוון.

אינקעס סעמיטיש אויסזען האָט גורם געווען, אַז ווען מען האָט גע־רעדט וועגן מיר, אַז איך בין אַ באַהאַלטענער ייד, פלעגט זי חוזקן:

— „עע... פון יעדן איינעם מאַכן זיי אַ ייד"...

די פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דער אויסזען האָט געהאַט אַ סך אַ

1) נ. ד. — נאַציאָנאַל דעמאָקראַטן — פּוילישע נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסע־מיטישע פּאַרטיי.

קלענערע באַדייטונג ווי די פּאַראינטערעסירטע פלעגן אים צושרייבן. אָדער בעסער געזאָגט: אַ מענטש מיט אַ „שלעכטן" אויסזען האָט — צוליבן כסדרדיקן געדענקען דעם „פעלער" געהאַט אַ סך אַן ערגערן זעלבסט־באַוווסטזיין. דאָס האָט גורם געווען די אומזיכערקייט פון זיינע באַוועגונגען אָדער בליקן, וועלכע האָבן אַ סך מער פאַראַטן ווי די איינגעבוירענע שטריכן פון זיין פּנים.

***

שוין נאָך דער מלחמה האָט מען מיר דערציילט איינעם פון די הונדערטער פראַגמענטן פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין אויגוסט 1944. דער דאָזיקער פאַל איז פאָרגעקומען אין די ערשטע וואָכן פונעם קאַמף. אין די הייזער ווו עס האָבן געוווינט דייטשע באַן־אַנגעשטעלטע. פון אַ פענצטער האָט מען געוואָרפן אַ גראַנאַט. די דייטשן האָבן תיכף אַרעסטירט אַלע פּאָליאַקן, וועלכע זיי האָבן צופעליק געכאַפּט אין די הייזער און אין שכנות. די געכאַפּטע זענען אויסגעשטעלט געוואָרן ביי אַ וואַנט און האָבן געזאָלט דערשאָסן ווערן. אין לעצטן מאָמענט איז די עקזעקוציע אויפגעהאַלטן געוואָרן. באַלד האָט מען די פאַרמשפּטע ווידער אויסגעשטעלט אונטער דער מויער, דער באַפעל איז אָבער ווידער געענדערט געוואָרן און עס האָבן זיך אויפסניי אָנגעהויבן געהיימניספולע געשפרעכן. אַזעלכע פאַלן האָט מען אין די דאָזיקע וואָכן געזען הונדערטער. דאָס מאָל זענען די קרבנות אַרויס מיטן לעבן. די צענטראַלע פיגור פון זייערע שפּעטערדיקע דערציילונגען איז געווען אַ פּאָליאַק, איינער פון די אַדמיניסטראַטאָרן פונעם הייזער־בלאָק. טאָקע אים איז עס געלונגען איבערצוצייגן די דייטשן זיי זאָלן נישט אויספירן די עקזעקוציע, וואָס איז עטלעכע מאָל פאַראָרדנט געוואָרן.

די דערציילער האָבן נישט געקענט געפינען די נויטיקע ווערטער כדי אויסצודריקן זייער באַגייסטערונג פאַר דעם „סטיל" פונעם שוין דערמאָנטן אַדמיניסטראַטאָר. אַ הויכער, רירעוודיקער, העכער זעכציק יעריקער זקן, מיט אָריגינעלע פראַנץ־יאָזעף באַקנבערד און גרויסע וואָנצעס.

— איר ווייסט, אַזעלכע ביז די אָרעמס! און וואָס פאַר אַ רייכקייט! וואָס פאַר אַ קאַלטבלוטיקייט! איר האָט געדאַרפט זען ווי ער האָט (נישט

ענדערנדיק זיין לייכטן טאָן) געקלאַפּט די דייטשע אָפּיצירן איבער די אַקס־לען (מיט אַ פּאַטערלעכער גוטמוטיקייט), ווי ער האָט מיט דער האַנט אָנ־געוויזן אויף די פרויען און קינדער, וואָס האָבן געוואַרט אויפן טויט. ער האָט געחוזקט, געמוסרט די דייטשן, אַז זיי דאַרפן זיך שעמען און סוף כל סוף האָט ער אויסגעפּועלט. מען האָט באַלד דערקענט: אַלט פּריציש בלוט. און דאָס פון בעסטן מין. אַ באַהערשונג, אַ קולטור!

די ענטוזיאַסטן פון דעם אַלטן הער מיט די באַקנבערד און גרויסע וואַנצעס וואָלטן געוועזן דערשטוינט (און זיי האָבן זיך טאַקע מיט אַ צייט שפּעטער שטאַרק געחידושט) ווען זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס איז געווען אַ ייִד אויף „אַרישע" פּאַפּירן, דער פאַרמלחמהדיקער אייגנטימער פון אַ הויז אין נאַדוורנע, ד"ר ס. ווען זיי וואָלטן יאָ געוווּסט, וואָלטן זיי דער־זען נישט זיינע פּריצישע באַקנבערד און נאָך מער פּריצישע וואַנצעס, נאָר זיין נישט־דורכשניטלעכע גרויסע און „ייִדישע" נאָז. באמת פון אַ באַזונ־דערן „סטיל". כדי אָבער צו דערזען אַזעלכע שטריכן, האָט מען וועגן זיי געדאַרפט וויסן... פון פריִער.

**
*

און אָט איז אַ ביישפּיל אַ גאַנץ פאַרקערטער: אין לעמבערגער געטאָ האָב איך באַגעגנט יוליוש אָזשעך, אַ געוועזענעם סטודענט, וועלכן איך האָב געהאַט באַקענט מיט צוויי יאָר פריִער (ד"ה נאָך פאַר דער דייטשער אָקו־פּאַציע אויפן דאָזיקן געביט) אין דער דירה פון אַ נישט־ייִד סטאַניסלאַוו ב. היות אָזשעך האָט געהאַט אַ „גוטן" אויסזען און אַנדערע בויטיקע „אַטרי־בוטן", האָב איך אים אַריינגעצויגן אין דער אָרגאַניזאַציע און באַשלאָסן אים צו באַנוצן ווי אַ פאַרבינדלער מיט דער „אַרישער זייט". טראָץ אַלע זיינע „מעלות" איז יוליוש באַלד נאָכן ערשטן אַרויסגאַנג צוריקגעקומען אָן זיין זייגערל און אָן געלט. אַ שאַנטאַזשיסט האָט אים תיכף דערקענט. אין דריי חדשים אַרום איז ער שוין ענדגילטיק אַוועק אויף „פּאַפּירן". ער איז „אַריינגעפאַלן" מיט אַ וואָך שפּעטער, אַרעסטירט און אומגעבראַכט געוואָרן. וואָס האָט אים פאַראַטן? דער אויסזען? ווי שוין געזאָגט, איז זיין אויסזען געווען אַן אויסגעשפּראָכן „גוטער". און אפשר גאָר דאָס נישט קענען די „אַרישע" מנהגים, די אויסשפּראַך? נאָך דער מלחמה האָב איך

גערטראָפן דעם אין אָנהייב דערמאָנטן ב. ווען ער האָט מיך געפרעגט „וואָס זעט מען עפּעס נישט דעם פּאַן יולעק?", האָב איך אים דערציילט ווי אַזוי ער איז אומגעקומען. ב. און זיין דערביי אָנוועזנדיקע פרוי האָבן אויסגעשריגן: „וואָס? דער הער יולעק איז געווען אַ ייִד?!". די דאָזיקע מענטשן, ביי וועלכע ער איז פאַר דער מלחמה געווען אַן אָפטער גאַסט איז זיין „ראַסן"־אָפּשטאַמונג אַפילו נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. טראָץ דעם, וואַס ער האָט זי גאָרנישט אויסבאַהאַלטן. יאָ, אָבער דעמאָלט האָט ער זיך אויפגעפירט נאַטירלעך, געשפּילט זיין אייגענע ראָלע. בשעת דער אָקופּאַציע אָבער, האָט ער געמוזט געדענקען„ נישט אויסצוזעצן ווי אַ ייִד". דער דאָזיקער עקשנותדיקער געדאַנק האָט גורם געווען זיין נישט נאַטירלעכע האַלטונג. די דאָזיקע נישט־נאַטירלעכקייט (און נישט די „ייִדישקייט") איז געווען די סיבה פון זיין דורכפאַל.

אין הסכם מיטן פּרינציפּ, אַז עס איז נישטאָ קיין רעגולע אָן אויסנאַם, פלעגט טיילמאָל ראַטעווען די לאַגע, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ „שלעכטער" אויסזען. איך דערמאָן זיך דעם פאָלגנדיקן אינצידענט:

צווישן די אסורים, וואָס זענען (אין 1944) אַנטלאָפן פון לאַגער אין אָשוויענטשים (אַ דאַנק די באַמיִונגען פון דער אונטערערדישער נישט־ייִדישער אָרגאַניזאַציע וואָס עס איז געווען טעטיק אין דאָזיקן לאַגער) האָט זיך אויך געפונען דער ייִד וו. אין קראָקע האָט זיך מיט אים פאַרנומען די אומלעגאַלע פּ. פּ. ס. אַזוי ווי ער האָט געהאַט אַ זייער „שלעכטן" אויסזען און גערעדט אַ שלעכטן פּויליש, האָט אים מאַריאַן באמבא געפונען אַ מקום אין אַ נישט־באַווינטער שטוב (אויף דווערניצקי גאַס), וועלכע פלעגט באַנוצן ווי אַ פאַרשטעקונג־פּונקט פאַר עטלעכע זייערע אָנגעזעענע מיטגלידער פון דער סאָציאַליסטישער באָיוווקע. מען האָט דעם נייעם לאָקאַטאָר אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט אַרויסגיין פון דער שטוב און אויפפירן זיך אַזוי, אַז מען זאָל אַפילו נישט וויסן, אַז עמיץ איז דאָרט פאַראַן. דער ענין איז אָבער נישט געווען קיין לייכטער. דער „לאָקאַטאָר"[1] האָט זיך איינגעשפּאַרט: נישט דערויף איז ער אַנטלאָפן פון אָשוויענטשים

---

1) אגב איז דאָס געווען אַ געוו' קעמפער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין שפּאַניע און איצט אַ הויכגעשטעלטער אַקטיוויסט פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי אין פּוילן.

כדי דאָ צו פאַרלירן צייט און זיך פּאַסיוו אויסבאַהאַלטן. ער האָט געוואָלט „אַרבעטן". מען האָט אים געפּרוווט איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט מעגלעך צוליב זיינע „באַדינגונגען". אַזוי ווי איך קען די צוויי פּאַרטנערן, שטעל איך מיר פאָר דעם געשפּרעך, גאָר פּלאַסטיש. ער, דער ייִד, איז געווען איינגעשפּאַרט און מאַריאַן ווידער, אַ שטאַרק האַסטיקער מיט אַ דירעקטן און אימפּעטיקן אופן פון דיסקוטירן. די שמועסן האָבן נישט געגעבן קיין רעזולטאַטן און דער לאָקאַטאָר האָט זיך גענומען פירן אַזוי, ווי מען וואָלט אין דעם „גענעראַל גוווערנעמאַן" איבערהויפּט נישט געוווּסט וועגן די „נירענבערגער געזעצן". דערצו פלעגט ער נאָך, אַחוץ אַלע אַנדערע איניציאַטיוון, זיצן אין אָוונט ביים פענצטער, אין אַן אידילישער פּאָזיציע. ער האָט אַזוי אַרום אָנגעקניפּט אַ פלירט פונדערווייטנס מיט צוויי מיידלעך וואָס האָבן געוווינט קעגנאיבער. מיטאַמאָל דערוויסט זיך מאַריאַן, אַז וועגן דעם לאָקאַטאָר אין דער פּאַרקאָנספּירירטער שטוב רעדן אַלע שכנים. — „די דירה האָט שוין אַ שלאק געטראָפן" — האָט ער מיט כעס אַ טראַכט געטון. מאַריאַן האָט אָבער געהאַט אַ טעות, ווייל געריעדט וועגן דעם ייִד האָט מען טאַקע, אָבער ווי וועגן אַן אונגאַר, אַ סימפּאַטישן און אַביסל „עקסצענטרישן". אַזוי ווי אונגאַרן איז דעמאָלט געווען דייטשלאַנדס אַ סאַטעליט, האָט נישט נאָר דעם „איינוווינער", נאָר אויך דער דירה גאָרנישט געדראָט. די אויסלענדישקייט פון דעם אונגאַר האָט אַפילו געקענט אויפ־קלערן די פאַרשידענע אומגעריכטע וויזיטן. לכל־הפּחות ביז... אַ געוויסע צייט.

אַן ענלעכע רעאַקציע האָט אויך אַרויסגערופן (אגב אין אַ גאַנץ פאַר־שידענער קאָנסטעלאַציע) מיין באַקאַנטע צ. ר. אַ ייִדישע פרוי, וואָס האָט געשטאַמט פון דייטשלאַנד און געוווינט אין פּוילן בלויז זינט עטלעכע יאָר. אַן אויסזען האָט זי געהאַט אַ זייער „גוטן", איר אויסשפּראַך אָבער און די גראַמאַטיק זענען געווען אָן שום ספק אויסלענדישע. דער רעזולטאַט איז געווען אַזעלכער, אַז די קומעס האָבן זיך משער געווען וועגן איר דייטשער אָפּשטאַמונג. אייניקע האָבן געהאַט צו איר „רעספּעקט" ווי צו אַ מענטש וואָס קען אין יעדן מאָמענט ווערן אַ „פאָלקסדייטשקע", אָדער אַפילו אַ „רייכסדייטשקע". אייניקע האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט דרך־ארץ דווקא דערפאַר, וואָס זי איילט זיך נישט דעם דאָזיקן כבוד אָנצונעמען.

מיכאל באָרוויטש

***

דאָס זענען אָבער געווען אויסנאַמען. אין פּרינציפּ זענען אַ קאָרעקטע שפּראַך, אַ גוטע אויסשפּראַך, דאָס קענען דעם לעבנס־שטייגער און די מנהגים געווען (נאָך דעם „אויסזען") ווייטערדיקע באַדינונגען פון דער קאָנספּיראַציע. מען האָט אויך געדאַרפט קענען די קאַטוילישע תפילות און ריטואַל. דאָס איז אָבער נישט געווען אַלץ. אַמאָל פלעגט פּאַראַטן אַ ליאַדע וואָרט, אַן עפּיטעט:

די זיבן יעריקע מירקע ברוין 1) האָט, זוכנדיק אַ גלח, געפרעגט: „ווו איז דער פּאַן קסיאָנדז?". דאָס וואָרט „פּאַן" האָט זי פּאַראַטן. צום גליק איז איר געלונגען זיך אויסצודרייען.

עס זענען פונדעסטוועגן געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן בכלל זייער שלעכט גערעדט פּויליש, אָדער געהאַט אַ שלעכטן אַקצענט. וואָס האָבן זיי געזאָלט טון?

אָט איז למשל אַ משפּחה „אויף פּאַפּירן". ביידע האָבן אַ „גוטן" אויס־זען. ער, אַן אַרבעטער, רעדט אַ פּאָלקסטימלעכן פּויליש, זי אָבער האָט אַן אויסגעשפּראָכן „יִדישע" אויסשפּראַך. דער באַקאַנטער סאָציאַליסטישער טוער וואָס האָט זיי „איינגעאָרדנט" (זיגמונד זאַרעמבאַ) האָט דעריבער געראָטן, זי זאָל שפּילן די ראָלע פון אַ שטומער. דער איינפאַל איז געווען אַ גוטער: זיי לעבן. ווען דער דערמאָנטער טוער האָט נאָך דער מלחמה באַגעגנט דעם מאַן און געפרעגט אים וואָס מען הערט, האָט דער לעצטער געענטפערט:

— אדרבא, גאַנץ גוט... אָבער... — דאָ האָט ער שוין שווער אַ זיפץ געטון און פאַרענדיקט:

...אָבער, זי רעדט שוין.

דאָס שפּילן די ראָלע פון אַ שטומען איז געווען אַ מיטל, אויף וועלכן עס זענען געפאַלן פאַרשידענע מענטשן, איינע אומאָפּהענגיק פון די אַנ־דערע. טיילמאָל פלעגט אגב געגנוג זיין זיך צו מאַכן פאַר אַ שטאַמלער.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן (ווייל ס'איז באמת כדאי) אויף דער אָדיסיי פון בער ריטשעוויל.

---

1) יי. ה. ק., קראָקע, פּראָט. 3.

אַרישע פּאַפּירן

דער דאָזיקער מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן און געוווינט אין וואַרשע, איז בעת דער מלחמה־אויסברוך אַלט געווען זעכציק יאָר. ער איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישער ייִד, אַ גערער חסיד. ער האָט — ווי עס פּאַסט פאַר אַ פרומען ייִדן — געטראָגן אַ לאַנגע בעקעשע, געהאַט געדיכטע באָרד און פּיאות, געוווינט האָט ער אויף פּוילאַנסקע 73; דאָרט האָט זיך אויך געפונען זיין געוועלבל. ווען די דייטשן האָבן געשאַפן דאָס געטאָ, האָבן זיך מיטן געוועלבל „פאַרנומען" זיינע נישט־ייִדישע שכנים. זיי האָבן אויפגעבראָכן די טיר און צעגנבעט די סחורה. זיין שכן קאַביוז האָט אַפילו געשטערט ריטשעווולן אַרויסטראָגן די רעשטלעך. אַזוי אַרום איז דער געוועזענער סוחר געקומען אין געטאָ מיט זיין משפחה אַ נאַקעטער. די עטלעכע זלאָטעס וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט זענען שנעל צערונען געוואָרן און דער הונגער איז געוואָרן אַ שטענדיקער גאַסט אין זיין שטוב. ריטשעווול האָט נאָך געפּרוווט פאַרדינען ביי פאַרשידענע מסחרים, ס'איז אים אָבער נישט געלונגען. זיין זון איז אַרעסטירט געוואָרן. אַ „גראַנעטער" פּאָליציאַנט האָט אים גענומען טעראָריזירן. אין שטוב האָט אויסגעפעלט אַפילו קאַרטאָפל. נישט וויכטיק זענען דאָ אָבער די פּעריפּעטיעס אין געטאָ גופא. גענוג, אַז אַ געשוואָלענער פון הונגער, באַשליסט דער זקן זיך צו לאָזן „אין דער וועלט אַריין". די באָרד האָט ער אָפּגעגאָלט, די זיידענע קאַפּאָטע איבערגענייט אויף אַ מין פּויערישן בגד, מיט דער כוונה זי צו פאַרקויפן ווען ער וועט זיין אויף דער „אַרישער זייט". צוקומענדיק צום געטאָ־טויער האָט ער נאָך פאַרמאָגט אַזש... צען זלאָטעס אין מזומן. פינף זלאָטעס האָט ער אַוועקגעגעבן דעם היטער פאַרן אַדורכלאָזן אים. (מיר מוזן געדענקען, אַז דאָס איז געווען אין זומער 1941, ווען דאָס געטאָ איז נאָך נישט געווען אַזוי שטרענג פאַרמאַכט ווי שפּעטער). די איבעריקע פינף זלאָטעס האָט ער איבערגעלאָזט כדי צו קענען קויפן ברויט. ער איז אָבער קוים אַדורך דעם טויער ווי ס'איז צו אים צוגעקומען אַן עלטערער מאַן: — אַן אַלטער הונט — דערציילט ריטשעווול, — שיין אָנגעטון מיט אַ קאַפּעליוש, נישט קיין יונגער לאָבוז, נאָר אַן אַלטער לאָבוז. ער קומט צו און הויבט מעך אָן זידלען:

— עך, טי סקורוויסין, יודאַש! ווו האָסטו דיין געלט? — ער ציט מיך אַריין אין אַ טויער, רעווידירט מיך און נעמט ביי מיר באַלד צו דאָס

קליידל מיט די 5 זלאָטעס. איך בלייב שטיין אינגאַנצן גאָלע. וואָס טוט מען ווייטער?

קודם בין איך אַוועק צום אַלטן בריק אין פּראַגע. איך קום אַהין — פּאָליציאַנטן פירן צוריק יידן אין געטאָ. מען האָט זיי געטריבן און די יידן וויינען נעבעך אַזוי שטאַרק, אַז זייער געוויין איז זיכער דערגאַנגען צו דער מאַמע רחלס קבר.

ניין, זאָג איך, דורך דאָרטן וועל איך שוין נישט גיין קיין פּראַגע. איך בין אַוועק צום פּאָניאַטאָווער בריק. איך בין זיך געגאַנגען פּאַמעלעך מיט אַ שטעקן, מיט אַ זעקל אויף אַ שטריקל, פּונקט ווי אַ דזשיאַד, מיט בלויע ברילן. קומענדיק קיין פּראַגע בין איך געוואָרן גוט הונגעריק; האָב איך אָנגעהויבן גיין אין פּוילישע קראָמען נאָך אַ נדבה. איך האָב נאָר געזאָגט: „פּאָכוואַלאָני״ („געלויבט איז...״) האָט מען מיר שוין געגעבן גענוג ברויט מיט קאַשאַנקע (קאַשע מיט חזיר־בלוט).

כ׳האָב מיך געוואָרגן, נאָר יאָך האָב דען געגעסן? דאָס האָט דער הונגער געשלונגען. געריעדט האָב איך פּויעריש. בכלל האָב איך ווייניק גערעדט. געמאַכט האָב איך מיך אַביסל טויב. איך גיי זיך אַרויס, שטייט אַ דייטש. ער גיט אַ רוף:

— יודע! — מאַך איך זיך נישט הערן. שרייט ער העכער. נו, דאָ טאָר מען שוין נישט שפּילן. איך גיי צו און ווייז אויפן אויער, אַז איך הער נישט. שרייט ער מיר אַזוי אין אויער אַריין, אַז איך בין טאַקע שיעור נישט טויב געוואָרן. ער שרייט:

— יודע, ווו האָסטו די אַפּאַסקע? — פּונקט האָב איך נאָך געטראָגן די אַפּאַסקע פאַרלייגט ברייט מיטן אַרבל, טאָמער ווי עס מאַכט זיך, ווייז איך, אַז כ׳האָב פאַרקאַטשעט, ווייל עס איז הייס. הייסט ער מיר פאַלן און אויפשטיין, צען מאָל. טו איך אַזוי. נאָכהער לויפן הין און צוריק. איך לויף. שפּעטער גיט ער מיר מיט רוגזה אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ און לאָזט מיך גיין. דאָס איז געווען דער ערשטער שלום־עליכם פון אַ דייטש אויף דער גוישער זייט.

איך גיי אָפּ אַ פּאָר וויאָרסט. איך זע ווי אין ראָוו ליגט אַ יידיש יינגל. ער עסט רויע ראַבאַרבער. דאָס יינגל רופט מיך צו:

— רב ייד, קומט נאָר — (היינט וואָלט מען מיר שוין נישט דערקאָנט

אַלס ייִד. היינט זע איך שוין אויס ווי אַ גוי; אַז איך בין אַזויפיל געקומען צווישן גויים, אָנגעהויבן אויסזען ווי אַ גוי). אַלזאָ דאָס ייִנגל זאָגט מיר, אַז ער איז שוין געווען אין הונדערטער הייזער און קיינער וויל אים נישט געבן קיין שטיקל ברויט. זיי זאָגן, אַז קיין ייִד ווילן זיי נישט געבן. אַלזאָ, איך נעם אַרויס ברויט מיט קאַשאַנקע און גיב אים. דאָס ייִנגל שלינגט אַ מחיה. ער איז אויסגעדאַרט, געל, בלויז ביינער, זאָג איך צו אים:

— נאַ, עס וויפל דו ווילסט, נאָר עס פּאַמעלעך, ווערסט דאָך נאָך קראַנק ווערן.

— מיין טאַטע מיט מיין מאַמען זענען געשטאָרבן, ווערט איר זיין מיין טאַטע און איך גיי מיט אייך.

ער לאָזט מיך טאַקע שוין נישט אָפּ. מיר גייען ביידע. ער גייט אַביסל אָפּגערוקט פון מיר, ווייל ביי אים איז נאָך דער קוגל געלעגן אויפן פּנים און איך האָב שוין אויסגעזען ווי אַ שטיקל גוי. איך קריג גענוג צו עסן און גיב אים. ער האָט געגעסן אַזוי, אַז איך האָב דאָס אין לעבן נישט געזען. דערווייל שלאָגט צו די נאַכט, זאָג איך אים, אז ער זאָל אַריינגיין צום סאָלטיס נאָך אַ קוויטל צום שלאָפן. ער קומט אַרויס און זאָגט, אַז דער סאַלטיס וויל נישט געבן, ווייל ער האָט אים דערקענט, אז ער איז אַ ייִד. בין איך שוין אויך נישט אַריין, ווייל איך האָב נישט געוואָלט איבערלאָזן אַ ייִנגל אַליין אויפן פעלד. ביידע זענען מיר אַריין אין אַ הויז, וואָס מען האָט געהאלטן אין מיטן בויען און מיר זענען איי־בערגעשלאָפן די נאַכט. איגדערפרי האָב איך געשאפן אַן אָנבייסן. מיר זענען ביידע זאַט געוואָרן און ביידע געגאנגען ווייטער. געקומען זענען מיר ביז קאַליביעל. דאָרט איז שוין געווען אַ ייִדן־ראַט1). האָב איך דאָס ייִנגל אַהין צוגעפירט און אים געזאָגט, אַז מיר מוזן זיך שיידן, ווייל ער איז קראנק און ער וועט נישט זיין בכח מיטצומאכן מיט מיר דעם וויי־טערדיקן וועג. ער איז געבליבן אין שטעטל קאליביעל און איך בין געגאנגען ווייטער.

---

1) מען דאַרף געדענקען אין וועלכן צייט־אָפּשניט עס זענען פאָרגעקומען די ציטירטע געשעענישן. ווי שוין דערמאָנט, איז ריטשעוואל אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ זומער 1941 ד. ה. אַ גאַנץ יאָר פאַר די מערדערלעכע „אַקציעס". אין די שטעט און שטעטלעך האָבן נאָך עקזיסטירט יידישע קהילות (אין פאַרמאַכטע אָבער נאָך פאראַנענע געטאָס).

מיכאל באָרוויטש

***

איך בין געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף ביז ביינאַכט. איך בין אַריין צום סאָלטיס. ער גיט מיר אַ צעטל און איך שלאָף איבער די נאַכט. אינ־דערפרי פרעג איך, וואָס פאַר אַ שטעטל עס געפינט זיך נאָענט. זאָגט ער מיר, אַז זשעליכאָוו. איך האָב געשטרעבט צו קומען אין אַ שטעטל, וווּ עס געפינען זיך ייִדן, כדי איך זאָל דאָרט דינגען אַ דירה. אַ גאַנצן טאָג זאָל איך גיין אויפן דאָרף און ביינאַכט זאָל איך האָבן ווּ צום שלאָפן און סתם זיין צווישן ייִדן אין אַ שבת, אַ זונטיק. (...) אַזוי האָב איך טאַקע געטון. פאַר 40 זל. אַ חודש האָב איך געדונגען ביי יענעם אַ שטיבל. אַ גאַנצן טאָג בין איך געגאַנגען פון דאָרף צו דאָרף. כ׳האָב געקריגן ברויט, קאַרטאָפליעס און אַזוי געלעבט אַ שטיקל צייט.

אין דעם שטעטל פלעגן קומען גוים פון די דערפער פון אַ יריד און זיי האָבן באַמערקט, אַז איך דריי זיך צווישן די ייִדן. האָבן זיי עפּעס דערשנאַפּט, אַז איך מוז זיין אַ ייִד. און פון דאַן אָן, ווען איך פלעג קו־מען אין די דערפער, האָבן מיר די גויאישע קינדער גערופן: „יודע! יודע״! איך האָב געזען, אַז עס איז שלעכט, האָב איך אָנגעהויבן זוכן אַנדערע דערפער, ווו מען האָט מיך נאָך נישט געקענט. וויבאַלד כ׳האָב געוואָלט אַמאָל גיין אין די אַלטע דערפער, האָט מען געשריגן „יודע״! און מיר געשלאָגן. אַ גוי האָט מיר דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ און געריטשעט:

— יודע אַהיים!

איך זאָג אים: — סטייטש? איך האָב דאָך נישט צום עסן! גיט ער מיר אַן עצה איך זאָל פּגרן, כדי עס זאָל זיין איין אַנטיכריסט ווייניקער און ער שלאָגט מיך.

„אין יאָר 1942 איז אַרויס אַ נייע גזירה, אַז ווו מען וועט געפינען אונטער דער שטאָט אַ ייִד — וועט מען אים שיסן. ביז דעם 42טן יאָר האָט מען געדאַרפט האָבן אַ פּשעפּוסטקע. קוים האָט מען געטראָפן אָן אַ פּשעפּוסטקע, האָט מען געלייזט אַ פּאָר קלעפּ און עס איז אַדורך. אָבער איצט אַז מען וועט שיסן, וואָס־זשע טוט מען?״

אַ חוץ אים איז איבער די דערפער געגאַנגען נאָך אַן אַנדערער ייִד; די דייטשן האָבן אים געכאַפּט און דערשאָסן.

„איך האָב אָנגעהויבן ווייטער גיין, אָבער שוין זעלטענער. איין מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך. איך זאָל נאָר האָבן איבערצולעבן בדוחק און אויף דירה־געלט. איך זאָל נאָר האָבן אַ טרוקענע קאַרטאָפליע.

שפּעטער האָבן זיי שוין געהאַט אַזאַ סימן: אַ פּוילישער דזשאַד האָט געטראָגן אין זאַק סלאָנינע, מעל, ברויט. אַ יידישער דזשאַד — קאַרטאָפל. ווען זיי האָבן געפונען ביי אַ דזשאַד בלויז קאַרטאָפל, האָבן זיי אים באַלד דערשאָסן. אַלע מאָל האָט מען געהערט פרישע נייעס, אַז מען האָט געשאָסן צוויי יידן, דריי יידן.״

די מערדערייען ווערן וואָס אַמאָל צאָלרייכער, די גזירות פון טאָג צו טאָג ווילדערע. ריטשעוויל אָבסערווירט און לעבט איבער די דאָזיקע געשעענישן פון דער פּערספּעקטיווע פון אַ „דזשיאַד״, אַגב פון אַ גאַנץ מערקווירדיקן. דאָס הייסט לחלוטין נישט, אַז ער איז געווען אַ „גע־מאַכטער „דזשיאַד״. פאַרקערט. פון געטאָ איז ער דאָך אַרויס נישט (אַזוי ווי אַנדערע) בכדי אויסצומיידן „אַקציעס״. דעמאָלט ווען ער האָט פאַר־לאָזט דאָס געטאָ, האָט זיך נאָך קיינעם וועגן „אַקציעס״ אַפילו נישט געחלומט. ער איז אַרויס פון געטאָ צוליב הונגער און מיטן ציל צו בעטלען. ער איז געוואָרן אַ בעטלער לגמרי נישט בכדי צו באַהאלטן זיין יידישע אָפּשטאַם. דאָס בעטלעריי איז פאַר אים נישט געווען בלויז אַ קאָסטיום, אַ סטיליזאַציע, אַ ראָלע. פונקט פאַרקערט: ער האָט אין די ערשטע צייטן אויסבאַהאלטן זיין אָפּשטאַם אויסשליסלעך בכדי צו קע־נען בעטלען. מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ „דזשיאַד״ אַפילו פסיכיש, אַפילו אין דעם אַרט טראַכטן און אָפּפילן. אין זיין דערציילונג טרעפן זיך גאָר אָפּט זאַצן, באַמערקונגען און פאַקטן, וואָס געהערן שוין פולשטענ־דיק צו דער שטייגערלעכקייט און צו דער גייסטיקייט פון „דזשאַדישן״ מין, צום קאָלאָריט און דעם פראַפעסיאָנעלן „וויסן״ פון אַ „דזשיאַד״.

פון דער צווייטער זייט, שטעקט אין אים דער פריערדיקער אָרטאָ־דאָקס און די יידישע פאַלקסטימלעכקייט. אין רעזולטאַט באַקומט זיך אַ גאַנץ משונהדיקער מעלאַנזש.

דער געוועזענער חסיד און איצטיקער „דזשיאַד״ איז אַריינגעפאַלן אין אַ ראָד פון געשעענישן פון אַן אויסערגעוויינלעכער געשפּאַנטקייט. ער גייט מיט זיין בעטלער־שטעקן און אויף זיינע אַלטע פיס פון דאָרף צו

דאָרף און פון שטעטל צו שטעטל, דורכמעסטנדיק צענדליקער קילאָמע־טער. דער מהלך איז אָבער אין דעם אַלעם די קלענסטע זאַך. ער מוז זיך קודם כל רעכענען מיט דער סטראַטעגיע, וועלכע עס צווינגען אים אויף די געשעענישן. בעת זיינע וואַנדערונגען קומט אים אויס זיך צו טרעפן פנים־אל־פנים מיט דייטשן. ווען זיי רופן אים, מאַכט ער זיך נישט הערן; ער גייט ווייטער און טראַכט: „קוים בין איך איצט נישט טויב, וועל איך דערהרגעט". נישט תמיד געלינגט עס. טיילמאָל חזרט דער דייטש איבער זיין רוף און פאַרהאַלט אים. אין אַזעלכע פאַלן מאַכט זיך דיטשעוואָל שטאַמלען און מיט אַ בעטלערישער דעטערמינאַציע גיט ער אַ תשובה אין „דזשאַדישן" סטיל.

עס איז אָבער געשען אויך אַזוי:

איך בין אַוועק אין אַ ניי דאָרף1) ווייל אין אַ ניי דאָרף גיט מען אַ סך, צום צווייטן מאָל ווייניקער, שפּעטער געבן זיי נאָך ווייניקער. ווי מען זאָגט, אַ נייער בעזעם קערט גוט. איך האָב אַלץ דערליידיקט ביז 3 אַזייגער און איך גיי אַהיים.2) געמאַכט האָב איך אַ גאַנץ שיין פּעקל. אַ 15 קילאָ קאַרטאָפל, אַזויפיל וויפל כ'האָב נאָר געקענט טראָגן. איך קום הינטער דער שטאָט, איך זע, עס גייט מיר אַנטקעגן דער שטן טרונקער3) אַליין מיט נאָך אַ זשאַנדאַרם. דאָ איז שוין מיין סוף. כ'האָב געמיינט, אַז איך דאַרף אָפּזאָגן ווידוי. וואָס אַן אמת, איז דאָרטן געווען אַ זייטיק וועגל, ווו איך האָב זיך געקענט פאַרקערעווען. האָב איך געטראַכט: ניין, איך וועל גיין דעם טייוול גלייך אין די אויגן אַריין, פאַרפאַלן. דעם אַרבל האָב איך אַראָפּגעלאָזט, כדי ער זאָל זען די אָפּאַסקע און איך האָב גע־קלערט אים צו זאָגן דעם אמת. ער קומט צו גלייך צו מיר און פרעגט:

— ווער ביסטו?

— אַ ייִד.

---

1) אין דער ערשטער העלפט פון 1942;

2) דאָס הייסט: אין אַן אַנדער שטעטל ווו ער האָט געוווינט (דאָס מאָל) ווי אַ ייִד.

3) אַ דייטש, טרויעריק באַקאַנט אין יענער געגנט צוליב צאָלרייכע מאָרדן וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן די דאָרטיקע ייִדן. ער פלעגט שיסן יעדן ייִדן, וועלכן ער האָט געטראָפן גיין נישט אויף דער ייִדישער גאַס.

— האַ? — ער עפנט די אויגן — וואָס? ווייסטו דען נישט, אַז ייִדן טאָרן דאָ נישט גייַן?

זאָג איך:

— הערסט דאָך, האַר לעבן, איך בין אַלט 83 יאָר (עס איז מיר איינגעפאלן צוצולייגן אַ פּאָר יאָר) און איך האָב שוין 3 טעג גאָרנישט געגעסן; בין איך אַרויס אין דאָרף צו אַ באַקאַנטן גוי נאָך אַביסל קאַר־טאָפל. אָט דאָס ביסל קאַרטאָפּל וועט מיך סטאַרטשען (גענוג) אויף אַ וואָך צייַט. אַלע טאָג עס איך זעקס קאַרטאָפּל, כדי עס זאָל אויף לענגער סטאַרטשען, ווייַל איך ווייס, אַז מען טאָר נישט גייַן. נאָר איך האָב שוין נישט געקאָנט מער הונגערן און זע, האַר לעבן, צי איך האָב נאָך עפּעס אַחוץ קאַרטאָפּל? —

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער, — אָבער דו וועסט דערשאָסן.

דערווייַל האָט מען געגעבן צו וויסן דעם יודן־ראַט, אַז טרונקער האָט געכאַפּט דעם אַלטן ייִד. זענען אַלע געקומען צולויפן כאַטש אָפּבעטן ביי טרונקערן, אַז ער זאָל מיך שיסן אויפן בית־עולם. אָט די טובה כאַטש האָבן זיי געקאָנט מיר טון. אַלע, גרויס און קליין זענען געשטאַנען פונדער־ווייטנס און געקוקט און געוואָלט זען, וואָס דער סוף וועט זייַן. איך, הערנדיק, אַז ער וויל מיך שיסן, האָב אים געזאָגט: — אַז אויב אונדזער גאָט האָט מיך געלאָזט לעבן ביז היינט, וועסטו מיר שענקען דאָס, וואָס איז מיר באַשערט צו לעבן ביזן טויט, דערפאַר וועסטו נאָך לענגער לעבן פאַר מיר.

זעט אויס, אַז אַפילו אויף טרונקערן האָט עפּעס געמוזט ווירקן, ווייַל ער האָט דעם געשפּרעך מיטן בעטלער פאַרגעזעצט. ער האָט געהייסן זיך ווייזן דעם פּאַס; זעענדיק אויף דער פאָטאָגראַפיע אַ ייִד מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט ער געפרעגט פאַרוואָס ריטשעוואל טראָגט איצט שוין נישט די באָרד און אַזוי ווייטער. לסוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— „הער אויס, דאָס ערשטע מאָל באַפריי איך אַ ייִד! נאָר געדענק, אַז קוים טרעף איך דיך נאָכאַמאָל — דערשיס איך דיך.“

פאַר די אָרטיקע ייִדן, וואָס האָבן געקענט טרונקערס „געוווינהייטן“ איז דאָס געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך, אַז זיי האָבן דעם זקן אויפגענומען ווי אַ צוריקגעקומענעם פון יענער וועלט. עס האָבן זיך אַ שיט געגעבן

נדבות. נאָך מער: בכדי ער זאָל זיך מער נישט איינשטעלן, האָבן זיי אים צוגעטיילט אַ טעגלעכע אונטערשטיצונג אין דער פאָרם פון ברויט און זופּ.

לאַנג איז אָבער ריטשעוול דאָרט נישט פאַרבליבן. אַ געוויסן טאָג האָט ער באַשלאָסן צו גיין ווייטער. דאָס מאָל אין שטעטל אַדאַמוווּ. כדי אויסצומיידן „נישט אַנגענעמע" צוזאַמענטרעפן, איז ער אַרויסגעגאַנגען 12 אַזייגער ביינאַכט.

„דאָס האַרץ ווערט פאַרשטיינערט און מען האָט פאַר גאָרנישט קיין מורא".

און ווידער דאָס אַרומוואַלגערן זיך, ווידער צוזאַמענטרעפן מיט דייטשן, מיט גראַנאַטענע פּאָליציאַנטן, מיט זשאַנדאַרמען. קלעפּ, וועלכע מען גיט שוין נישט דעם ייִד, נאָר דעם בעטלער. איינמאָל למשל — זיצן אויף אַ באַלקאָן צוויי דייטשן מיט צוויי מיידלעך. זיי רופן צו דעם „דזשיאַד":

— וואָס איז געווען יעזוס, אַ ייִד צי אַ גוי?

איך האָב מורא געהאַט צו זאָגן אַ גוי — טאָמער טויג נישט. וועל איך זאָגן אַ ייִד, אפשר איז אויך נישט גוט? זאָג איך: — איך ווייס נישט.

גיט ער מיר אַ קנאַק מיט דער בייטש. ער פרעגט ווייטער:

— אמת, אַז ער איז געווען אַ ייִד?

איך הער, אַז ער זאָגט אַזוי, זאָג איך אויך:

— יאָ, יעזוס איז געווען אַ ייִד.

ער איז געווען צופרידן. זיך אַ קלאַפּ געטון אין בויך און ער רייצט זיך מיט די שיקסעס, מיט וועלכע ער האָט זיך וועגן דעם געשפּאַרט.

— זעסטו: יעזוס איז געווען אַ ייִד!

ער האָט מיך נאָך צוגעגעבן אַ פּאַפּיראָס און מיך באַפרייט. ווען איך בין אַרויס, בין איך געווען בלאַס ווי אַ פּאַפּיר און צוויי שעה האָב איך נישט געקאָנט קומען צו זיך, די פיס האָבן אונטער מיר געציטערט... „איך בין דעמאָלט זייער צופרידן געווען דערמיט, וואָס יעזוס איז געווען אַ ייִד".

עס קומט די כוואַליע פון „אויסזידלונגען" און „ליקווידאַציעס" פון די ייִדישע ישובים, די אַפּאָקאַליפּסע איבערגעזעצט אויף דייטשער טעכניק און פּלאַנמעסיקייט. דער בעטלער־וואַנדערער פאַרלירט אַפילו די לעצטע

שטיק־פּונקטן. ער פאַרבלייבט איינער אַליין מיט זיין בעטלערישן גורל און זיין (בלויז אים באַקאַנטן) יידישן אַפּשטאַם.

אַמאָל גייט ער אַריין אין דעם דאָרף סטאָקי, נישט ווייט פון לוקאָוו. ס'איז דער טאָג פון „אַלע הייליקע". אונטערן קלויסטער „זענען געשטאַנען אַלע דזשיאַדעס און געזאַמלט נדבות — האָב איך זיך אויך אַוועקגעשטעלט. דעם פּאַטעזש (תפלה) האָב איך נישט געקענט, בין איך געשטאַנען ווי אַ שטומער און האָב באַקומען נדבות. אַזוי בין איך געזעסן אַ פּאָר שעה. נאָר אַזוי ווי די איבעריקע בעטלערס האָבן געזען, אַז איך זיץ ווי אַ שטומער, איך מאַדליע זיך נישט, מוז איך זיין אַ ייִד. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען וועגן מיר. באַלד האָבן די פרומע פּויערטעס אָנגעהויבן דאָס אי־בערגעבן פון אויער צו אויער און עס האָט זיך געמאַכט פּריילעך. זיי האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף שיקן נאָך פּאָליציי. וואָס טו איך? כ'מאַך זיך נישט וויסנדיק, ווייל אויב איך וועל אַנטלויפן, איז דאָך שלעכט, וועט מען דאָך באַלד זאָגן, אַז איך בין אַ ייִד. אַזוי ווי פּאַר אַ דזשאַד פּאַסט אַלצדינג, האָב איך אַראָפּגענומען דעם פּאַסעק פון די הויזן, אָנגעהאָנגען אויפן האַלדז און גענומען זוכן אַן אָרט אויף אויסמלאכהנען זיך. איך בין זיך פּאַמעלעך געגאַנגען, נאָר פּאַמעלעך. ווי נאָר איך האָב זיך דערוווייטערט פון דער כאַליאַסטרע, וועלכע האָט אויף מיר גערעדט, האָב איך געמאַכט פּיס, ויברח.

איך בין אַוועק אין דאָרף איליעניץ. כ'בין געגאַנגען צום סאָלטיס און זיך קודם געשאַפן אַן אָרט צום שלאָפן. אויפן צווייטן טאָג בין איך אַוועק אויפן צמענטאַזש. אַלע דזשאַדעס גייען דאָרט אַהין. בין איך אַוועק אויפן צמענטאַזש".

אַן אַנדער מאָל, אין דעצעמבער, איז ער אַריינגעקומען אין אַ דאָרף פונקט ערב „באָזשע נאַראָדזעניע". שווער צו באַקומען אַ קוויטל אויף אַ געלעגער. „באָזשע נאַראָדזעניע", אַ גרויסער יום־טוב. גיין דאַן איז שווער. כ'האָב קיין איין דזשאַד נישט געזען. מ'הויבט אָן פרעגן: „ס'טייטש? ווי קומט עס?" אין חגא זיצט יעדער ביי זיך. טאָ וואָס זאָגט מען זיי? הכלל, וואָס טוט מען? איך קום פּונקט צום סאָלטיס אין דער „וויגיליע" אַ מיאוסער ענין. ווי געפינט מען אַן אויסריידן?"

קיין דאָקומענט האָט ער נישט געהאַט. ווען דער סאָלטיס האָט אים

געגומען אויספרעגן וועגן זיינע פערסאָנאַליען, האָט ער אויסגעטראַכט אַ גאַנצע מעשה: פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ וועכטער אין עפּעס אַ פאַבריק. אין 1939 זענען אויף דער פאַבריק געפאַלן צוויי באָמבעס און דעם סאָלטיס פרוי האָט זיך ארייגעמישט:

— עך, וואָס ווילסטו? זעסט דאָך, אַז ער איז אַן אָרעמער אַלטער מענטש. גיב אים אַ צעטעלע, אַנישט זאָל ער שלאָפן ביי אונדז.

געגעבן האָט ער מיר אַ גאָר גוטן אָרט ביי אַ רייכן קריסט. איך קום אַריין אַהין, עס שלאָגט אַ וואַרעמקייט פון דאָרטן, מיט ריחות פון עסנ־וואַרג. איך קום אַריין — עס ווערט פריילעך: אַיי, אַ דזשאַד! מען גיט מיך אַ פיר צו צו דער קיך. מען הייסט מיר זיך אויסטון. „אַך ווי גוט — זאָגן זיי — אַ דזשאַד אין דער וויגיליע נאַכט, יעזוס איז אויך אַזוי געגאַנגען". די פויערטע האָט זיך געפּאָרעט ביי דער קיך. אוי, ווי איז מיר! וויפל מאַכלים כ'האָב דאָרטן געזען. איך האָב אויך געוואָלט דערציילן אַ מעשה, אַז איך זאָל ביי זיי זיין אַן אָנגעזעענער גאַסט און איך האָב געגעבן אַ טראַכט אויס אַזאַ מעשה: — אַמאָל איז יעזוס אַרומגעגאַנגען ווי אַ דזשאַד. איינמאָל איז ער אַריינגעגאַנגען אין אַ שטוב — די בעל־הביתטע באַקט ברויט און פלעצלעך... די בעל־הביתטע איז געווען אַ שלעכטע און נישט געוואָלט געבן... איז ער אַרויס אַן גאַרנישט. פון דעמאָלט אָן, ווען זי האָט געבאַקן ברויט, איז נישט דאָ געדאַכט, פון דעם ברויט געוואָרן שטיינער.

— אָך, אָך! — אין שטוב איז געוואָרן לוסטיק און זיי האָבן געזאָגט:

— „טאַק, טאַק, טאָ פּראַוודאַ, טען דזשיאַד ווישיסטקאָ וויע" 1).

ס'איז איבריק צוצוגעבן, אַז זיי האָבן אים קייזערלעך מכבד און מנדב געווען.

**
*

אַפילו אַ חתונה־פאָרשלאַג האָט מען אים אויך געמאַכט: ווען ער איז געקומען אויף דער קאָלאָניע נאָוואָקאָביאַלעק, האָט די פויערטע צו וועל־כער ער איז אַריינגעגאַנגען זיך תיכף פאַר אים פאָרגעשטעלט: „אַז זי איז אַן אַלמנה, 40 יאָר אַלט. זי האָט, זאָגט זי, צוויי יינגלעך: איינער פון 10

1) יאָ, יאָ, דער „דזשיאַד" ווייסט אַלץ.

יאָר, דער צווייטער פון 14 יאָר. זיי פּאַשען בהמות ביי בעלי־בתים... גע־האַט האָט זי אַ מאַן, אַן אַלמן פון 80 יאָר. איז ער געשטאָרבן. און אויב איר ווילט, זאָגט זי, קאָנען מיר ביידע חתונה האָבן. אַזוי ווי זי גייט אויך אויפן דאָרף, וועט זי מיר צוהעלפן. אַ צוויי טעג אין דער וואָך וועט זי גיין און צוויי מאָל וועל איך גיין, עס וועט מיר, זאָגט זי, זיין גאַנץ גוט״.

ער האָט זיך אויסגעדרייט, זאָגנדיק, אַז ער איז מסכים, אָבער ער מוז פריער גיין נאָך אַ מעטריקע אין זיין דאָרף.

***

כדי, ענדלעך, זיך אויסצולערנען דעם פּאַציענט, איז ער אַוועק צווישן די דזשאָדעס אויפן יריד... דעם פּאַטשעזש האָט ער זיך אויסגעלערנט. עס זענען נאָך אָבער פאַרבליבן פעלערן אין זיין רעליגיעזן וויסן. ווען ער איז איינמאָל אַריין צו אַ סאָלטיס נאָך אַ צעטל אויף אַ נאַכט־געלעגער איז דעם סאָלטיס נישט געפעלן געוואָרן מיין צלמן זיך. כ׳האָב נאָך נישט געוווּסט אויף וועלכן אָרט צו ענדיקן, אויף דער רעכטער צי אויף דער לינ־קער. האָב איך געענדיקט אויף דער לינקער זייט. ער האָט דאָס גלייך באַ־מערקט, ער זאָגט צו מיר:

— זיידע, דו ביסט אַ ייד!

ער הייסט זיך מיר נאָך אַ מאָל אָפּצלמען. איך זע, עס איז באו מים עד נפש — איך זאָג:

— „פאַן יעזוס וויל נישט, איך זאָל מיך צוויי מאָל צלמן״.

דער סאָלטיס האָט, טראָץ דעם געשיקט נאָך די פייערלעשער, זיי זאָלן אים אָפּפירן אין פּאָליציי־פּאָסטן. דעם בעטלער געלינגט אָבער אים „ווייך צו מאַכן״ מיט אַן אויסגעטראַכטער מעשה. ער האָט אים אַרויסגע־לאָזט, איידער די פייערלעשער זענען געקומען. „כ׳האָב ווידער געוווּנען דאָס לעבן״.

און אַזוי אַ טאָג נאָך אַ טאָג...

ווען ער איז, נאָך דער מלחמה געקומען אין דער היסטאָרישער קאָמי־סיע און דערציילט זיין געשיכטע, האָט מען אים פאָטאָגראַפירט. מיט דעם בעטלער־שטעקן אין האַנט און מיטן זעקל אויף די פּלייצעס 1).

1) „ווי אַזוי איך האָב איבערגעלעבט די דייטשן״.

אין פאַרגלייך מיט ריטשעוואָלס איבערלעבענישן זעען אויס די גע־שיכטעס פון די פאַרשידענע דערציילונגען וועגן דזשיאַדעס פלאַכע און באַנאַלע פּרימיטיוון.

דערפאַר אָבער ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט אַנדערע פון דעם מין „אַרישע פאַפירן" זעען זיי אויס — לאָמיר נישט מורא האָבן פאַר דער באַצייכענונג — ווי אַן אידיליע. ריטשעוואָל האָט לכל הפחות געהאַט אַן אָנגעצייכנטן וועג און אַ באַשטימטן „סטיל".

די באַשריבענע איבערלעבונגען זענען שוין געווען די טעמע פון אַ דיסקוסיע. איינער פון די חברים־שרייבער, וועלכער האָט זיך מיט זיי באַ־קענט, האָט נעמלעך פאָרמולירט אַ ריי פאַרוואָרפן קעגן די אַרויסגעבער פון די דאָזיקע זכרונות. ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט כדאי געווען צו פאַרעפנטלעכן דעם גבית־עדות פון אַ ייִד, וואָס אים כאַראַקטעריזירט דער מאַנגל פון מאָראַלישע העמונגען. דאָס לעצטע קומט צום אויסדרוק אין זיין פאַרלאָזן דאָס געטאָ און די אייגענע משפּחה, אויסשליסלעך צוליב מאַטעריעלע טעמים, ווי אויך דאָס גרינג־געמיטיקע עובר זיין אויף אַלע לאַוון פון דער תורה, וואָס האָט נישט געדאַרפט אַזוי לייכט אָנקומען אַ ייִד, וואָס באַצייכנט זיך ווי אַ געוועזער חסיד. צוליב דעם וואָס פון ריטשעוואָלס זכרונות קוקט בולט אַרויס דאָס פּנים פון אַ ייִד, וואָס ריכט זיך אין לעבן בלויז מיטן „מאָגן־אינטערעס" האָט דער דערמאָנטער שרייבער געהאַלטן, אַז אַזעלכע מינים גבית־עדות האָבן נישט געדאַרפט און געטאָרט פאַרע־פנטלעכט ווערן.

וואָס נוגע דער מאָראַל־אָפּשאַצונג וועלן מיר איצט נישט מאַריך זיין. רעפּערירנדיק די געבראַכטע פאַקטן האָבן מיר שוין אונטערגעשטראָכן אַז ער האָט נישט בלויז סימולירט, נאָר איז טאַקע געווען (אָדער געוואָרן) אַ בעטלער. און דאָס — אַפילו אין זיין אופן פון טראַכטן. און וואָס שייך דער פראַגע וועגן פאַרעפנטלעכן אַזעלכע זכרונות?

די אָקופּאַציע צייטן זענען נישט באַשטאַנען פון ביישפּילן, וועלכע מען זאָל קאָנען אריינגעמען אין די ביכלעך „פאַר אַרטיקע קינדער". זיי זענען געווען ניהנומדיק, נישט פון בילדל נאָר פון דער ווירקלעכקייט. דאָס זענען אמתן וועגן מענטשן. די ערשטע זאַך, וואָס די דאָזיקע אמתן פאַר־לאַנגען איז מוט אָנצוקוקן די דאָזיקע ווירקלעכקייט אין אירע טויזנטער

אָפּצווייגונגען און קאָמפּליקאַציעס, אין אירע מענטשלעכע היכן און תהומען — פּנים־אל־פּנים.

פון די ביז־איצטיקע געבראַכטע פאַקטן איז שוין געדרונגען, אַז צו די „פּערזענלעכע באַדינגונגען" (נויטיקע דעמאָלט ביים לעבן „אויף פּאַ־פּירן") דאַרף מען פאַררעכענען אויך (און אפשר קודם כל) קאַלט־בלוט און רו. דאָס גאַנצע „לעבן אויף פּאַפּירן" איז דאָך אין אַלגעמיין נאָר געווען אַ סדר פון פּלוצלינגע סיורפּריזן:

נאַטאַליאַ דרעזדנער, זייענדיק געניט צו טוישן איר וווין־אָרט, איז געקומען צופאָרן פון לעמבערגער קרייז קיין קראָקע.

„די ערשטע מאָמענטן זענען געווען גאָר שווערע, ווייל כ'האָב מיט קיינעם נישט געהאַט קיין קאָנטאַקט... איך בין געזעסן אויף די פּלאַנטן און דאָרט געהאַט אַ שמועס מיט אַ סטרוזשקע, וואָס האָט מיר דערלויבט איבערצונעכטיקן ביי איר. צומאָרגנס (נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה) האָב איך זיך געמאָלדן אין אַרבעט־אַמט. מען האָט מיך געשיקט אויף אַ פּאָסטן צו אַ דייטשקע, שאַרלאָטאַ הילער, די געליבטע פון אָבערשטור־רעמפּירער פּעטער בויערבאַך וואָס איז ווידער געווען אַ גוטער פריינט פון אמאָן געט.1) אין צווייטן טאָג פון מיין אַרבעט האָב איך זיך צונויפ־געטראָפן ביים טיש מיט אַמאָן געט, וואָס האָט מיר באַגריסט מיט די ווער־טער: „דו ביסט ראַסיש ווי אַ ייִדישקע". כ'האָב מיך געמאַכט נישט פאַרשטיין.

דאָס הויז פון דער דייטשקע (אויף דער שלאָנסקאַ גאַס) איז געווען אַ טיפּיש פון אַ קאָקעטע. די געליבטע האָבן זיך געטוישט, אָבער דער שטענ־דיקער איז געווען פּעטער אויערבאַך. אַזוי ווי ביים אַנטלויפן פון קראָקע האָב איך נישט מיטגענומען מיט זיך קיין וואַרעמע קליידונג, האָב איך געבעטן מיין בעל־הביתטע אַז זי זאָל פאַר מיר באַזאָרגן אַ „בעצוגשיין" אויף סחורה. אויערבאַך — הערנדיק מיין בקשה — האָט געזאָגט אַז צו־מאָרגנס קומט אַ „סעלעקציע" אין פּלאַשעווער לאַגער — „עס ווירד זוי־

1) קאָמענדאַנט פון פּלאַשאָווער לאַגער (ביי קראָקע), אַ מערדער פון טויזנ־טער ייִדן. נאָכן קריג האָט מען אים געכאַפּט און פאַראורטיילט צום טויט. דאָס בוך „דער פּראָצעס פון פעלקער־מערדער אמאָן געט" אַרויסגעגעבן פון דער ה. קאָמיסיע אין קראָקע.

בער געמאַכט״ אונד דו באַקומסט אַ מענטעל״. כ׳בין געווען אויפגעשווידערט פון דער פּראָפּאָזיציע און כ׳האָב מיר געזאָגט, אַז בשום אופן וועל איך נישט טראָגן קיין מאנטל נאָך אַ דערהרגעטע ייִדישע פרוי. איך האָב זיך דעמאָלט געבאָרגט ביי דער סטרוזשקע 600 זלאָטעס און געקויפט אויף דער טאנדעט אַ מאַנטל פאַר 800 זלאָטעס. זיי האָב איך דערקלערט, אַז דעם מאַנטל האָט מיר צוגעשיקט מיין משפּחה.

געט פלעגט זיין אַן אָפטער גאַסט אין דער דירה. בעת מיין אַרבעט דאָרטן (19 חדשים), האָב איך אים קיינמאָל נישט געזען אין אַ ניכטערן צושטאנד. אַחוץ אים, פלעגט נאָך דאָרט אַהינקומען דער דירעקטאָר פון אַרבעטסאמט דר. ניטשע טויע. מען האָט דאָרט געמאַכט פאַרוויילונגען, וואָס זענען געשטאנען אויפן ניווא פון אַ פריילעך הייזל. מען האָט איינגעלאַדן פרויען און אַ סך געטרונקען. זייער אָפט האָבן זיי, טראָץ דעם קאָמפאָרטאַבל־דירה, דערליידיקט זייער פיזיאָלאָגישע געברויכן אין דער שטוב. אויערבאַך פלעגט מאַכן אייפערזוכט־סצענעס, צעהאקנדיק וואָס עס איז אים אונטערגעקומען.״1)

כדי צו פאַרשטיין די אויסשפּראַך פון דעם פשוטן גבית־עדות איז נישט גענוג בלויז צו וויסן ווער ס׳איז געווען אַמאָן געטה. מען דאַרף נאָך רעקאָנסטרויִרן און זעען (יאָ: זעען!) די ״טאָפּאָגראַפיע״ פון דייטשן פאַרברעכן. עס גייט מיר נעמלעך אין דער פאָלגנדיקער דערשיינונג:

אין יעדער גרעסערער שטאָט האָבן עקזיסטירט אַ ריי פונקטן פון דייטשער פּאָליציי, אַ ריי פונקטן פון ס. ס., אַ ריי תפיסות און בכלל מאָרד־ערטער. די אַדרעסן פון די דאָזיקע ״אינסטיטוציעס״ האָבן מיט דער צייט באַקומען אַן און פאַר זיך אַ גרויסן כח. מענטשן האָבן זיי אויסגעמיטן פון דער ווייטן. אין די געשפּרעכן (און אין געדאנק) זענען זיי אויסגעוואקסן צו סימבאָלן פון גרויל, האָבן עמינירט מיט גרויל. יעדער אַדרעס האָט דערביי געהאַט זיין אייגענעם (און תמיד — מער ווייניק מאַקאַברישן) ״ניואַנס״. פאַר די קראָקעווער ייִדן איז דער שרעקלעכסטער פון די דאָזיקע ״אַדרעסן״ געווען דער פּלאַשאָווער לאַגער. יעדע געפאַר, יעדער געדאַנק וועגן געפאַר האָט זיך תיכף געבונדן מיטן געדאַנק וועגן דעם

1) פּראָטאָקאָל פון וו. ה. ק. נמ׳ 512.

אָרט פון מאַסן־שחיטות, וואָס האָבן כסדר דעמאָלט געדויערט. מען קאָן זאָגן, אַז פון פּלאַשאָוו האָט אויף יעדן באַהאַלטענעם ייִד געאָטעמט די אייביקע מוראדיקע געפאַר.

דעם זעלביקן „פּלואיד" האָבן געהאַט די נעמען פון באַשטימטע תלינים. אין קראָקע איז זייער פּאַרקערפּערונג, זייער, קאָן מען זאָגן, קווינטעסענץ געווען טאַקע אַמאָן געטה, דער קאָמענדאַנט פון פּלאַשאָווער לאַגער.

לעבן אין קראָקע אויף „אַרישע פּאַפּירן" און טרעפן אַקוראַט דעם דאָזיקן געטהן פּריוואַט (ד. ה. דעמאָלט ווען ער קומט גלייך פון „דאָרט" מיט הענט, וועלכע האָבן ערשט אויסגעפּירט נייע מאָרדן) איז נישט קיין באַנאַלע איבערלעבונג. אין דעם פאַל ווען עס רעדט זיך וועגן „קאָלטבלוטיקייט" האָט דאָס וואָרט אַ באַזונדער אויסשפּראַך.

VI

וואנדערונגען

1. מיט אַ קינד אויף דער האַנט פון שטעטל צו שטעטל. צוריקמאַרש צוזאמען... מיט דער דייטשער אַרמיי. — 2. די מאַגישע פאַרבינדונג מיטן געטאָ. — 3. די וואַנדערונגען פון נעמי שאַץ - ווינקראַנץ — אין קאַמף פאַרן מאַנס לעבן.

די סיבות פון נע־ונד זענען אין פאַרשידענע געגנטן געווען די זעלביקע, דערפאַר האָט זיך געביטן דער אופן און די „ראַם". אין דער צייט, ווען אין דער גרויסער שטאָט האָט דער באַדראָטער זיך באַהאַלטן אין אַן אַנדערן שטאָט־טייל, האָט מען אין דער פּראָווינץ געדאַרפט עוקר זיין אין אַן אַנדער שטעטל. און דאָס איז אַ וואָס ווייטער שטעטל. כדי צו געבן אַ באַגריף פון די סיטואַציעס אין די דאָזיקע באַדינגונגען לאָמיר זיך אַ ביסל אָפּשטעלן אויף איינער פון דער קאַטעגאָריע. דערביי וועלן מיר אין אַכט נעמען נישט בלויז די געשעענישן, נאָר אויך די חסדים, וואָס געהערן צו זייער „אינווענטאר":

העלענע שטיינבערג האָט זיך געפונען (אין מאָמענט ווען ס'איז אויסגעבראָכן די דייטש־סאָוויעטישע מלחמה) אין זדאָלבונאָוו (ראָוונער וואָיעוואָדסטווע) מיט איר מאַן. זי איז געווען מעוברת. אַ חודש נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אַריין האָט זי געבוירן אַ זון.

ווען די סיטואַציע פון די ייִדן איז געוואָרן חושכדיק האָט דער מאַן

איר פֿאַרשאַפֿט אַן „אַרישן" געבורט־שיין און האָט זי אַרויסגעשיקט אין וועג, דערווייל אַליין. 25 קילאָמעטער הינטער זדאַלבונאָוו האָט העלענע שטיינבערג זיך געוועדעט אין אַ טאַרטאַק וועגן אַרבעט. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער אָנפֿירער פֿון דעם טאַרטאַק האָט געשטאַמט פֿון טוטשין (דאָס אָרט, וואָס איז אין דעם כלומרשטן געבורט־שיין געווען אָנ־געגעבן אַלס איר געבורט־אָרט). חוץ דעם האָט ער געקענט די גאַנצע משפּחה, אויף וועלכערס נאָמען זי האָט זיך פֿאַררופֿן. זי אַנטלויפֿט תּיכּף ביים ערשטן שמועס מיט אים. אומקערנדיק זיך נאָך זדאַלבונאָוו איז זי אַריינגעפֿאַלן אַקוראַט צו אַ גרויזאַמער אַקציע פֿון די דייטשן אין געטאָ. אַ דאַנק דער הילף פֿון צוויי פּוילישע משפּחות (יאַן פּלעטשקאַ און פֿראַנ־טשישעק צעלעדאַ) באַקומט זי אַ נייעם „אַרישן" געבורט־שיין און אַ דיפּ־לאָם אַלס געענדיקטע שניידערין אויפֿן נאָמען פֿון האַלינאַ אַנדזשעיטשאַק. דער מאַן באַקומט אַ מיליטערישן ביכל פֿון פּאַליאַק ווינצענטי קוכאַרסקי. די דאָזיקע הילף באַקומען די שטיינבערגס פֿון די דערמאָנטע פּאָליאַקן לח־לוטין אומזיסט.

דעם 13טן סעפּטעמבער 1942, אַזייגער 5 אינדערפֿרי האָט העלענע שטיינבערג, איבערלאָזנדיק דאָס קינד דערווייל ביי די פֿאַמיליעס פּלעטש־קאַ און צעלעדאַ, זיך געלאָזט אין וועג אין דער ריכטונג פֿון דובנאָ. דאָ האָט זי געפֿונען אַ וווינונג און זיך איינגעמאָלדן אין שטאָטישן מעלדונגס־אַמט. האָבנדיק זיך איינגעמאָלדן, קערט זי זיך אום מיט אַ פֿורל קיין זדאַלבונאָוו (אַן ערך 50 קילאָמעטער) און פֿון דאַנען פֿאָרט זי צוריק קיין דובנאָ מיטן מאַן און קינד. זי דינגט אַ פֿורל, אויף וועלכער זי לאָדנט אָן אַלע אירע זאַכן.

„דער וועג איז געווען אַ שרעקלעכער... ס'האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט — דערציילט זי — אַז מיר פֿאָרן צום אומקום. איך האָב אַלץ געטענהט צום מאַן, אַז ס'איז שלעכט. מיין מאַן, נאָכדעם, ווי ער האָט מיך צוגעפֿירט קיין דובנאָ, האָט זיך געזאָלט לאָזן קיין מאָלדאַווע,1) ווו ער האָט זיך גערעכנט צו באַקומען אַרבעט, אַלס סטאָליאַר".

קוים איז זי צוגעפֿאָרן צו דער געדונגענער וווינונג האָט די באַלע־באָסטע איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז נעכטן האָט זיך אויף איר געפֿרעגט

1) אַ דאָרף וואָס איז באַוווינט געווען דורך טשעכן

איינער אַ שוואַרצער באַן־ארבעטער. „איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג, ווייל אין דובנע האָט מיך קיינער נישט געקענט. כ׳האָב חושד געווען דער באַאמטין, וועלכע האָט מיך איינגע־מאָלדן, אַז זי האָט מיר עמיצן אונטערגעשיקט, ווייל ביים איינמעלדן זיך האָב איך אַנשטאָט אָנצורופן מיין מוטערס נאָמען „פּעטראָנעלאַ״ געזאָגט „פּעטראלינאַ״. זי האָט מיך שאַרף אָנגעקוקט און געמאַכט מיר אַ באַמער־קונג, אַז אין פּוילישן לשון איז נישטאָ אַזאַ נאָמען.

„מיין מאַן איז מיט דעם זעלביקן פורל אַוועקגעפאָרן אין טשעכישן מאָלדאווע״.

אויפצומאַרגנס האָט די שטיינבערג פאַרברענט אַלע פאָטאָגראַפיעס און נאָך אַנדערע אַזעלכע „קאָמפּראָמיטירנדיקע״ אָנדענקונגען. זי האָט קוים באַוויזן דאָס צו ענדיקן, איז אין שטוב אַריין אַ דייטש פון ס. ס. און אַ פּאָליאַק פון דער געהיים־פּאָליציי. טראָץ דעם געבורט־שיין האָט דער לעצטער פאַרעקשנט געטענהט, אַז זי איז אַ ייִדישע. דער דייטש האָט נאָך נאָכגעקוקט דעם שניידערישן דיפּלאָם און האָט באַשלאָסן זי איבערצו־לאָזן. די כלומרשטע אַנדזשעיטשאַק לעבט אָבער שוין פון דעמאָלט אָן אַזוי ווי אויף הייסע קוילן.

דעם מאַן, וועלכער האָט זי באַזוכט דעם קומענדיקן זונטיק, לאָזט זי אַפילו אויף דער שוועל נישט אַריבער. „איך האָב אים געזאָגט: אַנטלויף, ראַטעווע זיך, איך בין שוין אַ פאַרלוירענע. די זאַכן (אוי, די זאַכן! דאָס ערגסטע וואָס מיט זיי און אָן זיי איז געווען שווער) האָט זי אַריבערגע־טראָגן צו אַ טשעכין פון מאָלדאווע, וועלכע זי האָט אין צווישנצייט באַ־קענט. אין עטלעכע טעג קומט אָן אויף אַ ראָווער, אַ פאַרסאַפּעטער צע־לעדאַ פון זדאלבונאָוו (געפאָרן 50 קילאָמעטער). ער דינגט ווידעראַמאָל אַ פורל, לייגט אויף די זאַכן און העלענע פאָרט מיט אים קיין זדאלבונאָוו. דאָרט האָט זי איבערגענעכטיקט איין נאַכט ביי די דערמאָנטע פריינט.

„אין דער פרי האָב איך אין רוק־זאַק אַריינגעוואָרפן עטלעכע ווינדע־לעך פאַרן קינד, גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג פון סלאַוווטע. פלעטשקאַ האָט מיר אַרויסגעטראָגן דעם רוק־זאַק הינטערן שטאָט און ערשט דאָרט מיר אים איבערגעגעבן. עטלעכע

קילאָמעטער הינטער דער שטאָט בין איך אויפגעזעסן אויף אַ קוילן־וואָגן און אזוי בין איך אָנגעקומען קיין סלאוווטע״.

אין סלאוווטע דינגט זי עפּעס אַ ווינקל און גייט ווייטער אַוועק צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע זיך איינמעלדן. „באַלד האָבן אונדז אַרומגערינגלט די אוקראַאינישע פּאָליציאַנטן. ווען איך האָב זיי געוויזן מיין דאָקומענט, האָבן זיי גענומען חוזקן: „זשידיווקאַ, זשידיווקאַ״. די באַלעבאָסטע איז געשטאַנען נעבן מיר, ווי אַן אָפּגעשמיסענע, קוקנדיק אויף מיין פּוילישן געבורט־שיין. נאָר איך האָב געקאָנט באַגיין אזא משוגעת צו לאָזן זיך אין וועג אָן אַ דורכפאָר־דערלויבעניש און אָן אַ סאָוויעטישן דאָקומענט. דער קאָמענדאנט האָט „אונטערזוכט״ מיין קינד און צוליב דעם, וואָס עס איז געווען נישט געמלהט, האָט ער מיר דערלויבט איבערצונעכטיקן. ער האָט מיר געהייסן אין דער פרי קומען נאָך די דאָקומענטן, כדי צו פאַרלאָזן די שטאָט.

צומאָרגנס איז די כלומרשטע אנדזשעיטשאק געגאנגען אין שטאָטראָט אַריין. דער שעף איז דאָ געווען אן אוקראַיִנער — אַן אָרנטלעכער מענטש, וועלכער האָט איר אַרויסגעוויזן אַ סך מיטגעפיל. ער האָט זי איינגעמאָלדן, געגעבן אַ צוטיילונג אויף אַ וווינונג און דערנערונגס־קאַרטן. „פילנדיק אין אים אַן אָרנטלעכן מענטש, האָב איך מיר גענומען די דרייסטקייט אים צו בעטן, ער זאָל מיר געבן עפּעס אן אוקראַאינישן דאָקומענט, וועלכער זאָל באַשטעטיקן מיין אידענטיטעט. ער האָט מיר געהייסן אָנשרייבן אַ ביטע און ביילייגן מיין געבורט־שיין. דאָס האָט מיך אַביסל געמוטיקט און צוגעגעבן אַ געוויסע זיכערקייט. טראָץ דעם אָבער האָט דער חשד און די שטילע שמועסן וועגן איר ייִדישקייט נישט אויפגעהערט. „בלויז דאָס וואָס איך האָב זיך פלוצים באַוויזן אין אַ פרעמד שטעטל און וואָס קיינער שרייבט צו מיר נישט, האָט אין יענע צייטן געוועקט פאַרדאַכט. אַן אַלץ גרעסערע אומרויִקייט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. ס׳האָט זיך דערנענטערט דער ווינטער. נישט האָבנדיק קיין שום פּלאַן, האָב איך גענומען צוגרייטן מיין באַלעבאָסטע, אַז איך וועל וואַרשיינלעך מוזן אַוועקפאָרן צו מיינע באַקאַנטע הינטער ראָוונע כדי צו באַקומען אַביסל מלבושים פאַר זיך און דעם קינד. כ׳האָב מיט דעם געוואָלט אונטערשטרייכן, אַז איך האָב עמיצן אויף דער וועלט און, אַז איך האָב נישט

מורא אַרויסצופאָרן ערגעץ ווייט. די באַלעבאָסטע האָט מיר פּאָרטרוילעך דערציילט, אַז אַרום שמועסט מען, אַז איך בין אַ ייִדישע, און אַז ס׳וואָלט אפשר געווען בעסער פאַר מיר ווען איך קער זיך אום קיין בריסק, ווו אַלע קענען מיך און ווו איך וואָלט זיך געפילט זיכערער („ווען איך בין געקומען קיין סלאַוווטע האָב איך געזאָגט, אַז איך קום פון בריסק").

דעם 27טן אָקטאָבער האָט זי זיך אומגעקערט קיין זדאַלבונאָוו. ווי־דעראַמאָל: כדי צו נעמען אַביסל זאַכן (דאָס איז געווען צוויי וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע פון אָרטיקן געטאָ). וועגן מאַן האָט זי זיך דערוווּסט פון אירע פריינט נאָר דאָס, אַז ער האָט אין טאָג פון דער „אויסזידלונג" פאַר־לאָזט די שטאָט מיט אַ זעג אויף די אַקסלען. פון זדאַלבונאָוו האָט זי זיך אומגעקערט קיין סלאַוווטע. דאָ זאָגט איר די באַלעבאָסטע, זי זאָל אַוועק פון דאַנען איידער עס וועט עפּעס טרעפן, ווייל אַלע רעדן וועגן איר". „אַנדזשעיטשאַק" גייט דאַן אַוועק צו איר גינסטיקן שעף פון שטאָט־ראַט (קאַרפּויקאַ) און זאָגט אים, אַז צוליב דעם, וואָס זי קאָן דאָ נישט באַקומען קיין אַרבעט האָט זי באַשלאָסן צוריק צו פאָרן קיין בריסק. דער שעף פרעגט זי וועגן גאָרנישט מער און גיט איר די מעלדונג־צעט־לעך, ווי אויך אַ רייזע־דערלויבעניש.

ווען זי גייט נאָר אַראָפּ אין בריסק פון דער באַן (מיט דעם קינד אויף איין האַנט און מיט דעם רוק־זאַק און אַ קיישל אין דער אַנדערער) פאַרהאַלט זי אַ פּאָליציאַנט. טראָץ דעם, וואָס אַלע דאָקומענטן אירע זענען „אין אָרדענונג" גיט ער זי איבער אַ צווייטן פּאָליציאַנט. דער לעצטער ערשט נאָך דעם ווי ער „אונטערזוכט" דאָס קינד, לאָזט זי פריי.

פון וואָקזאַל פאָרט זי צו אַ באַקאַנטע. די לעצטע פירט זי אַוועק אין אַ נאַכטלעגער־אַנשטאַלט, מיט וועלכן עס פירט אָן יאַן בזשאָזאָווסקי. דער לעצטער גיט איר צוויי בעטן.

עס קומען וויטערדיקע פאַרדרייעבישן אין צוזאַמענהאַנג מיטן איינ־מעלדן וואָס איז דאָ שווערער, ווייל בריסק איז אַ גרענעץ־שטאָט. דעם 8טן דעצעמבער שמדט זי דאָס קינד. צומאָרגנס מעלדעט זי זיך אין אַר־בעטס־אַמט, וועלכער גיט איר אַ צוטיילונג אויף אַרבעט אין דער קיך פון דער „סאָלדאַטן־היים". דאָס קינד מוז זי אַוועקגעבן אין אַ יתומים־הויז.

זי אַרבעט מיט 40 אַנדערע פרויען. זי איז צופרידן, וואָס זי האָט

אַרבעט און אַן „אַרבעטס־קאַרטע". „צום באַדויערן האָט מיך רו לאַנג נישט געדויערט. איך בין געווען שלעכט אָנגעטון און דערשלאָגן. אַלעמאָל האָב איך געהערט אַרום מיר אַ שעפּטשעריי: „אַ ייִדישע". ווען איך בין געגאַנגען אין גאַס, האָבן די ייִנגלעך מיר נאָכגעשריגן: „זשידוווקאַ, זשי־דוווקאַ". איך האָב זיך געפּלייסט דורכצוגיין גלייכגילטיק, ווי די גע־שרייען וואָלטן צו מיר קיין שייכות נישט געהאַט. צום סוף האָבן זיך די קינדער, זעט אויס, צוגעוווינט צו מיר און אויפגעהערט מיר צו פאַר־טשעפּען".

דאָס קינד ווערט קראַנק. זי מוז עס אָפּנעמען פון יתומים־הויז. אין דער זעלביקער צייט קומט אַן אומגעריכטער אָנגריף: די פרוי וו., וועל־כע האָט איר ביז איצט געהאָלפן (און וועלכע האָט געוווּסט וועגן איר ריכטיקן אָפּשטאַם) האָט פּלוצים געענדערט די באַציִונג צו איר. וואַר־שײַנלעך אונטערן איינפלוס פון איר שוועסטער, וועלכער זי האָט פאַר־טרויט דעם סוד. „יענע שוועסטער איז געווען אַ שרעקלעכע פרוי, אַ ווילד־דע אַנטיסעמיטקע. זי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע הנאה מיך אויסצוחוזקן. ווען די פרוי בזשאַזאַווסקאַ איז געקומען צו איר, האָט זי תיכף געפרעגט: „וואָס מאַכט עפּעס חיהקע און סרוליק?". זי האָט דער פרוי בזשאַזאָווסקאַ אַפילו דערציילט, אַז איך בין אַנטלאָפן פון זדאַלבונאַוו און געזאָגט, אַז זי ווייס ווו מיין מאַן געפינט זיך".

„אין אַ שיינעם טאָג, האָט זיך צו מיר בזשאַזאָווסקי געווענדט, איך זאָל אים זאָגן צי ס'איז אמת, אַז איך בין אַ ייִדישע, ווייל ער מוז אין דער פראַגע אָננעמען אַ געהעריקע שטעלונג. איך האָב זיך צעוויינט און לסוף אים אַלץ געזאָגט. כ'האָב אים אויך באַמערקט, אַז די פרוי וו. קאָן מיך פון יאָר 1939. בזשאַזאָווסקי האָט מיך באַרויִקט ווי אַ פאָטער און מיר געזאָגט, אַז איך זאָל פאַר די שוועסטערן וו. נישט קיין מורא האָבן, ווייל ער ווייס שוין מיט וואָס מען קען זיי אָנשרעקן. ווען די פרוי וו. האָט ביים נאָענסטן מאָל, בזשאַזאָווסקין אַ פרעג געטון: „וואָס מאַכט עפּעס חייקע האָט ער איר, קוקנדיק גלייך אין די אויגן אַריין, שאַרף געזאָגט: איך קאָן נישט קיין שום חייקע. אַנדזשעיטשאַק איז ביי מיר געמאָלדן און האָט דאָ־קומענטן. אויב איר ווייסט ווער זי איז, טאָ גייט ביטע מעלדן אין דער פּאָליציי. כ'מוז אייך אָבער וואָרענען, אַז כ'וועל זאָגן ווער ס'האָט צו מיר

זי געברענגט וויסנדיק, אַז זי איז אַ ייִדישע און אַז איר זענט די טויף־מוטער פון אַ ייִדיש קינד. איר האָט דאָס אַלץ געוווּסט און אויסבאַהאַלטן פאַר דער מאַכט. די פרוי וו. האָט זיך זייער דערשראָקן און גאַרנישט געענטפערט. דער גיפט האָט אָבער אָנגעהויבן ווירקן שוין אומאָפּהענגיק פון איר. די קלאַנגען, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן דורך איר שוועסטער האָבן דערגרייכט צו מיין אַרבעטס־פּלאַץ. ווידער האָב איך דערפילט אויף זיך פיינטלעכע בליקן און פיינטלעכע שעפּטשערייען אַרום מיר״:

אין אַ געוויסן טאָג קומען צוויי אַגענטן, זיי האָבן זיך נאָכגעפרעגט ביי בזשאַזאָווסקין וועגן דער אַנדזשעיטשאַק און אים געהייסן צומאָרגנס קומען אויף דער פּאָליציי. ער איז געגאַנגען און כסדר אויפגעוויזן די סמנים פון נישט־ייִדישקייט פון זיין סובלאָקאַטאָרקע: אירע „פּאַפּירן״, איר אויפפירונג און אויך דאָס, וואָס ער אַליין איז דער טויף־פּאָטער פון איר קינד. דעמאָלט האָבן זיי אים געוויזן אַן אַנאָנים, מיטן צוגאָב, אַז ווען עס וועט אָנקומען אַ צווייטער... דערויף האָט ער געענטפערט: אויב איר וועט באַקומען אַ צווייטן בריוו מיט אַן אונטערשריפט וועט פאַראַנטוואָרטלעך זיין דער, וועלכער האָט אים איצט געשיקט און פריער — כאָטש ער האָט געוווּסט — האָט ער געשוויגן״.

„כ׳האָב חושד געווען — זאָגט די (געוועזענע) אַנדזשעיטשאַק — אַז דעם בריוו האָט געשיקט די שוועסטער פון פרוי וו. דאָס איז געווען אַ פרוי מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנגענהייט. ביי די וו—ס אין שטוב האָט מען מיר אַליין דערציילט, אַז אין איר יוגנט האָט זי זיך געפונען אין אַ שאַנד־הויז. די דאָזיקע פרוי איז פול געווען מיט עפּעס אַ שרעקלעכן האַס. איינמאָל, אין מיין אָפּוועזנהייט, איז זי געקומען צו די בזשאַזאָווסקיס. ביים טיש זענען געזעסן נאָך עטלעכע מענטשן. מיין זונעלע האָט זיך רויִק גע־שפּילט מיט בזשאַזאָווסקיס טעכטערל. פּלוצים האָט די שוועסטער פון דער פרוי וו. דערזעענדיק מיין קינד אויסגעשריגן, כאַפּנדיק דערביי אים ביי די פּיסלעך: „באַלד וועט מען דיך אַזוי אַ נעם טון און צעשפּאַלטן דיין קאָפּ אין אַ מויער״. אייניקע האָבן זיך אָנגערופן: ווי קאָן מען דאָס אַזוי? דאָס איז דאָך אַן אומשולדיק קינד!״

די לעצטע פּרטים ברענג איך מיט אַ כיוון. ס׳גייט מיר נעמלעך אין

ציען די אויפמערקזאַמקייט אויף די פאַרשוינען „וואָס טראָגן אין זייער האַרץ אַ ווילדע שינאה צו מענטשן", צו מענטשן און נישט בלויז צו ייִדן. ייִדן דאָס זענען געווען... אַ געלעגנהייט פריי צו לאָזן דעם אָנגעזאַמלטן האַס, אַ מעגלעכקייט צו באַגיין שרעקלעכע טאַטן מיט אַן „אידעיִשן" מאָ־טיוו, אַ מין אָפּלאָזן פון דער קייט אַלע בייזע הינט. און אָט די אַלע קליינע הינט האָבן ווער מיט שרעקלעכע טאַטן און ווער מיט אַ הויך בילעריי, וואָס איז געווען אומשטראָפּבאַר, געוואָלט פאַרשרייען זייער קליינלעכקייט.

צוריקגייענדיק צום גורל פון דער דערמאָנטער העלענאַ שטיינבערג: „איך האָב נישט געוווּסט — דערציילט זי — ווי זיך אַן עצה צו געבן. איך האָב געלעבט אין שרעקלעכן אומרו, דערוואַרטנדיק יעדע מינוט די קאַ־טאַסטראָפע".

לאָמיר דורכלאָזן אַ ריי כסדריקע אינצידענטן און שפּאַנונגען. נאָך דעם ווי זי ווערט באַפרייט פון דער אַרבעט אין „סאָלדאַטן־היים", הייבט זי אָן אַרבעטן אויף אַ פּלי־פּלאַץ. מאַטעריעל לעבט זיך איר עטוואָס בע־סער, מחמת זי באַקומט דאָ שפּייז־צוטיילונגען. אָבער דאָס שלעכטס שלאָפט נישט. זי האָט אָנגעטראָפן אויף צווי אוקראַינקעס און ווידעראַ־מאָל: פון קינאה (נישט וויסנדיק צוליב וואָס) הייבט זיך אַלץ אָן פון ס׳ניי. די שעפּטשערייען זענען דערגאַנגען צום אָרדענאַנס. דער לעצטער שווייגט, אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט, ווען ער שיכורט זיך אָן, הויבט ער איר אָן צו זידלען אויפן קול. צום גליק באַקומט זי אַ פּאַרטיידיקערין אין דער פּערזאָן פון אַ דייטשקע — די אָנפירערין פון דער וועשעריי — די „פראו ארקע".

אַ נייעם „אָנגריף" פון רכילותן רופט אַרויס, צו די צרות, דאָס וואָס די בזשאָזאָווסקיס נעמען צו זיך איר קינד (כדי עס זאָל נישט בלייבן אַן אויפזיכט, ווען די מוטער איז פאַרנומען) אַן אַנדערמאָל מאַכט איר אַן אוקראַינער אַן אוואַנטורע און שרייט הויך אויס איר ייִדישקייט צוליב דעם, וואָס זיין שדכנען זיך צו איר איז געבליבן אָן דערפאָלג: אַרעסט. זיצן אין צעלע. אויספאָרשונג. פאַרהערן. און ווידער ראַטעוועט זי בזשאָ־זאָווסקי, דאָס מאָל דורך שוחד.

דער פראָנט דערנענטערט זיך און בריסק ווערט עוואַקויִרט. צוזאַמען מיט דער מיליטערישער אונטערנעמונג, אין וועלכער זי אַרבעט, ווערט

זי דעם 12טן אַפּריל 1944 עוואַקויִרט קיין ווילנע. (דאָס קינד נעמט זי מיט זיך).

און אַט הייבט זיך אָן נאָך איין כאַראַקטעריסטישע באַזונדערקייט אין איר שווער־געפּייניקט לעבן (דאָס איז אגב אויך געווען אַן עטאַפּ אין דעם לעבן פון אַנדערע ייִדן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט די אָקופּאַציע אויף „פּאַפּירן"): כאָטש פאַר איר האָט די דערנענטערונג פון פראָנט באַדייט אויסלייזונג, מוז זי אָבער (געשלעפּט דורך דער סיטואַציע) זיך צוריק ציִען צוזאַמען מיט די דייטשן און דערמיט פאַרלענגערן אירע יסורים. צו דעם־ציִען זיך צוריק צוזאַמען מיט איר (ס'הייסט צוזאַמען מיט דער מיליטערי־שער אונטערנעמונג) די שוין דערמאָנטע צוויי אוקראַינקעס. די לעצטע באַנייען זייערע אָנפאַלן קעגן איר. דאָס מאָל ווערט זי פאַרטיידיקט דורך אַ פּוילישער פרוי (קאַזאַקעוויטש) און דורך... דייטשע אָפיצירן.

די דייטשן אַנטלויפן אויך פון ווילנע. אַנדזשעיטשיק האָט חשק זיך צו שיידן מיט זיי. „אָבער ווען אונדזער קאָמפּאַניע האָט באַקומען דעם באַ־פעל אָפּצומאַרשירן און איך האָב נישט דרייסט אַרויסגעזאָגט מיין ווילן צו בלייבן, מחמת ס'איז מיר שווער זיך צו לאָזן אין וועג מיטן קינד, האָבן די דייטשן זיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב זיך דערשראָקן פאַר מיין לעבן. איין אונטעראָפיציר האָט מיר אַ קלאַפּ געטון אין פּנים און אויסגע־שריִען: „ווילסט דאָ וואַרטן אויף די רוסן? דו וועסט זיך אויף זיי נישט דערוואַרטן!" —

דער וועג איז געווען אַ שרעקלעכער. די שאָסייען — כסדר באָמ־באַרדירט. „פאַר קאָוונע האָבן די צוויי אוקראַינקעס באַשלאָסן ווייטער נישט צו פאָרן. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך בין כאָטש זיי פּטור געוואָרן". (אָט וואָס אַזעלכעס האָט געקענט זיין... אַ גליק). ס'האָט זיך מיר איינגעגעבן צו בלייבן אויף דער פּרייסיש־ליטווישער גרענעץ אין ווירזשבאַלווו. דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט; ער האָט זיך שוין געפונען אַן ערך 6—5 קילאָמעטער גאָנץ און... האָט זיך פּלוצים איינגע־שטעלט. ווידער אַ באַפעל זיך צו עוואַקויִרן. דאָס מאָל שוין אין אַן אַנ־דערער סביבה. 6 לאַנגע וואָכן. דעם 16טן אָקטאָבער 1944 „רירט זיך" דער פראָנט ווידעראַמאָל. אַנדזשעיטשאַק מיט איר קינד „ציט זיך צוריק" צוזאַמען מיט די ליטווישע און פּוילישע פּויערים, וואָס ווערן געיאָגט

אויף מערב. דעם 8טן מערץ 1945 געפינט זי זיך אויף דער צווייטער זייט פראָנט.1)

די אַויבנדערמאָנטע געשיכטע איז דערציילט געוואָרן אַביסל באַריכותדיקער כדי — ווי מיר האָבן דערמאָנט — צו געבן אַ בילד פון די פאַרהעלטענישן פון דעם לעבן אויף דער פּראָווינץ. די ציטירטע באַשרייבונג שיידט זיך אונטער פון אנדערע אַזעלכע דערמיט, וואָס העלענע שטיינבערג האָט דאָס מאָל געהאַט אָנצוטרעפן אויף איר וועג (און דאָס כסדר) אויף גוטע מענטשן, וועלכע זענען דעצידירט געווען אויף קרבנות. אָבער טאָקע א דאנק דעם גיט זי אונדז נישט קיין איינזייטיקן באַגריף. אויסער דעם אָבער קומען די געשעענישן פאָר — פון אָנהויב ביזן סוף — אין נישט־אויסנעמלעכע באַדינגונגען. די פערזאָן, וועגן וועלכער עס גייט די רייד, האָט נישט אונטערגענומען קיין ריזיקאַלישע שריט און איז נישט אָנטקעגן געגאַנגען דעם גורל מיט קיין אויסטערלישע המצאות. זי האָט זיך דורכגעשלאָגן מיט עקשנות און מיט אָנשטרענגונג. גרוי, נאָר טאָג־טעגלעך.

***

אין די גרעסערע שטעט האָבן די זעלביקע געשיכטעס, טראָץ דער ענלעכקייט פון געוויסע עלעמענטן, אָנגענומען אַן אַנדער פאָרם. ס'איז צוגעקומען די אָנוועזנהייט פון אַנדערע פארקאָנספּירירטע ייִדן. דער דאָזיקער פּרט האָט — פון איין זייט — געגעבן אַמאָל די מעגלעכקייט פון קעגנזייטיקן קאָנטאַקט, פון קעגנזייטיקער אינפאָרמאַציע. פון דער צווייטער זייט אָבער האָט דאָס פאַרצענפאַכט די טעטיקייט פון די כראָנישע מוסרים און שאַנטאַזשיסטן. דאָס, וואָס איז אין דער פּראָווינץ געווען אַ רעזולטאַט פון רכילות און „פּריוואַטער איניציאַטיוו" האָט זיך אין דער גרויסער שטאָט — ווי מיר וועלן עס זען — פאַרוואַנדלט אין אַ טעטיקייט פון אַן אָרגאַניזירטער מאַשין, וואָס איז כסדר פאַרפולקאָמט געוואָרן.

***

דער ערשטער „באַדינג" פאַרן לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן", אַ באַדינג, וואָס איז דיקטירט געוואָרן דורך דער פּרימיטיווער נויטווענדיקייט

1) אַרכיוו פון צ. יי. ה. ק. אין פּוילן (פּראָטאָק. ק. מירסקאַ).

פון זיכערקייט האָט געבאָטן: פאַרפלאָנטערן און פאַרווישן הינטער זיך אַלע שפּורן. צערייסן, ווי ווייט מעגלעך אַלע פריערדיקע קאָנטאַקטן, איבער־הויפּט מיט ייִדן און נאָך שטרענגער אויסמיידן — אַפילו פון דער ווייטנס — אַלע ערטער, וווּ ייִדן קומען זיך צוזאַמען.

אין דער פּראַקטיק האָט זיך אָבער אויך דער ענין קאָמפּליצירט. די פּערזאָן, וואָס איז געגאַנגען לעבן אויף „פּאַפּירן" האָט איבערגעלאָזט צווישן די קרבנות אַלע אירע נאָענטסטע. שוין די פּשוטע מענטשלעכע בענקשאַפט, די פּשוטע מענטשלעכע צוגעבונדנקייט האָט געשטויסן אָנ־צוהאַלטן כאָטש לויזע פאַרבינדונגען. צו דעם צו האָט דער מענטש, וועל־כער האָט געלעבט אויף „פּאַפּירן" געהאַט אַ גרעסערע פרייהייט און בע־סערע לעבנס־באַדינגונגען. ווייניקסטנס־אויסערלעך. ווייניקסטנס, ווען מען זאָל נעמען אין אַכט די אויסערלעכע רעקוויזיטן. די „בעסערקייט" איז אין אַלע פּרטים געווען אַ פאַררעטערישע, אָבער זי איז געווען. אין רעזול־טאַט דערפון אָבער האָט דער געדאַנק וועגן די נאָענטע, וועלכע מען האָט איבערגעלאָזט צווישן די מויערן פון געטאָ זיך געשטעלט, ווי אַ פּלאָג פאַרן געוויסן. די מענטשן פון „פּאַפּירן" האָבן דעריבער זייער אָפט געטון אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט כדי יענע צו העלפן. ס'איז געגאַנגען וועגן צושטעלן שפּייז־פּראָדוקטן, דערליידיקן פאַרשידענע ענינים, שלאָגן זיך קאָפּ · אין וואַנט כדי נאָך „איינצואָרדענען" דעם און יענעם. געוויס: זיי האָבן דאָס אַלץ געטון לויט דער מעגלעכקייט ביים בלאָנדזשען אַליין אין דער פינצטער.

פון דער צווייטער זייט איז „דאָרט" (אײדער מען האָט נאָך אויפגע־שטעלט און פאַרמאַכט די מויערן פון ציגל און שטעכיקן דראָט) אויסגע־וואַקסן אַ וואַנט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך די באַדינגונגען, אָדער — לאָמיר דאָס אַזוי אָנרופן — דורך „דער ענדערונג פון קלימאַט".

„אין יאָר 1941 — דערציילט מאַריאַ האַכבערג־מאַריאַנסקאַ — ווען די קראָקעווער ייִדן האָבן זיך צעשיט אין די דערפער פון די אַרומיקע געגנטן, האָב איך באַזוכט די קינדער פון מיין קוזין אין דאָרף טאָניע. איך בין שוין דעמאָלט פאַר די קינדער געווען אַ וועזן פון אַן אַנדערער, בעסע־רער וועלט. איך האָב נישט געטראָגן קיין אָרעם־באַנד, כ'האָב געמעגט וווינען אין קראָקע, האָב נישט מורא געהאַט פאַר קיין דייטשן און פאַר

קיין „מענטשן". די קינדער האָבן מיך דעמאָלט נאָך געמעגט אָנרופן „מומע", אָבער דעם ווירט האָט מען געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין ריכ־טיקע מומע, נאָר אזוי זיך אַ מומע, אַן אַרישע. דאָס הייזל איז געשטאַנען צווישן פּייכטע פליינען. מענטשן אַרום זענען געווען ווייניק. זיי האָבן נאָך געקאָנט הויך און פריילעך שרייען ווען זיי האָבן מיך דערזען, מיך באַ־גריסן און געזעגענען זאָרגלאָז. ווען איך האָב אין עטלעכע חדשים שפּעטער — אין פרילינג 1942 — באַזוכט די דעמאָלט נאָך נישט פאַרמאַכטע געטאָ אין באַכניע זענען אַרויסגעלאָפן מיך באַגעגענען די זעלביקע צוויי מייד־לעך. אָבער זיי האָבן שוין נישט געשריען, נישט געוואָרפן זיך מיר אויפן האַלדז. זיי זענען פאַרבייגעלאָפן אין אַ זייט, מיך באַגריסט מיט אַ בליק פון די אויגן און ווידער געלאָפן מיר אַנטקעגן. עס האָט זיך פון זיי נישט געהערט איין וואָרט. אויף דער גאַס, ווו עס האָבן אונדז געקענט אָבסער־ווירן עמיצנס בייזע אויגן האָבן מיר זיך נישט געקענט. ס'איז געקומען צופאָרן עפּעס אַ פרעמדע פרוי פון קראקע, וועלכע האָט ביי דער מוטער אָפּגעקויפט די מלבושים און דערפאַר געברענגט זייף... אַזוי האָט דאָס אויסגעזען. און איבערטרעטנדיק די שוועל פון דער שטוב האָבן צוויי פּאָר אָרעמס אַרומגעכאַפּט און צוגעדריקט די „פרוי", וואָס איז געווען אַ פרייער מענטש. צוויי פּאָר קינדערשע אויגן האָבן געזוכט אין מיינע בליקן האָפענונג, זיי האָבן געזוכט דעם אָפּשיין פון יענע טעג, נישט די פון פאַר אַ סך יאָרן, נאָר די פון פאַר עטלעכע חדשים צוריק, ווען מען האָט אויף די פעלדער הינטער קראָקע זיך געמעגט פריילעך באַגריסן מיט אַ הויך געלעכטער".1)

1) מאַריא האָכבערג־מאַריאַנסקאַ: „קינדער קלאָגן אָן". אַלס פּרט, וואָס איז נישט פריי פון אַ געוויסער אויסנעמלעכער פּיקאַנטקייט, איז כדאי צו דערציילן, אַז געוויסע יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף „פּאַפּירן" האָבן זיך באַמיט וועגן אַרבעט אין דייטשע פאַבריקן און אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן זיך גע־פונען אויפן שטח פון געטאָ. אַלס אַרבעטער אין אַזעלכע אונטערנעמונגען האָבן די „אַריער" באַקומען שיינען, וואָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט יעדן טאָג אַריינצוגיין אין געטאָ און אים פאַרלאָזן. אַזוי האָט צווישן אַנדערע גע־טון פריידי (פאַרגלייך דעם מאַנוסקריפּט פון זיינע זכרונות אינעם אַרכיוו פון דער צענט. ייד. היסט. קאָמיסיע). דאָס שפּיל איז נאַטירלעך געווען זייער רי־זיקאַליש. אינגיכן האָט מען איבעריקנס די דאָזיקע אַלע אינסטיטוציעס אַרויס־געפירט פון געטאָ און אין די וואָס זענען צוליב די אָדער אַנדערע טעמים נאָך געבליבן, האָט מען די צאָל פון „אַרישע" מיטאַרבעטער רעדוצירט ביז אַ מינימום.

אַזעלכע סאָרטן באַגעגענישן זענען אין דער העכסטער מאָס געווען געפערלעך און נישט אײן „פּאַפּירענער אַריער" האָט צו זײ צוגעצאָלט מיטן לעבן. טראָץ דעם האָט מען די געלעגנהייטן זיך צו טרעפן אָרגאַניזירט מיט עקשנות, אין דער שטיל, יעדער אויף אייגענער האַנט. עס האָט געווירקט אַ כח, וואָס איז אייגנטימלעך געפילן, וועלכע וואַקסן אַריבער די מענטשלעכע פּראַקטישקייט, דעם מענטשלעכן אַליינפאַרהיטונגס־אינסטינקט און די איבערמענטשלעכע רעאַלע געפאַר.

עס איז למשל באַקאַנט, אַז די גרעסטע צאָל אַרעסטן פון יידן אויף „פּאַפּירן" זענען פאָרגעקומען אין די טעג פון די אַזוי גערופענע „אַקציעס" און דאָס אין דער נאָענט פון געטאָ. ווי אַזוי האָבן אויסגעזען די דאָזיקע „אַקציעס", דאָס איז באַקאַנט: באַטאַליאָנען פון באַוואָפנטע מערדער האָבן אַרומגערינגלט דעם אָדער יענעם געטאָ, כדי צו כאַפּן אירע איינוווינער. די געכאַפּטע האָט מען אַוועקגעשיקט צום טויט. און אָט אין דער זעלביקער צייט, אין די זעלביקע שעהן זענען געקומען צולויפן הינטער די קבֿרדיקע מויערן פון געטאָ אַזעלכע, וואָס האָבן שוין פריער באַוויזן פון דאָרט זיך אַרויסצוקריגן, וועלכע האָבן שוין באַוויזן אויף „אַרישע" פּאַפּירן זיך „איינצואָרדענען". זײ זענען געקומען צולויפן קעגן אַלע געבאָטן פון דער זיכערקייט, קעגן דער „לאָגיק", געשלעפּט דורך דער ידיעה וועגן דער שחיטה וואָס דאָ קומט פאָר. זײ האָבן אַרומגעקרייזט אומעטיקע. מיט פאַרצווייפלונג אין בליק, האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט דעם אויסדרוק פון ליידן אין זייערע אויגן און מיט דער סאָמנאַמבולישקייט פון זייערע באַוועגונגען. אין רעזולטאַט זענען זײ אָפט אַליין געוואָרן קרבנות.

און אָט איז איינער פון אַ סך משלים, וואָס שייך דעם צונויפטרעפן זיך:

„דעם 25טן נאָוועמבער 1940 האָט מען פאַרשלאָסן דאָס געטאָ אין וואַרשע. כ'בין אַנטלאָפן פון געטאָ; כ'האָב געשמוגלט פלייש און געהאָלפן מיין משפחה. אַ פּאָליאַק, וואָס איז מיט מיר געפאָרן אין צוג, האָט מיר געעצהט צו פאָרן אין מינסק־מאַזאָוויעצק. דאָרט האָב איך באַקומען אַ פּאָסטן אין דער סטאַראָסטווע, ווי אַ באַאַמטין אין דער שטייער־אָפּטיילונג. מאַטעריעל איז מיר זייער שווער געווען. פון 150 זל. פּענסיע האָב איך

געמוזט האָבן אויף לעבן און אויף דער דירה. נאָך אַ חודש האָט מען מיר איבערגעטראָגן אין דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, ווו ס׳איז מיר שוין בעסער געגאַנגען. יעדן זונטיק בין איך געפאָרן אין וואַרשעווער געטאָ. פון דאָך פון אן „אַריש" הויז פלעג איך איבערשפּרינגען אויף אַ געטאָ־דאַך, דערנאָך בין איך דורך געדרייטע שטיגן צוגעקומען צו מיינע (אַ פאָ־טער, שוואָגער, שוועסטער). דער טאַטע איז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, לונגען־אָנצינדונג, מח־אָנצינדונג און איז געשטאָרבן.

אין מינסק־מאַזאָוויעצק האָב איך קענען געלערנט דעם פּרעזעס פון „יודנראַט" — קראַמאַרזש. כ׳האָב זיך מיט אים קאָנטאַקטירט און באַ־זאָרגט פאַר ייִדן גרעסערע צוטיילונגען. דערפאַר האָט ער געבראַכט קיין מינסק מיין שוועסטער און שוואָגער.

מיין שוועסטער האָט געוווינט אין געטאָ (זי האָט געהאַט אַ „שלעכט אויסזען") און דער שוואָגער איז געפאָרן קיין וואַרשע „אויף אַרישע פּאַ־פּירן". אַן אוניווערזיטעט־חבר האָט אים דערקענט... (מיין שוואָגער האָט געהייסן דר. קאַזשימיעזש ראָזענבערג פון וואַרשע, אַ פילאָלאָג פון דער קלאַסישער גימנאַזיע). מען האָט אים גענומען אויפן קאָמיסאַריאַט. פון קאָמיסאַריאַט־פענצטער האָט ער אַרויסגעוואָרפן אַ צעטל צו אַ חבר, אַז... ער וואָלט זיך געוואָלט אויפהענגען אָדער סמען. איך ווייס נישט וואָס עס איז מיט אים געשען.

דעם 22טן אויגוסט, אַזייגער 8.30 אינדערפרי איז צו מיר אין דער סטאַראָסטווע געקומען דער פּרעזעס קראַמאַזש און וויצע־פּרעזעס בראָקס — און מיר איבערגעגעבן, אַז די וואַרשעווער געסטאַפּאָ איז געקומען בכדי אַדורכצופירן אַן „אַקציע". כ׳האָב געבעטן קראַמאַרזשן ער זאָל זיך נישט צוריקקערן אין געטאָ און זיך באַהאַלטן ביי מיר — בפרט אַז דער סטאַ־ראָסטע איז געווען איבערגעקויפט און ער וואָלט געשוויגן. קראַמאַרזש האָט זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן; ער האָט געגלויבט, אַז אים וועט גע־לינגען איבערצוקויפן די דייטשן און אָפּצוראַטעווען די ייִדן. נאָך אַ שמועס מיטן סטאַראָסטע דר. ציטריך (אַ דייטש), וואָס האָט צוגעזאָגט אַן אינ־טערווענץ, האָט קראַמאַרזש זיך צוריקגעקערט אין געטאָ. פון מיר האָט ער דערהאַלטן דעם צוזאָג, אַז אין פאַל פון זיין טויט וועל איך זיך פאַרנעמען מיט זיין 13 יעריקן זון און אים דערציען אַלס אַ גוטן ייִד.

בעת דער אַרבעט האָב איך געהערט שאָסן. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז די „אַקציע" האָט זיך אָנגעהויבן. כ׳האָב געבעטן מיין רעפערענט, אַ דייטש, ער זאָל מיך באַפרייען אויף אַ שעה, ווייל כ׳האָב אַ קלייד ביי אַ יידישער נייטאָרין, און איך מוז עס אָפּנעמען נאָך פֿאַר דער „אַקציע". ער האָט מיך באַפרייט. האַלב לעבעדיק בין איך געלאָפן צו מיר אַהיים. דאָרט איז שוין געווען מיין שוועסטער. ס׳איר געלונגען צו אַנטלויפן דורך אַ געשעפט, וואָס האָט געהאַט צוויי אויסגאַנגען: אַן „אַרישן" און אַ יידישן. קראַמאַרזש און זיין זון זענען נישט געווען. כ׳בין אַרויס אויפן רינעק. דאָרט זענען שוין געווען פֿאַרזאַמלט די יידן. די יידישע דירות זענען שוין געווען אויס־געליידיקט. אין איין העלפט פון רינעק זענען געווען מענער — און אין דער אַנדערער פרויען. אַלע זענען געזעסן קני׳ענדיק, ענג, איינער ביים צווייטן. אַ היץ נישט צום אויסהאַלטן. כ׳בין געשטאַנען ביי דעם מויער מיט אַ גרופּע אַריער. קראַמאַרזש איז צו מיר צוגעגאַנגען. ער איז געווען שרעקלעך בלאַס און מיר געזאָגט, אַז אַלץ איז שוין פֿאַרפֿאַלן, אַז ער גייט צום טויט. ער האָט מיך נאָר געבעטן, אַז איך זאָל תמיד בלייבן אַ יידישע. מען האָט זיי דאָרט געהאַלטן ביז 8 אָוונט. די „אַריער" האָבן צוגעוואָרפֿן פֿאַר די יידן פלעשלעך מיט סאָדע־וואַסער. טויזנטער הענט האָבן זיך אויסגעשטרעקט נאָך וואַסער; די ס. ס. האָט צו זיי געשאָסן. נאָכדעם האָבן זיי זיך גערימט: „איך האָב דערשאָסן 30 מאַן" און „איך 48" אאַ״וו.

ווייטער איז אַ גענויע באַשרייבונג פון דער „אַקציע", געזען מיט די אויגן פון אַ „פּאַפּירענער אַריערין". איך גיב זיי נישט דאָ, ווייל זי גע־הערט נישט צו דער דירעקטער טעמע. אַן אַנדער זאַך איז, אַז אויך די באַשרייבונג האָט אַ שייכות מיט דעם ענין און אַפילו אַן עיקרדיקן שייכות. זי דערציילט, וואָס אַזאַ „אַריער" האָט געזען און געפילט.1) דאָס־מאָל איז דאָס נישט בלויז אַ נעץ פון מאָרדן, וואָרום די דערציילערין האָט עס נאָר געזען אויף אַן אומדירעקטן אופן. איך גיב דאָ לשם פֿאַרבינדונג, איינע פון די צענדליקער סצענעס וואָס זענען נאָך פֿאָרגעקומען נאָכן פֿאַר־ענדיקן די „אַקציע":

„אין פינפטן טאָג נאָכן פֿאַרענדיקן די „אַקציע" האָט די זשאַנדאַר־

1) טאָקע דערפֿאַר פלעג איך תמיד אויפמערקזאַם מאַכן מען זאָל גענוי פּראָטאָקאָלירן די דאָזיקע פּרטים.

מעריע אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן היי צוויי יונגע ייִדישע פרויען און אַן אַלטן ייִד. דער אַלטער איז געווען אָנגעטון אין אַ זשופּיצע און אין דער האַנט האָט ער געהאַט צונויפגעדריקט אַ שטיקל ברויט. איינע פון די פרויען האָב איך געקענט, זי האָט געהאַט אפשר 30 יאָר — אויסגעזען האָט זי אויף אַ זעכציק־יעריקע. די דריי האָט מען אויסגעשטעלט ביי דער מויער און געזאָלט שיסן. איך האָב זיך געווענדט צו אַ זשאַנדאַרם, וועלכן כ׳האָב געקענט און אים געראַטן, אַז אַזוי ווי ס׳זענען מסתם נאָך באַהאַלטן אַנדערע ייִדן, זאָל ער זיי ליבערשט שיקן אין שכנותדיקן קאַלושין, וווּ עס איז נאָך פאַראַן אַ געטאָ. דער זשאַנדאַרם האָט זיך געוווּנדערט וואָס איך טו נאָך מיטפּילן מיט ייִדן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אָפּגעפירט די ייִדן אויפן קאָמיסאַריאַט.

אַזעלכע סצענעס האָבן זיך איבערגעחזרט במשך צוויי וואָכן. אין גרופּעס האָט מען די ייִדן צונויפגעיאָגט אויף דער פּאָליציי און אָפּגעפירט קיין קאַלושין. אָבער נאָך אַ וואָך איז אויך דאָרט פאָרגעקומען אַן „אַקציע“.

שוין נאָכן פאַרלאָזן דעם געטאָ האָב איך אָנגעהויבן צו קרענקען אויף די לונגען. איצט, נאָך די אַלע געשעענישן האָט זיך מיר פאַרערגערט. כ׳האָב אָנגעהויבן צו שפּייען מיט בלוט. כ׳האָב געוויינט גאַנצע טעג און זיך נישט געקענט באַהערשן נאָך דער לעצטער „אַקציע“, פון וועלכער כ׳בין געווען אַן עדות. די דייטשן האָבן זיך געוווּנדערט. איין פּאָלקע האָט אויף מיר אָנגעוויזן. מען האָט אָנגעהויבן צו קאָנטראָלירן מיינע דאָקומענטן. באַקאַנטע פּאָליאַקן האָבן מיר געעצהט צום אַנטלויפן. מיין ביוראָ־קאָלעגע האָט מיר באַקאַנט מיט זיין פּאַרטיי־חבר פראַנצישעק מאַווינסקי (אַ קאָמוניסט), וועלכער האָט מיר געגעבן אַ נייע „קענקאַרטע“. ער האָט מיר אויך פאַרהאַלטן אויף איין נאַכט ביי זיך און מיין שוועסטער האָט ער איבערטראַנספּאָרטירט קיין וואַרשע. מאַווינסקי האָט מיר אויך געגעבן אַן אַדרעס פון זיינס אַ חבר, ביי וועלכן כ׳האָב זיך ווי אַן „אַריערין“ אויסבאַהאַלטן במשך צוויי וואָכן. כ׳האָב מורא געהאַט צו בלייבן אין וואַרשע, ווייל כ׳האָב דאָרט געהאַט אַ סך באַקאַנטע. כ׳בין אַנטלאָפן קיין לעמבערג. כ׳האָב זיך פאַרהאַלטן אין פּשעמישל און אַרויסגעגאַנגען אין שטאָט, בכדי עפּעס צו קויפן. עס קומט צו מיר צו אַ יונגערמאַן, אַ זייער העפלעכער, ווי אַ פרעמדע האָט ער מיר געפירט אין רעסטאָראַן. דאָרט האָט שוין געוואַרט

זיינס אַ חבר, וואָס הייסט מיר באַלד מודה זיין אויפן אָרט, אַז כ׳בין אַ ייִדישע. כ׳בין געווען זייער שטיל און אפשר גאָר חוצפּהדיק. כ׳האָב אים אויסגעמישט מיט דער בלאָטע צוגלייך, פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל זיך אויסלעגיטימירן, ווען נישט גיי איך אויף דער פּאָליציי. די זיכערקייט מיינע האָט אים אָראָפּגעפירט פון וועג. ער האָט מיך פריי געלאָזט. כ׳בין אָנגעקומען קיין לעמבערג, צו מיין ביוראָ־חברטע אירקא יעלינסקא (פון מינסק־מאַזאָוויעצק). זי האָט מיר זייער פריינטלעך אויפגענומען. כ׳האָב געוווינט ביי איר; פון איר באַשיידענע פּענסיע האָט זי מיר אויסגעהאַלטן במשך פון דריי חדשים. נאָכדעם בין איך געוואָרן אַ בוכהאַלטערין אין דער פירמע „ווירטשאַפטסבעראַטער״, ביי דר. שינעלער, וואָס האָט מיך חושד געווען, אַז כ׳בין אַ ייִדישע, אָבער זיך געמאַכט נישט וויסן. זעקס ייִדן האָבן ביי אים געאַרבעט. אָבער איינער האָט נישט געוווּסט פון צווייטן.

כ׳האָב קענענגעלערנט אַן עלטערן לעמבערגער יוזעף קוזשילק, באַ־קאַנט אונטערן נאָמען „דזשאַדשיאַ״ („זיידע״). ער האָט זיך אָריענטירט, אַז כ׳בין אַ ייִדישע. בעת מיין זיין אין לעמבערג האָט ער מיר שטאַרק גע־האָלפן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער געהאָלפן אַ סך ייִדן. אויף דערווייל האָט זיך מיין געזונטצושטאַנד שטאַרק פאַרערגערט און כ׳האָב געמוזט גיין אין שפּיטאָל אויף אַ האַלב יאָר.

מאַווינסקי האָט דערווייל באַקומען אַ בריוו פון מיין שוועסטער, אַרויסגעשמוגלט פון פּאַוויאַק.1) פון דאָרט האָט מען זי אַרויסגעפירט קיין מאַידאַנעק. פון 13טן נאָוועמבער 1943 אָן האָב איך נישט געהאַט פון איר קיין שום ידיעה״.

***

נאָך די לעצטע ענדגילטיקע „ליקווידאַציעס״ זענען די שטעט און דערפער געוואָרן „פריי פון ייִדן״ („יודענפריי״!)

די נישט דערשלאָגענע רעשטלעך האָט מען אָוועקגעשטופּט ווייט פון מענטשלעכע אויגן. מען האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין לאַגערן, ווו דער טויט האָט געהאַט — אַ שוין צופיל זעלבסטהערשעריש, צופיל טאָגטעג־לעכן כוח. דעם מענטשלעכן גורל האָט מען איינגעוויקלט אין לאַגערישע

1) אַ תפיסה אין וואַרשע.

שמאטעס. וואָס אַן אמת האָט דער שווארצער רויך פון די קרעמאטאָריע־קוימענס און פון די אָפענע שייטערן זיך נאָך אַלץ געריסן צום הימל. אָבער דאָס אַלץ איז שוין געשען אויסער דעם שטח, וואָס איז באַפעלקערט מיט מענטשן, מיט נאָרמאַל לעבן — אין אָפּגעצוימטע, פון דער „וועלט" איזאָלירטע פּעריפעריעס.

טראָץ דעם זענען אָבער אין די שטעט און אין די דערפער, אַוועלכע ס'איז ייִדן איבערגעבליבן. באַהאלטן אין פאַרשידענע בונקערס, אויף בוידעמער, און קאַנאַלן, ווי אויך ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אויף „אַרישע" פּאַפּירן. צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים זענען די און יענע געווען פאַר דער „וועלט", ווי אינו ניראהס, ווייניקסטנס — נישט דערקענט. אָבער קאָנטאקטן בינדן זיך ווייטער. עס קומט ווייטער צו קעגנזייטיקע אומגעריכטע צוזאמענטרעפן. מען אָרגאניזירט ווייטער קעגנזייטיקע הילף. די סיטואציע, אין וועלכער עס געפינען זיך די דאָזיקע מענטשן גיבן די דאָזיקע צוזאמענטרעפן אַ סענסאציאָנעלן כאַראקטער. אַלס אילוסטראציע:

נעמי שאַץ־וויינקראנץ, איינע פון פיל, נישט קיין געזעלשאַפטלעכע טוערין, נישט קיין קעמפערין, אַ יונגע פרוי, וואָס איז זיכער פרעדיסטינירט גיכער צו אַ רויִק לעבן, צו אַ פריוואַט־לעבן, ווי צו אַ לעבן מיט אַוואנטוריסטישע געשעענישן, צו כסדרדיקע געפארן, צו פאַרמעסטונגען מיטן טויט. דאָס טאָג־בוך, וואָס איז געבליבן פון איר1) האָט אַלע אייגנשאַפטן פון אַן אַמאַטאָרישער — און לאָמיר זאָגן — פריוואטער פעדער. אַפילו ווען עס באַווייזט זיך ביי איר אַ וויץ, האָט ער אין זיך געמיינזאַמעס מיט דעם תליה־הומאָר פון אַ פאַרפייניקטער מאַסע. דאָס זעלביקע איז נוגע איר סענטימענטאליטעט און איר אופן פון רעאַגירן אויף געשעענישן; ווען זי פאַרטשעפעט, פאַרבייגייענדיק אין דער אַזוי גערופענער „פּאָליטיק", באַנוצט זי הילפלאָזע און נאַיִווע אויסדרוקן. צום גליק זענען אַזעלכע זאַצן אין בוך פאַראַן גאַנץ ווייניק; דאָס איז נישט איר רעסאָרט. איר געביט איז

1) זי איז אומגעקומען אין לאָדזש, אין די ערשטע טעג נאָכדעם ווי די דייטשן זענען דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון שטאָט. זי איז געפאַלן פון אַ פאַרבלאָנקעטע קויל,, וואָס איז געקומען פון די דייטשן, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פון שטאָט. דאָס טאָג־בוך האָט מען געפונען ביי איר טויטן גוף. עס טראָגט דעם נאָמען „ס'איז פאַרשווונדן מיטן פייער" (צ. יי. ה. ק.).

דאָס פּריוואַטע לעבן. די קלעפּ, וואָס זי באַקומט, וואָס עס באַקומען אירע נאָענטסטע: דאָס פאַרלירן די פאַרמלחמהדיקע דירה, דאָס אַריינגיין אין געטאָ, די שטאַפּלען פון דער שפּעטערדיקער דעקלאַסירונג. די זיטלעכקייט אין געטאָ און מענטשן, וואָס גייען אויס פון הונגער. „אַקציעס״ און דאָס אַריינפאַלן אויפן „אומשלאַג״2) דאָס אַרויסקריגן זיך שיער נישט פון וואָגאָן און דאָס אַנטלויפן אויף „אַרישע״ פּאַפּירן. די הילף מצד פּריינט־נישט־יידן און די דענונציעס מצד אַנדערע נישט יידן. די שאַנטאַזשן און אַלע אַנדערע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם רעפּערטואַר. עס גייט אָבער נישט אין דעם. געפינענדיק זיך אויסער דער געטאָ, שלעפּט די דאָזיקע פרוי אַרויס פון דאָרט איר מאַן. נאָך די געוויינלעכע אין דעם פאַל, צרות געלינגט זיי — אַ דאַנק גוטע פריינט — צו געפינען אַ רויִק ווינקל אין דעם אָפּגעלעגענעם דאָרף, אין דעם אַזוי גערופענעם „סלאַוועק״. עס פּייניקט זיי אָבער דער געדאַנק וועגן די נאָענטע, וועלכע זענען געבליבן אין געטאָ.

„טיילמאָל האָב איך געוואָלט, אין אָנפאַל פון בענקשאַפט, זיך אומקערן צו זיי, אָדער גיין עטלעכע טעג כדי זיך מיט זיי כאָטש צו זען״.

אָבער אומקערן זיך האָט נישט קיין זין און ס׳איז אויך נישטאָ קיין מעגלעכקייט. דערפאַר אָבער טרעפט די פּאָליציי אָן אויך אויף דעם „סלאַוועק״. מען אַרעסטירט זיי. דערנאָך קומען די אונטערהאַנדלונגען מיט די פאַרשוינען און דאָס אויסקויפן זיך. די וווינונג איז שוין נאָך דעם, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, „פאַרברענט״. טראָץ דעם, שרייבט יעדער פון זיי אין זייער ערשטן „גריפּס״ צו די עלטערן אין געטאָ, אַז אין פאַל פון געפאַר זאָלן זיי קומען צו זיי. זיי קומען טאַקע. צום ערשט — אירע עלטערן, אָבער שוין אין דער באַגלייטונג פון דער פּאָליציי, וועלכע האָט זיי באַוויזן צו פאַרהאַלטן אויף דער סטאַציע און אויסצוגעפינען ווו זיי גייען. און ווידעראַמאָל: נאָך עטלעכע גרוילִיקע שעה פון אונטערהאַנדלונגען געלינגט זיי איבערצוקויפן דער פּאָליציי, מיטן באַדינג, אַז די („פאַרברענטע״) שטילע דירה וועט מען מאַרגן מוזן פאַרלאָזן. דאָס איז אָבער נישט דער סוף. ווי נאָר די פּאָליציי האָט פאַרלאָזט די וווינונג און די משפּחה האָט זיך

2) אומשלאַגפּלאַץ — דאָס אָרט ווו די דייטשן האָבן געזאַמלט די געכאַפּטע יידן איידער מען האָט זיי פאַרלאָדנט אויף דער לעצטער רייזע.

גענומען אַ ביסל פונאַנדערעדן (האָבנדיק צייט צו פרעגן און ענטפערן נאָר איין נאַכט) האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. דאָס מאָל זענען אָנגעקומען זיינע עלטערן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אַרויסצודרייען פון געטאָ און געקומען דאָ אַהער... זיך באַהאַלטן.

די קייט ציט זיך ווייטער: אויפסניי קומען פאַרצווייפלטע זוכענישן פון אַ ניי אָרט צו וווינען. אויפסניי שאַנטאַזשן און מסירות. עס שטאַרבן איינער נאָכן צווייטן די מיטגלידער פון דער משפּחה. צום סוף ווערט איר מאַן אַרעסטירט. פון דער מינוט אָן ווערט דאָס לעבן פון דער יונגער פרוי פאַרוואַנדלט אין אַ כסדרדיק געיעג נאָכן אַרעסטירטן מאַן. די דאָזיקע יידישע פרוי, וואָס לעבט אויף „פּאַפּירן", וואָגלט אין וואַרשע פון איין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט אין צווייטן, לעגיטימירט זיך מיט פאַלשע דאָקו־מענטן און פרעגט זיך נאָך וועגן די פאַרהאַלטענע אין שטאָט. צום סוף דערוויסט זי זיך „אַז ער געפינט זיך נישט אין דער ס. ס. אויף קלאָנאָווע, אויך נישט אויף קראָקאָווער פאָרשטאָט"... און אַזוי ווייטער. דערנאָך — אַז ער געפינט זיך אין פּאַוויאַק 1). ס'הייבט זיך אָן אַ געיעג נאָך „פּראָ־טעקציע", אַ רייסן פון דער ערד געלט, וואָס איז דערויף נויטיק. דערנאָך דערוויסט זי זיך, אַז מען האָט אים אַרויסגעפירט אין אַ לאַגער. ס'הויבן זיך אָן וואַנדערונגען אין די שרעקלעכסטע טויט־לאַגערן. זי פאָרט צווישן אַנדערן קיין מאַלקין, נעבן טרעבלינקע, אין דער געזעלשאַפט פון עפּעס אַן אַפּעריסטקע און אַ באַן־אַרבעטער. זיי טרעפן אָן אַ גרופּע לאַגערניקעס, וואָס אַרבעטן אין פעלד און דער באַן־אַרבעטער גייט אַלעמאָל נאָך אַ „קאָנטאַקט". איינמאָל קומט ער צוריק מיט דער בשורה, אַז איר יורעק געפינט זיך צווישן די אַרבעטער; אַ צווייט מאָל, אַז ער איז דאָרט נישטאָ. „דאָרט פון דער ווייטנס איז טרעבלינקע. דאָרט ברענט מען די מתים, אַז מען פילט אַזש דאָ דעם ריח".

דערנאָך פאָרט זי קיין לובלין, כדי זיך צו דערוויסן צו איר מאַן גע־פינט זיך נישט אין מאַידאַנעק. דאָס מאָל — אין דער געזעלשאַפט פון צוויי פרויען, וועלכע ווייזן זיך אַרויס פאַר פּראָסטיטוטקעס און שאַנטאַזשיסט־קעס. אין אָוונט ווען זיי קומען אָן אויף אַ לובלינער פאָרשטאָט, באַפאַלן זיי

1) באַרימטע וואַרשעווער תפיסה.

איר מיט קלעפּ און געשרייען: גיב געלט, דו ייִדישקע! דו חצופה; גיב אַוועק דאָס געלט!

ווען נעמי שפּאַרט זיך איין, גיבן זיי זי איבער, נישט אין די הענט פון געסטאַפּאָ, נאָר אין די הענט פון זייער „קאמראט", ראָזענעק (וועלכער האָט טונקעלע געשעפטלעך מיט די לאַגער־ס.ס.). דער לעצטער באַשליסט, אײדער ער וועט זי איבערגעבן דער געסטאַפּאָ, זיך מיט איר „צו פאַר־ווײַלן". ער פאַרמאַכט זי אין אַ שטוב, וואָס גרענעצט זיך מיטן לאַגער.

עס קומט אַ סצענע וואָס דערמאָנט די אַנגעצויגענע קאַפּיטלעך פון די טאַנדעטע קרימינאַל־ראָמאַנען. „ראָזענעק איז שיכור, אָבער נאָך נישט אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל פאַרלירן דאָס באַוווסטזיין".

— נו קליינע — פרעגט ער — וועסט טרינקען? צום טייוול, טרינק, דאָס איז שוין דיין לעצט ביסל בראָנפן אין לעבן. אייגנטלעך האָבן זיי דיר נישט געטון אַזאַ גרויסע עוולה דערמיט וואָס איך וועל דיך איצט נעמען. סוף כל סוף מוזט דו דאָך אומקומען. ווי לאַנג קאָן מען זיך מאַסקירן? — פילאָזאָפירט ער.

דערנאָך ווערט דאָס האַרץ ביי אים ווייכער:

— פאַרוואָס ביסטו אַזאַ אומדאַנקבאַרע?

ער ציט אויס צו מיר אַ ברודיקע, העסלעכע לאַפּע. איך ציטער פון עקל.

— נו, מיר וועלן טרינקען??

שפּעטער:

„צייטנווייז פאַלן אַ מענטש איין מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ... צי איז פון אַזאַ שווידערלעכער לאַגע פאַראַן אַן אויסוועג".

— גוט, לאָמיר טרינקען.

איך ווער באַריידעוודיק און פריילעך. איך פאַרקאָך די וווּדקע מיט „קאַרמעל" אויף דער שנעל געמאַכט. איך פאַרבייס די ליפּן כדי נישט צו שרייען. איך לאַך מיט אַ שרעקלעך קינסטלעך געלעכטער. ראָזענעק איז פון מיר באַרוישט.

— נו, אַזוי האָב איך ליב. ביסט אַ פיין מיידעלע — פרעפּלט ער — וועסט זיין אַרטיק?

— כ'וועל זיין — זאָג איך צו.

— און גוט פֿאַר מיר?

— יאָ, יאָ, אָבער צום ערשט מוזן מיר דאָך טרינקען כדי צו קריגן הומאָר.

ראָזענעק אַפּראָבירט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג.

— נאַטירלעך, נאַטירלעך. לאָמיר טרינקען.

איך נאָר אים וויפֿל איך קאָן. כ׳גיס אויס מײַנע גלעזלעך. ראָזענעק טרינקט. די צונג צעבינדט זיך אים און ער דערציילט די שרעקלעכע לײַדן פֿון די מאַידאַנעקער אסורים, וועגן זײַנע „ערלעכע״ פֿאַרדינסטן און וועגן דעם, ווי אַזוי זײַן גאַנצע משפּחהלע איז געוואָרן „פֿאָלקסדויטשן״ כאָטש זיי האָבן מיט דײַטשן קיין שייכות נישט געהאַט.

— איך וועל דינען די דײַטשן — שטאַמלט ער — בײַ זיי איז מיר גוט. איצט בין איך „פֿאָן״, וואָס איך וויל — האָב איך און בײַ די פּאָליאַקן האָט מען געדאַרפֿט אַרבעטן. גייסט זיך מענטש אין באַראַק, טרינקסט אויס מיט אַן ס. ס. — אַ געשעפֿטל. פֿאַרקויפֿן, קויפֿן און געלט איז דאָ. איצט איז סעזאָן. אײנס נאָכן אַנדערן ברענגט מען די ייִדלאַקעס. בײַ די לעצטע, די ביאַליסטאָקער מוז איך גוט פֿאַרדינען.

— טרינק, טרינק — גיב איך אים אונטער חשק. דערנאָך נעם איך אַ קליין לעפֿעלע און איך גיב אים אַזוי כסדר בראָנפֿן, ווי אַ קליין קינד קאַשע. כ׳שטופּ עס אים אין מויל אַרײַן, אײנס נאָך ס׳אַנדערע. אים געפֿעלט דאָס שפּיל.

...ראָזענעק איז שיכור... פּאַמעלעך הייבט ער זיך אויף פֿון בענקל און דערנענטערט זיך צו מיר.

— קום!

מיט אַלע כוחות שטופּ איך אים אָפּ פֿון זיך. ער וואַקלט זיך און פֿאַלט אויף דער דערנעבן־שטייענדיקער סאָפֿקע, אײַנשלאָפֿנדיק מאָמענטאַל מיט אַ שיכורן שווערן שלאָף.

אַנטלויפֿן! דער זייגער קאָן איצט זײַן 12. ס׳איז די פּאָליציי־שעה. די טיר — פֿאַרמאַכט. פֿאַרן טויער — די וואַך. הינט. אויב ס׳וועט מיר אַפֿילו געלונגען אומבאַמערקט אַרויסצולויפֿן דורכן פֿענצטער וועט מען מיך פֿאַרהאַלטן אין שטאָט. איך זעץ זיך אַוועק אויף דעם פֿענצטער־ברעט. דערנאָך עפֿן איך פּאַמעלעך דאָס פֿענצטער. איך וועל אַזוי זיצן, גרייט יעדע

רגע אַ שפּרונג־צוטון. שטיל. נאָר פון דער ווייטנס, פון מאַידאַנעק הערן זיך פייפן. שטילע סיגנאַלן. געמאָסטענע טריט פון די וועכטער. ערגעץ האָט אַ הונט אַ ביל־געטון. ראָזענעק האָט זיך אַ ריר געטון... שוין! ניין, ווידער שטיל.

ווי שרעקלעך, ווי לאַנג איז געווען די דאָזיקע נאַכט. כ׳האָב געקוקט אין הימל. די לבנה האָט באַלויכטן מאַידאַנעק און ראָזענעקס הויז. זי האָט געקוקט אויף מיר און אפשר אויך אויף יורעקן. אַך, יורעק, צי דו, ליגנדיק דאָרט אין איינעם פון די באַראַקן, אַ הונגעריקער, אַ דערשלאָגענער קלער־סטו וועגן דעם, אַז איך קאָן זיין נאָענט פון דיר און גלייכצייטיק אַזוי ווייט.

עס טאָגט. ראָזענעק וועקט זיך.

איך שפּרינג אַראָפּ פון פענצטער און נישט אומקוקנדיק זיך גיי איך אין דער ריכטונג פון דער שטאָט. ס׳דוכט זיך מיר, אַז דער וועכטער שרייט אויף מיר און אפשר איז דאָס נאָר אַן אויסדאַכטעניש.

איך לויף.

די גאַסן זענען פּוסט. כ׳קריך אַריבער אַ פּלויט אין עמעצנס אַ גאָרטן אַריין. הינטערן פּלויט פיל איך זיך זיכערער, ווי אויף דער גאַס. כ׳בין זיי פּטור געוואָרן, מיינע פאַרפאָלגער. כ׳בין פּטור געוואָרן מיין געלט, מיין טשעמאָדאַן און וואָס ווייטער?״.

פון דער שטאָט פאָרט זי פונדעסטוועגן נישט אַוועק. באַקומענדיק צו־פעליק אַ צייטווייליק ווינקל ביי מיטפילנדיקע מענטשן, הויבט זי אָן אירע זוכענישן פונסניי. יעדער פּרט פון די דאָזיקע זוכענישן איז אין זיין אַרט סענסאַציאָנעל. צום סוף באַקומט זי אַ ידיעה, אַז איר מאַן געפינט זיך טאַקע אין לאַגער. דאַן פאַרטראַכט זי דעם פּלאַן, ווי אַזוי אים אַרויסצוקריגן. זי מאַכט וואָס אַמאָל מער געפערלעכערע באַקאַנטשאַפטן, ביז צו דער באַ־קאַנטשאַפט מיט די לאַגער־תּלינים איינשליסלעך. זי פאָרט קיין וואַרשע (כדי צו באַקומען די נויטיקע סומע געלט) און קומט צוריק. און דעמאָלט ווען איר דוכט זיך שוין אויס, אַז זי האָט דערגרייכט איר ציל, פאַלט איר מאַן אַ קרבן פון אַ מאַסנהאַפטער „ליקווידאַציע״.

**
*

די וואַנדערונגען פון נעמי שאַץ זענען, נאַטירלעך, נאָר אַ מיקראָס־קאָפּישער ברוכטייל: איינע פון טויזנט. געשטויסן צו זיי (און צו ענלעכע, ווי זיי וואַנדערונגען) האָט די געוויינלעכע משפחה־פאַרבינדונג.

אָבער טיילמאָל — ווען וואָס ס'איז שוין געווען די רייד — זענען פון פאַמיליעס געבליבן נאָר צויטן. גלייכצייטיק שאַפן זיך נייע באַנדן: זעלבסטהילף און צוזאַמענאַרבעט פון פאַרשידענע מענטשן, וועלכע זענען געוואָרפן געוואָרן אויפן זעלביקן עשאַפּאַט. די אונטערערדישע אָרגאַני־זאַציעס און זייערע קעמערלעך, שאַפן זיך אין פאַרשידענע לאַגערן, אָדער צווישן ייִדן וואָס לעבן אויף אַרישע פּאַפּירן.

די טראַגעדיע פון די דאָזיקע גרופּן איז געווען זייער שטרענגע אייג־זאַמקייט, עס האָט געפעלט די פאַרבינדונג מיט אַנדערע און אָפט אַפילו דאָס באַוווסטזיין, אַז אַזעלכע אַנדערע עקזיסטירן איבערהויפּט. טויזנטער אָנשטרענגונגען זענען פאַרלוירן געגאַנגען אויף אַ נישטיקן רעזולטאַט (וואָס איז אַרויסגעפלאָסן פון דעם כאַראַקטער פון דער סיטואַציע) צוליב דער אָפּגעזונדערטקייט און צוליב דעם (וואָס קומט טאַקע דערפון) וואָס עס האָט געפעלט אַ הינטערלאַגע. טויזנטער אָנשטרענגונגען האָט אייג־געשלונגען דאָס טאַפּן אין דער פינצטער.

אין די זכרונות וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין ווייטערע טיילן פון בוך האָב איך אָפּגעגעבן אַ ביסל אָרט מיין אַנטלויפן פון אַ טויט־לאַגער אין לעמבערג. כ'האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם אָרגאַניזירן אַזעלכע אַנטלויפן, דערנאָך אויף דער רעטונגס־אַקציע, וואָס איז שפּעטער דורך מיר קאָנטינויִרט געוואָרן שוין אויף דער „פריי", נאָך מיין געלונגענער פּליטה, מיט דער הילף פון פּוילישע סאָציאַליסטן, דאָרט געפינט זיך אויך אַ בינטל פּרטים וועגן די אופנים פון אויפזוכן זיך, פון אָנהאַלטן פאַרבינ־דונגען און פאַרלירן זיי.

VII

שאַנטאַזשן און שאַנטאַזשיסטן!

1. הויז־ און גאַס־שאַנטאַזשן. — 2. „געשמועסטע" שאַנטאַזשן: דיסקוסיעס, געפעליקייטן און גוטע עצות. — 3. וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע שאַנטאַזשן. — 4. די באַדייטונג פון חוצפה. — 5. אַ בילדל אין שפּיטאָל. — 6. אַ מיטאַרבעטער פון דער ייִדי־שער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ווערט אַ פּראָוואָקאַטאָר. — 7. טראַ־גישע שאַנטאַזשן: די אונטערנעמונג פון דער „פרוי סטאַניס־לאַוואַ" און פון „הער ראַמאַן". — 8. שאַנטאַזש אין אַ תּפיסה־קאַמער. — 9. דער באַגריף פון „כבוד". — 10. פון דער גאַלעריע שאַנטאַזשיסטן־אָריגינאַלן: א) דאָס זוכן פון וויסנשאַפט; ב) אויס נקמה פאַר דער פאַרלוירענער האָפענונג; ג) דאָס געפיל פון „אמת און גערעכטיקייט"; ד) דער פאַרליבטער שאַנטאַזשיסט; ה) דאָס געפיל פאַר הומאָר; ו) די צעיושעטע „קומעס" און דער ערלעכער פּאָליציאַנט; ז) אַ געהיימער פּאָליציי־אַגענט, — אַן אויסלייזער.

רעדן וועגן „אַרישע פּאַפּירן" נישט דערמאָנענדיק די שאַנטאַזשן, איז כמעט דאָס זעלביקע, וואָס צייכענען די קאַרטע פון פינלאַנד אָן די אָזערעס; אָדער שרייבן וועגן פליִען אין דער סטראַטאָספערע אויסמיידנדיק צו דער־מאָנען דעם אונטערשיד פון לופט־דרוק.

די שאַנטאַזשיסטן פלעגן אויפקומען ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן אין

הסכם מיטן אַלטן אמת, אַז אויף נידערטרעכטיקייט געפינען זיך תמיד ספּאָנטאַנישע פּריוויליקע, אַז אַן אומבאַהאָלפענער מענטש געפינט תמיד זיינע פאַרפאָלגער און דאָס פאַרברעכן — זיינע „ווילע״־יונגען, וועלכע זענען צופרידן ווען זיי קענען דערביי פאַרדינען. אין דעם פאַל איז געווען אַ קאָניוקטור אויף פאַרשידענע מינים מנובלים, וואָס האָבן גענומען פאַר־פּאָלגן און דעמאַסקירן די פאַרקאָנספּירירטע יידן. זיי פלעגן די קרבנות נישט תיכף איבערגעבן דער געסטאַפּאָ. קודם כל פלעגן זיי זיך הייסן פּעט באַצאָלן פאַרן שוויגן 1) דאָס זענען געווען אומדערמידלעכע פּיאַווקעס. זיי פלעגן אויסקלערן טויזנטער פאַרשידענע אופנים. מיט דער צייט האָבן זיי אין די גרויסע שטעט געשאַפן אַ מין פון אייגענע אָרגאַניזאַציעס, אויסגע־שטעלט אייגענע דיזשורן אויף די גאַסן, געהאַט שטאַפּעטן, קוריערן און פאַרטרוילעכע קאָנטאַקטן. דער פּוילישער ליטעראַט סטעפאַן אטווינאָווסקי שרייבט וועגן דעם: ...איך קען די שרעק, וואָס האָט געהערשט אויף דער וואַרשעווער גאַס בשעת דער אָקופּאַציע. איך קען זי דאָפּלט, ווייל איך האָב די גאַסן אויסגעמאָסטן מיטן טריט פון אַ פּאָליאַק — וואָס איך בין, ווי אויך מיטן טריט פון אַ ייִד, וועלכן ס'האָבן אין מיר געזען די הייסע „פּוילישע״ פּאַטריאָטן, קוקנדיק אויף מיין פּראָפיל און שוואַרצע האָר. איך קען די — ליידער זייער אָפט — בליקן געוואָרפענע, נישט נאָר דורך די אַמאַטאָרן פון אַ לייכטן און שנעלן פאַרדינסטל, נאָר דורך אויסערלעך קולטורעלע מענטשן... איך ווייס ווי שווער ס'איז צו פאַרגעסן דאָס געפיל ווען נישט קיין דייטשן, נאָר אַ געוויינלעכער ציווילער — אָרנטלעך אויס־זעענדיקער פאַרשוין ווענדט זיך מיט אַ ווילי־ונגערישער שפּראַך: „גיט אָפּ אַלץ, וואָס איר האָט ווערטפולעס, אויב נישט... איר זעט די „וואַכע״ דאָרט אויפן ראָג?...״

עס פלעגט געשען, אַז דער פאַרהאַלטענער, נישט זייענדיק — אַזוי ווי אין דעם פאַל — קיין ייִד, האָט געמוזט זיך אויסקויפן — ווייל ער האָט צוליב אַנדערע טעמים געוואָלט אויסמיידן אַ צונויפטרעף מיט דער געס־טאַפּאָ: „איך קען — גיט צו אָטווינאָווסקי — אויך די ערגסטע שרעק: פון

1) אין וואַרשע האָבן די יידן זיי גערופן „שמאַלצאָווניקעס״, וואַרשיינלעך צוליב דעם, וואָס זיי פלעגן צושטיין צום קרבן מיט די ווערטער: „דו וועסט געבן אויף שמאַלץ אָדער״...

אַ פאַרפאָלגטן נישט נאָר אָן געלט, אָבער אויך מיט דאָקומענטן, וואָס זענען אין ערגעץ נישט געווען געדעקט״.

דער שאַנטאַזש איז — נאַטירלעך — געווען נאָר איין רינג אין דער קייט פון משפּחהדיקע דערשיינונגען. דער באַקאַנטער פּוילישער רעכטער שרייבער פערדינאַנד געטעל1) באַרירנדיק פאַרבייגייענדיק דעם ענין שרייבט:

פון וועלכע ספערן האָבן געשטאַמט די מענטשן, וואָס האָבן זיך פאַר־נומען מיטן פאַרפאָלגן ייִדן? דעם קערן האָבן געבילדעט די אַרבעטסלאָזע געהיים־אַגענטן. די אויספּירמאַכט — די „גראַנאַטענע״ פּאָליציי. זייער נעץ האָט זיך אָבער פאַרשפּרייט פיל ברייטער, אין די ווינונגען פון פּריוואַטע מענטשן, וואָס „האָבן אויך געוואָלט עפּעס אָפּרייסן אויף די ייִדן״. די אופנים פון עקספּלואַטירן די ייִדן זענען דערביי געווען זייער פאַרשידנאַר־טיק, אָפטמאָל אַפילו אַזוי אומשולדיק, אַז זיי האָבן כמעט פּרעטענדירט אויף אַ געפעליקייט.

מען האָט זיך דעמאָלט דערציילט אין וואַרשע אַן אַנעקדאָט פון דעם מין: „פון וואָס לעבט איקס״? — האָט עמיצער געפרעגט זיין באַקאַנטן. „ער האָט אַ ייִדישע גוווערנאַנטקע״ — איז געקומען אַן ענטפער.

דער גרויזאַמער וויץ אילוסטרירט טרעפלעך די אַראָפּנידערונג פון מאָראַלישן געפיל אין יענע יאָרן. געוויס, באַהאַלטן ביי זיך אַ ייִדישקע, אויסנוצן איר אַרבעט, נעמען פון איר געלט אָדער מתנות איז נישט דאָס זעלביקע, וואָס הייסן זיך פון איר צאָלן מזומן געלט אונטער דער דראָאונג פון מסרן זי און ווען עס ענדיקן זיך אירע מיטלען זי טאַקע אויסגעבן, אָבער דער שטאַפּל, פון וועלכן עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאָראַלישער אַראָפּפאַל איז אין ביידע פאַלן געווען זייער נידעריק. וואָס זאָל מען נאָך זאָגן צו דעם קויפן „שמאַטעס פון ייִדן״ מיט נאָך נישט אָפּגעוואַשענע בלוט־פלעקן? מען האָט אַזעלכע נישט איינמאָל געטראָפן צווישן דעם אַלטוואַרג

1) געוועזענער פּרעזעס פון אַלפּוילישן ליטעראַטן־פאַראיין. אַליין באַשול־דיקט אין קאָלאַבאָראַציע (ער האָט זיך בעת דער אָקופּאַציע פאַרבונדן מיט דעם דייטשן פּראָפּאַגאַנדע־ביוראָ, וועלכער ער האָט דערלויבט זיך צו באַנוצן מיט זיין נאָמען. איצט וווינט ער אין לאָנדאָן. ער איז מודה אויף די דאָזיקע קאָנ־טאַקטן. ער שטעלט אָבער פעסט, אַז ער האָט אונטערגעהאַלטן מיטן וויסן פון געוויסע פּוילישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן רעלאַציעס וועגן יעדער איינער קאָנפערענץ מיט די דייטשן.

אויף די באַזאַרן, אָדער פאַרקויפט מיט ליד. זיי האָבן געשטאמט פון די וואַרשעווער תפיסהניקעס, פון מיידאַנעק, פון די זייטיקע מאָרד און עקזע־קוציע־ערטער. געוויס זענען נישט אַלע אַזעלכע שמאטעס געווען „נאָך־ייִדישע“, אָבער מען האָט זיי אַזוי גערופן צו דער פרייד פון די קויפער.

עס פלעגט געשען, אַז צוליב די שאַנטאַזשיסטן פלעגן „אַריינפאַלן“ מענטשן, וואָס האָבן אגב באַוויזן זייער „אַרישע“ אָפּשטאמונג, אָבער ביי וועלכע די געסטאַפּאָ פלעגט געפינען, ביי דער געלעגנהייט, קאָנספּיראַטיווע אויסגאַבן, אָדער אַנדערע „קאָמפּראָמיטירנדיקע קלייניקייטן“. עס זענען אויך באַקאַנט פאַלן ווען אין די הענט פון דער דייטשער פּאָליציי פלעגן אויף אַזאַ אופן אַריינפאַלן... געשווירענע אַנטיסעמיטן.

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס פלעגן אין דער קונץ פון שאַנטאַזש דערגרייכן אַ מדרגה פון מייסטערשאַפט. נישט איינמאָל פלעגן זיי רעזיגנירן פון אַלע אַנדערע באַשעפטיקונגען און פאַרנעמען זיך בלויז מיטן דאַזיקן „פאַך“.

אַ סך מערער איז — פאַרשטייט זיך — געווען די צאָל פּאָטענציעלע שאַנטאַזשיסטן. די דאַזיקע זענען געווען „טעטיק“ ווען ס'איז נאָר אונטער־געקומען אַ געלעגנהייט:

„...אויפן ראָג פון נאָווי־שוויאַט און פּיעראַצקי־גאַס פרעג איך אַ ריקשע[1]־פירער וויפל ער וועט ביי מיר נעמען פאַר אָפּפירן מיך אויף זשאַליבאָזש. ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע און ענטפערט מיט אַ טאָן, אין וועלכן איך פיל באַשיינפערלעך אַ דראָונג: דריי טויזנט זלאָטעס; ער האָט זיך געכאַפּט און הייסט זיך באַצאָלן פאַרן האַלטן דאָס מויל. עס האָט נישט קיין שום זין צו נעמען אַן אַנדערע ריקשע, ווייל ער האָט מיך אין האַנט און קען מיר באַלד נאָכשיקן אַ זשאַנדאַרם.

אין טאַש האָב איך פופציק זלאָטעס. איך מאַך מיך פאַרשטיין זיין ענטפער ווי אַן אויסדרוק פונעם בעל־עגלה זשאַרגאָן. „דריי טויזנט“ אין זייער שפּראַך באַדייט, דרייסיק זלאָטעס. דאָס איז צו טייער. נאָך אַ קורץ דינגען זיך, זעענדיק, אַז איך פיל מיך זייער זיכער און נישט וויסנדיק שוין צי איך בין טאַקע אַ ייִדישע — באַשטייט ער אויף צוואַנציק זלאָטעס.

איך גיב אים אָן אַ פאַלשן אַדרעס, מיט עטלעכע הייזער ווייטער. אויף

---

1) אַ קאָמוניקאַציע־מיטל, וואָס איז באַנוצט געוואָרן בעת דער אָקופּאַציע.

יעדן פאַל — זאָל ער נישט זען אין וועלכן הויז איך גיי אַריין — ער וואָלט דאָך געקענט נאָך מיר „שיקן“ 1).

**
*

„דער שאַנטאַזש — דערמאָנט נאָטאַן גראָס — פלעגט גורם זיין אַ סך דערנידערונגען. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט אין ראַטעווען דאָס לעבן. מען פלעגט בעטן רחמנות א. א. וו. דערפאַר טאַקע דערציילן מענטשן נישט גערן די דאָזיקע פאַלן“.

אפשר. אָבער טראָץ דעם, גענוגענען די טויזנטער פאַלן וועגן וועלכע מיר ווייסן צו שאפן אַ גאַר קאָמפּלעט בילד.

אָט זענען אַ ריי פאַלן איבערגעלעבט דורך איין משפחה (אגב זיין איי־גענע).

אין אָנהויב — אַ שאַנטאַזש אין שטוב אין שייכות מיט אַ מסירה פון אַ שכנה.

„...פון דער הויז־וועכטערין גייען צו אונדז אַרויף דריי מענער...

— די הענט אין דער הויך!

— רויק מיינע הערן, וואָס איז געשען? איך וועל די הענטלעך באַלד אויפהויבן, בלויז דאָס האַלץ אַוועקלייגן.

...מיט אַ ווײַלע שפּעטער קומט פאַר אַ רעוויזיע...

— וויפל האָסטו געגעבן פאַר דער דאָזיקער קענקאַרטע?

ביסלעכווייז ווערט שווער צו לייקענען, אַז מיר זענען ייִדן... איך האָב מיך באַקוועם אַוועקגעזעצט אויף דער סאָפקע און דערקלערט, אַז איך וועל נישט גיין. אַ רייסעניש. מען שעלט.

— וויפל באַקומט איר פאַר ברענגען אַ ייִד? 500 זלאָטעס? אָט איז מיין מאַנטל. ער איז זיכער ווערט 2.000 זל. איר פאַרדינט נאָך. דאָס גע־שעפט איז געמאַכט.

— איר ווילט אונדז איבערקויפן? איך וועל אייך אָנלערנען. פאַרנעמט אייך און מ׳גייט. נו, רירט אייך!

די הענט פאַרקלעמען זיך פעסטער אין די ראַנדן פון דער סאָפקע, די פיס דריקן שטאַרקער די פאַדלאָגע.

1) זכרונות פון „נאָוואָקאָווסקאַ“.

— איך וועל נישט גיין, טוט וואָס איר ווילט. איר קענט מיך אויפן אָרט שיסן. אַזוי צי אַנדערש וועל איך פּגרן. איך ווייס, אַז דאָס איז שוין מיין סוף, זאָגט מיר, אָבער... איך בין אַ שטיקל פּסיכאָלאָג און עס אינטע־רעסירט מיך די פאָלגנדיקע זאַך... אין וואָס באַשטייט דאָס פאַרגעניגן פון אַריינגיין אין אַ פרעמדער דירה, נעמען אַ פרעמדן מענטש און שיקן אים צום טויט... אָט אַזוי זיך — הרגענען אָן שום סיבה אַן אומבאַקאַנטן מענטש. ווייל אויב איר טוט עס, מוז דאָס דאָך זיכער זיין אַ פאַרגעניגן. איר וועט מיר דאָך נישט איינריידן אַז איר טוט דאָס פאַר אַ נעבעכדיקן „גוראַל"1) איר וועט מיר אויך נישט דערציילן, אַז דאָס איז אידעאַליזם. דאָס מוז זיין עפּעס אַ באַזונדער פאַרגעניגן אָט דאָס אויסגעבן מענטשן צום טויט.

איינער פון די פאַרפאָלגער פאַרנעמט זיך אויף מיר. ער ציט מיך ביים אַרבל.

— נו, קומט, איר מוזט אַלע אומקומען, ווייל צוליב איך ליידט די גאַנצע וועלט.

— צוליב וועמען? צוליב מיר? צי זע איך טאַקע אויס צו זיין אַזאַ גי־בור, אַז איך קען אָנטון ליידן דער גאַנצער וועלט? דערווייל זע איך און איך פיל, אַז איך לייד...

די אַטמאָספער איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן לייכטער. זיי האָבן זיך צע־לאַכט...

— נו, טאָ קומט שוין, גענוג גערעדט!

— גוט, אָבער ענטפערט מיר פריִער אויף מיין פראַגע. איר קומט און איר ווילט אונדז אויסגעבן אַזוי ווי יודאַש קריסטוסן. צי ווייסט איר ווער איך בין? אפשר האָב איך אין מיין לעבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון, אפשר האָב איך געהאָלפן מענטשן?... איר זעט נישט אויס צו זיין קיין כאַם, פאַרקערט איר שיינט צו זיין אַ דענקנדיקער מענטש. גיט־זשע אַ קלער וואָס איר טוט?... איך, זעט איר, גלויב, אַז דאָס שלעכטע, וואָס מען טוט אַן אומשולדיקן מענטש ווערט נישט פאַרגעסן... גיט אַ קלער וועגן אייער טאַט! נעמט דאָס וואָס איר ווילט און לאָזט אונדז ענדלעך צורו.

1) אַ באַנקנאָט פון 500 זלאָטעס אין דער דעמאָלטיקער שפּראַך.

די באַנדיטן האָבן זיך פאַרטראַכט. צוויי פון זיי זענען אַביסל ווייכער געוואָרן זיי האָבן גענומען זיך פאַרענטפערן:

— אגב וועט מען אייך דאָך נישט אומברענגען, מ׳וועט אייך גאָרנישט טון, אין קאָמיסאַריאַט וועט אַלץ זיך לאָזן דערליידיקן... קומט אין קאָמיסאַריאַט. נו, שטייט אויף...״

און אַזוי ווייטער און ווידער אויפסניי.

״...דער קאַמף האָט געדויערט דריי פערטל שעה. נאָכדעם ווי זיי האָבן באַוויליקט פעסטצושטעלן, אַז איך קאָן רעדן, האָבן זיי גענומען דורכזוכן אונדזער דירה. אויסער שרעקלעכער נויט האָבן זיי אָבער גאָר־נישט געקענט געפינען. זיי האָבן דעריבער צוגענומען 200 זלאָטעס... מיינעם און מיין ברודערס מאַנטל, ווי אויך דאָס נייע רעקל פון שימקעס אַנצוג. (די הויזן האָט ער געטראָגן אויף זיך). אַזוי ווי ס׳איז נישט געווען אין וואָס איינצופּאַקן און ווילנדיק וואָס אַמשנעלסטן פּטור ווערן פון די ליבע געסט, האָב איך אַראָפּגענומען פון בעט די שמאַטע, וועלכע מען האָט קלינגנדיק גערופן ״קאָפּע״ און זי אַוועקגעגעבן. די דאָזיקע ״קאָפּע״ האָט אונדז שפּעטער געקאָסט 800 זל., וועלכע מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געקענט באַצאָלן. לסוף איז איינער פון די שאַנטאַזשיסטן אַוועק מיטן פּעקל און די צוויי אַנדערע זענען נאָך פאַרבליבן אַ צען מינוט פריינטלעך שמועסנדיק און געבנדיק מיר גוטע עצות אין שייכות מיטן פאַרלאָזן אָדער אָפּגאָלן די וואָנצעס, מיטן אופן פון אויפקעמען אא״וו. אַוועקגייענדיק האָבן זיי אונדז געזאָגט, אַז מיר מעגן רויִק ווייטער וווינען אין דער זעלבער דירה״.

דעם באַשריבענעם שאַנטאַזש וואָלט מען געקענט באַטראַכטן ווי אַ ״גערעדטן״, דאָס הייסט אַזאַ שאַנטאַזש, בעת וועלכן ביידע ״הויך־געשטעלטע צדדים״ רעדן אַ סך און פאַרשידן, כאָטש ס׳איז פאַר ביידע קלאָר, אַז דער אמת און דער ציל זענען נישט צווידייטיק. אַזאַ מין פלאַפּלעניש אין אַנבליק פונעם טיף טריוויאַלן אינצידענט אַליין קען זיך אויסווייזן נישט נאַטירלעך. ליידער איז אַזוי געווען. אויספירנדיק זייער נידערטרעכטיק פּאַך, האָבן זיך די שאַנטאַזשיסטן אָפט אַריינגעלאָזט אין דיסקוסיעס. אַזוי פלעגן אויך האַנדלען די קרבנות.

אין דער מערהייט פאַלן, בפרט אין גאַס, האָט דער שאַנטאַזש אויס־געזען אַביסל אַנדערש. אַ סך... קירצער.

ס'איז כדאַי אויך צו געדענקען דעם זאַץ: „...איר אַלע מוזט אומקו־מען, ווייל צוליב אייך ליידט די גאַנצע וועלט"... און זי הערט אויף ליידן, ווען דער שאַנטאַזשירטער קויפט זיך אויס. דאָס איז שוין אָבער אַ קאַפּיטל פאַר זיך. מיר וועלן זיך צו אים צוריקקערן.

דער שאַנטאַזש איז געווען ווי אַן עקשנותדיקער בלאָטער. אַזוי ווי דעם קרבן פלעגט געלינגען פון אים זיך אַרויסצודרייען, פלעגט ער אויס־וואַקסן אין אַן אַנדער פאָרם. אין דעם אויבנבאַשריבענעם שאַנטאַזש האָבן מיר באַמערקט, אַז ביי איינעם פון די שאַנטאַזשירטע האָבן די אויסווורפן צוגענומען אַ רעקל איבערלאָזנדיק די הויזן, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך. אָט, די אומגליקלעכע הויזן האָבן גורם געווען אַ צווייטן שאַנטאַזש — דאָס מאָל אויף דער גאַס:

„...די גרופּע גייט שווייגנדיק. איינער פון די אַנפאַלער רופט זיך אָן:

— דאָ איז פאַראַן איינער, וואָס קען אייך פון קראָקע.

...עמעץ איז געלאָפן זוכן דעם כלומרשטן באַקאַנטן. מיט צען טריט ווייטער שטייט אויף דער בריק אַ דייטשער זשאַנדאַרם...

...עס זענען צוגעקומען נייע באַקאַנטע"!

— גיט אונדז די הויזן! דאָס רעקל האָבן מיר און מיר זוכן טאַקע די זעלבע הויזן; זיי האָבן אייך פאַרשיט..."

טיילמאָל פלעגט געלינגען דעם אויסוואורף איבערצוצייגן. זעלטן אָבער דאָך, אָט איז אַ פראַגמענט פון אַזאַ געשפּרעך מיט אַ גאַסן־שאַנטאַ־זשיסט. ס'האַלט שוין ביים סוף פון וויכוח:

„...וווּ ווינסטו? (ער איז איבערגעגאַנגען אויף „דו"?)

— אין דער אַלט־שטאָט?

— דו לעבסט מסתם פון קאַפּיטאַל, האַ? איר האָט גאָלד, דאָלאַרן...

— גיט אויף מיר אַ קוק, שפּעטער וועט איר רעדן. צי זע איך טאַקע אויס אויף אַזעלכן, וואָס עס גיסט זיך ביי אים איבער? קוקט אָן מיינע אויסגעריבענע אַרבל און צעריסענע שיך; צי זע איך טאַקע אויס ווי אַ בורזשוי? לאָזט מיך צורו. איך קען אייך געבן מיין רעקל, מער האָב איך נישט. און איך ווייז אים מיין ליידיקן פּאָרטפעל. דערווייל האָט זיך דער

שאַנטאַזשיסט נישט געוואָלט אונטערגעבן. מיר האָבן דעם געשפּרעך גע־פירט גייענדיק.

— און פון וואָס לעבסטו?

— איך אַרבעט אין דער פירמע בעער, אַ פאַבריק פון גומי־רעדער.

— פאַרוואָס ביסטו נישט ביי דער אַרבעט?

— זונטיק? זונטיק אַרבעט מען נישט ביי אונדז.

איך הויב מיך אָן אויפצורעגן, דער שאַנטאַזשיסט באַרויִקט מיך:

— שטילער, שטילער, די מענטשן וועלן דערהערן.

— אמת.

מיר דערנענטערן זיך צו די מער באַוווינטע טיילן פון דער טשער־ניאַקאָווסקאַ גאַס. איך ווייס, אַז איך וועל מיך נישט לאָזן אָפּפירן. איך ווייז אים נאָך אַלץ רויִק אויף דער נידערטרעכטיקייט און דעם אומזין, וואָס ער באַגייט און איך קוק מיך אַרום זוכנדיק אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. איך בין געוועזן אַנטשלאָסן אונטערצושטעלן אים אַ פוס און „ציען". ס'איז אָבער דערצו נישט געקומען. דער מנוול איז ווייכער געוואָרן:

— נו, צי אָפּ, אַ בורזשוי וואָלט איך אָבער נישט אָפּגעלאָזט.

איך בין שוין גאַנץ רויִק געגאַנגען מיטן שאַנטאַזשיסט, אויפקלערנ־דיק אים פאַרשידענע פּרטים אין שייכות מיט דער עמיגראַציע פון ייִדן קיין ארץ־ישראל. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך מיט מיר שנעל גע־זעגנט און גענומען יאָגן אַ דורכפאָרנדיקן טראַמוויי. ער איז אַרויפגע־שפּרונגען אויפן טרעפּל און פאַרשוווּנדן געוואָרן".

***

ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז די שאַנטאַזשיסטן פלעגן אָפט (בפרט אין וואַרשע) זיך אָרגאַניזירט און אַז זיי האָבן געקענט זייער „אַר־בעט" פירן לויט אַ דורכגעטראַכטן פּלאַן; טיילמאָל אַפילו „וויסנשאַפטלעך".

דר. עמיליאַ ז. (פון פאַך אַן אַדוואָקאַטין) איז נאָך פאַרשידענע פּערי־פּעטיעס אין קראָקעווער געטאָ און שפּעטער אין טאַרנאָוו, איבערגעגאַנגען אויף „פאַפּירן" אין פעברואַר 1943. דעם 9טן אַפּריל איז זי געקומען קיין וואַרשע מיט צוויי אַנדערע פרויען, אויך ייִדישע וואָס האָבן געלעבט אויף „פּאַפּירן" (ד. ה. מיט איר פריינדין העלענאַ וו. און פרוי ל.). זיי זענען

געפֿאָרן אין געזעלשאַפט פון אַ פּאַליאַק, סטאַניסלאַוו סאַלענגאַ, וועלכער האָט אין די דאָזיקע יאָרן געטון ייִדן אַ סך טובות. זיי זענען אויסגעשטיגן אויפן הויפּט־וואָקזאַל. פרוי ל. מיט דער טאָכטער פון הער סאַלענגאַ (וועלכע האָט זיי אָפּגעוואַרט) האָבן גענומען אַ דראָזשקע. די צוויי פאַרבליבענע פרויען און סאַלענגאַ האָבן געוואָלט די ערשטע גאַסן אַדורכגיין צופוס. אין דאָזיקן מאָמענט איז צו סאַלענגאַ צוגעטרעטן אַ מאַן און האָט אים געזאָגט:

— אויב איר זענט פּאָליטיש נישט אין אָרדענונג, גייט אין דער זייט אַריין... און אַנגעוויזן די ריכטונג.

די באַמערקונג איז געווען אין די דאָזיקע יאָרן אַ גאַנץ פּשוטע. די דורכגייער פלעגן זיך אויף אַזאַ מין אופן קעגנזייטיק וואָרענען פאַר אַ דייטשער וואַך, פאַר אַ פּאַטראָל־לעגיטימירן, „לאַפּאַנקעס״ אאַ״וו.

די געוואָרנטע האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט די פריינטלעכע באַמערקונג, זיי זענען אַוועק אין דער אַנגעוויזענער ריכטונג און זיי זענען אַזוי געגאַנגען פון זעקס פרי ביז... צוויי אַזייגער נאָכמיטיק. אויף יעדן ראָג האָבן זיי פאַרהאַלטן אַנדערע שאַנטאַזשיסטן, מיט וועלכע ה׳ סאַלענגאַ האָט געמוזט פירן פריינטלעכע אונטערהאַנדלונגען און ביי וועלכע ער האָט זיך געמוזט אויסקויפן. לסוף האָבן זיי זיך אַריינגעזעצט אין אַ דראָזשקע; מיט אַ ווילע שפּעטער זענען שוין מיט זיי געזעסן נייע אויספּרעסער.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוי ל. מיט דער טאָכטער פון ה׳ סאַלענגאַ (וועלכע האָבן — ווי מיר געדענקען — באַלד ביים וואָקזאַל גענומען אַ דראָזשקע) האָבן אויך געהאַט געסט און זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט ערשט נאָכן אַוועקגעבן זייער צירונג.[1])

***

עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך פאַרקאָנספּירירט „שטאָל־אייזן״; זיי האָבן געהאַט דאָקומענטן, אַ וווינונג ווו זיי זענען געווען געמאַלדן, אַרבעט, אַ „גוטן אויסזען״ אאַ״וו. עס פלעגט זיך אָבער געפינען עמיץ, וואָס האָט זיי געקענט פון פאַר דער מלחמה. דער שוין ציטירטער גראָס דערמאָנט למשל „צעסיען״ (פון פאַך אַ מעדיצין־דאָקטאָרין), וואָס האָט גע־

---

1) מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג־צענטער״... אין פּאַריז

אַרבעט ווי אַ שוואַרצע אַרבעטערין אויף אַ פּלי־פּעלד. זי האָט געהאַט אַן „אייגענעם" שאַנטאַזשיסט, וועלכער האָט זי געקענט נאָך פון אוניווערסי־טעט. בלויז איינעם, ער איז אָבער געווען אומדערמידלעך. „דער דאָזיקער מענטש האָט זי עטלעכע מאָל געטראָפן אין וואַרשע און ביי יעדן מאָל האָט זי פון אים געהאַט אויסצושטיין געבערענטע צרות. ער האָט פון „צעסיען" אַרויסגעצויגן דאָס גאַנצע געלט, געמאַטערט זי מיט דעם בילד פון איר קערפּער אויף דער תליה. ער האָט זי געפירט אין פאַרשידענע טויערן, זיי פלעגן אַריינגיין אין פרעמדע דירות. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען „צעסיע" איז אַרויף אויפן פאראפעט פון אַ פענצטער און האָט געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פון דריטן שטאָק. דעמאָלט איז דער באַנדיט אָוועק, ער האָט אָבער אויף איר געוואַרט ביים טויער. זעענדיק אים, איז „צעסיע" אַריינגעשפּרונגען אין אַ דורכפאָרנדיקער ריקשע: „יאָגט, אַלץ איינס ווו אַהין, אָבער שנעלער!" דער ריקשע־פירער האָט זיך אָריענטירט אין דער לאַגע און כאָטש מ׳האָט זיי נאָכגעיאָגט, איז זיי פאָרט געלונגען צו אַנט־לויפן. פאַרן קורס האָט ער נישט געוואָלט נעמען מער ווי צוואַנציק זלאָטעס".

געוויינלעך פלעגן די שאַנטאַזשיסטן, נאָכן באַראַבעווען זייער קרבן פאַרזיכערן, אַז דער מענטש קען רויק ווייטער וווינען אין דער זעלבער דירה. מיט אַ צייט שפּעטער פלעגט אַזעלכער שיקן זיינע חברים און אַלץ פלעגט זיך אָנהויבן אויפסניי.

עס פלעגט אויך געשען, אַז שוין נאָכדעם ווי ייִדן פלעגן צוגעשטעלט ווערן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, פלעגן די פּאָליציאַנטן זיי נישט תיכף אָפּשיקן צו די דייטשן, נאָר ראַטן, אַז זיי זאָלן טעלעפאָנירן צו זייערע באַ־קאַנטע און קרובים און בעטן מ׳זאָל זיי „אויסקויפן". עס פלעגט זיך דע־מאָלט אָנהויבן דאָס לויפן נאָך דער פאַרלאַנגטער סומע און שפּעטער... דאָס ציען פון די דעקאָנספּירירטע קרובים פונעם קרבן.

***

ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז בעת די צוזאמענטרעפן מיט שאַנטאַ־זשיסטן פלעגט אָפט אַרויסהעלפן די חוצפּה:

ה׳ פריינד האָט באַמערקט צוויי מענער וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען.

ער איז אַריינגעשפּרונגען אין אַ טראַמוויי, וואָס איז פּונקט דורכגעפאָרן. איינער פון די פאַרפאָלגער איז אַרויפגעשפּרונגען נאָך אים. „בלויז איינער ווייל דער צווייטער האָט נישט באַוויזן עס צו טון. איך בין אַרויסגעשפּרונגען אין גאַנג, ער איז מיר נאָכגעשפּרונגען... צום גליק איז אַדורכגעגאַנגען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט. שפּילנדיק „וואַבאַנק", האָב איך אים געבעטן צו לעגיטימירן מיין פאַרפאָלגער. איך האָב — פאַרשטייט זיך — קודם כל געוויזן דעם פּאָליציאַנט מיינע פּאַפּירן. מיין זיכערקייט און דער גאַנצער קאָמפּלעט פון פּאַפּירן (ווי אויך דער פאַקט וואָס איך האָב מיך נישט פאַר־טיידיקט נאָר להיפּוך אַטאַקירט) האָבן געהאַט די דערוואַרטע ווירקונג. דער פאַרשטייער פון דער מאַכט האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך בין אין אָרדנונג און דער ענין איז דערמיט דערליידיקט געוואָרן. נאָכן אַוועקגיין פון פּאָלי־ציאַנט האָב איך נאָך צוליב געזעלשאַפט־טעמים געמוזט מיט דעם פאַרשווין ווייטער פירן דעם אַזוי פריינטלעך אָנגעהויבענעם געשפּרעך... מיר האָבן זיך געזעגנט, דערלאַנגט זיך די הענט און דערביי פריינטלעך געשמייכלט... מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט דער זעלבער (ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, איז ער געווען אַ פאָלקס־דייטש און אַ פּראָפעסיאָנעלער שאַנ־טאַזשיסט) מיך ווידער פאַרהאַלטן נישט ווייט פון אַרבעט־אַמט אויף דלוגע גאַס. איך האָב אים ווידער מיט חוצפה פאַרגעלייגט תיכף אויפצוקלערן דעם ענין אין שכנותדיקן אַמט. אַזוי ווי איך האָב זייער ענערגיש געפאָ־דערט דאָס צו טון, האָט ער רעזיגנירט פון זיינע פּרעטענזיעס און פון פאַרדינסט אויף וועלכן ער האָט וואַרשיינלעך גערעכנט. שפּעטער פלעג איך אים אָפט באַגעגענען. ער פלעגט מיך תמיד פריינטלעך גריסן".

צו דעם זעלבן פריינד האָבן זיך איינמאָל געווענדעט צוויי „גראַנאַ־טענע הערן", וועלכע האָבן אויסגעדריקט דעם ווונטש מיט אים זיך צו טרעפן. „זיי האָבן מיך געהייסן קומען צומאָרגנס אין דער פּאָליציי־קאָ־מאַנדע אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט1). אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיך גע־שלאָגן מיט דער דעה: גיין אָדער נישט? גיין האָט באַדייט ריזיקירן, אַז איך וועל מער נישט צוריקקומען... נישט גיין... — דאַרף מען אַוועקוואַרפן די אַרבעט... דאָס הייסט אָנהויבן אַ קאָנפליקט מיטן אַרבעט־אַמט און דורך אים מיט דער פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע... איך האָב באַשלאָסן צו גיין.

1) איינע פון די הויפּטגאַסן אין וואַרשע.

אויפגענומען האָט מיך אַ זייער העפלעכער יונגערמאַן, וועמענס אויסזען ס'האָט געוועקט פאַרטרויען. נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך באַגריסט און קע־גנזייטיק פאָרגעשטעלט, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער האָט דערהאַלטן אַן אַנאָנימען בריוו. ווייטער האָב איך אויסגעהערט אַ גאַנץ לאַנגע דיגרע־סיע וועגן מענטשלעכע געפילן, געמיינזאַמען קאַמף מיטן שונא, דער נויט־ווענדיקייט פון ראַטעווען מענטשן או״וו. שפּעטער האָט מען דעם ענין אַוועקגעשטעלט אויף אַ ריין קאָמערציעלן אופן. צוויי „גוראַלעס״ (ד״ה 1.000 זלאָטעס.) אָדער דער ענין ווערט איבערגעוויזן צו אַן אָפיציעלער אויספאָרשונג. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז נישט געווען קיין אויסוואַל. איך האָב נאָך אָפּגעדונגען 200 זל. און (אַ גאַר וויכטיקע זאַך, כאָטש איך האָב זי קיינמאָל נישט אויסגענוצט) ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז דער אַנאָנים וועט פאַרבלייבן אין די אָקטן מיט דער באַמערקונג „רכילות״ און מיט די בייגעלייגטע מעטריקעס פון מיינע עלטערן״... 1).

די קאָנסעקווענצן פון גאַסן־באַגעגענישן מיט שאַנטאַזשיסטן זענען געווען פאַרשידענע. פון אַ סך הונדערטער וועלן מיר דאָ ברענגען דעם פאָלגנדיקן פאַקט:

די סצענע שפּילט זיך אָפּ אין אַ שפּיטאָל־זאַל (פון רויטן־קרייץ שפּי־טאָל אין וואַרשע):

„אַ געוויסן נאָכמיטיק — אין מאַי 1943 — האָבן זיך פון שפּיטאָל־גאָרטן דערהערט אויסגעשרייען און רופן. באַלד איז דורכן זאַל דורכגע־גאַנגען, מיט שנעלע טריט אַ באַשיידן־געקליידעטע פרוי. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן שטול אין אויפנאַם־קאַבינעט. דער דאָקטער איז נישט געווען.

מיט צוויי מינוט שפּעטער זענען אין זאַל אַריינגעלאָפן עטלעכע דייטשע זעלנער און צוויי גאַסן־יונגען.

— וואָ איסט די יודין? — זי האָט זיך זיכער דאָרט אויסבאַהאַלטן (די יינגלעך עפענען אויף די טיר).

— אָט, דאָ איז זי... יודע... אָט...

ווי ווילדע הינט פאַלן די דייטשן אַריין אין קאַבינעט און שלעפּן פון דאָרט אַרויס דעם קרבן. שלאָגנדיק זי, און שטופּנדיק אָן רחמנות. די פרוי

---

1) פריינד־זכרונות (אין מאַשין־שריפט).

פּרווּוט עפּעס זאָגן, זיי לאָזן זי אָבער נישט קומען צום וואָרט. די לויפנדיקע פון מורא וואַנזיניקע אויגן בעטן רחמים. די דייטשן שלאָגן זי מיט דער פויסט אין די שלייפן. זי פאַלט אַנידער און זיי שלעפּן זי ביי די פיס, נישט אויפהערנדיק צו שלאָגן. דאָס נאַרישע פּרצוף פון די גאַסן־יונגען שטראַלט: יודע, יודע... די קראַנקע ווערן פאַרשטאַרט. אין אַ ווײַלע שפּעטער אַ שאָס. געענדיקט.

דער דייטש ווישט אָפּ דעם שוויס פון שטערן. און הייסט דער קראַנקן־שוועסטער צונעמען דעם מת. ער דערציילט, אַז די ייִנגלעך האָבן אויף דער גאַס פאַרטשעפּעט דער פרוי און גענומען זי שאַנטאַזשירן. זי האָט נישט געהאַט קיין געלט אָדער נישט געוווּסט וואָס צו טון. איז זי אַריין אין שפּיטאָל־גאָרטן, גלויבנדיק, אַז זי וועט זיך דאָ קענען אויסבאַהאַלטן. דערמאָלט האָבן די ייִנגלעך אָפּגעשטעלט צופעליק דורכגייענדיקע דייטשע זעלנער: — אַ... אַ... אַ... יודע, דאָרט יודע; און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג.

***

טראַגיש, אָבער אויף אַן אַנדערן אופן פלעגן זיך ענדיקן שאַנטאַזש־אָנפאַלן אין די שטובן. די ידיעות וועגן אַזעלכע פאַלן פלעגן דערגיין צו די ייִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן דורך דער „פאַנטאָפל־פּאָסט":

„פון צייט צו צייט — שרייבט פּראָפ. לודוויק הירשפעלד — פלעג איך זיך דערוויסן וועגן דעם טראַגישן טויט פון באַקאַנטע. שאַנטאַזשיסטן קומען צום אינזש. היימאַן. ער בעט זיי פריינטלעך זיצן און זאָגט: „קיין נחת וועט איר פון מיר נישט האָבן". און איידער זיי האָבן זיך אומגעקוקט האָט ער אויסגעטרונקען סם. אויף אַן ענלעכן אופן איז אומגעקומען דער פאָרזיצער פון דער לאָדזשער דאָקטוירים־געזעלשאַפט, דר. פרענקעל. אין דער זעלבער צייט איז דערהרגעט געוואָרן פּראָפ. צענטנערשווער, מיין שוואָגער פּראָפ. סטערלינג וולאַדיסלאַוו מיט זיין פרוי — מיין שוועסטער. זיי זענען אומגעקומען אויפן פאָלגנדיקן אופן:

אין אָנהויב האָבן זיך צווישן די שכנים פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז אין הויז באַהאַלטן זיך ייִדן און, אַז דאָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַרן הויז. אַ געוויסן טאָג זענען געקומען באַוואָפנטע באַנדיטן, זיי האָבן באַראַ־

בעוועט די דירה און דערשאָסן פון הינטן מיין שוואָגער און שוועסטער. די שכנים האָבן אָנטעלעפאָנירט דער דייטשער פּאָליציי. די זשאַנדאַרמען זע־נען געקומען, האָבן אויסלעגיטימירט די באַנדיטן און זיי אַרויסגעלאָזט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַנדיטן זענען געווען אין קאָנטאַקט מיט דער געסטאַפּאָ און אַז זיי האָבן זיך געטיילט מיט דער פּאָליציי מיט דעם גערױבעוועטן האָב און גוטס.

עפּעס ענלעכס איז אויך געשען מיט פּראָפ. צענטערשווער. זיין פרוי, אַן אַריערין, ביי וועמען ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אין אַרויסגערופן גע־וואָרן אין געסטאַפּאָ. פאַרן אויסבאַהאַלטן אַ ייד, האָט עס אַפילו געמעגט זיין אַן אייגענער מאַן, האָט געדראָט טויט־שטראָף. זי האָט געפּרוווט זיך פאַרענטפערן דערמיט, וואָס זי האָט אים אויסבאַהאַלטן בלויז דריי טעג. דער דייטשער אָפיציר איז געווען העפלעך: „אַ, איר האָט אים געקענט אויסבאַהאַלטן אַפילו זעקס טעג", אגב האָבן זיי די פרוי אויך באַרויבט ביזן לעצטן. כדי צו געבן אַ בילד פונעם ניוואָ פון די דערמאָנטע מענטשן וועל איך באַמערקן, אַז פּראָפ. צענטנערשוועה האָט אַ פּאָר טעג פאַר זיין טויט איבערגעגעבן זיינעם אַ פריינד אַ — מאַנוסקריפּט פון אַ וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס ער האָט דעמאָלט פאַרענדיקט און אַז פּראָפ. סטערלינג האָט ביז דער לעצטער רגע איבערזעצט לידער פון ווערלען און באָדלער" 1).

***

דער נסיון פון לייכטן און שנעלן רייך־ווערן אַ דאַנק אַ „נאַרישקייט" (בלויז דורכן אויסגעבן אויף טויט שוין אַזוי אויך פאַרפאַלגטע און אומבאַ־וואָפנטע מענטשן) האָט געווירקט ווי אַ נאַרקאָז. ער האָט פאַרדרייט די שוואַכע קעפּ און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ האַזאַרד־געוווינהייט. טיילמאָל פלעגן אַפילו פריינטלעך געשטימטע יחידים, וואָס האָבן אין אָנהויב געהאָלפן יידן, קומען צו אַ מדרגה, אַז זיי האָבן אָנגעהויבן אויס־געבן. זיי פלעגן קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס אויסגעבן לויענט זיך בעסער. כדי זיך נישט צו פאַרמישן, פלעגן זיי שיקן אַנדערע שאַנ־טאַזשיסטן. זיי פלעגן איבערגיין אין דינסט פון די דייטשן ווי שפּיצלען און פּראָוואָקאַטאָרן.

1) פּראָפ׳ לודוויק הירשפעלד: „געשיכטע פון איין לעבן".

אַזוי למשל: סטעפאַן מאַכיא, אַן אַרבעטער. אין אָנהויב האָט ער מיט־געאַרבעט מיט מיטגלידער פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. זיין שמאָל און אָרעם שטיבל (גורנאַשלאַנסקאַ גאַס 3) איז געווען אַן אַזיל און קאָנטאַקט־פּונקט. אַ גוטהאַרציקער און תמיד גרייטער צו העלפן, האָט סטעפאַן געקענט אַ גאַנצע ריי „ייִדישע" אַדרעסן. ער האָט מיטגעאַרבעט ביים אַריבערפירן און „איינאָרדענען" פאַרשידענע מענטשן און ביים איינקויפן געווער. דאָס האָט ער טאַקע באַגלייט די ייִדישע קעמ־פער מיכאל קלעפּפיש און אַריה ווילנער ביים צופירן דאָס איינגעקויפטע געווער הינטער די מויערן פון געטאָ אויף פּאַריסאָווסקי פּלאַץ...

פון אַ געוויסן מאָמענט אָן האָט אָבער עפּעס אויפגעהערט „צו קלאַפּן". עס זענען פאָרגעקומען „דורכפאַלן" איין דירה נאָך דער אַנדערער פלעגט אַנטדעקט ווערן. די געסטאַפּאָ האָט אַרעסטירט די צום בעסטן פאַרקאָנספּי־רירטע מענטשן. שאַנטאַזשיסטן האָבן דערגרייכט (און דאָס „אויף זיכער") צו מענטשן, וועגן וועלכע עס האָט נישט געוווסט קיינער אויסער מאַ־כאַיען. ער האָט דערווייל רעזיגנירט אַפילו פון זיין געוויינלעכער אַרבעט און טראָצדעם איז אים געגאַנגען וואָס אַמאָל בעסער. די אָרגאַניזאַציע האָט גענומען אויף דער שנעל ענדערן אירע אַדרעסן. „פּאַפּירן", נעמען, וועגן אא"וו. אירע מיטגלידער האָבן אָבער נאָך לאַנג נישט געקענט גלויבן, אַז מאַכאַי (דער גוטמוטיקער און ערלעכער, דער מיט וועלכן צאָלרייכע קעמ־פער האָבן בשותפות אַדורכגעלעבט ריזיקאַלישע מאָמענטן, דער וועלכער האָט געהאַט אַזויפיל ווירקלעכע פאַרדינסטן) זאָל ווערן אַ צינישער פּראָ־וואָקאַטאָר.

אין איר אַמאָליקער דירה איז פאַרבליבן בלויז וולאַדקע (פייגע מענ־דזשישעצקאַ — פאַרבינדלערין) צוליב דעם וואָס זי האָט נישט געקענט געפינען קיין אַנדערע. אַ חוץ דעם האָבן צוליב דער פּלוצימדיקער דעקאָנ־ספּיראַציע פון זייערע דירות, געמוזט ביי איר שלאָפן צוויי חברטעס: „זאַשקע" (קערש, וועלכע האָט אגב באַקומען אַרבעט ביי אַ שניידערין און בשום אופן נישט געקענט געפינען קיין דירה) און אַ יונגע סטודענטין קריסיאַ זלאַטאָווסקאַ (וועלכע איז מיט אַ קורצער צייט פריער געקומען פון געטאָ). דער דריטער „לאָקאַטאָר" איז געווען אינזש. מיכאל קלעפּפיש. קלעפּפיש איז מיט אַ צייט צוריק אַרעסטירט געוואָרן (לויט אַלע סימנים —

אויף אַן אָנווייזונג פון מאַכאַי). נאָך דער אויספאָרשונג האָט מען אים פון תפיסה אָפּגעשיקט אין אַ טויט־צוג אַריין. אין וועג האָט ער — מיט דער הילף פון זיינע פּיין־חברים — אויפגעבראָכן אַן עפענונג און אַרויסגע־שפּרונגען פון לויפנדיקן צוג. אַ פאַרבלוטיקטער און הינקענדיקער איז ער קוים צוריקגעקומען קיין וואַרשע און נישט האָבנדיק ווו זיך אַהינצוטון האָט ער זיך דערוויל אַריינגעצויגן צו „וולאַדקען". מען דאַרף דאָ באַ־מערקן, אַז אויך זי איז געווען אַ סובלאָקאַטאָר אין אַ נאָס שטיבל. אַ חוץ די אויבנדערמאָנטע האָט אין דעם שטיבל אויך געוווינט די באַלעבאָסטע — אַן אַלמנה מיט צוויי קינדער. פאַרבלייבנדיק אָבער אויפן זעלבן אָרט האָט וולאַדקע באַוויזן צו ענדערן איר נאָמען און די „פּאַפּירן". זי האָט איצט געהייסן מיכאַלינא וואַיטשיק.

אַ געוויסן ווינטער־פרימאָרגן האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק קלאַפּן אין דער טיר. ס'איז געווען זיבן אַזייגער פרי. אַלע זענען נאָך געשלאָפן אויסער „זאַשקען"1) וועלכע איז שוין געהאַט אָוועקגעגאַנגען צו דער אַר־בעט. די באַלעבאָסטע עפנט די טיר. עס קומען אַריין צוויי מענער מיט רעוואָלווערן אין די הענט, און פרעגן צי עס וווינט דאָ וולאַדיסלאַוואַ קאָוואַלסקאַ.

— ניין — ענטפערט די ווירטין — דאָ וווינט אַן אַנדערע. אָט שלאָפט זי דאָרט.

די טריט דערנענטערן זיך צו וולאַדקעס בעט. עמעץ רייסט פון איר אַראָפּ די קאָלדרע.

— ווי הייסטו?

— מיכאַלינא וואַיטשיק.

— פאַרדריי נישט דעם קאָפּ. מיר ווייסן זיכער, אַז דאָ וווינט וולאַדקע קאָוואַלסקאַ.

מיט איינמאָל אַנטשליסט זיך וולאַדקע:

1) אומגעקומען מיט אַ צייט שפּעטער. נאָכדעם ווי זי האָט אַרויסבאַקומען איר ברודער פון לאַגער אין סקאַרזשיסקא — האָבן זיי זיך ביידע צופעליק גע־פונען אין אַ פרעמדער דירה. אין דער וווינונג איז געקומען געסטאַפּאָ זוכנדיק אַ געוויסן פּאָליאַק. נישט געפינענדיק אים האָבן זיי צוגענומען זאָשע קערש און איר ברודער. ביידע זענען דערשאָסן געוואָרן.

יאָ, זי ווױנט דאָ, אָבער מיט אַ האַלבער שעה צוריק איז זי אַוועק צו דער אַרבעט.

זי ציטערט אָבער, אַז דער איינפאַל אירער זאָל נישט דורכפאַלן ביים אויספרעגן דער באַלעבאָסטע. די לעצטע האָט געוווסט בלויז, אַז מען רופט דאָס מיידל „וולאַדקע". דעם נאָמען „קאָוואַלסקאַ" האָט זי קײנמאָל נישט געהערט. דער אַגענט האָט טאַקע זי געגומען אויספרעגן. וולאַדקע קוקט זיך דערווייל איבער מיט אירע מיט־איינוווינער. מיכאַל שווייגט. קרישע קוקט אויף דער ווירטין, וועלכע דערקלערט:

— מיט צוואַנציק מינוט צוריק איז איינע אַוועק צו דער אַרבעט.

— שנעל אָנטון זיך! מיר וויסן גוט, אַז איר זענט אַלע יידן — שרייט איינער פון די אַגענטן.

מיכאַל האַנדלט מיט זיי אונטער וועגן כאַבאַר: וואָס וועט איר האָבן דערפון, וואָס איר וועט אַרעסטירן? וולאַדקען האָט איר אַזוי אויך נישט געטראָפן. דאָס געלט קאָן אייך צו נוץ קומען.

— וואָס? איר ווילט מיר זאָלן אייך אַרויסלאָזן פאַר געלט? זאָגט אונדז וווּ די קאָוואַלסקאַ אַרבעט.

— קיינער ווייסט נישט.

די אַגענטן הייסן זיך אויפסניי „פאַרנעמען". מען האַנדלט ווידער אונ־טער. ווען זיי האָבן שוין ענדלעך געגומען דאָס געלט, זאָגט איינער:

— נו, אויב אַזוי קענען זיי בלייבן. איינער וועט גיין מיט אונדז פאַר אַ משכון, ביז וולאַדקע וועט זיך מעלדן.

עס גייט מיט זיי וולאַדקע.

אויף דער גאַס חזרן זיי איבער, אַז זיי וועלן זי באַלד אָפּלאָזן, אויב זי וועט אָנווייזן וווּ וולאַדקע אַרבעט.

— ווען מען וועט דיך פאַרשן — זאָגט איינער — זאָלסטו נישט דער־ציילן, אַז מיר האָבן גענומען געלט.

וולאַדקע קוקט אויף אים מיט אַ געמאַכטער פאַרוווּנדערונג:

— פאַרוואָס זאָל איך נישט דערציילן? איר האָט דאָך נישט וואָס מורא צו האָבן.

זיי ענטפערן נישט. און רעדן זיך שטיל אָדורך. מיט איינמאָל:

— דו קענסט אהיים גיין. מיר דאַרפן דיך נישט. מיר זוכן נאָר די אַנדערע.

זי גלויבט נישט אירע אויערן. די אַגענטן לאָזן זי אָבער באמת אָפּ. אָפּלויפנדיק אַ פּאָר טריט האָט זי געטראָפן מיכאַלן און קרישיען, וועלכע זענען איר נאָכגעגאַנגען כדי צו זען אין וואָס פאַר אַ קאָמיסאַריאַט מען פירט זי.

כמעט איינציייטיק מיטן באַשריבענעם אינצידענט, זענען פאָרגעקומען רעוויזיעס אין צוויי אַנדערע דירות. אויך דאָרט איז געלונגען (צוליב סיבות וועלכע מיר וועלן דאָ נישט באַשרייבן) אויסמיידן קרבנות. אַ פאַקט איז אָבער געווען, אַז וועגן די אַדרעסן האָט געקענט וויסן בלויז מאַכאַי. אַ חוץ דעם איז מאַכאַי געווען אין איינער פון די דירות האַרט פאַר דער רעוויזיע. ער האָט וואַרשיינלעך אויסגערעכנט, אַז מיט דער ליקווידאַציע פון וואָלאַדקעס מעלינע וועט אים שוין קיינער נישט קענען דעמאַסקירן. דערפאַר האָט ער זיך שוין דערלויבט אויף אַן אָפענער „טעטיקייט״.

דערמיט האָט ער אויך אונטערגעשריבן זיין אורטייל. מען האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט דער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג (מיט וועלכע מאַכאַי איז אויך געווען פאַרבונדן און פאַר וועלכער ער האָט פאַרשטייט זיך אויך פאָרגעשטעלט אַ געפאַר). ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אים „אָפּצורוימען״. איידער דאָס איז געשען, איז געקומען אַ ידיעה, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן דורך די דייטשן אַליין. ער האָט „זיינס אָפּגעטון״ און געוואָרן זעט אויס איבעריק.1)

דאָס אויספּרעסן געלט איז געווען די פּאָפּולערסטע פאָרם פון שאַנטאַזש, אָבער נישט די איינציקע. ציטירנדיק די איבערלעבענישן פון נעמי שאַץ האָבן מיר דערמאָנט למשל אַ סצענע אין דער שטוב פון אַן אויסוווּרף, נישט ווייט פון מאַידאַנעק: אַן עראָטישער שאַנטאַזש. אַזעלכע שאַנטאַזשן זענען אויך געווען צאָלרייכע, ווייל ראַסיזם איז ראַסיזם און אַ חיה בלייבט אַ חיה.

לאָמיר נאָך צוגעבן: די נאַטאַרישע פאַלן פון היימלאָזיקייט, פון פאַטאַליסטישן טשעפּען זיך צו אַ ליאַדע ערזאַץ, צו יעדער אילוזיע פון אַ מקום־מקלט, דאָס לעבן אין וועלדער, אין די אָפּגעזונדערטע און פאַרלאָזטע

1) פאַרגלייך מיט דער דערציילונג פון פ. מיענדזישעצקא.

וואַלד־בודעס. אין דער אַבסאָלוטער הילפסלאָזיקייט, וואָס האָט אַפילו פון אַ געדיכט באַוווינט הויז אויף אַ לעבעדיקער גרויסשטאָטישער גאַס געמאַכט אַ מדבר. דעם קרבן האָט דאַך — אונטער אַ סכנה פון טויט — נישט געטאָרט קיינעם רופן צו הילף און צו קיינעם זיך ווענדן.[1]

די דערשיינונגען, וועגן וועלכע מיר דערמאָנען דאָ פלעגן נישט תמיד באַגלייט ווערן פון שטילע געוואַלד־אַקטן. אַמאָל פלעגט אויך ווירקן דער עלעמענט פון אַ „טיפער אַדורכגעטראַכטער איניציאַטיוו":

נאָכן אַנטלויפן פון געטאָ איז אסתר... אַוועק צו מענטשן, וועלכע זענען — פאַר דער מלחמה — געשטאַנען אין ענגע האַנדלס־באַציִונגען מיט איר פאָטער. זיי האָבן זי אויפגענומען מיט מיטלייד. שטאַרק זיך איבערגענומען מיטן טויט פון איר מוטער. וואָס שייך איר אַליין — וועלן זיי פאַרשטייט זיך נישט פאַרלאָזן די טאָכטער פון ה׳ מ. דערווייל אָבער קענען זיי גאָרנישט טון. זאָל זי איבערלאָזן איר אַדרעס, וועלן זיי איר מודיע זיין ווען זיי וועלן עפּעס אויסקלערן.

קיין אַדרעס האָט זי נישט געקענט געבן, ווייל זי האָט אים נישט געהאַט. צוליב דעם טאָקע איז זי דאָך צו זיי געקומען. ס׳האָט זיך געענדיקט מיט אַ מיטלייד־געשפּרעך.

אַ טיף־פאַרטראַכטע איז זי אַרויס אויף דער גאַס. אַן עלעגאַנטער הער האָט זי אָפּגעשטעלט. קודם האָט ער זי אַ פרעג געטון ווי שפּעט ס׳איז. דאָס ציטערנדיקע קול פונעם מיידל האָט אים איבערציינגט, אַז ער האָט גוט „געטראָפן". ער האָט זי אַריינגעפירט אין אַ שכנותדיקן טויער, דערקלערט איר, אַז ער איז אַן אַגענט פון „קריפּאָ"[2] און געהייסן זיך ווייזן אירע דאָקומענטן. דאָס פּאַפּיר, וואָס זי האָט אים געוויזן האָט ער אַריינגעלייגט אין טאַש און געזאָגט, זי זאָל מיט אים גיין אין נאָענטן פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט. דאָס מיידל האָט זיך פאַרלוירן און גענומען בעטן רחמנות. דער „עלעגאַנטער הער" איז געבליבן קאַלט.

אין דער זעלבער רגע איז אין טויער אַריינגעקומען אַן עלטערע

---

1) אַזאַ סצענע האָט צ״ש באַשריבן יעזשי אַנדזשעיעווסקי אין אַ נאָוועלע א״נ „גרויסע וואָך" (אין דער זאמלונג „נאַכט"). די פאַלן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, וואָס מיר קענען באמת, צווינגט אונדז צו באַוואונדערן די אינטואיציע, מיט וועלכער דער מחבר האָט געצייכנט די דערמאָנטע סצענע.
2) קרימינאַל־פּאָליציי.

פרעמדע פרוי. מיט מיטלייד אין קול האָט זי געפרעגט דאָס מיידל פאַר־וואָס זי איז אַזוי פאַרצווייפלט. דער „עלעגאַנטער הער" האָט אויפגעקלערט, אַז ער האָט „געכאַפּט אַ ייִדישקע" און געראָטן דער פרוי, זי זאָל זיך נישט מישן אין פרעמדע ענינים.

אייניקע דורכגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט, געפרעגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און געגאַנגען ווייטער. די פרעמדע פרוי איז אָבער געבליבן. זי האָט געפּרוּווט איבערצייגן דעם אַגענט, אַז ער טאָר נישט גורם זיין דעם טויט פון אַ יונג מיידל. זי האָט אַפּעלירט צו זיין געוויסן. איידער ער האָט נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט זי אים אָוועקגעשלעפּט אין אַ זייט. דאָס מיידל וואָס האָט די גאַנצע סצענע נאָכגעפאָלגט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, האָט דערזען ווי די פרעמדע פרוי האָט דעם אַגענט אַריינגעשטופּט אַ פּעקל געלט־באַנקנאָטן. דער לעצטער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין טאַש און ווענדנדיק זיך צו זיין קרבן געזאָגט:

— איר זענט פריי. אַ דאַנק — דאָ האָט ער אָנגעוויזן אויף דער פרעמדער פרוי — דער דאַמע. זי האָט אייך געראַטעוועט.

צי דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז דעם מיידל האָט געפעלט ווערטער, כדי אָפּצודאַנקען איר אויסלייזערין? די עלטערע פרוי האָט אָבער נישט געלאָזט פאַרזעצן די דאַנק־אויסדרוקן. פאַרקערט, זי האָט געפרעגט ווו דאָס מיידל וווינט און אויסגעדריקט די גרייטקייט זי אָפּצופירן. ווען זי האָט זיך אָבער דערוווּסט, אַז דאָס מיידל האָט נישט וווּהין צו גיין, האָט זי אַ שטאַרק געריירטע אָפּגעזיפצט:

— מיין אָרעם קינד...

באַלד האָט זי צוגעגעבן, אַז זי האָט אַ גרויסע דירה און אַז עס וועט זיך דאָרט געפינען אַן אָרט פאַר דעם אומגליקלעכן מיידל. פאַרשטייט זיך, אַז אסתר מוז געדענקען, אַז זי טאָר נישט אַרויסגיין, אַז זי טאָר זיך אויך צופיל נישט אַרומדרייען אין דער דירה, קיינער זאָל נישט הערן אירע טריט.

צומאָרגנס נאָכן פרישטיק האָט זיך אסתר אַוועקגעזעצט אין אַ באַקוועמען פאָטעל און גענומען בלעטערן די ביכער, וואָס זי האָט אַרויסגענומען פון דער ביבליאָטעק, וואָס איז געשטאַנען אין „איר" צימער. זי איז פאַרחידושט געוואָרן פונעם סטעמפּעלע וואָס איז געווען אויף יעדן

ביכל: „עקס ליבריס — אברהם אייכענהאָלץ". זי האָט געפּרוווט אַ פרעג טון די דינסט וואָס האָט געמאַכט אָרדנונג אין שטוב. די לעצטע האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים צום פענצטער:

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? דאָס איז נישט מיין ענין.

אין דער דאָזיקער וווינונג האָט אסתר, ביים אָוונט־ברויט, באַקענט דעם „הער ראָמאַן". ער האָט פאַרווײַלט ביידע פרויען (די „פּאַני סטאַניסלאַווא" און אסתרן) מיט ידיעות און אַנעקדאָטן פון די וואַרשעווער דאַנסינגען און נאַכט־לאָקאַלן.

— אין דער געזעלשאַפט פון אַ גאָר יונג מיידל זענען אַזעלכע טעמעס נישט פּאַסיק — האָט אים פרוי סטאַניסלאַווא געזאָגט מיט אַ פאָרוואורף — און דערצו נאָך אין דער אָנוועזנהייט פון אַ מיידל, וואָס איז נאָר־וואָס אַנטלאָפן פון געטאָ!

„הער ראָמאַן" האָט מאָדנע געשמייכלט.

פרוי סטאַניסלאַווא האָט דערוויל ווייטער גערעדט. זי האָט נאָך אַמאָל געוואָרנט אסתרן פאַר יעדער אומפאָרזיכטיקייט:

— דו ווייסט דאָך, וואָס עס דראָט פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִדישקע, דערפאַר דאַרפסטו קיינמאָל נישט איבערטרעטן די שוועל פון „דיין" צימער. פיר דיך אויף זייער שטיל און קום אַרויס נאָר דעמאָלט ווען איך וועל דיך רופן... איך נעם דאָ אויף פאַרשידענע געסט. איך וועל דיך איינלאַדן צו דער געזעלשאַפט בלויז דעמאָלט ווען דאָס וועלן זיין אַבסאָלוט זיכערע מענטשן...

אסתר האָט נישט אויפגעהערט צו דאַנקען. זי האָט געוואָלט וויסן מיט וואָס זי וועט קענען באַצאָלן פאַר אַזוי פיל גוטסקייט. קודם־כל האָט זי געוואָלט אָפּגעבן דאָס געלט, וואָס זי האָט געהאַט מיטגענומען פון געטאָ. ווען זי האָט אָבער אָנגערופן די זייער קליינע ציפער, האָט זיך פרוי סטאַניסלאַווא צעלאַכט:

— ווער דאַרף דאָ דיין געלט, מיין טייער קינד, אפשר אַמאָל, אין דער צוקונפט וועסטו מיר קענען אָפּגעבן אַלץ און נאָך מיט אַ צושטייער.

שפּעטער, ווען די באַלעבאָסטע איז אַוועקגעגאַנגען און אסתר איז שוין געלעגן אין בעט, האָט זי דורך דער וואַנט געהערט אַ זייער לעב־

האַפּטן געשפּרעך צווישן דער פרוי סטאַניסלאַוואַ און הער ראָמאַן. די וערטער האָט זי נישט געהערט, אָבער פון צייט צו צייט זענען צו איר דערגאַנגען הילכיקע געלעכטער־אויסברוכן.

צומאָרגנס איז זי ווידער געבליבן אַליין מיט דער אַלטער דינסט. זי האָט געפּרוווט צו העלפן דער אַלטער ביים אויפרוימען און ביים צו־גרייטן דאָס מיטאָג. אין אָנהויב האָט די אַלטע נישט געוואָלט. גאָר גיך האָט זיך אָבער צווישן זיי אָנגעקניפּט אַ מין סימפּאַטיע.

בעת דעם רוימען האָט אסתר באַמערקט, אַז די באַזונדערע טיילן פון מעבל האָבן געשטאַמט פון פאַרשידענע ווערטפולע קאָמפּלעטן: — דאָס זענען אפשר — האָט זי געטראַכט — מעבל־טיילן וואָס יידן האָבן זיי געגעבן אויסצובאַהאַלטן.

זי האָט אַ פרעג געטון דער דינסט. די אַלטע פרוי האָט געגעבן אַן אויסמיידנדיקן ענטפער. מיטאַמאָל אָבער האָט זי זיך אויסגעדרייט מיט כעס צו אסתרן און ווי אַ מענטש וואָס קען שוין לענגער נישט שווייגן, אויסגעשריגן:

— וואָס האָסטו געזאָגט? אַז זיי האָבן גענומען ביי יידן אויסצובאַ־האַלטן? אַזוי גלייבסטו, דו נאַריש קינד? הייסט זיי באַהאַלטן כדי שפּעטער אָפּצוגעבן? זיי? זיי... זיי?!

אסתר האָט פאַרוואונדערט געקוקט אויף דער אַלטער.

— פאַרוואָס האָט איר אייך אַזוי אויפגערעגט? פאַרוואָס איז נישט מעגלעך, זיי זאָלן אויסבאַהאַלטן יידיש־מעבל? זיי זענען דאָך אַזעלכע גוטע... פרוי סטאַניסלאַוואַ האָט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן...

די אַלטע האָט זיך דערוויייל באַהערשט. זי האָט זיך ווידער גענומען אָפּווישן דעם שטויב פון די פאַרצעלאַן־פיגורן וואָס זענען געשטאַנען אויפן מאהאָן־בופעט. לסוף האָט זי געזאָגט:

— דו ביסט נאָך זייער אַ נאַריש מיידל. די אַנדערע האָבן אויך געטראַכט. נו, און וואָס איז מיט זיי געשען?

טראָץ דעם, וואָס אסתר האָט זיך שטאַרק געבעטן, האָט די אַלטע מער גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

אין אָוונט זענען זיי ווידער געווען דריי ביים טיש. דאָס מאָל האָט

„הער ראָמאַן" בעת דעם געשפּרעך געמאַכט צ"א אַ פּאָר געהיימנישפולע און מאָדנע באַמערקונגען.

אין דער פרוי האָט אסתר ווידער געהאָלפן דער אַלטער רוימען. דאָס מאָל האָט זי נישט געקוקט אויף דער אַלטערס פּראָטעסטן און זיך גענו־מען פּוצן די פּאָל.

ווען זי האָט אין אַ געוויסן מאָמענט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אַביסל אָפּצואָטעמען, האָט זי באַמערקט אַז די אַלטע דינסט קוקט אויף איר מיט אַ מאָדנער האַרציקייט. זי האָט דערפילט, אַז דאָס איז נישט בלויז קיין דאַנקבאַרקייט פאַרן צוהעלפן איר.

— פאַרוואָס קוקט איר אַזוי מיך אָן? — האָט זי געפרעגט.

— דו דערמאָנסט מיך עמעצן...

— איר האָט אפשר אַ טאָכטער?

— ניין, איך האָב נישט געהאַט קיין קינדער... דאָ אָבער, אין דער דירה, איז אויף דער זעלבער פּאָדלאָגע יאָרן־לאַנג אַרומגעלאָפן אַ מיידעלע, וואָס איך האָב דערצויגן און ליב געהאַט ווי אַן אייגענע טאָכטער... זי פלעגט מיר אויך אָפט העלפן... אַזוי ווי דו, פלעגט זי אַרויסנעמען דעם שטעקן פון דער באַרשט און געפּרוווט אַרומפאָרן מיט דער באַרשט איבערן פּאַרקעט... זי איז אָבער געווען קליין און שוואַך; ס'איז איר שווער געווען צו רירן די באַרשט פונעם אָרט..

— ווי איז איצט דאָס דאָזיקע מיידעלע? איז זי אַ קרובה פון פרוי סטאַניסלאַוואַ און הער ראָמאַן?

— ניין! וואָס פאַלט דיר איין!... איך אַרבעט שוין דאָ לאַנגע יאָרן. איך האָב נאָך געאַרבעט ביי די עלטערן פון די אמתע באַלעבאַטים...

— און פרוי סטאַניסלאַוואַ...

— זי, צוזאַמען מיט איר שותף האָבן צוגעראַבעוועט די דאָזיקע דירה...

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו דערציילן? זיי האָבן געמסרט, געשיקט די דייטשן. זיי זענען אַריין ווי ווילדע און געשריגן: „וועג, וועג" און אַלע אַרויסגעיאָגט. צו מיר איז אויך צוגעטרעטן איינער און געפרעגט מיך צי איך בין „יודע", ווייל איך האָב שטאַרק געוויינט, זעענדיק וואָס עס קומט פאָר. איך האָב געענטפערט, אַז איך בין אַ פּוילישע. דער דייטש

האָט מיך געהייסן בלייבן, איך זאָל היטן די דירה און דאָס מעבל, וואָס געהערט שוין נישט צו די ייִדן. „פֿאַר אַלע זאַכן, וואָס געפינען זיך דאָ ביסטו פֿאַראַנטוואָרטלעך מיטן קאָפּ" — האָט געזאָגט דער דייטש. אַלץ איז געווען פֿאַרשריבן געוואָרן ווי אַן אייגנטום פֿון דייטשן רייך „און פֿאַר אָנרירן דאָס דאָזיקע אייגנטום דראָט טויט־שטראָף"... איך האָב כסדר געוויינט... ווען די קליינע מירקע, דאָס טעכטערל פֿון מיינע באַלעבאַטים... גוטע, אָרנטלעכע מענטשן, זאָל זיי גאָט אָפּהיטן... שפּעטער איז די קליינע מירקע נאָך געקומען עטלעכע מאָל פֿון געטאָ, איך זאָל איר עפּעס געבן. איך האָב איר געגעבן עטלעכע זאַכן, וואָס איך האָב באַוויזן צו באַהאַלטן אין דער לעצטער רגע. צום לעצטן מאָל האָב איך מיין מירקען דאָ געזען מיט עטלעכע חדשים צוריק. זי האָט שוין דעמאָלט שרעקלעך אויסגעזען, די אָרעמע. מען האָט זיי שוין זיכער אַלע פֿאַרמאַטערט אין געטאָ... באַלד דעם צווייטן טאָג נאָכן אַרויסיאָגן מיינע באַלעבאַטים, זענען די דייטשן ווידער געקומען און געבערענגט אַהער מיין איצטיקע ווירטין און דעם דאָזיקן הער ראָמאַן... און צו מיר האָבן זיי געזאָגט, אַז איך קען ווייטער בלייבן. וואָס האָב איך געזאָלט טון? ווו אַהין זאָל איך גיין אויף די עלטערע יאָרן?

מיט אַ וואָך שפּעטער זענען די דייטשן ווידער געקומען און זיי האָבן צוגענומען דאָס מעבל פֿון די צוויי שענסטע שטובן: פֿון סאַלאָן און פֿונעם שלאָפֿצימער, פֿאַר אַן ס. ס.־אָפֿיציר... נאָך זייער אַוועקגיין האָט דער „הער ראָמאַן" געשאָלטן מיט די מיאוסטע קללות; די פֿרוי סטאַניסלאַוואַ האָט אים אָבער באַרויִקט. זי האָט געזאָגט, אַז מעבל איז איצט נישט שווער צו באַקומען. פֿון אומעטום יאָגט מען אַרויס די ייִדן, דאַרף מען בלויז האָבן דעם קאָפּ אויפֿן קאַרק. שפּעטער האָט זי ווירקלעך געבערענגט וואָס אַ מאָל נײַ מעבל... דו מוזט פֿון דאַנען אַנטלויפֿן... זיי טאָרן אָבער וועגן גאָרנישט וויסן. אויב זיי וועלן עפּעס דערשנאַפּן ווערסטו ענדיקן אַזוי ווי אַלע אַנדערע מיידלעך.

אייגנטלעך איז די גאַנצע זאַך געווען איינגעהילט אין אַ טיפֿער געהיימניש. סטאַניסלאַוואַ און ראָמאַן האָבן געזאָגט, אַז קיין שום פּרט זאָל נישט אויפֿגעדעקט ווערן. דער דינסט האָט מען נישט געזאָגט קיין וואָרט, וואָס זאָל איר אויפֿקלערן די באַדייטונג פֿון פֿאַרשידענע סצענעס,

וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער דירה. די אַלטע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מענטש, וואָס פאַרשטייט אַבסאָלוט גאָרנישט. ווי אַזוי איז זי פאָרט געוואָרן?

— ווי אַזוי? פּשוט, די אויגן האָבן געקוקט און געזען. די אויערן האָבן געהערט.

פון די ברעקלעך שמועסן, וואָס זענען צו איר דערגאַנגען, פון די אָפּגעריסענע געשרייען און געוויינען האָט זי — במשך פון לאַנגע חדשים — געשאָפן זיך אַ מיינונג וועגן אמתן פּרצוף פון אירע איצטיקע ברויט־געבער. דאָס האָט מער־ווייניק אויסגעזען אַזוי:

פאַר דער מלחמה איז „פּרוי סטאַניסלאַוואַ" געווען די מיט־אייגנ־טימערין פון עפּעס אַ „לאָקאַל", וועגן וועלכן די אַלטע דינסט האָט גע־ווּסט בלויז אַזויפיל, אַז ער איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, נאָך אַ גרויסן סקאַנדאַל וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ סענסאַציאָנעלן פּראָצעס. דערמאָנענדיק וועגן דעם דאָזיקן סקאַנדאַל, האָט „פּרוי סטאַ־ניסלאַוואַ" (אין אירע געשפּרעכן מיט „הער ראָמאַן") אַרויסגעזאָגט דעם נאָמען פון אַ געוויסער ד"ר סאַדאָווסקאַ.

דער מחבר פון די זכרונות 1), וועלכער האָט פאַרשריבן די אויבנ־דערמאָנטע געשעעניש, גיט צו, אַז דער דאָזיקער נאָמען וואָס איז דעמאָלט געווען פולשטענדיק פרעמד דער אַלטער דינסט און אסתרן — האָט אים דערמאָנט אין אַ גרויסן סקאַנדאַל פון די פאַרמלחמה־צייטן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ חברה, וואָס האָט אָרגאַניזירט גאָר עלעגאַנטע „פאַר־ווײַלונגס־הייזער". דער שעף פון דער באַנדע (אַ געוויסע פּרוי סאַ־דאָווסקאַ, אַ דאָקטאָר גינעקאָלאָג) ווי אויך אַנדערע „דירעקטאָרן" זענען געשטעלט געוואָרן פאַרן געריכט און באַקומען אורטיילן.

ד"ר סאַדאָווסקאַ האָט געהאַט אירע אַגענטן אויך אין די סטודענטן־קרייזן. „פּרוי סטאַניסלאַוואַ", וועלכע האָט געהאַט געענדיקט אַ גימנאַזיע און איז געווען אַ הערערין פון אוניווערזיטעט, איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן

1) איך דערמאָן נישט זיין נאָמען אויף זיין אויסדריקלעכער בקשה. די דאָזיקע זכרונות (ד"ה דעם מאַנוסקריפּט אין דער פּוילישער שפּראַך) האָט אונדז צוטריטלעך געמאַכט ל. לענעמאַן. דער לעצטער האָט זיי אויך פאַרעפנטלעכט אין זיין אייגענער באַאַרבעטונג אין דער פּאַריזער יידישער צייטונג „אונדזער וואָרט".

אין די „סאַלאָנען פון פרוי ד״ר סאַדאָווסקאַ״ דורך אַן עלעגאַנטן קאָלעגע. זייער שנעל איז זי פון אַ קרבן געוואָרן אַ שותפטע צו דער באַנדע. זי איז באַשולדיקט און פאַרמשפט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע „די־רעקטאָרן״. אין תפיסה איז זי געזעסן ביז האַרט פאַר דער מלחמה. ווען מען האָט זי אַרויסגעלאָזט, האָט זי זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע און גענומען זוכן אַ מיטל צוריק „אַרויפצושווימען״.

די „געלעגנהייט״ איז געקומען ווען די יידן זענען געשטעלט גע־וואָרן אויסער די ראַמען פון געזעץ. „פרוי סטאַניסלאַווא״ האָט באַנייט די אַלטע „אונטערנעמונג״, צופאַסנדיק זי בלויז צו די ניי־געשאַפענע אָקו־פאַציע־באַדינגונגען.

(...) די אַלטע דינסט האָט געדענקט ווען עפּעס אַ מיידל איז צוגע־לאָפן צום פענצטער, בכדי זיך אַראָפּצוואַרפן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט „פרוי סטאַניסלאַווא״ אַרויפלייגן די האַנט אויפן טעלעפאָן־טרייבל און קורץ דערקלערן:

— אָדער דו וועסט טון אַלץ וואָס איך וועל הייסן, אָדער איך טעלע־פאָניר אין געסטאַפּאָ...!

(דער מחבר פון דעם דערמאָנטן טאָג־בוך פרוווט שפּעטער געבן אַ מער בפרטיותדיק בילד פון דער נייער „אונטערנעמונג״ פון „פרוי סטאַ־ניסלאַווא״ און פון איר שותף „הער ראַמאַן״ און דאָס אויפן סמך פון דער אַלטער דינסט. אַזעלכע רעקאָנסטרוקציעס [פון דער דריטער האַנט] זענען זעלבסטפאַרשטענדלעך בלויז היפּאָטעטישע. מיר באַגרענעצן זיך דעריבער נאָר צו די שוין אָנגעגעבענע פאַקטן).

דער מחבר פון דעם טאָג־בוך גיט נאָך צו:

„ווען מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פונעם לאָדזשער קאַפע, ווו אסתר האָט נאָר־וואָס פאַרענדיקט די באַשריבענע געשיכטע, האָט מיך דאָס מיידל צוגעפירט צום ראָג פון די גאַסן פּיאָטרקאָווסקאַ און נאַרוטאָ־וויטשאַ:

— דאָ האָב איך מיט עטלעכע חדשים צוריק באַמערקט צווישן די דורכגייער... איר ווייסט ווועמען? — „פרוי סטאַניסלאַווא״. זי האָט גע־טראָגן אַן עלעגאַנט קאַראַקולן פוטער און אַ שוואַרצן סאַמעטענעם הוט מיט אַ פעדער. אין דער ערשטער רגע האָב איך געוואָלט לויפן נאָך אַ

פּאָליציאַנט און שרייען ער זאָל זי אַרעסטירן... איך האָב איר אָבער בלויז נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשווונדן צווישן דעם המון.

— פאַרוואָס האָט איר אַזוי געהאַנדלט?...

— ...ווו וואָלט איך געזוכט עדות? איך בין אפשר די איינציקע, וואָס האָט זיך אַרויסבאַקומען פון אירע הענט...

איך ווייס נישט צי דאָס מיידל האָט געהאַנדלט ריכטיק. איך גלויב אַז נישט. די דערמאָנטע מאָטיוון זענען אָבער, לײדער, געווען אמת. מיר ווייסן דאָך צום בעסטן וויפל „פרוי סטאַניסלאַוועס" און „הערן ראַ־מאַנס" דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט; וויפל מענטשן וועמענס פאַר־ברעכנס זענען באַקאַנט, אָדער וועמען ס׳איז שווער „אויסצוווייזן"... אין זין פון דער געריכט־פּראָצעדור. דאָס געריכט שטעלט באַשטימטע פאָ־דערונגען און מוז, שליסלעך, אַזעלכע פאָדערונגען שטעלן. ווי אַ פּועל־יוצא דערפון, בלייבן אומבאַשטראָפט די יעניקע, וואָס האָבן זייערע פאַר־ברעכנס אויסגעפירט קאָנסעקווענט, לויט אַ גענוי דורכגעטראַכטן פּלאַן.

***

פאַלן פון עראָטישן שאַנטאַזש זענען פאָרגעקומען אפילו אין די תפיסות:

ראָזאַליע ס. איז צוזאַמען מיט איר שוועסטער אַרעסטירט געוואָרן אונטערן חשד פון ייִדישן אָפּשטאַם. מען האָט זיי אָפּגעפירט אין דער לעמבערגער תפיסה (באַקאַנט פון דער באַזונדערער אכזריות מיט וועל־כער מ׳האָט דאָרט באַהאַנדלט די אַרעסטאַנטן). אין דער קאַמער „איז געווען שרעקלעך קאַלט", מיין קראַנקע שוועסטער איז שטאַרק געפרוירן געוואָרן. איך האָב אויסגעטון מיין זשאַקעטל און עס איר אַרויפגעוואָרפן אויף די אַקסלען. איך בין געבליבן אין אַ בלוזקעלע מיט קורצע אַרבל. אין דער קאַמער איז אַריינגעקומען אַן אַגענט, אַ פּאָליאַק.

...ער האָט זיך צו מיר דערנענטערט, אַרומגענומען מיך און גע־זאָגט: „קום מיט מיר, איך האָב דאָ אַ באַזונדער שטיבל, דו וועסט זיך צודעקן מיט אַ דעק". איך האָב געענטפערט: „פאַר וועמען האַלט איר מיך." ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און גענומען שלעפּן. איך האָב מיך געווערט, ער איז אָבער געווען שטאַרקער און אַריינגעצויגן

מיך אין זיין שטיבל אַריין. שפּעטער האָט ער זיך אָבער איבערגעשראָקן און מיך אָפּגעלאָזט". 1)

*****

לאָמיר נישט מערן די ביישפּילן. צווייטנס, האָבן מיר שוין אַ סך מאָל אָנגעטראָפן אויף שאַנטאַזש־פאַלן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, ביים אַרומרעדן אַנדערע ענינים.

דאָ ווילן מיר אָבער מאַכן עטלעכע באַמערקונגען פונעם „כאַראַק־טעראָלאָגיע"־געביט.

די מערהייט שאַנטאַזשן פלעגן באַגלייט ווערן מיטן אַקאָמפּאַניאַ־מענט פון אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. אַזוי איז געווען אין די ציטירטע פאַלן, אַזוי פלעגט אויך תמיד געשען אין אַלע אַנדערע פאַלן. באַנוצט האָט מען זיך אָבער נישט נאָר מיט לאָזונגען. צוטרעטנדיק צו זיין קרבן פלעגט דער שאַנטאַזשיסט „נעמען נקמה"; פאַר וועמען? עס פלעגט גע־שען פאַרשידן:

— „איר האָט אין רוסלאַנד דערהרגעט מיין משפּחה..." — האָט דעקלאַמירט דער גראַנאַטענער פּאָליציי־קאָמיסאַר בעת ער האָט שאַנ־טאַזשירט נעמי שאַץ און איר מאַן.

— „מיר?

— נו, איר, אייערע ברידער אין רוסלאַנד האָבן געמאָרדעט אונ־דזערע" 2).

אַן אַנדער מאָל פלעגט דער שאַנטאַזשיסט „נקמה נעמען פאַר קאַ־טין"; אין אַנדערע פאַלן דערפאַר, וואָס די „סאַנאַציע" האָט אומגליקלעך געמאַכט פּוילן, און מען ווייסט דאָך, אַז מיט דער סאַנאַציע האָבן רע־גירט ייִדן 3); אַנדערע נאָך, פאַר דעם ריטואַלן מאָרד אָדער פאַר דעם

---

1) אַרכיוו פון דער צ. יי. ה. ק., פּראָט. נר' 1500.
2) פאַרגלייך מיט „ס'איז פאַרשוווּנדן מיטן פייער".
3) וועגן דעם האָט פאַרשטייט זיך „געוווּסט" בלויז דער שאַנטאַזשיסט, ווייל די „סאַנאַציע" איז באמת — ווי עס ווייסן אַלע — געווען אַן אַנטיסעמי־טישע גרופּירונג און דווקא פאַר דער מלחמה האָבן אירע פירער אַדורכגעפירט אין סיים אַנטי־ייִדישע געזעצן. דאָס איז אָבער נישט וויכטיק. דער אמת האָט אין אַזעלכע פאַלן נישט קיין באַדייטונג.

קרייצן „יעזוסן", פֿאַר קאָמוניזם אָדער קאַפּיטאַליזם. וועגן די אַלע קריווּ־דעס פֿלעגט ער זיך דערמאָנען פּונקט אין די יאָרן פֿון דער היטלעריס־טישער אָקופּאַציע און דעם שולדיקן אין זיי האָט ער געזען אינעם מענטש, וועלכן ער האָט אַקוראַט געוואָלט באַראַבעווען. דאָס איז געווען אין הסכם מיט דעם באַקאַנטן געזעץ, אַז עס איז נישט גענוג אָפּצוטון דאָס מיאוסע שטיקל אַרבעט. אויספֿירנדיק עס אומבאַשטראָפֿט, וויל דער אויסוואורף נאָך זיין אין דער ראָלע פֿון אַ פֿאָרשטייער פֿונעם אמת און פֿון גערעכ־טיקייט. פֿאַרשטייט זיך: פֿאַר אַ באַשטימטן פּרייז.

זייער ווייטערדיקער שטריך איז דאָס „געפֿיל פֿון כבוד". דער שאַנ־טאַזשיסט האָט זיך געפֿילט טיף באַליידיקט — ווערטלעך! — ווען דאָס פֿאַרגעשלאָגענע אויסקויף־געלט איז — לויט זיין מיינונג — געווען צו נידעריק.

— „איר ווילט לאַכן, איר באַליידיקט אונדז. פֿאַר אַזעלכע גראָשנס ווילט איר מיר זאָלן זיי איבערלאָזן? נו, נו, וואָס פֿאַראַ מיינונג האָט איר וועגן אונדז, מיר זענען סאָלידע מענטשן, נישט עפּעס פֿענטאַקעס, וואָס נעמען פֿאַר אַזעלכע זאַכן צוואַנציק דאָלאַר". 1)

אינטערעסאַנט, אַז ענלעכע דיאַלאָגן פֿלעגן פֿאָרקומען אין די פֿאַר־שידנסטע ערטער. זעט אויס, אַז מענטשן פֿון דער זעלבער פּראָפֿעסיע האָבן שוין ספּאָנטאַן דעם זעלבן געדאַנקענגאַנג.

ענדלעך: אַרויסבאַקומענדיק דאָס אויסקויף־געלט פֿלעגט דער שאַנ־טאַזשיסט זייער אָפֿט מיט אַ מאָל פֿאַרגעסן אַלע היסטאָרישע קריוודעס און זיין מיסיע פֿון אַ נקמה־נעמער. ער פֿלעגט (אויף דער צייט פֿונעם געשפּרעך) ווערן אַ פֿריינט און אַ ראַטגעבער. ער פֿלעגט געבן עצות אין פּרט פֿון די ענדערונגען, וואָס דער קרבן דאַרף אַדורכפֿירן אין זיינע בגדים און אויסזען, כדי אויסצומיידן אין דער צוקונפֿט אומאָנגענעמ־לעכקייטן; ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפֿפֿירן און פֿאַר וועמען זיך אויסהיטן. אַ חוץ דעם פֿלעגט ער פֿאַרזיכערן, אַז דער געגעבענער ייִד קען פֿאַר־בלייבן אין דער זעלבער דירה. אַמאָל פֿלעגט ער האַלטן וואָרט. צווישן די שאַנטאַזשיסטן זענען געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן רעספּעקטירט זייער „פּראָפֿעסיאָנעלע עטיק"; אָפֿט פֿלעגן זיי אָבער שיקן זייערע פֿאַך־

1) זע: נ. שאַץ טאָג־בוך.

חברים. צוליב די אַלע סיבות זענען צווישן די פאַרפאַלגטע געווען אויך אַזעלכע מענטשן, וואָס (נישט האָבנדיק קיין אויסזיכטן אויף אַן אַנדערער דירה) פלעגן „זייערע" שאַנטאַזשיסטן רעגולער צאָלן אין באַצייכנטע צייט־אָפּשניטן. אייניקע יעדן קוואַרטאַל, אַנדערע יעדן חודש, אָדער וואָך.

***

צווישן דער דאָזיקער רייכער גאַלעריע אויסנוצער פלעגן זיך אָבער אויך טרעפן גאַנץ אָריגינעלע עקזעמפּלאַרן. איך קען צ"ב דעם פאָלגנדיקן פאַל: אַ שאַנטאַזשיסט איז געקומען צו אַ מענטש, וועלכער האָט נישט פאַרמאָגט די דורך אים פאַרלאַנגטע סומע. ער האָט דעריבער, אַזוי ווי עס האָט זיך געפירט, גענומען בלויז „אַ קאַנטאָ" און אָנגעצייכנט אַ טערמין ווען ער וועט קומען נאָכן איבערבלייבנדיקן סכום. ווען די דאָזיקע דאַטע האָט זיך דערנענטערט, האָט דער אומגליקלעכער גענומען אַרומלויפן ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט. רעזיגנירן פון דער דירה האָט ער נישט געקענט צוליב פאַרשידענע טעמים. קודם־כל וואָלט ער נישט געפונען קיין אַנדערע, צווייטנס — האָט ער געהאַט אַן אויטענטישע „קענקאַרטע", געווען איינגעמאָלדן לויט אַלע כללים, געהאַט אַן „אַרבעטס־באַשטעטיקונג" פון דער פירמע, ווו ער האָט טאַקע געאַרבעט. אַנטלויפנדיק פאַרן שאַנטאַזשיסט, וואָלט ער צעשטערט די גאַנצע — מיט אַזוי פיל מי, אַנשטרענגונגען און סכנות — אויפגעבויטע געביידע. דאָס וואָלט געווען אַ שפּרונג אין תהום.

דער שאַנטאַזשיסט איז געקומען פּינקטלעך ווי אַ זייגער. דער „באַשולדיקטער" האָט פאַר אים געהאַלטן אַ צוגעגרייטע רעדע: ער האָט געטון אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך געווען, אָבער טראָץ דעם קיין געלט נישט באַקומען. ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דאָס געלט וואָס ער האָט אים געהאַט געגעבן איז געווען זיין לעצטער רעזערוו און אַז ער הונגערט שוין פּשוט עטלעכע טעג (דאָס איז גאָר געווען אמת!) ער קאָן דאָך נישט אויסלעבן פאַר דעם געלט וואָס ער באַקומט אין דער פירמע. ער בעט דעריבער אַ פאַרלענגערונג פונעם טערמין. אַזוי ווי ער וועט באַקומען געלט (און באַקומען וועט ער אָן ספק) וועט ער תיכף... אאַ"וו.

דער גאַסט האָט — להיפּוך צו די פּראָפּעסיאָנעלע אייגנשאַפטן — דרויק אויסגעהערט ביזן סוף און אַ פאַרקלערטער געקוקט אויף זיין קרבן. ווען יענער האָט פאַרענדיקט, האָט זיך דער שאַנטאַזשיסט אָנגערופן:

— איך מוז דאָס איבערלייגן. לאָמיר דערוויל רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. איך האָב דאָ אַזאַ קליין מאָטאָרל און איך ווייס נישט...

דאָ האָט ער אַרויסגענומען פון דער טעקע אַ קליינע באַשעדיקטע דינאַמאָ, וואָס ער האָט געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך. ער האָט גענומען שטעלן פראַגן וועגן די באַזונדערע טיילן, וועגן די מעגלעכע פעלערן אאַ"וו (אין די יאָרן, וועגן וועלכע מיר רעדן דאָ האָט דער שאַנטאַזשירטער געאַרבעט ווי אַ שוואַרצער אַרבעטער אין אַ לאָקאָמאָטיוו־פאַבריק), באמת איז ער אָבער געווען אַ גוטער און — פאַר דער מלחמה — ביז גאָר פּאָפּולערער אינזשיניער. דער „שמאַלצאָווניק" האָט וועגן דעם געוווּסט.

איצט האָט דער אינזשיניער אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם מעכאַניזם און גענומען אים קאָמענטירן. ער האָט די אויפקלערונגען געגעבן דייטלעך. אַריינגעלייגט אין זיי דעם מאַקסימום פון זיינע קענטענישן. ביי אַ ליאַדע תירוץ האָט ער געמאַכט דיגרעסיעס, פאַרברייטערט די טעמע, אילוסטרירט זיי מיט משלים. דער גאַסט האָט זיך צוגעהערט מיט דער העכסטער אויפמערקזאַמקייט. ער האָט נישט נאָר דעם אינזשיניער נישט געשטערט, נאָר אַליין זיך אָנגעכאַפּט אין די דיגרעסיעס, געשטעלט פראַגן, אויסגעפרעגט זיך וועגן פּרטים. וועלנדיק צופרידנשטעלן דעם „קליענט", האָט דער אינזשיניער אַרויסגענומען פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און גענומען צייכענען סכעמעס. דער גאַסט האָט זיך אַלץ צוגעהערט. נאָך אַ שעה איז ער אויפגעשטאַנען און געזאָגט:

— דאָס איז זייער אינטערעסאַנט.

נאָכדעם האָט ער זיך צוריקגעקערט צום „געשעפט".

— איך ווייס, אַז איר האָט באמת נישט קיין געלט. איך קען גוט מיינע געסט. דעם אמת געזאָגט, זעט איר לעצטנס באמת שלעכט אויס. באמיט אייך ווייטער דאָס געלט צו באַקומען. דערוויל אָבער...

ער האָט אַרויסגענומען צוויי „גוראַלעס" און דערלאַנגט זיי דעם אינזשיניער:

— געשעפט איז געשעפט — האָט ער געזאָגט. יענער ענין איז עפּעס אַנדערש. פון דער צווייטער זייט אָבער דאַרף אַזאַ אינטעליגענטער מענטש ווי איר נישט הונגערן. איך גיב אייך דאָס געלט ווי אַ הלוואה. יענץ וועט איך מיר אָפּגעבן ווען איר וועט עס האָבן... אויב איר האָט אַביסל פרייע צייט, וואָלט איך פון צייט צו צייט אריינגעפאַלן צו אייך אויף אַזאַ גע־שפּרעך.

פון דעמאָלט אָן זענען די באַזוכן געוואָרן וואָס אַמאָל אָפטער. ער פלעגט תמיד קומען מיט אַ פּעקעלע; טיילמאָל פלעגט ער ברענגען ברויט, אַמאָל אייער אָדער פּעטס. פון יענעם „חוב" האָט ער זיך שוין געהאַט אָפּגעזאָגט. דערפאַר פלעגט ער דעם אינזשיניער אָפּט אַריינשטופּן געלט. פון די געשפּרעכן זענען געוואָרן סיסטעמאַטישע לעקציעס פון פאַרשיי־דענע קעגנשטאַנדן. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינטשאַפט. וועגן זיין פריערדיקן „פאַך" פלעגט שוין דער געוועזענער שאַנטאַזשיסט רעדן מיט הרפּה — „איך האָב מיט דעם שוין לאַנג פאַרענדיקט. ס'איז געווען, פאַרבייגעגאַנגען, נישטאָ". ער פלעגט ווייטער גוט פאַרדינען. דאָס זענען אָבער געווען — ווי ער פלעגט זאָגן — ערלעכע פּרנסות: שמוגל, האַנדל אאַ"וו. ער איז אַריינגעטראָטן אין אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, גע־ברענגט דעם אינזשיניער געהיימע ליטעראַטור און זיי האָבן די צייטונגען און ביולעטינען צוזאַמען געלייענט. אַ געוויסן טאָג האָט ער דעם אינזשי־ניער פאַרשאַפט אַ נייעם פּאָסטן: אַזעלכן וואָס האָט אויך געגעבן אַ גוטע אַרבעטס־באַשטעטיקונג, ווו מען האָט אָבער נישט געדאַרפט אַרבעטן. ער האָט דעם ייד אַריינגעצויגן אין פאַרשידענע געשעפטן און ערלעך זיך מיט אים געטיילט מיטן ריווח. ער האָט אים באַקענט מיט זיין משפּחה. און ווען פאַרפאָלגטע יידן (דעם אינזשיניערס פריינט) האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע, האָט ער, דער געוועזענער שאַנטאַזשיסט, זיך מיט זיי פאַרנומען. געהאָלפן זיך אַרויסצובאַקומען פון דער צרה און אויפסניי זיך איינאָרדענען. די אַלע, וואָס האָבן געהאָלפן יידן ווייסן אויסגעצייכנט, אַז ענלעכע אויפטוען פלעגן האָבן ווייטערדיקע קאָנסעקווענצן (יידן וועל־כע האָבן זיך געפרוווט אַנכאַפּן אין דער קלענסטער מעגלעכקייט פון ראַ־טעווען זיך, איז אין די יאָרן געווען גאָר אַ סך אויך די מעגלעכקייטן זענען געווען האָפנונגסלאָז באַגרענעצטע. ווען עמעצער האָט דעריבער

אַרויסגעוויזן איינמאָל זיין גוטן ווילן פּלעגט מען זיך צו אים אויך ווענדן אין אַלע פאַלן. ווילנדיק, אָדער נישט. געצוווּנגען האָט דערצו די נויט, דאָס פעלן פון וועלכן ס׳איז אַנדערן אויסוועג, די האָפענונגסלאָזיקייט) צו אַ מענטש. וועגן וועלכן מיר דערציילן דאָ האָט מען זיך געווענדט וואָס אַמאָל אָפטער. ער איז געוואָרן אַ זיכערע פּערזאָן. און אַ שטענדיק גרייטע צו טון אַ טובה. דאָס וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, פּלעגט ער אגב אויספּילן מיט אַ סך גוטמוטיקייט, אָן שרעק אָדער קרעכצן.

אין אויגוסט 1944 האָט ער צוזאמען מיטן אינזשיניער מיטגעמאַכט דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד און שפּעטער דעם עקזאָד פון וואַרשע. די פריינטשאַפט האָט איבערגעלעבט די מלחמה־יאָרן, איצט זענען זיי ווייטער גוטע און האַרציקע פריינד.

איך קאָן זיי ביידע (פאָרגעשטעלט האָט מיר אים דער אינזשיניער) — וועגן אָנהויב פון זייער פריינטשאַפט האָט מיר דער ערשטער דערציילט דער געוו. שאַנטאַזשיסט: — „וואָס געווען איז אַוועק רעכנט זיך נישט מער און אַראָפּרעדן זיך פון האַרץ מוז מען דאָך“... איך האָב זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיר דערלויבן דאָס אַלץ פאַרשרייבן. זיי האָבן זיך לאַנג געוואַקלט ביידע. שפּעטער האָבן זיי מסכים געווען „מיטן באַדינג אָבער — האָט אונטערגעשטראָכן ה׳ ד... אַז איר וועט בלויז רעדן וועגן אַ געוויסן איקס נישט דערמאָנענדיק דעם נאָמען און נישט קיין שום ספּעציעלע סימנים“.

די פאָלקס־דייטשקע ב. ק—ס. האָט ביז דער מלחמה געאַרבעט אין קאַטאָוויץ ביי דעם יידישן רעסטאָראַן־אייגנטימער האַרטמאַן. ווען דער לעצטער איז פאַרשפאַרט געוואָרן אין דעם געטאָ פון באָכניע האָט זי (טראָץ דעם, וואָס „זי האָט אין דער צווישנצייט זיך פאַרשריבן ווי אַ „פאָלקס־דייטשקע“) מיט איבערגעגעבנקייט געהאָלפן איר געוועזענעם באַלע־באָס. זי האָט אויך געהאָלפן אַנדערע יידן, וואָס איר געוועזענער באַלע־באָס האָט איר רעקאָמענדירט. עטלעכע פון זיי האָט זי אָפּגעפירט קיין וואַרשע און געפאָרעט זיך ביים איינאָרדענען זיי אויף „אַרישע פּאַפּירן“. זי האָט אויך אַרויסגעוויזן איר ערלעכקייט ביי געלט־ענינים (עטלעכע מאָל האָט מען איר אָנפאַרטרויט געלט־סומעס. איין מאָל אַ בריליאַנט און זי האָט אַלץ פּינקטלעך אָפּגעגעבן).

און אָט איז די זעלבע ב. ק—ס מיט אַ מאָל געוואָרן די שרעק פון

ייִדן. ווייסנדיק וועגן די אַדרעסן פון די מענטשן, וועלכע זי האָט געהאָלפן איינאָרדענען, האָט זי מיט אַלע מיטלען זיי באַשוועט דאָס לעבן. די ענ־דערונג איז געקומען נישט מער און נישט ווייניקער ווי אַ רעאַקציע אויף דער ידיעה, אַז איר געוועזענער באַלעבאָס (וועלכן זי האָט שטאַרק גע־שעצט) איז אומגעקומען בעת אַן „אַקציע" אין באַכניע, ווי אויך, אַז איין איינעם פון די לאַגערן איז אומגעקומען איר חתן, אויך אַ ייִד 1). מען מוז מודה זיין, אַז דער אופן, וואָס זי האָט אויסגעוויילט איר פּיין נאָכן טויט פון די נאָענטע מענטשן איז געווען אַ גאַנץ משונהדיקער. און אפשר זענען דאָ אויך געווען אַנדערע סיבות? אפשר זענען אירע האָפענונגען אויף דער צוקונפט געווען פאַרבונדן מיט יענע צוויי און איצט, ווען זיי זענען געפאַלן האָט זי נקמה גענומען אין די ייִדן... פאַר די פּלענער וואָס זענען צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשן?

**
*

און איצט אַ משל פון דעם „געזעלשאַפטלעכקייט־געפיל" ביי שאַנטאַזשיסטן און אַ דורכפאַל פון אַ שאַנטאַזשיסטקע, וואָס האָט זיך נישט געריכט, אַז אירע פאַך־חברים פאַרמאָגן אַזעלכע געפילן:

די פרויען פאַדגורסקי (זאָפיע און איר טאָכטער אירענע, וועלכע איז דעמאָלט אַלט געווען זיבעצן יאָר) האָבן געוווינט אין וואַרשע אויף דער גאַס פונעם הייליקן קרייץ. זיי האָבן עטלעכע מאָל אויסבאַהאַלטן ביי זיך פאַרקאַנספּירירטע ייִדישע פרויען. אָבער בלויז אַ קורצע צייט און פאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל. דאָס איז פאַר זיי אָבער — זעט אויס — נישט גענוג געווען, ווייל זיי האָבן באַנוצט אויך אַנדערע מיטלען. אַזוי למשל האָבן זיי איינער פון זייערע שכנות גהעייסן תיכּף פאַרלאָזן זייער דירה מיטן תירוץ, אַז די איבעריקע שכנים הויבן אָן חושד זיין, אַז זי איז אַ ייִדישע (אגב איז דער תירוץ געווען אַן אויסגעטראַכטער). אַ חוץ דעם האָבן זיי דער פרוי נישט דערלויבט מיטצונעמען אירע וואַליזעס „אויס מורא זי זאָל נישט פאַרשטאַרקן דעם חשד". זיי האָבן איר צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אַליין ברענגען די זאַכן. אנשטאָט דעם זענען זיי אָבער מיט עטלעכע טעג שפּע־

---

1) פון פאַרש. צענטער פאַר געש. פון פוילישע ייִדן, פּאַריז.

טער געקומען צו דער פרוי מיט אַ פּרעטענזיע: בעת אַ רעוויזיע, וואָס די פּאָליציי האָט אַדורכגעפירט אין זייער דירה, זוכנדיק „יידישע" זאַכן, האָבן די פּאָליציי־פונקציאָנערן צוגענומען נישט נאָר די זאַכן, וואָס האָבן גע־הערט צו דער פרוי, נאָר אויך זייערע אייגענע. זיי האָבן דעריבער געפּאָ־דערט אַ פאַרגיטיקונג. די גאַנצע מעשה איז — פאַרשטייט זיך — געווען אַן אויסגעטראַכטע. די איבערגעלאָזטע זאַכן האָבן די פרויען פּאָדגורסקי אַליין צוגענומען.

אַ צווייט מאָל האָבן ביי די פּאָדגורסקיס געוווינט צוויי שוועסטערן, יונגע יידישע מיידלעך (אין דעם עלטער וואָס פריילין אירענא) — לוצי אין מאַריעטאַ. עס האָט זיך געדוכט, אַז די דריי מיידלעך זענען שטאַרק באַפריינדעט. מיט אַ מאָל אָבער האָט אירענא אָנגעהויבן גנבֿענען ביי די מיידלעך פאַרשידענע מלבושים און געלט. די לאַגע איז וואָס אַמאָל גע־וואָרן בולטער. דאָס איז געווען אַ שטילער שאַנטאַזש וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין אַ נישט דערזאָגטער דראָאונג: „פּרוווט נאָר עפּעס מאָנען אָדער אַקעגנשטעלן זיך".

לסוף האָבן די מיידלעך אויסגעזוכט אַן אַנדער דירה און שטילערהייט זיך אַרויסגעצויגן. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן נישט איבערגע־לאָזט דעם נייעם אַדרעס, האָט אים אירענאַ גאָר גיך אויסגעזוכט און גע־שיקט צו זיי אירע געוועזענע „פריינדינס" אירע חברים־שאַנטאַזשיסטן. דער ערשטער שאַנטאַזש איז אָבער נישט געלונגען. אפשר דערפאַר וואָס אויס־געפירט האָבן אים אַנהייבער, וואָס האָבן נאָך געהאַט רחמנות. שפּעטער אָבער האָט די ליבינקע אירענע געשיקט אַנדערע: קריפּאַ־אַגענטן. זי האָט זיי צוגעפירט ביז די שטיגן און אָנגעוויזן די טיר. אַליין איז זי פאַרבליבן אין טויער און געוואַרט ביז מען וועט די מיידלעך אַרויספירן. ווען די אַגענטן זענען אַריין אין שטוב, האָבן זיי דאָרט געטראָפן בלויז מאַריעטען[1] דאָס מיידל האָט גענומען בעטן זיי זאָלן איר שענקען דאָס לעבן. די אַגענטן האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס, אַ פריילעכן אַפילו. באַמער־קודיק אין שטוב אַ פּאַטעפאָן האָבן זיי אים געלאָזט אין גאַנג; עס האָט זיך זיי פאַרגלוסט טאַנצן. עס קען אויך זיין, אַז זיי האָבן עס געטון כדי די צייט

---

1) לוצי איז געווען אין שטאָט. ווען זי איז צוריקגעקומען האָט זי באַ־מערקט אירענען און צוריק אַוועק.

זאָל שנעלער פּאַרגיין און דער צווייטער קרבן זאָל דערווייל אָנקומען. דאָס דינגען זיך האָט זיך אָבער פּאַרוואַנדלט אין אַ כמעט פריינדלעכן (אויסער־לעך פּאַרשטייט זיך) שמועס. דער פריילין אירענע איז דערווייל נימאס געוואָרן דאָס וואַרטן אין טויער, בפרט אַז ס׳איז געוואָרן שפּעט און ס׳האָט זיך דערנענטערט די פּאָליציי־שעה. זי איז דעריבער אַרויפגעגאַנגען אין שטוב אַריין כדי אונטערצוזאָגן אירע שותפים. ווען מאַריעטע האָט איר דערזען, האָט זי איר געגומען מאַכן פּאַרווורפן, אַז זי שיקט איר שוין דאָס צווייטע מאָל אַגענטן.

אירענע האָט שטאָלץ און מיט ביטול געענטפערט:

— דאָס ערשטע מאָל האָב איך געהאַט צו טון מיט אַן אידיאָט; דאָס מאָל אָבער וועסטו זיך שוין נישט ארויסדרייען. זי האָט נאָך דאָס מיידל באַליידיקט מיט פאַרשידענע מיאוסע עפּיטעטן, און צוגעגעבן, אַז בעת מאַריעטא האָט נאָך געוווינט אין זייער דירה האָט זי איר צוגעגנבעט אַ פּאָר זאָקן.

מאַריעטע איז אויפגעשפּרונגען:

— דו נידערטרעכטיקע מויד. אַזוי לאַנג ווי איך האָב געהאַט געלט, האָסטו זיך נישט געשעמט אומעטום צו ווייזן מיט דער „פּאַרשיווער זשי־דוווקע״. איך האָב ביי דיר גענומען זאָקן?! דאָס האָסטו ביי מיר רעגלמעסיק גענבעט! (און דאָ האָט זי אין גרויסער אויפרעגונג גענומען אויסרעכע־נען די אומשטענדן און די רשימה פון צוגעגנבעטע ספּודניצעס, וועש, געלט־סומעס). דו וואגסט מיך איצט צו באַשולדיקן אין גניבה...!

זי האָט זיך געוואָרפן אויף דער שאַנטאַזשיסטקע און איר אויסגע־מאָסטן אַ פּאַטש. ווען אירענע האָט אַ שפּרונג געטון צוריק כדי צוריק צו געבן, איז געשען אַן אויסטערלישע זאַך: די דזשענטלמענער וואָס אירענע האָט אַהערגעשיקט, האָבן זיך ביז גאָר אויפגערעגט. נישט אָבער אויפן ייִדישן מיידל, נאָר אויף זייער אייגענער מיטהעלפערין.

— אַזאַ איינע ביסטו, הייסט עס! וועגן דעם אַלעם האָסטו אונדז גאָר־נישט דערציילט!

זיי האָבן איר צוגעלייגט עטלעכע פּעטש אין זייער אייגענעם נאָמען און פאַרלאָזט די דירה.1)

1) מאַטעריאַלן פון פאָרשונג־צענטער, פּאַריז.

נישט געקוקט אויף דעם באַשריבענעם דורכפאַל האָט פריילין אירע־נע נישט אויפגעגעבן אירע לייכטע פאַרדינסטן און געפּרוּווט אַנווענדן די זעלבע מיטלען אויך אין אַנדערע פאַלן. איך ווייס לײדער נישט צי זי האָט אין איר קאַריערע געהאַט נאָך אַנדערע ענלעכע דורכפאַלן. אַזוי ווי פריילין אירענע לעבט אָבער, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז זי וועט דאָס נאָך אַמאָל — אין אַ מאָמענט פון פּלוצימדיקער אויפריכטיקייט — אַליין דערציילן.

**
*

איצט קומט אַ משל וועגן אַ פאַרליבטן שאַנטאַזשיסט:

אין דער דירה ווו ס׳האָבן געוווינט צוויי „פּאַפּירענע אַריערינס״ די שוועסטער ט... ע. זענען אַריינגעקומען צוויי אַגענטן. זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי ווייסן וועגן דער ייִדישער אָפּשטאַמונג פון די מיידלעך און געהייסן זיך „פאַרנעמען״. עס האָבן זיך אָנגעהויבן איבערצייגונגען און דינגענישן. די ייִנגערע פון די קרבנות (דעמאָלט אַן אַכצן־יעריק מיידל) איז אויסגע־בראָכן אין אַ געוויין און דערקלערט, אַז אַ לעבעדיקע וועלן זיי אויף „שוך־אַלעע 1) זיך נישט לאָזן נעמען. אויב זי דאַרף אומקומען זאָלן זיי זי בע־סער דערשיסן אויפן אָרט... די אַגענטן האָבן דאָס אויסגעהערט מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן סטאָאיציזם און ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

אין אַ געוויסן מאָמענט האָט איינער פון די אַגענטן געהייסן זיך געבן אַ בויגן פּאַפּיר כדי — ווי ער האָט דערקלערט — צו פאַרשרייבן אַלץ, וואָס געפינט זיך אין שטוב. ער האָט אַ לאַנגע צייט אויפמערקזאַם געשריבן און שפּעטער אונטערגערוקט דאָס פאַרשריבענע בייגעלע פּאַפּיר דער פריילין מ. דאָס מיידל איז געוואָרן שטאַרק איבערראַשט ווען זי האָט איבערגע־לייענט... אַ ליבע־דערקלערונג. דער אַגענט האָט געשריבן, אַז ער האָט זיך אין איר פאַרליבט פון דעם ערשטן אויגנבליק און אויב זי וועט מסכים זיין מיט אים צו הייראַטן, וועט ער נישט נאָר פאַרווישן דעם איצטיקן ענין נאָר ער וועט זי און איר שוועסטער באַשיצן אויף להבא. די דערקלע־

---

1) אויף דער דאַזיקער גאַס האָט זיך געפונען דער טרויעריק־באַרימטער גע־סטאַפּאָ־אַמט.

רונג מאַכט ער שריפטלעך, כדי צו באַהאַלטן דעם אינהאַלט פאַר... זיין חבר.

דעם דאָזיקן ענין האָט ער טאַקע „אָפּגעווישט". אויף צומאָרגנס האָט ער דאָס מיידל פאַרבעטן צו זיך צוזאַמען מיט איר שוועסטער (וועלכערס אָנוועזנהייט בעת דעם צוזאַמענטרעף האָט געדאַרפט דינען, ווי אַ באַווייז פון זיינע „ריינע כוונות"). ער האָט ביידע מיידלעך אויפגענומען מיט אַן אויסגעזוכטער העפלעכקייט, מכבד געווען מיט טיי און מיט פּאַטעפאָן־מוזיק. די ליבע־דערקלערונג וואָס ער האָט ביי דער געלעגנהייט איבער־געחזרט איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ זייער סאָלידער אויפפירונג. ער האָט געראַטן די מיידלעך זיי זאָלן זיך איבערציען אין אַן אַנדער דירה, ווייל אויף דער איצטיקער איז שוין געווען אַ מסירה. זייער נייעם אַדרעס האָט ער נישט געפאָדערט, ער האָט אָבער אָנגעגעבן זיין אייגענעם טעל־עפאָן־נומער און געבעטן זיי זאָלן צו אים קלינגען אין יעדער נויט. גלייכצייטיק האָט ער געבעטן זיי זאָלן נישט פאַרגעסן דעם אַדרעס פון זיין מוטער, וועלכע האָט געוווינט אין אַ קליין שטעטל אין דער וואַרשעווער געגנט און דערקלערט, אַז די מיידלעך קענען אין יעדן מאָמענט צו איר פאָרן און דאָרט וווינען. דאָס אַלץ „אַבי זי זאָל נאָך דער מלחמה, אים וועלן קענען". די פרויען האָבן טאַקע געדונגען אַן אַנדערע דירה און נישט געגעבן אים דעם נייעם אַדרעס. כדי אָבער צו פאַרציען דעם „וואָפנשטיל־שטאַנד" און כדי זיך איבערציגן צי ער שפירט זיי נישט נאָך, האָבן זיי צווי מאָל צו אים טעלעפאָנירט, זיינע תשובות זענען ביידע מאָל געווען זייער קאָרעקט, איינגעהאַלטן העפלעך און ליריש.1)

**
*

און לסוף אַביישפיל פון געפיל פאַר הומאָר אָדער פאַנטאַזיע: ס'קומט פאַר אַן אָנפאַל פון שאַנטאַזשיסטן און קריפּטאַ־אַגענטן אויף אַ דירה פון „פאַפירענע אַריער":

1) עס האַנדלט זיך דאָ וועגן דעם „קריפּטאַ"־אַגענט זדיסלאַוו, וועלכער איז שפּעטער — פאַר אַנדערע חטאים — אומגעבראַכט געוואָרן דורך אַ פּוילישער געהיימער אָרגאַניזאַציע. דאָס גיט צו טראַכטן צי אין דער געשיכטע איז נישט געווען אויך אַ נעבן־כוונה: האָבן אַן „אַליבי".

אויסגעשטעלט די קרבנות מיטן פּנים צום וואַנט, דראָען זיי די שאַנטאַזשיסטן מיט זייערע רעוואָלווערן. זיי באַמיען זיך אַזוי אַרום אויסצופּרעסן אַדרעסן פון אַנדערע יידן צוזאָגנדיק די געפּייניקטע, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן. מיט איין מאָל ברעכט איינע פון די פרויען אויס מיט אַ ספּאָנטאַניש געלעכטער, וואָס הערט נישט אויף.

די אויסוואורפן זענען דערשטוינט, פאַרחידושט פרעגט איינער וואָס איז די סיבה פון דער דאָזיקער רעאַקציע. נישט אויפהערנדיק צו לאַכן, ענטפערט די פרוי:

— צי גלייבט איר באמת, אַז מיר זענען קינדער? צי ווייסן מיר נישט, אַז די מסירה וועט קיינעם פון אונדז נישט ראַטעווען?

— אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס־זשע איז אייך געוואָרן אַזוי פריילעך — פרעגט דערנאָך דער פאַרוווּנדערטער באַנדיט:

— ווייל דאָס איז שטאַרק קאָמיש — זאָגט די פרוי — איר שפּילט אייך מיט רעוואָלווערן און איר שלאָגט אונדז מיט זיי. ווי איך גיב אַ טראַכט, אַז עס איז געווען, אַז איינער פון אייך זאָל — ווילנדיק אָדער נישט־ווילנדיק אַ דריק געבן אויפן „צינגל" און דער מענטש פאַלט תיכף אַ טויטער... און מיר רעדן אַזוי... צו דער וואַנט. דאָס איז באמת קאָמיש!

דעם עלטסטן פון די באַנדיטן זענען די דאָזיקע ווערטער אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט „באַגנעדיקט" די קרבנות (נישט באַקומענדיק אַפילו קיין אויסלייז־געלט 1).

**
*

וועגן דער א. ג. „גראַנאַטענער" פּאָליציי 2) זענען פאַרבליבן אין זכרון הונדערטער שלעכטע דערינערונגען. אויפן „יידישן אָפּשניט" האָט זי אָפּגעטון העסלעכע מעשים. נישט גענוג וואָס זייערע פונקציעס אַליין זענען שוין געווען אַ נידערטרעכטיקייט, פלעגן באַגלייט ווערן מיט פּריוואַטער „איניציאַטיוו".

1) מאַטעריאַלן פון פּאַרש. צענטער.
2) אַזוי האָט די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג (און די באַפעלקערונג) גערופן די פּאָליציי, וואָס איז באַשטאַנען פון פּאָליאַקן און האָט געדינט דעם אָקופּאַנט, כדי אויסצומיידן דעם קוואַליטיפיקאַטיוו „פּוילישע" לגבי אַ פאָרמאַציע, וואָס האָט געשעדיקט די פּוילישע אינטערעסן.

נישט געקוקט דערויף דאַרף מען אויך זאָגן, אַז טיילמאָל פלעגט זיך אַפילו אונטערן גראַנאַטענעם אוניפאָרם אויך אָפרופן דער מענטש. די גבית־עדות האָבן געטריי פאַרשריבן אויך אַזעלכע פאַקטן. אַזוי איז אויך געווען אין פאָלגנדיקן פאַל:

די קליינע טערעסע קופער (געבוירן אין 1936) דערציילט:

„ווען מען האָט די ייִדן געדאַרפט אַפּשיקן אין קראָקאָווער געטאָ, האָט מען אונדז געהייסן זיך אַרויסציִען פון דער טשאַרנאָוויעיסקאַ1). די מאַמעשי האָט געפונען אַ דירה אין בראָנאָוויץ2). איינער אַ הער האָט אונדז פאַר 50 זלאָטעס איינגעמאָלדן. שפעטער האָט די מאַמעשי באַקו־מען אַ קאָנקרעטע. איך בין געגאַנגען אין שול אַריין. די מאַמעשי האָט געהאַנדלט. דער ברודער איז אין שול אַריין נישט געגאַנגען, ווייל ער האָט נישט באַקומען קיין צעטל.

אין שול האָט אַ מיידעלע זיך מיט מיר צעקריגט און מיר געזאָגט „פאַרשיוואַ זשידוווקע“. איך האָב איר אָבער געענטפערט „כאַמקע“ און עס איז גאָרנישט געווען.

איינמאָל איז געקומען דער פאָליציי־קאָמענדאַנט. די מאַמעשי איז נישט געווען אין דער היים. ער האָט אָנגעזאָגט דער ווירטן, אַז די מאַ־מעשי זאָל זיך, אין דער פרי, צו אים מעלדן. זי האָט אים געטראָגן סקאַרפעטקעס און פאַרמלחמהדיקן זייף. ער האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז אויב עפּעס וועט געשען וועט ער שוין דערליידיקן, אַז עס זאָל נישט דערגיין צו דער געסטאַפּאָ. איך בין דערביי געווען, ווייל די מאַמעשי פלעגט מיך תמיד מיטנעמען (אפשר אַזוי בעסער, אַז אַ קינד און איך האָב נאָך אַזוי שלעכט אויסגעזען). שפעטער ווען מיר פלעגן דעם דאַ־זיקן פאָליציי־קאָמענדאַנט באַגעגענען אין גאַס, פלעגט ער אונדז גריסן. דאָס איז געווען אַ גוטער מענטש.

איינמאָל איז ווידער געקומען אַ געהיים־אַגענט. געזאָגט, אַז ער האָט געהערט אַז מיר זענען ייִדן. איך האָב מיך פונאַנדערגעוויינט און ער האָט געזאָגט, אַז עס זאָל זיין שטיל, קיינער זאָל נישט וויסן, אַז ער איז דאָ. ער האָט געזאָגט אַז די מאַמעשי האָט „לינקע“ פאַפּירן. די מאַ־

1) אַ גאַס אין קראָקע.
2) אַ דאָרף ביי קראָקע.

מעשי האָט געזאָגט אַז נישט. האָט ער געזאָגט, אַז די מאַמעשי האָט דאָך אַ זון, וועט זיך אַלץ אויסווייזן. דער ברודער איז אַרויסגעגאַנגען. די מאַמע האָט אים געגעבן צווי גאָלדענע פינגערלעך, אַ ספּינקע און זאָקן. איך האָב שוין געצויגן די מאַמען, אַז זי זאָל אים אַזויפיל נישט געבן. און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיר ברענגען גוטע זאכן, איך זאָל נישט וויינען, און ער האָט מיך געגלעט.

אין בראַנאָוויץ האָט געוווינט פרוי סיעראַניאָווא. אַלע האָבן געטענהט, אַז מיר זענען ייִדן און די דאָזיקע פרוי האָט אונדז כסדר געבערענגט מעל, קאַשע און קוכן אויף יום־טוב. און ווען די סאָוויעטן זענען געקומען, האָט זי זיך מיט דער מאַמעשי צעקושט, אַזוי האָט זי זיך געפרייט, אַז מיר לעבן".[1]

און איצט קומט די פאָלגנדיקע מעשה:

אַ פרוי איז אין אָוונט אַריינגעקומען צו איר שכנה מיט אַ פאַסציניר־רנדיקער ידיעה: אויף די שטיגן זיצט אַ ייִדיש מיידל. דאָס איז יאַדזיע, די דינסט פון אַן אַנדערער שכנה, וועלכע האָט זי נאָר־וואָס אַרויסגע־וואָרפן פון שטוב. אַזוי ווי עס איז שוין נאָך דער פאָליציי־שעה, זיצט דאָס מיידל אויף די שטיגן און וואַרט מסתם ביז עס וועט ליכטיק ווערן כדי צו קענען אַרויסגיין אויף דער גאַס.

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט און בײדע קומעס פאַלן אַריין אין אַן אמתער היסטעריע: — אויב דאָס דאָזיקע מיידל איז אַ ייִדישע, טאָ פאַרוואָס האָט זי די באַלעבאָסטע ערשט איצט אַרויסגעוואָרפן? אַ חוץ דעם: די „זשידווו־קע" זיצט זיך אויף די שטיגן; איצט אין אָוונט, ביז אין דער פרי איז נאָך ווייט. און מיר? צי רעכענען מיר זיך שוין נישט? זאָל נאָר ביינאַכט קומען עפּעס אַ קאָנטראָל, אַ רעוויזיע! שיין וועלן מיר דעמאָלט אויסזען!

באַלד זענען זיי אַוועק צו דער געוועזענער ברויט־געבערין פונעם מיידל, אַ שטאַרק צעהיצטע האָט די לעצטע דערציילט די פאָלגנדיקע גע־שיכטע: יאַדזיע איז געווען זייער אַן אַרבעטסזאַמע, לעצטנס אָבער איז זי עפּעס נישט געזונט. זי האָט היץ, זי איז אָפּגעשוואַכט. איך הייס איר היינט אָוונט אַראָפּגיין אין קעלער נאָך קוילן, ענטפערט זי, אַז זי וועט גיין

---

1) וו. יי. ה. ק. קראָקע, פּראָטאָקאָל נר. 522.

מאָרגן, ווייל היינט איז זי קראַנק... אַזוי ווי כ׳האָב היינט באַקומען אַ בריוו פון מיינס אַ קרובה, וואָס וווינט אין דאָרף, אַז זי שיקט מיר אַן אַנדער דינסט, אַ געזונטע און שטאַרקע דאָרפישע מויד, האָב איך געזאָגט יאַדזי־נען, אַז זי קען שוין מאָרגן אינגאַנצן אַוועקגיין. ענטפערט זי מיר, אַז זי וועט טאַקע גיין. נאָר איך זאָל איר באַצאָלן פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי האָט געאַרבעט. דאָס האָט מיך אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב זי תּיכף אַרויסגעוואָרפן פון שטוב. דעם אמת זאָגנדיק גלויב איך אויך, אַז זי איז אַ ייִדישע. אין געשפּרעך פלעגט זי באַנוצן אַזעלכע אינטעליגענטע אויס־דרוקן, וואָס ביי קיין שום דינסט האָב איך נאָך דאָס נישט געהערט.

די קומעס קערן זיך צוריק צום זייעריקן: מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז אַ ייִדישע זאָל פאַרבלייבן אין הויז ביז אין דער פרי...

וואָס טוט מען אָבער? ס׳איז דאָך שוין אָבער פאַרט נאָך דער פּאָלי־צײי־שעה? באַשליסן זיי אַראָפּצוגיין אין טויער. דאָרט וואַרטן אויף אַ דורכ־גייענדיקן פּאַטרול און מעלדן וועגן דער געשעעניש. געזאָגט און געטון. צופעליק איז אַדורכגעגאַנגען אַ גראַנאַטער פּאָליציאַנט וואָס האָט געוווינט אין שכינות. (... ...)

— שטעלט איך פאַר, הער קאָמיסאַר, אַז די יאַדזיע, וואָס האָט עט־לעכע חדשים געדינט ביי דער פּרוי טש... איז אַ ייִדישע.

— וואָס רעדט איר? איך קען זי. ווען איך פלעג אין דער פרי גיין אין קאָמיסאַריאַט אַריין, פלעג איך זי אָפּט זען ווי זי האָט געשלעפּט די קוישן מיט קוילן. זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ שטילע מיידל.

— אַ שטילע אָדער נישט — פאָרט אַ ייִדישע!

— זי האָט זיך שוין מודה געווען?

— נאָך נישט...

— וואָס־זשע ברענט אַזוי אויף אייך די הויט, אַז איר וואַרט אַזש אין טויער און דערצו נאָך דער פּאָליציי־שעה? קענט איר שוין נישט וואַרטן ביז אינדערפרי?

— ווען די פרוי טש... האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדישע, האָט זי דאָס מיידל תּיכף אַרויסגעוואָרפן. איצט ווילן מיר אויפן שנעלסטן אופן זי אַוועקפירן אין קאָמיסאַריאַט אַריין.

— וואָס ווילט איר אָבער פון מיר? איך גיי מיך אַהיים נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומשלעפּן זיך אין שטאָט און — אָט, נאַ, האָסטו דיר!

— נו, אויב איר, הער קאָמיסאַר, ווילט נישט אָפּפירן די זשידוווקע, וועלן מיר צוּוואַרטן אויף אַ פּאַטרול.

— יאָ, יאָ, אַ פּאַטרול וועט זיכער באַלד אַדורכגיין. אָבער... איר ווייסט וואָס... איך האָב מיך איבערלייגט. ווו איז דאָס מיידל? איך וועל זי אַליין צונעמען...

אויף דער גאַס האָט זיך צווישן יאַדזיען און דעם פּאָליציי־באַאַמטן פאַרבונדן דער פאָלגנדיקער געשפּרעך:

— האָב נישט מורא מיין קינד. ס'איז דיר אפשר קאַלט?

— ניין, ניין.

— ווי אַלט ביסטו?

— זיבעצן יאָר.

— מיין האַלינקע וואָלט היינט אויך געהאַט די זעלבע יאָרן. זי איז אומגעקומען אין 1939 פון אַ דייטשער באָמבע.

— און איצט ווילט איר מיך איבערגעבן צו די דייטשן?

— וואָס זאָל איך טון? איך בין דאָך פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— אָבער האַרץ האָט איר דאָך אויך?

— וואַרט אַביסל... איך האָב דיך פון דאָרט אַוועקגענומען, כדי מען זאָל דיך נישט איבערגעבן צו עפּעס אַ דייטש; דעמאָלט וואָלסטו שוין געווען אַ פאַרפאַלענע. וואָס האָבן זיי אַזעלכעס צו דיר?

— די פרוי טש... וואָלט פון מיר די געדערים אַרויסגעיאָגט. איך האָב געדרוימט און געוואַשן פון דער פרי ביז נאַכט. דאָס איז אָבער פאַר איר געווען אַלץ ווייניק. און ווען איך האָב געבעטן עטלעכע זלאָטעס אויף אַ קליידל, האָט זי מיר תיכף געגומען זידלען און שרייען, אַז איך בין אַ „זשידוווקע". זי האָט אָנגעשריבן צו אַ קרובה אויף דער פּראָווינץ יענע זאָל איר שיקן אַ דינסט. די נייע דאַרף טאַקע מאָרגן קומען.

— יאָ, יאָ, איך קען גוט מיין „ליבע" שכנה און אירע חשובע חבר־טעס... און אַזוי ווי דו דערמאָנסט מיר מיין טאָכטער האַלינקע, וואָס איז אומגעקומען צוליב די דייטשן וועל איך דיך ראַטעווען. ווען מיר וועלן קומען אין קאָמיסאַריאַט וועל איך הייסן דעם דינסט־באַאַמטן אָנשרייבן

אַ פּראָטאָקאָל, אַז די פּרוי טש... האָט דיך געכאַפּט ביי אַ גנבה און דערפאַר האָט זי דיך אַרויסגעוואָרפן. די „גנבה" האָט מען אָבער שפּעטער געפונען... אַזוי אַרום וועלן זיי דיך שוין גאָרנישט פרעגן און מען וועט נישט קאָנטראָלירן דיין „קענקאַרטע". אָט אַ קליינע גנבהלע. פאַרשטייסט? מען וועט דיך אָפּהאַלטן אַ טאָג, צוויי, שפּעטער אַרויסלאָזן. דעמאָלט זאָלסטו תיכף פאַרלאָזן דעם דאָזיקן קוואַרטאַל, אָדער, נאָך בעסער, די שטאָט... געלט האָסטו? ניין? טאָ נעם די 100 זלאָטעס און אויב דו וועסט איבערלעבן די מלחמה זאָלסטו דערציילן, אַז דו האָסט געטראָפן אַ מענטש, וואָס האָט געטראָגן אַזאַ אוניפאָרם ווי איך, און אַז דער דאָזיקער מענטש האָט געהאַט אַ האַרץ...

„יאַדזיע ווישזאַס" האָט טאַקע איבערגעלעבט די מלחמה. זי איז אַ שוועסטער פון אַ יידישן זשורנאַליסט, אַ געוו. מיטאַרבעטער פונעם וואַרשעווער „מאָמענט".1)

**
*

אַן אַנדער משל פון דער זעלבער סעריע:

שימעק... האָט געהאַט זייער אַ „גוטן אויסזען", אין זיין האַלטונג האָט מען אָבער געפילט אומזיכערקייט. צום בעסטן האָבן דאָס געפילט די גאַסן־לאַבוזעס, וואָס האָבן אים פאַרפאָלגט. שימעק האָט געאַרבעט אין אַ וואַטע־פאַבריק און ער פלעגט אָפט מוזן אָפּטראָגן פּעקלעך. די שפּאַצירן פון עלעקטראַלנע־גאַס ביז טשערניאַקאָוו האָבן אים שטאַרק געשראָקן. ער האָט אויף דעם דאָזיקן שטח געהאַט „באַקאַנטע". איין מאָל האָט אַ גרופּע אויסוווּרפן אים פאַרהאַלטן נאָענט פון דער „אייזערנער בריק", ווילנדיק אויסמיידן אַ צוזאַמענלויף (וואָס וואָלט אָן ספק קאָמפּליצירט די לאַגע) איז ער אַריין אין אַ טויער מיט צוויי שקצים. זיי האָבן ביי אים צוגענומען דאָס געלט און די „קענקאַרטע" און ווייטער אים געמאַטערט. פּלוצלונג איז אין טויער אַריינגעקומען אַ מאַן אין די דרייסיקער יאָרן. ער האָט זיך לעגיטימירט ווי אַ פּאָליציי־אַגענט און געהייסן זיך ווייזן די דאָקומענטן. איינער פון די פאַרפאָלגער האָט שימעקן אומ־

1) אירע רעלאַציעס האָט פאַרנאָטירט לעאָן לענעמאַן („אונדזער וואָרט", 1948).

געלומפּערט אַריינגעשטעקט די קענקאַרטע און גענומען וואַרפן אויפן ייִנגל וואַרנענדיקע בליקן.

— וואָס טוט איר דאָ? שוואַרץ־האַנדל, האַ?

ניין, מיר שמועסן בלויז — האָט שימעק געענטפערט.

דער לאָבוז האָט נישט אויסגעהאַלטן: — „פּאַניע" דאָס איז אַ ייִד.

— טאָ וואָס, אַז אַ ייִד — איז געקומען אַן ענטפער — אַז אַ ייִד דאַרף מען אים דווקא אויפהענגען? טאָר ער שוין נישט לעבן?! פּאַנאַנדער־גיין זיך! שנעל! און דער אַגענט איז אַרויס פון טויער. מיט אַ רגע שפּעטער איז אויך אַרויס שימעק מיט זיינע פּאַרפּאָלגער. די אויסווורפן אָבער האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן און גענומען אים ווייטער מאַטערן. אַן אויסגעשעפּטער האָט שימעק דעריאָגט דעם פּאָליציאַנט און געבעטן ער זאָל אים העלפן. דער געהיים־אַגענט האָט פאַרטריבן די „פּאַריינע", אָפּ־געפירט שימעקן צום טראַמווי און געוואַרט ביז ער וועט אָפּפאָרן, אַכטונג געבנדיק קיינער פון די אויספּרעסער זאָלן אים נישט נאָכלויפן.1)

און לסוף: מען האָט אויך פאַרשריבן פאַלן פון שאַנטאַזש פון ייִדן... לגבי ייִדן. דאָס זענען פאַרשטייט זיך געווען בלויז ספּאָראַדישע פאַלן. טיילמאָל פלעגן אָבער די דאָזיקע פאַלן האָבן אַ גאָר אינטערעסאַנטע באַזע. למשל:

„...איינמאָל זענען צו די זוסמאַנס געקומען צוויי פּאָליאַקן. זיי האָבן געפאָדערט די קענקאַרטעס צו אַ קאָנטראָל אויף דער פּאָליציי. ה' זוסמאַן איז אַוועק צו אַ פּאָליאַק, וועגן וועלכן ער האָט געוווּסט, אַז ער אַרבעט אויס דאָקומענטן און שטייט אין קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע פאַרדעכטיקע עלעמענטן. פאַר 30 טויזנט זלאָטעס האָט ער צוריקבאַקומען זיינע דאָקו־מענטן. דער דאָזיקער פּאָליאַק האָט שאַנטאַזשירט רייכע ייִדן און גלייכצייטיק געהאָלפן אָרעמע. אין זיין דירה האָבן זיך אויסבאַהאַלטן קרוב 20 ייִדן. פון די פאַרמעגלעכע האָט ער גענומען געלט, די אָרעמע האָט ער אויסבאַהאַלטן אומזיסט. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַליין געווען אַ ייִד. צוליב אַ מסירה האָט מען זיין פרוי מיטן קינד אָפּגעשיקט אין פּלאַשאָווער לאַגער און זיי זענען דאָרט אומגעקומען. אים אַליין איז געלונגען צו אַנטלויפן קיין וואַרשע. נאָכן וואַרשעווער אויפשטאַנד (אוי־

1) לויט נ. גראַס

גוסט 1944) איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין אַ דייטשן לאַגער. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין קראָקע״ 1).

דאָס זענען אָבער אַלץ מערקווירדיקע פּרטים. ווען עס קומט אויס זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער גאַנצער שאַנטאַזש־מגפה, וועגן אירע אומצאָ־ליקע פאַרשטייער און אַספּעקטן, נעמט אַרום אַ ביטער געפיל פון חרפה, וואָס מען טראָגט דעם נאָמען מענטש. עקשנותדיק קומען אַלץ צוריק אין זכרון די ווערטער פון מאַליא: „...ער האָט אַזוי טיף געפילט די דערנידערי־קונגען וואָס עס שטייט אויס אַ מענטש אַן אָפּהענגיקער פון אַנדערע מענטשן — אַז עס האָט זיך אים פּשוט געגלוסט צו ברעכן״. און אויך די: „די נידערטרעכטיקייט (פונעם פּייניקער) האָט אויסגעזען כמעט ווי אַן איינבילדונג, גלייכצייטיק אָבער האָט זי געטראָגן אין זיך אַ מין העסלעכן פּאַטאַליזם, אַזוי ווי די מאַכט וואָלט פון יעדן מענטש געמאַכט אַ חיה״.

אין די אָקופּאַציע־יאָרן איז די „מאַכט״ (פון דעם דאָזיקן מין און וואָס האָט אַגב געגעבן בלויז אַזעלכע מעגלעכקייטן!) געלעגן... אויף דער גאַס.

1) וו. יי. ה. ק. אין קראָקע (נר׳ 1046).

VIII

דירות ווערן „פּאַרבּרענט“
דאָס געיעג נאָך אַ מקום־מקלט

1. דאָס רייסן זיך פון קאָנטאַקטן צווישן נאָענטע. — 2. אין טויט־וואַגאָן; דאָס אַנטלויפן און... צוריקקערן זיך צו דער אַרבעט — 3. „דאָרט ווו צוויי נישט־יידן שלאָגן זיך... — די קאָמעדיעס פון „רעפּערענצן“. — 5. דער אויפּריכטיקער טעאַלאָג. דאָס איינבעטן זיך אויף אַ נאַכט. — 6. אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. — 7. צוזאַמען מיט די פּראָטעגירטע. — 8. פון איין אומגליק אין אַן אַנדערן. — 9. אָן שום געוואַלטיקע סענסאַציעס.

דאָס אַריינפאַלן אין די נעגל פון די שאַנטאַזשיסטן, די דעקאָנספּיראַציע פון אַ דירה, אַרעסטן אָדער פּליטות פלעגן גורם זיין דאָס איבעררייסן זיך פון די פאַראַנענע קאָנטאַקטן צווישן נאָענטע מענטשן ווי אויך דאָס, אַז יעדער פון די פאַרפאָלגטע משפּחה־מיטגלידער אָדער פריינד, וואָס האָבן זיך ביז דעמאָלט געהאַלטן צוזאַמען (אָדער געוווּסט איינער פון דעם אַנדערן) פלעגט שוין מוזן איינער אַליין קעמפן מיט זיין אייגענעם גורל. דאָס שפּעטערדיקע זוכן זיך אין דער וויסטעניש פלעגט שאַפן אויסערגעוויינלעכע פּלאָנטערן:

דער זיבן־יעריקער סטאַש קישעק האָט געוווינט אין וואַרשע, אויף דער „אַרישער זייט“. זיין מוטער דערציילט: „איך בין מיטן קינד אַוועק

צו אַ באַקאַנטער (אַ קריסטין) צעלינאַ קיליאַנסקאַ, אויף זגיערסקאַ גאַס, אין גראַכאוו. דאָרט האָב איך באַקענט אַ געוויסע פרוי, וועלכע האָט מסכים געווען מיט מיר צו דינגען אַ דירה אין זיעלאָנקע. זי האָט מיך אָבער מיט צוויי חדשים שפּעטער פאַרראַטן. זי האָט אויף מיר אָנגעשיקט איר שוואָגער מיט נאָך צוויי מענער, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען געסטאַ־פּאָ־אַגענטן און זיי מוזן מיר און דאָס קינד אומברענגען. סוף־כל־סוף האָבן זיי אויסגעדריקט די גרייטקייט אונדז צו לאָזן לעבן בתנאי, איך זאָל זיי געבן 10.000 זלאָטעס. אַזוי ווי איך האָב אַזויפיל געלט נישט געהאַט, האָבן זיי אונדז אַרויסגעפירט אין וואַלד אַריין (דאָס איז פאָרגעקומען דעם 27טן מערץ 1942), געהייסן זיך געבן דעם שליסל פון דער דירה און גיין ווו איך וויל. מיר זענען אַריינגעגאַנגען צו אַן אַנדערער פוילישער פרוי, וואָס האָט געוווינט אין שכנות און צעלינא האָט אונדז שפּעטער געברענגט די זאַכן געבליבענע אין שטוב. ביי דער דערמאָנטער פרוי האָבן מיר בלויז איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס אַוועק קיין וואַרשע.

...דאָ האָב איך איבערגעלאָזט דאָס קינד, אויף איין טאָג, ביי אַ באַ־קאַנטער העלענאַ מלעטשאַזש. זי האָט מורא געהאַט אים צו האַלטן צוליב זיין סעמיטישן אויסזען. ווען ער וואָלט געווען אַ מיידעלע — האָט זי גע־זאָגט — וואָלט זי אים געהאַלטן לענגער. איך האָב אים דעריבער איבער־געטון פאַר אַ מיידל און ער איז דאָרט פאַרבליבן דריי טעג.

שפּעטער האָב איך געדונגען אַ דירה אין גראַכאוו. דאָס קינד פלעג איך איבערלאָזן אין דער היים און אַליין גיין צו דער אַרבעט. איך בין אַ דערציִערין ביי די ק... אין טשערניאַקאָוו. צו מיר זענען זיי געווען זייער העפלעך, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִדישע. זיי זענען געווען אַנטיסעמיטן; ווען דאָס געטאָ האָט געברענט, האָבן זיי נישט אַרויס־געוויזן קיין שום מיטלייד; פאַרקערט, די קינדער פלעגן צו מיר זאָגן:

— קוקט, פרוי ראַשינסקאַ, דאָס געטאָ ברענט.

איינמאָל, צוריקגייענדיק פון דער אַרבעט (דעם 4טן מאַי 1943) האָב איך געטראָפן אַ באַקאַנטן פון פאַר דער מלחמה — קאַפּיטקאַ. ער האָט דעמאָלט געדינט אין דער געסטאַפּאָ. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִדישע. איך בין מיט אים אַראָפּגעגאַנגען פון טראַמוויי. אין אָנהויב האָב איך אים געפּרוּווט איבערצייגן, אַז ער איז זיך טועה, שפּעטער האָב

איך געגומען אַפּעלירן צו זיין געוויסן. עס האָט אים נישט גערירט. ער האָט דערקלערט, אַז זיין גאַנצע צייט איז ער מקריב אויף כאַפּן יידן. ער האָט געוווסט, אַז מיין שוועסטער אירקע, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען געלערנט אין שול, דרייט זיך אַרום אין שטאָט. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ער וועט זי אויך אויסגעפינען.

...כדי אויסצומיידן אַ צוזאמענלויף, בין איך מיט אים אַוועק אויף דער „שוד־אַלעע"... די דייטשן האָבן מיך געגומען אויספרעגן. אך האָב געלייקנט. פּאַפּירן האָב איך געהאַט גוטע. אויף דער „קענקאַרטע" אז געווען פאַרשריבן אַן אַנדערער אַדרעס, נישט דער ווו איך האָב געוווינט מיטן קינד... קאַפּיטקא האָט געלאַכט, געחוזקט פון מיין שבועה, באַרימט זיך פאַר די דייטשן, אַז ער פאַרלירט ספּעציעל צייט אויף כאַפּן יידן, אַז איך בין אַ יידישע. די דייטשן האָבן אים געפרעגט צי ער איז זיכער, ווייל ווייזט אויס, אַז איך בין עס נישט. ער האָט איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

...מען האָט מיך איבערגעשיקט אונטער דער וואַך פון זשאנדארמען און קאַפּיטקא אין דער א. ג. „באַפעלשטעלע". דאָרט האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אמתע גהינום. נאָך דער אויספאָרשונג (ביי וועלכער ס'איז תמיד געווען קאַפּיטקא) האָט מען זי געשיקט צו די מויערן פון ברענענדיקן געטאָ. (דאָס איז געווען עטלעכע וואָכן נאָכן אויסברוך פונעם געטאָ־אויפשטאַנד). פון דאָרטן האָט מען די אין בונקערס געכאַפּטע יידן געשיקט צום „אומשלאַגפלאַץ". די סצענעס וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען זענען באַקאַנט. צומאָרגנס איז אָנגעקומען אַ צוג, אין וועלכן מען האָט זי אַריינגעשטופּט צוזאַמען מיט אַנדערע קרבנות.

„אין דער זעלבער צייט — דערציילט זי ווייטער — איז מיין שוועסטער געקומען צו מיר אין דער דירה. אויפן וועג האָט זי געטראָפן באַקאַנטע, וואָס האָבן איר געהייסן אַנטלויפן, ווייל סאַבינע (ד. ה. איך) לעבט שוין נישט. זיי האָבן אַליין געזען ווי מען האָט מיך געפירט. פּאָר איינִיקע האָט זיך קאַפּיטקא אליין פאַרטרויט, אַז ער האָט מיך שוין „פאַרטיק געמאַכט", און אז ער וואַרט איצט אויף מיין שוועסטער... אירקע האָט געכאַפּט דאָס קינד און אַוועקגעפירט צו אונדזער אַמאָליקער דינסט געניע, וועלכע האָט אים האַרציק אויפגענומען און אַרויסגעוויזן אַ סך מיטלייד". איר באַקאַנטער, אָבער האָט קומענדיק דעם צווייטן טאָג דערקלערט, אַז

„אויב זי וועט נישט ארויסוואַרפן דעם ייִדישן ממזר, וועט ער אים אַליין אָפּדרייען דעם קאָפּ". אָן אַ ברירה האָט געניע געהייסן דעם קינד אַוועק־גיין. זי האָט געהאַט די בעסטע כוונות און מיטגעגעבן אים אַפילו אַביסל געלט. נאָך אַ גאַנצער נאַכט אַרומשלעפּן זיך איבער דער שטאָט, איז דאָס ייִנגעלע אַוועק צו אַ באַקאַנטער וועשין, אַ שיכורטע, וועלכע האָט אים אַריינגעלאָזט צו זיך און געגעבן אַביסל זופּ. „דערווייל איז מיין שוועס־טער געקומען צו געניען, כדי זיך צו דערוויסן וועגן דעם קינד. מיט טרערן אין די אויגן האָט איר געניע איבערגעגעבן, וואָס עס איז געשען. אַ האַלב משוגענע פון פאַרצווייפלונג האָט מיין שוועסטער אַרומגעזוכט דאָס קינד איבער די וואַרשעווער גאַסן. זי האָט נישט געקענט גלויבן, אַז זי האָט אויך מיך פאַרלוירן און זי איז אַוועק צו מיינע ברויטגעבער און געפרעגט אויף פרוי ראַשינסקאַ. זיי האָבן איר דערציילט, אַז זיי זענען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל זיי וויסן נישט וואָס מיט מיר איז געשען — שוין די צווייטע נאַכט ווי איך קום נישט אַהיים. מיין שוועסטער האָט זיי פריינטלעך געזעגנט און איז מיט איר ווייטיק אַוועק אַהיים. זי איז גע־ווען אַזוי פאַרצווייפלט, אַז זי האָט געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. אַ באַ־קאַנטע פּוילישע פרוי, העלענאַ קיאַנסקאַ, האָט איר אויפגעקלערט, אַז אויב איך בין אומגעקומען, דאַרף זי ווערן די מוטער פון מיין זון. אַנשטאָט צו ברעכן די הענט, דאַרף זי אויפזוכן דאָס ייִנגל. אין דער זעלבער רגע איז מיין קינד אַריינגעקומען אין שטוב פון דער באַקאַנטער און געטראָפן זיך מיט מיין שוועסטער.

...אירקעס פרייד האָט נישט געהאַט קיין גרענעצן. זי איז אָבער געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. געאַרבעט האָט זי ווי אָן עקספּעדיענטקע אויפן באַן־וואָקזאַל און האָט דעריבער געוועכטיקט אין די וואַגאָנען... זי איז דעריבער אַוועק צו אַ באַקאַנטער (זשולקיעווסקאַ) אויף גראָכאָוו, און יענע האָט מיין קינד אויפגענומען... דער קליינער איז דאָרט פאַרבליבן צוויי וואָכן. ביז עס איז געקומען די פאַני שוב, די פרוי פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט און געזאָגט אַז דער קליינער איז נישט זייערס קיין קרוב, ווייל דאָס איז סאַבינעס קינד. (די שוב האָט מיר געקענט). דאָס ייִנגעלע האָט זיך ווידער גענומען אַרומוואַלגערן אַ טאָג דאָ, אַ טאָג ערגעץ אַנ־דערשוואו ביי באַקאַנטע.

„...איך בין דערווייל געווען אין וואַגאָן. איך בין געשטאַנען אויף איין פוס ווייל עס איז נישט געווען קיין אָרט. די מענטשן זענען געווען אויסגעהונגערט און אויפגערעגט. איך בין געווען שטאַרק צעקלאַפּט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז זיי פאָרן צום טויט... פאַר אַ פלעשל וואַסער האָט מען געצאָלט די „אַריער", וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו די וואַגאָנען, הונ־דערטער זלאָטעס. עס האָט גערעגנט און אייניקע האָבן אַרויסגעשטעקט די צונג דורכן פענצטערל כדי צו שטילן זייער דורשט. איך אָבער... האָב בלויז געטראַכט וועגן דעם צי איך וועל נאָך אַמאָל זען מיין קינד און מיין שוועסטער. איך האָב געזאָגט צו אַ פרוי, אַז איך וועל בשום אופן מיך נישט לאָזן פאַרברענען, ווייל איך מוז נאָך זען מיין קינד. איך האָב באַ־מערקט, ווי די פרוי האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט מיטלייד...

אירע ווערטער האָבן מיך אויפגעוועקט ווי פון אַ שלאָף. איך האָב מיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט זען מיין קינד... אַז עס איז שוין געשען, איך מוז גיין צוזאַמען מיט אַלע ייִדן.

...מיר זענען פאַרפאָרן קיין נאַלענטשאָוו. דאָרט איז פאָרגעקומען אַן א. ג. „סעלעקציע". די יונגע האָט מען אָפּגעשיקט קיין פּאָניאַטאָוו[1] און די איבעריקע אויף טויט. אין דאָזיקן מאָמענט בין איך — טראָץ דער אַנ־וועזנהייט פון זשאַנדאַרמען מאַנגאָלן[2] און אוקראַינער — אַנטלאָפן. געשען איז דאָס אַזוי: די סעגרעגאַציע איז פאָרגעקומען צווישן צוויי צוגן. איך בין אַרונטער אונטער איין צוג. אַלע דאָקומענטן האָב איך איבערגעלאָזט אין וואַגאָן. איך האָב געטראָגן אויף מיר בלויז אַ קליידל. איך בין אַריין באָרוועס אין דער ערשטער כאַטע אין נאַלענטשאָוו... דערקלערט, אַז איך האָב מיך צופעליק געפונען מיט די ייִדן... „די ייִדן זאָגן מיר צו אַ גוטן פּאָסטן אין פּאָניאַטאָוו, איך וויל אָבער פאַרבלייבן צווישן אייגענע". זיי האָבן אויף מיר געהאַט רחמנות און געראָטן איך זאָל תיכף אַנטלויפן ווייל „דאָ ברענט דער באָדן אונטער די פיס".

אַרויסגייענדיק פון דער כאַטע, האָב איך מיך געלאָזט לויפן און אָפּ־געשטעלט מיך ערשט 8 קילאָמעטער ווייטער. אויפן וועג האָב איך קיינעם

1) אַ לאַגער.
2) הילף־אָפּטיילונגען אין דער דייטשער אַרמיי (צוזאַמענגעשטעלט פון סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע).

נישט געטראָפֿן. איך בין ווידער אַריין אין אַ כאַטע... און ווידער דערציילט די זעלבע מעשה. מען האָט מיר געגלויבט און נאָך פיר טעג מאַטערניש האָב איך באַקומען אַ ביסל וואַסער זיך אָפּצוּוואַשן ווי אויך אַ קריגל מילך מיט אַ שטיקל ברויט... איך האָב דאָרט איבערגענעכטיקט.

...אַ שכן פון די פויערן, אַ „פאָלקס־דייטש" האָט מיר געזאָגט, אַז אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז איך בין אַ ייִדישע, וועט מיט מיר זיין שלעכט. איך האָב אים דעמאָלט אָנפּאַרטרויט („דאָס מוז פאַרבלייבן צווישן אונדז") אַז איך בין, אַזוי ווי ער, אַ „פאָלקסדייטשקע", אַז אין געטאָ בין איך געווען צופעליק, נאָך געלט און אַזוי אַרום אַריינגעפאַלן. אויב ער וויל זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז נישט קיין ליגן — זאָל ער — פאַרשטייט זיך פאַר אַ באַלוינונג — מיטפאָרן מיט מיר קיין וואַרשע, צו מיין משפחה. דעם זעלבן טאָג (דעם 8טן מאַי) בין איך טאַקע מיט אים געפאָרן קיין וואַרשע. ער האָט מיר געגעבן אַ מאַנטל און אַ דאָקומענט פון זיין פרוי. דעם 9טן מאַי, 2 אַזייגער ביינאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט. איך בין מיט אים אַוועק צו מיינער אַ פריינדין, מאַרילאַ ליס, אויף גראָכאָוו. (זי האָט באַוויזן דער פרוי צו דערציילן די מעשה). מאַרילאַ האָט באַשטעטיקט, אַז איך בין אַ פאָלקס־־דייטשקע און איר שוועסטער איך האָב אים געגעבן 10.000 זלאָטעס, וואָס איך האָב געהאַט אַוועקגעגעבן צו באַהאַלטן מאַרילען. דעם זעלבן טאָג האָב איך מיך ביי דער קיאַנסקא געזען מיטן קינד. מיט דער הילף פון מיין פריינדין העלענאַ סאַביוואָ (וועלכע האָט געאַרבעט אין דער עווידענץ) האָב איך מיר געמאַכט נייע דאָקומענטן און דעם 15טן מאַי 1943 בין איך אַן עלעגאַנט־געקליידעטע, מיט אַ בוקעט בלומען צוריקגעגאַנגען צו דער פאַמיליע ק... איך האָב זיי דערציילט אַן אַנדער מעשה און צוגעטראָטן צו דער אַרבעט."1)

אַ חוץ די דענונציאַנטן האָט אויך געווירקט די מענטשלעכע נייגעריקייט, מענטשלעכע לשון הרע, און לסוף מענטשלעכע קנאה. פאַרשפּרייטע קלאַנגען אַן אַ שלעכטער כוונה פלעגן דערגיין צו די נאַטאַרישע אָדער צו־פעליקע דענונציאַנטן און עס פלעגט זיך ענדיקן ווי געוויינלעך. אַזוי איז אויך געווען מיט די פאַרשידענע „קריגערייען". אַ מחלוקה צווישן שכנות פלעגט אָפּט אויסגיין... צו די הויז־איינוווינער, וועלכע מ'איז חושד געווען

1) נר. 1־656 פראָט. ק. מירסקאָ.

אַז זיי זענען ייִדן. „דאָרט ווו צוויי שלאָגן זיך — באַמערקט ב. גראָס — פּאַרלירט דער דריטער; בפרט ווען דער דאָזיקער דריטער איז אַ ייִד. און מיר זענען טאַקע געווען די דריטע". און ער דערציילט אַזאַ מין געשעענישל:

„געקריגט האָבן זיך: אונדזער באַלעבאָסטע מאַרישאַ און פרוי נאַפּיורקאָווסקאַ, די שניידערין פון קעגנאיבער. די סיבה פון די קריגערייען האָט זיך גענומען פון מאַרישעס גוטע באַציאונגען מיט די הויז־וועכטער, מיט וועלכע פרוי נאַפּיורקאָווסקאַ איז געווען ברוגז... די באַציאונגען צווישן די צוויי פרויען, אין אָנהויב בלויז אָנגעשטרענגטע האָבן זיך וואָס אַמאָל פאַרערגערט. אָנגעהויבן האָט זיך פון מאַנאָלאָגן אויפן הויף, בעת וועלכע מען האָט, נישט דערמאָנענדיק קיין נעמען, געדרשנט וועגן אַזעלכע, וואָס שטופּן זיך ווו מען בעט זיי נישט. שפּעטער זענען געקומען דירעקטע מיינונגס־אויסטוישן וועגן מאַרישעס שמוציקער וועש. די לעצטע האָט געטענהט, אַז פרוי נאַפּיורקאָווסקאַ האָט זיך וועגן דעם איבערצייגט קוקנדיק זי אין אַ געוויס אָרט... דאָס האָט — פאַרשטייט זיך — געמוזט אויסגיין צו ייִדן. די באַמערקונגען זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן ווייניקער צווידייטיקע און מיר האָבן געוווסט, אַז דאָס וועט זיך שלעכט ענדיקן.

דער הויז־קאָמענדאַנט האָט מיט מיר אָפּט גערעדט וועגן סוף פון אונדזער קאַריערע, דערקלערנדיק, אַז אין דעם הויז וווינען ייִדן און, אַז זיי וועלן אַריינפאַלן"...

אַזוי איז טאַקע געשען. אגב פלעגן אַזעלכע נבואות כמעט תמיד מקוים ווערן. אויך אין דעם פאַל האָבן זיך אינגיכן באַוויזן שאַנטאַזשיסטן. די אַלע עלעמענטן צוזאַמען פלעגן גורם זיין, אַז אַזאַ אַנטדעקטע דירה האָט מען געמוזט תיכף פאַרלאָזן און אַ נייע איז געווען נישט לייכט צו געפינען. און ממילא איז דאָס לעבן „אויף אַרישע פּאַפּירן" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערמאַנענט געיעג נאָך אַ דירה, אַ שוץ־אָרט.

דער מאָטיוו, אַז דאָרט ווו צוויי (נישט ייִדן) שלאָגן זיך, דאָרט געניסט אָדער פאַרלירט דער דריטער (ייִד) האָט זיך דעמאָלט אָנטפּלעקט אין פאַרשידענע פאָרמאַטן און וואַריאַנטן. אַ חוץ קריגערייען זענען נאָך צוגעקומען צום שפּיל ליבעס, אייפערזוכט, שנאה און אַ סך אַנדערע געפילן, דער צונויפטרעף פון די אַלע פאַקטאָרן האָט טיילמאָל באַשאַפן אַ

גאַנצן לאַבירינט. דער „פּאַפּירענער אַריער״ (אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט ווייניק זאָרגן) האָט זיך נאָך געמוזט רעכענען מיט אַלע קאָמפּלעקסן און קאָמפּליקאַציעס פון זיין סביבה. אָט האָבן מיר דאָ אַ פּאָר פּראָבלעמען, אַרויסגענומען פון איין ביאָגראַפיע און דהיינו פון פעסל פּעצינאַ (געבוירן אין קלעמענטאָוו 1914) וואָס נאָכדעם ווי זי האָט פאַרלוירן אַ פּאָר משפּחה־מיטגלידער און נאָך תּפיסה, האָט אירע ערשטע טראַגעדיעס איבערגעלעבט אין סאַנדאָמיעזש:

„...דער מאַן האָט פאַרלאַנגט איך זאָל אָוועקפאָרן. דאָס קינד האָב איך געזאָלט איבערגעבן דער פרוי פון אינזש. פּיטאַל. זי איז געווען אַ זייער פיינע פרוי (זי און איר מאַן האָבן געהאָלפן ייִדן)... אַזוי ווי דאָס קינד האָט אָנגעהויבן וויינען, האָב איך דערפון רעזיגנירט.

איך האָב שוין געהאַט „אַרישע פּאַפּירן״, מען האָט מיר געהאַלטן פאַר אַ פּריילין מיט אַ קינד (דער מאַן האָט פיגורירט אויף „די פּאַפּירן״ ווי אַ בחור). אויפן סמך פון די מעטריקעס האָט מען אונדז געמאַכט „קענקאַרטן״, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלשע.

לאָמיר איצט איבערלאָזן דעם מבול פון עגמת־נפש און שווערע מינוטן. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ פּאָר ענינים וואָס האָבן אַ דירעקטן שייכות מיט דער טעמע:

נאָך פאַרשידענע פּאַקטן און נסיעות (אין צווישנצייט איז זי געווען אויך אין קראָקע), האָט זי זיך אריינגעצויגן צו דער פרוי ק. אין וויע־ליטשקע. זי האָט נאָך איינגעמאָלדן דאָס קינד און זיך אַליין. דער מאַן האָט זיך ביי איר באַהאַלטן, נישט איינמעלדנדיק זיך. מיט דער בעל־הביתטע איז עס קודם־כל געווען גוט — נאָכדעם שוין ערגער. וואָס שפּעטער פאַר־לאַנגט זי מער געלט, זי שיקאַנירט און סטראַשעט אָפּט מיט פאַרראַטן.

אָבער דאָ דערשיינט ווידער איינער א. ד. וואָס טוישט זיי וואַליוטע און פאַרדינט דערביי, זיי האָבן זיך באַפריינדעט. ד. האָט זיך צעקריגט מיט דער בעל־הביתטע, ווען זי האָט זיי ווידער שאַנטאַזשירט. נאָך מער: „ער האָט גענומען צו זיך מיין קינד און מיין מאַן און זיי געהאָלפן איבער־טראָגן די פּעקלעך״. דעמאָלט שיקט אָבער פרוי ק. איר טאָכטער צו דער שכנטע פון הער ד. און איז איר מודיע, אַז זי באַהאַלט ייִדן. די שכנטע

(ביעלעצקאַ) מאַכט אַן אַוואַנטורע און שרייט: „זאָלן זיך די ייִדן אַרויס־טראָגן, ווייל כ׳קלינג אויף דער זשאַנדאַרמעריע“.

צום גליק האָט דער ברודער פון ד. געאַרבעט אויף אַ פאלווארק אַלס אַ „זשאָנדצע“. ער פּראָטעגירט די „פּאַפּירענע אַריער“, ווי זיינס אַ קו־זינע זי האָט דאָרט באַקומען אַ פּאָסטן.

יאָ. אָבער דאָ מאַכט זיך אַ נייער פּראָבלעם. די אייגנטימערין איז אַ „רייכסדויטשקע“ פּרוי ש... שטאַמט פון סודעטן־לאַנד, איז אַ פרוי פון אַ דייטשן קאַפּיטאַן און אַ טאָכטער פון אַן עמעריטן פּולקאָווניק. מיטן מאַן האָט זי נישט געלעבט, זי האָט געהאַט אַ געליבטן. דער געליבטער איז אָבער געוואָרן אַרעסטירט דורך דער געסטאַפּאָ. אגב האָט מען פאַר־מלוכהשט דעם פאָלוואַרק (ווי אַ „ליגענשאַפט“). דאָס האָט שוין להכעיס באַזאָרגט דער „רייכסדויטשער“ מאַן.

און ווי אַ צולאג: אַ באַקאַנטער, אַן אַדוואָקאַט, האָט פאַרראַטן, אַז די „סטאַשיאַ“ איז אַ ייִדישקע. נישט פון שלעכטן ווילן. להיפוך: שכורדיקער־הייט, בכדי זי טרייסטן. דהיינו: בעת אַ לוסטיקער סעודה האָט ער זיך, אין דער אָנוועזנהייט פון אַנדערע, געוואָנדן צו איר בזה הלשון: — „פּרוי סטאַשיא, קומט מיט אונדז טרינקען“. ווען זי האָט געפרעגט: „וואָס איז די שמחה?, האָט ער איר געענטפערט: „די רוסן זענען דאָך אין סאַנדאַמיעזש; איר וועט קענען צוריקקערן זיך צו אייער פאַרמעגן און די ייִדן וועלן זיין פון אויבן“. אַזוי אַרום זענען אַלע געוווּיר געוואָרן פון איר אָפּשטאַם. צום גליק האָט דער אַדוואָקאַט ל. -- נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט — באַמיט זיך ביי דער דייטשקע זי זאָל נישט מעלדן אירע דייטשן, „וואָ־רום זי איז דאָך אויך אַ מאַמע“. די דייטשקע האָט זיך ווייטער גוט באַצויגן צו סטאַשיען, בפרט ווען נאָכן אַרעסטירן פון געליבטן האָט זי זיך געוואָלט איבערבעטן מיטן מאַן. „סטאַשיא“ האָט דאָ געדאַרפט צוהעלפן...

אָבער דאָ איז נאָך נישט דער סוף פון די קאָמפּליקאַציעס. אין דער סביבה געפינען זיך פּוילישע פּאַרטיזאַנער. זיי קומען אַמאָל אין הויף בכדי צו דערשיסן די „רייכסדויטשקע“. און די ראָלעס ענדערן זיך דעמאָלט: „כ׳האָב זי באַהאַלטן אויפן דאַך. ווען זיי זענען אַריין, איז זי שוין נישט געווען... די באַדינונג האָט אָנגעוויזן אויף מיר ווי אויף דער „ווירטין“... כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳ווייס נישט ווו די רייכסדויטשקע געפינט זיך. כ׳האָב

ווייטער געבאַקן קרעפּלעך און געקנעטן ברויט. כ׳האָב מורא געהאַט זיי זאָלן מיך נישט הרגענען. נאָך דעם פאַקט, האָט זי מיר טראַקטירט, ווי אַ שוועסטער 1). לאָמיר נאָך דאָ צוגעבן, אַז יענע פּאַרטיזאַנער דאָרט האָבן אויך געמאָרדעט ייִדן. מיט איין וואָרט, עס איז געווען פּאַרוואָס מורא צו האָבן.

די דירות זענען — אין הסכם מיט דער טעכניק פון די „אַרישע פּאַפּירן" — געווען פאַרשידענע. אין דער ערשטער ריי אַזעלכע ווי דער באַלעבאָס האָט געוווּסט, אַז זיינע סובלאָקאַטאָרן זענען ייִדן. דאָס זענען — נאַטירלעך — געווען די טייערסטע; מען האָט געצאָלט דעם באַלעבאָס שוין נישט אַזוי ווייט פאַר דעם מקום ווי פאַר דער ריזיקע. צו אַן אַנדער קאַטעגאָריע האָבן געהערט אַזעלכע, ווי דער באַלעבאָס האָט געהאַט אַ חשד, אָדער ווו ער האָט אַפילו געוווּסט, אָדער ווו מען האָט — אויפן סמך פון אַ שטילן הסכם — קיינמאָל דעם דאָזיקן דראַסטישן ענין אָפן נישט פאָרמולירט. אַזוי אַרום איז דער באַלעבאָס געווען „געדעקט" אַפילו ווען די שכנים זיינע זענען אַריינגעפאַלן. ער האָט נישט געוווּסט און גענוג.

לסוף זענען אויך געווען די געוויינלעכע דירות, וואָס מען האָט פּשוט און נאָרמאַל געדונגען. דאָס זענען — פאַרשטייט זיך — געווען די ביליקסטע. אַזעלכע איז אָבער געווען גאָר שווערער צו באַקומען. קודם כל דערפאַר וואָס מיט די דירות איז אין די דאָזיקע צייטן בכלל געווען שווער און צווייטנס צוליב דעם, וואָס די מענטשן זענען דעמאָלט געווען שטאַרק פאָרזיכטיק און אומאָפּהענגיק פון אַלע דאָקומענטן, אַרבעט־באַשטעטיקונגען אאַ״וו. מען פלעגט פאָדערן רעפערענצן. און מיט רעפערענצן ווידער...

די טעמע וואָס ווערט באַרירט אין דאָזיקן בוך האָט אַ כאַראַקטעריסטישן שטריך: צו וואָס מען זאָל זיך נישט צורירן, שווימען באַלד אויף הונדערטער וואַריאַנטן און משלים. וועגן דעם ענין רעפערענצן וואָלט מען ווידער געקענט אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך, ווו עס וואָלט אויך נישט געפעלט קיין פאַרכאַפּנדיקע אָדער גאָר טראַגיקאָמישע קאַפּיטלען. מען וואָלט געקענט דערציילן וועגן פאַלן ווו איין ייִד, וואָס האָט זיך קוים פאַרשאַפט אַ דירה, גיט רעפערענצן אַן אַנדערן; אָדער ווי צוויי ייִדן, וואָס לויפן ביידע אַרום נאָך אַ מקום, רעקאָמענדירן זיך קעגנזייטיק...

פאַרשטייט זיך, אַז מען פלעגט אויך אַמאָל באַקומען רעפערענצן פון

1) פּראָט. ד. י. ה. ק. ר. 1־749.

אַן „אמתן אַריער". אויך אין אַזעלכע פֿאַלן וואָלט מען געקענט דערמאָנען וועגן פֿאַרשידנאַרטיקע פּאַסירונגען, טראַגישע אָדער טיילמאָל אַפֿילו קאָמישע. דאָס איז שוין נישט בלויז באַמיִונגען צו באַקומען אַ דירה, אָדער אויך אַרבעט (די צוויי זאַכן זענען אגב אָפֿט געווען פֿאַרבונדן און אָפּהענגיק איינע פֿון די אַנדערע און פֿלעגן ערשט ביידע צוזאַמען שאַפֿן אַ מעגלעכקייט זיך צו „פֿאַרטשעפּען").

אָט, למשל, דער פֿאַל מיט אַ מיידל (וועגן וועלכער עס איז שוין אגב דערמאָנט געוואָרן אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען) וועלכע לויפֿט אַרום אַ פֿאַרצווייפֿלטע פֿון איין פֿאַרמלחמהדיקן פֿריינט צום צווייטן, בעטנדיק הילף ביים „איינאָרדענען זיך", אַן אָנווייזונג אָדער אַ רעקאָמענדאַציע. דער באָדן וואַקלט זיך אונטער אירע פֿיס. זי חלומט וועגן עפּעס אַ מקום מנוחה. לסוף טרעפֿט זי אָן אויף אַ מענטש, וואָס האָט אַ זייער גוטע געלעגנהייט. דאָס איז אַ טעאָלאָגיע־פּראָפֿעסאָר, ד״ר וו...

— איך האָב פֿאַר אייך אַ פּאָסטן, איך ווייס אָבער נישט צי איר וועט אים וועלן אָננעמען.

— דאָס קלינגט ווי אַ פּאַראַדאָקס; איך וועל מיך פֿרייען מיט יעדער אַרבעט, אַבי דורכצולעבן...

— איר וועט אָבער, גלויב איך, נישט וועלן אַרבעטן ווי אַ קעלנערקע אין אַ דייטשישן לאָקאַל און האָבן צו טון מיט שיכורע זעלנער, וועלכע פֿירן זיך נישט אויף באַזונדער באַשיידן, בפֿרט ווען זיי האָבן אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזלעך.

איך האַלט מיך איין בכדי נישט צו שרייען — „דאָס איז אַ נאַרישקייט"...

— אויב אַזוי וועל איך רעדן מיט מיין שוועגערין. זי האָט אין גוראַקאַלוואַריאַ אַ שוועסטער, וועלכע האָט לעצטנס געעפֿנט אַ רעסטאָראַן פֿאַר די דייטשן. זי איז אַ זייער ענערגישע און דרייסטע פֿרוי. זי נויטיקט זיך טאַקע אין אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכן מענטש, וואָס זאָל איר צוהעלפֿן. איך גלויב, אַז זי וועט מסכים זיין צו באַשעפֿטיקן אַ ייִדיש מיידל, בפֿרט ווען איך רעקאָמענדיר אייך. מיין משפּחה רעכנט זיך שטאַרק מיט מיר. איך שטאַם פֿון פֿאָלק און בין דער איינציקער אין דער משפּחה וואָס האָט ביל־

דונג און אַ געוויסע פּאָזיציע. דאָס אימפּאָנירט זייער מײַנע ברידער און זייערע משפּחה־מיטגלידער.

— יאָ, אָבער צו וואָס דאַרף מען איר דערציילן, אַז איך בין אַ ייִדישע. אַלע דאָקומענטן האָב איך דאָך אין אָרדענונג...

— דאָס איז אַלץ זייער שיין — לאַכט סימפּאַטיש דער פּראָפעסאָר. — איך קען אָבער אייער אָפּשטאַמונג נישט פאַרשווייגן. די פרוי גראַף איז אַ מיטגליד פון דער משפּחה און איך וויל נישט — אויב עפּעס וואָלט געשען — באַלעסטיקן מײַן געוויסן מיט איר טויט...

(אייגנטלעך איז די לאָגיק פון די ווירקלעכע באַדינגונגען געווען פּונקט פאַרקערט ווי דעם פּראָפעסאָרס אויספירן. דער חשובער „פאָלקס־דײַטשקע" וועגן וועלכער עס האַנדלט זיך דאָ, וואָלט דווקא דעמאָלט גאָרנישט געדראָט ווען זי וואָלט וועגן גאָרנישט געוווּסט; מאַסקירנדיק אַ ייִדישע פרוי וואָלט זי אָבער בעת אַ דורכפאַל געווען אַ מיטשולדיקע. פּרווּוט דאָס אָבער אויפקלערן אַ סקרופּולן און אגב ערלעכן טעאָלאָג!).

איך פּרוּוו אים איבערצייגן, אַז דערציילן וועגן מײַן אמתן אָפּשטאַם מײַן צוקונפטיקער אַרבעט־געבערין, דאָס הייסט שאַפן נישט נויטיקע שוועריקייטן. עס העלפט אָבער נישט. די עוואַנגעלישע ערלעכקייט פון פּראָפעסאָר וו. דערלויבט אים נישט צו באַהאַלטן דעם אמת. ער איז זײַן גאַנץ לעבן געווען אויפריכטיק און ער קען נישט מיטאַמאָל ענדערן זײַנע פּרינציפּן.

...איך דאַרף קומען מיט פיר טעג שפּעטער. דעם פּראָפעסאָרס שוועגערין דאַרף קומען זונטיק צו איר שוועסטער, דאַן וועט זי איר דעם גאַנצן ענין פאַרשטעלן און ברענגען אַן ענטפער. וואַרשיינלעך אַ פּאָזיטיוון.

אין פיר טעג אַרום:

„די פרוי וו... איז נאָך נישט געווען ביי איר שוועסטער. זי וועט גיין דעם קומענדיקן זונטיק צו איר. מען וועט אַלץ אַדורכשמועסן אויפן אָרט".

ענדלעך קומט דער זונטיק און די צוגעזאָגטע נסיעה מיט דער שוועגערין (אַ פאָלקס־דײַטשקע) צו איר שוועסטער, דער רעסטאָראַן־אייגנטימערין אין גורא־קאַלוואַריאַ.

„פון סאַמע אָנהויב פּרוּוו איך זי איבערצייגן, זי זאָל דער שוועסטער נישט דערציילן.

— אויסגעשלאָסן; אַפילו ווען אַלץ וואָלט אַדורך בשלום און די שוועסטער וואָלט זיך בלויז צופעליק דערוווסט, וואָלט זי מיר קיינמאָל אין לעבן נישט מוחל געווען; דאָס זעלבע — די גאַנצע משפחה. אויף דעם קאָן איך נישט מסכים זיין.

— האָב איך אַן אַנדערן איינפאַל: מאָרגן וועט איר נאָך אייער שוועסטער גאָרנישט זאָגן. איר וועט מיך בלויז פאָרשטעלן ווי אַ מיידל וואָס זוכט אַרבעט. במשך פון דער וואָך צייט וועט זיך די פרוי גראַף איבערצייגן, אַז איך אַרבעט ווי מען דאַרף, זי וועט זיך צו מיר אַביסל צוגעוווינען און וועט קריגן צוטרוי. דעמאָלט וועט איר אויפדעקן דעם סוד. איך וועל שוין זיין אַן איינגעמאָלדענער איינוווינער; פון גוראַ־קלאַוואַריאַ און אין די דאָזיקע באַדינגונגען וועט אייער שוועסטער לייכטער מסכים זיין מיך צו האַלטן — אויב זי וואָלט אַפילו געהאַט געוויסע באַוואָרענישן. ווען זי וועט אויסדריקן איר הסכם, וועט זי אריינגעבן אַן אַנאָנס אין אַ צייטונג, אַז זי זוכט אַ קעלנערקע, וואָס זאָל קענען דייטש און איך וועל מיך מכלומרשט מעלדן. אויב ס׳וועט אַמאָל עפּעס געשען וועט זי זיין געדעקט פאַר דער מאַכט, ווייל זי וועט מיך האָבן אַנגאַזשירט נישט קענענדיק מיך, פון אַן אַנאָנס.

— דאָס איז נישט קיין שלעכטער געדאַנק. אויף דעם קאָן איך איינגיין...״

סוף כל סוף בלייבט דאָס מיידל אין רעסטאָראַן אויף אַ פּראָבע. די ערשטע טעג זענען אויסערגעוויינלעך שווערע. זי לעבט ווי אין אַ האַלוציניאַציע: דאָס צוגעוווינען זיך צו דער סביבה, דאָס באַקעמפן די מורא, די פאַרשידענע קאָמפּלעקסן (וואָס שאַפן זיך ביים קאָנטאַקט מיט די דייטשע געסט) און אַ שווערע אַרבעט (בפרט ווען דאָס מיידל איז קיינמאָל נישט געווען קיין קעלנערקע). און ווען, נאָך די אַלע עמאָציעס און אָנשטרענגונגען ווערט שוין די לאַגע אַביסל לייכטער, ווען דעם מיידל געלינגט שוין נישט צו פאַרראַטן זיך מיט גאָרנישט, אַרויסווייזן זיך פאַר נוצלעך און אַרבעטסזאַם...

„איך אַרבעט שוין דעם פינפטן טאָג און פרוי גראַף האָט מיך נאָך נישט איינגעמאָלדן, נישט רעגיסטרירט אין אַרבעטס־אַמט, נישט גערעדט מיט מיר וועגן די באַדינגונגען, אויף וועלכע איך וועל ביי איר אַרבעטן.

וואָס זאָל דאָס באַדייטן? די גאַנצע „מאַכט" (וואָס איז געקומען אין רעס־טאָראַן אריין) קען מיך שוין דאָך און זי איילט זיך גאָרנישט מיטן דער־לײדיקן די פאָרמאַליטעטן..."

שפּעטער:

„איר זעט: מיטן איינמעלדן אײַך און דערליידיקן די פאָרמאַליטעטן, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן צונעמען אײַך, מוז איך צוּוואַרטן אויף מיין שוועסטער. אַוועקפאָרנדיק, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי מוז מיר וועגן אײַך מודיע זיין אַ גאָר וויכטיקע זאַך. איך וועל דעריבער וואַרטן ביז איך וועל וויסן.

יאָ! אַזוי זעט אויס דאָס צוגעזאָגטע שווייגן און נישט וואָרענען. און זי, די פרוי וו... האָלט אָן שום ספק, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. זי האָט דאָך נישט געזאָגט דירעקט, אַז איך בין אַ ייִדישע, נאָר בלויז געוואָרפן עטלעכע ווערטער: „איך מוז דיר וועגן דער פאַננע מאַריע דערציילן אַ וויכטיקע זאַך": אַזוי אַרום האָט זי צעשטערט מיין גאַנצן פּלאַן".

לסוף האָט די וו... דערציילט דער שוועסטער „די וויכטיקע זאַך" און דערצו דורכן טעלעפאָן.

ווען זי וואָלט דאָס געטון מיט אַ וואָך פריער, וואָלט נאָך אפשר גע־לונגען די רעסטאָראַן־אייגנטימערין איבערצייגן. איצט אָבער, נאָך אַ וואָך שווערער האָרעוואַניע און שרעק, פאַרלירט דאָס מיידל (ווען די אַרבעט־געבערין באַגלייט אגב מיט מיטלייד) איר פּאָסטן, איידער זי האָט נאָך באַוויזן פאָרמעל אים צו באַקומען.1)

***

פון דעם מאָמענט, ווען מען האָט פאַרלוירן איין מקום, ביז מען האָט געפונען אַן אַנדערן — פלעגן פאַרבייגיין אַסך טעג און נעכט. איך זאָג — טעג און נעכט — ווייל די באַזונדערע שעהן פון מעת לעת זענען געווען פאַרבונדן מיט ספּעציפישע סכנות. כדי אויסצופילן דעם טאָג פלעגט אַ מענטש אָן אַ דירה אויסמעסטן די גאַסן, אָפּטרעטן אין פאַרשידענע לאָ־קאַלן, אויסגעפינען פּרעטעקסטן צו שטיין אין די „רייען" אָדער אַרומצו־דרייען זיך אין די וואַרט־זאַלן. די מינוטן פלעגן זיך אומברחמנותדיק

1) „מיין קאַמף פאַרן לעבן".

שלעפּן ווייל יעדע איינע פון די אימפּראָוויזירטע באַשעפטיקונגען האָט דעם מענטש אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו ווערן אַן אָביעקט פאַר דער פּאָליציי, פאַר די מוסרים און אַגענטן. און שפּעטער — פלעגט קומען די נאַכט. דער אומגליקלעכער פלעגט נאָכאַמאָל מאַכן אין געדאַנק אַ דין־וחשבון פון די מעגלעכקייטן, כמעט תמיד קליינע און געווייניכלעך שוין אויסגעשעפּטע. טיילמאָל פלעגט ער הארט פאַר דער פּאָליציי־שעה ביי אַן אַלטן אָדער ניי־געבאַקענעם באַקאַנטן זיצן אַ ביסל צוליב אַן אויסגע־טראַכטן ענין, כדי שפּעטער פעסטצושטעלן, אַז די פּאָליציי־שעה איז שוין אַדורך, אַז ער קען שוין נישט אַהיימגיין און מוז ממילא אַדורכנעכטיקן ביי דעם באַקאַנטן... די געשפּרעכן, וואָס פלעגן אין אַזעלכע פאַלן געפירט ווערן — דאָס איז אַ מבול פון נישט־דערזאָגטע געדאַנקען און אַראָפּגעשלונ־גענע ביטערע פּילן. אַמאָל פלעגן ביידע פּאַרטנערן (דער דירה־אייגנטימער און דער גאַסט) זיין שטאַרק באַזאָרגט און טרויעריק (כאָטש צוליב גאַר פאַרשידענע סיבות). עס פלעגן פאָרקומען אויספרעגונגען, מען האָט גע־פּרוווט איבערצוציינגן, אויסגעהערט פאָרווורפן (אַז ער וואָגט אויסצושטעלן מענטשן אויף אַ געפאַר!), מען פלעגט דערנידעריקט ווערן אויף הונדער־טער אופנים. דאָס ערגסטע אָבער איז געווען דאָס, וואָס אומאָפּהענגיק פון דעם בעסטן ווילן פון די היימלאָזע, פלעגט פריער אָדער שפּעטער קומען צו אַ צוזאַמענשטויס. אויב דער באַלעבאָס האָט גערן אויפגענומען „אויף איין נאַכט", פלעגט דער גאַסט (נישט האָבנדיק קיין ברירה) פאַרלענגערן זיין אויפהאַלט, מיסברויכנדיק אַזוי אַרום מיט דער פריינטלעכקייט פון דעם באַלעבאָס. אויב מיר ווערלן אָפּשאַצן זיין האנדלונג לויט די אָנגענו־מענע געזעלשאַפטלעכע כללים, האָט ער געהאַנדלט זייער מיאוס; ליידער, האָט אָבער דער גאַסט טראָץ זיין טיפן פאַרשטענדעניש פאַר די געזעל־שאַפטלעכע פּרינציפּן ווי אויך פאַר דער לאַגע פונעם באַלעבאָס — נישט געהאַט קיין אויסוועג. אַ חוץ דעם איז ער שוין אָפט געווען פיזיש און פסיכיש פולשטענדיק אויסגעשעפּט מיטן כסדרדיקן ארומזוכן, איינבעטן און אויפצווינגען זיך, מיט דעם אומאויפהערלעכן אַרומלויפן אין דער קייט „עמאָציעס" און מידקייט.

אָפט פלעגט מען פשוט אָפּזאָגן. עס פלעגט זיך אָבער אויך מאַכן, אַז דער באַלעבאָס אָדער די באַלעבאָסטע האָבן נישט געקענט אָפּן פאַרמולירן

זייער אָפּזאָג (אַמאָל צוליב דער פּריינטשאַפט וואָס האָט זיי געבונדן מיטן גאַסט, אַמאָל צוליב זייער קולטור און פּרינציפּן. גלייכצייטיק האָבן זיי נישט געוואָלט (אָדער פּשוט נישט געקענט) באַהאַלטן זייערע געפילן פון אומווילן, פאַרוווּרף אָדער שרעק, וואָס עס האָט אין זיי געוועקט דער אומגעבעטענער וויזיט. (עס זענען באַוווּסט פאַלן ווען מענטשן האָבן געחלשט דערזעענדיק צו זיי אַריינקומען אַ ייִד). די קומענדיקע שעהן זענען געווען פול מיט אומרו. ליגנדיק אויפן געלעגער (וואָס מען האָט אים סוף כל סוף נישט אָפּגעזאָגט) האָט דער גאַסט געפילט די שלאָפלאָזיקייט וואָס האָט געהערשט אין שטוב. ער האָט געוווּסט, אַז די באַלעבאַטים קענען קיין אויג נישט צומאַכן און זיי ליגן אין די בעטן און ציילן אומגעדולדיק די שעהן און מינוטן, וואַרטנדיק אויפן פרימאָרגן, אויף דער רגע ווען דער געפערלעכער (כאָטש אָפּט־גערן געזעענער, טיילמאָל אַפילו געליבטער) גאַסט וועט אָוועקגיין.

אַן אַנדער מאָל פלעגט דער גאַסט זיצן אַסך לענגער ווי מען האָט געקענט פאָרויסזען. אַרויסוואַרפן אים אויף דער גאַס, אויף אַ זיכערן טויט, האָט דער מיט אים באַפריינדעטער (אָדער געוויינלעך קולטורעלער) באַלעבאָס נישט געקענט. פון דער צווייטער זייט איז דער גאַסט פאַר אים געווען אַ לאַסט און געוואָרן אַ פּחד. דער באַלעבאָס פלעגט דעריבער אַליין זוכן פאַר אים אַן אַנדערן מקום. עפּעס אַ תירוץ כדי פון אים זיך צו קענען באַפרייען. טיילמאָל פלעגט ער אים פירן אין אַן אַנדער דירה, איבערלאָזן ביי דער טיר און אָוועקגיין. זאָל ער פאַלן אַן אַנדערן אויפן קאָפּ. דאָרט פלעגט זיך אַלץ אָנהויבן אויפסניי.

וואָס זאָל מען אָבער טון, ווען אויך אַזעלכע מעגלעכקייטן זענען אויסגעשעפּט געוואָרן? דער „נאַטאַרישער פאַרברעכער" איז פאַרבליבן אויף דער גאַס שוין נאָך דער פּאָליציי־שעה. ער פלעגט דעמאָלט „פאַרברענגען" די נאַכט אין אַ וואַרט־זאַל, אויף די שטיגן, פון אַ הויז, אין אַ גערטנדל אָדער גאָר אין אַ בודע פון אַ הונט. ווער ס'איז אַריינגעפאַלן — האָט אויף תמיד פאַרענדיקט זיינע וואַנדערונגען; ווער ס'האָט די נאַכט איבערגעלעבט פלעגט אין דער פרי ווידער אָנהויבן דאָס וואַלגערניש און ווען די נאַכט פלעגט קומען — אויפסניי פיבערנדיק (אָדער גאָר מיט אַ סך רעזיגנאַציע) ווייל מען האָט זיך דעמאָלט אויסגעלערנט שלאָפן שטייענ־

דיק אָדער זיצנדיק — אין האָטעל... „אונטער דער השגחה״, ערגעץ: ווו אויף שטיגן, אין אַ טויער, אונטער אַ בוים.

***

אַמאָל פלעגן פאַרבלייבן אָן אַ נאַכטלעגער נישט נאָר די פאַרפאָלגטע ייִדן, אָבער אויך... לאָמיר ווערטלעך ציטירן: „אַ יונגער בחור, אַנטאָני ר. (נישט קיין ייִד) — דערציילט אַדוו. טאַדעאוש רעק, איינער פון די טיכ־טיקסטע טוער פונעם „ראַט פאַר הילף פאַר ייִדן״ — האָט זיך פאַרנומען מיט אַ מענטש פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. ער האָט אָבער אַליין נישט גע־האַט קיין דירה. איידער ער האָט געפונען אַ פּאַסיקן לאָקאַל, פלעגט ער זיך איינאָרדענען פאָלגנדיק: אין אָוונט פלעגן זיי גיין צו זיינע באַקאַנטע. דאָרט פלעגט זיך „אַנטאָני פאַרעדן און אין אַ געוויסן מאָמענט „אַן איבערגע־שראָקענער״ פעסטשטעלן, אַז עס איז שוין פאַרביי די פּאָליציי־שעה און זיי קענען דעריבער נישט אַוועקגיין. אַזוי אַרום פלעגן זיי ביידע נעכטיקן ביי די באַקאַנטע. דאָס פלעגט זיך איבערחזרן אַ לענגערע צייט״.1)

מען פלעגט אויך אריינפּאַלן פון איין אומגליק אין אַן אַנדערן. עס האָט זיך געשאַפן אַ פאַרכישופט ראָד. אַ ייִד, וואָס האָט פאַרלוירן זיין דירה, פלעגט גיין צו אַן אַנדער ייִד. אָפט פלעגן זיך אין אַזאַ דירה פאַר־זאַמלען אַ סך היימלאָזע. דאָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון דער באַלעבאָסטע, פונעם הויז־וועכטער, אָדער פון אַ שכנטע; לסוף פלעגט אויך די דאָזיקע דירה ווערן „פאַרברענט״.

לאַנג וווינען אויף איין אָרט איז געווען שווער. אַפילו דעמאָלט ווען דער ייִד האָט געהאַט אַ „גוטן״ אויסזען, אַרבעט און „פּאַפּירן״. מענטשן האָבן ליב צו וויסן וואָס ביי יענעם טוט זיך. אויב ס׳קומען צו אים געסט — דאַרפן די שכנים וויסן ווער זיי זענען; אויב נישט — שטעלט זיך ווי־דער אַ קשיא: וואָס איז דאָס פאַר אַ באַשעפעניש, וואָס האָט נישט קיין משפחה, לעבט נישט מיט קיינעם, צו וועמען קיינער קומט נישט? בכדי אויסצומיידן די אַלע ספקות, פלעגט מען זיך באַנוצן מיט הונדערטער מיט־לען. מיר האָבן געקענט מענטשן, וואָס פלעגן צו זיך אַליין שרייבן בריוו,

1) טאַדעוש רעק.

כדי דער „סטרוזש" און די שכנים זאָלן וויסן, אַז ער האָלט מיט עמעצן אָן באַציִונגען. פרויען פלעגן צו זיך אַליין שיקן בלומען און דאָס פלעגט גע־שען אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען זיי האָבן געהאַט גרעסערע עגמת נפש ווי די בענקשאַפט נאָך בלומען. מען פלעגט זיך מאַכן שיכור לכבוד אייגענע „אימיענינעס", אויסגעבן דעם לעצטן גראָשן אויף קויפן פאַר זיך אַליין מתנות.

„מען האָט פיזיש אָפּגעפּילט דאָס וואַקסן פונעם אייגענעם אומרו און די אַרומיקע אַטמאָספער פון וואַרטן אויף סענסאַציעס — דערציילט איי־נער פון די דערפאַרענע — און לסוף פלעגט קומען דער קראַך. דערפאַרע־נע „פּאַפּירענע אַריער" האָבן געוווּסט, אַז אין אַ דירה דאַרף מען נישט פאַרבלייבן לענגער ווי דריי חדשים, ווען אַפילו עס זאָל זיך דוכטן, אַז עס איז דאָרט נישטאָ קיין שום געפאַר".

דער דאָזיקער אַפאַריזם נעמט אָבער אַרום — אַזוי ווי אַלע אַנדערע — בלויז אַ טייל פונעם אמת. ווייל אויב עס האָט טאַקע נישט געדראָט קיין געפאַר האָט דאָס אַריינדרינגען אין דער סביבה, דאָס צוגעווינען צו זיך די שכנים און דאָס איינלעבן זיך מיט זיי דווקא געשטאַרקט די קאָנספּי־ראַציע און קלענער געמאַכט די מעגלעכע פאַרדאַכטן.

ווער האָט דאָס אָבער אַזוי שטאַרק געקענט וויסן, אַז עס „דראָט אים גאָרנישט?".

***

צווישן די פאַרפאָלגטע „אַפּיקורס" זענען טיילמאָל געווען אויך אַזעלכע נישט־ייִדן, וועלכע וואָס גרעסערע פאַרפאָלגונגען פלעגן נאָך שטויסן צו פאַרדאָפּלען זייערע אָנשטרענגונגען און הילף. אייניקע האָבן געפירט זייער טעטיקייט אויף אייגענעם חשבון און אַחריות.

העניע און מאַריאַן ציגלער דערציילן:

„אין קראָקע וווינט הער באָגדאַן מאַנטשעווסקי היינט[1]) איז ער אַלט 65 יאָר. בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע זענען אַ דאַנק אים, ניצול געוואָרן פון טויט 12 מענטשן פון ייִדישער אָפּשטאַמונג. אַ חוץ דעם קענען

1) דאָס פּראָטאָקאָל איז אָפּגענומען געוואָרן אין יאָר 1946.

מיר אַ סך פאַלן ווען ה׳ מאַנטשעוסקי האָט געהאָלפן ייִדן מיט וואָס ער האָט נאָר געקענט.

ביזן סוף פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט הער מאַנטשעווסקי גע־וווינט אין וואַרשע, זשאָליבאָזש, מסציסלאַווסקע־גאַס 12. אינעם דאָזיקן הויז האָבן געוווינט אַ סך נישט־זיכערע מענטשן, אַזוי אַז בלויז דאָס נעכ־טיקן פון אַ ייִד דאָרט איז שוין געווען שטאַרק געפערלעך. טראָץ דעם איז געגנוג געווען אַנצוקלאַפּן אין זיין טיר, ער זאָל דעם אומגליקלעכן באַלד אויפנעמען. עס פלעגט אויך טרעפן, אַז ה׳ מאַנטשעווסקי פלעגט אָפּטרעטן זיין אייגן בעט פאַר קראַנקע ייִדישע פרויען און אַליין פלעגט ער שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. לעבנדיק אין זייער באַשיידענע מאַטעריעלע באַדינ־גונגען, האָט ער זיך נישט געקענט דערלויבן אויף גרויסע הוצאות, ער האָט זיך אָבער געטיילט מיט דעם וואָס ער האָט געהאַט, מיט די ייִדן וואָס זענען ביי אים געווען באַהאַלטן. ער האָט דאָס אַלץ געטון אָן פּערזענלעכן נוצן. נישט דעמאָלט און נישט שפּעטער האָט ער פאַרלאַנגט מען זאָל אים צאָלן. זשאָליבאָזש איז געווען באַקאַנט ווי אַ קאָנספּיראַציע־אָרט; אַהין פלעגן אָפט קומען די געהאַסטע „בודעס״ (פּאָליצײ־אויטאָס). הער מאַנ־טשעווסקיס דירה איז מערערע מאָל רעווידירט געוואָרן דורך דער געס־טאַפּאָ. דעמאָלט פלעגט ער בליץ־שנעל באַהאַלטן די ייִדן אין קעלער, אויפן בוידעם, אין אַ קויש (דאָרט האָט ער מיך באַהאַלטן), הינטער דער שאַנק און ווו נאָר עס האָט זיך געלאָזט. ער פלעגט בייוווינען אַלע רעווי־זיעס און מיט זיין אויפפירן זיך און מוט אַריינפירן די דייטשן אין אַ טעות. נאָך אַזעלכע „וויזיטן״ פלעגט ער נישט נאָר נישט אַרויסוואַרפן זיינע געסט; להיפּוך — ער פלעגט זיי נאָך באַרויִקן און שטאַרקן זייער מאָראַל און פאַרזיכערן, אַז ער וועט בעסער אַליין גיין אויפן טויט איידער עמעצן אויסשטעלן אויף אַ געפאַר. אָפט פלעגט ער נאָך אַ רעוויזיע אויפנעמען נאָך מער ייִדן צולהכעיס דער געסטאַפּאָ.

איך וועל געדענקען באַשרייבן דעם פאַל מיטן „ציגיינער״ (אַזוי פלעגן מיר רופן אַ ייִנגן ייִד, מיט אַ טונקעלער הויט און אַן אומבאַקאַנטן נאָמען, אַ פּליט וואָס איז אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ בשעת זיין ליקווידאַציע). ה׳ מאַנטשעווסקי פלעגט אַרויספאָרן אויף אַ ראַווער נאָך מילך פאַר זיינע „געסט״. אַ געוויסן טאָג האָט ער אין גאַס געטראָפן אַן אָפּגעריסענעם

מענטש, אין וועלכן ער האָט דערקענט אַ ייִד. ער האָט אים מיטגענומען צו זיך, אים אָפּגעוואַשן, געגעבן אים וועש און מלבושים, אָנגעקאָרמעט און אָפּגעגעבן אים אַן אָרט ביי זיך אין שטוב. דער נייער „גאַסט" האָט נישט געהאַט קיין סעמיטישן אויסזען. ה' מ. האָט באַשלאָסן צו באַשעפטיקן דעם „ציגיינער" אין גאָרטן פון אַ שכן. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט גע־ציטערט פאַרן לעבן פון איר מאַן, פלעגט די פרוי מאַנטשעווסקאַ, אין קריי־טישע מאָמענטן, זיך ווענדן צו אים נאָך הילף פאַר די פאַרפאָלגטע ייִדן. אַזוי למשל האָט ה' מאַנטשעווסקי דריי מאָל געפירט פון וואַרשע אויף זשאָליבאָזש און צוריק די פרוי פראַנטשיק. די שוועסטער פון דער פרוי מאַנטשעווסקאַ — אַ דענטיסטקע — האָט געהאַלטן ייִדן אומזיסט, זאָגנדיק אַז געלט וועט זי נעמען נאָך דער מלחמה".

דאָ קומט אַ ליסטע (מיט גענויע פּערסאָנאַליעס) פון ייִדן, וועלכע פאַרדאַנקען זייער לעבן דעם אויבנדערמאָנטן מאַנטשעווסקי 1).

צום סוף פון קאַפּיטל — אַ משל פון לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" אין גוטע באַדינגונגען און דערפאַר אַן שום געוואַלטיקע סענסאַציעס:

— „איך בין אַוועק אויף „אַרישע פּאַפּירן" — דערציילט וואַצלאַוו סטערלינג, (געבוירן אין 1878, געוווינט אין וואַרשע) — אין יאָר 1942. די פרוי מיינע איז קיינמאָל נישט געווען אין געטאָ. פון אָנהייב אָן האָט זי געהאַט דייטשע „פּאַפּירן".

סטעפאַן סקאָטאַרעק, — אַן אייגנטימער פונעם שלאָסער־וואַרשטאַט אויף קאַשיקאָווע גאַס נר. 70, אין וואַרשע, איז געווען אַן אַרבעטסזאַמער מענטש, וואָס האָט גערן געגעבן הילף אַ יעדן, אומאָפּהענגיק פון גלויבן אָדער ראַסע. איך האָב זיך מיט אים באַקענט בשעת דער מלחמה. ווייסנדיק וועגן מיין אָפּשטאַמונג, האָט ער קיין איין רגע אַפילו זיך נישט געוואַקלט מיך איינצומעלדן ביי אים צוזאַמען מיט מיין פרוי. זיי האָבן געהאַט אַ טאָכטער און אַן איידעם, וועלכע פלעגן אויך אָפט קומען נאָכפרעגן זיך וועגן מיין זיכערקייט־צושטאַנד, (ווייל איך בין בלויז געווען איינגעמאָלדן אין זייער פּריוואַטער דירה אויף פאָלנע־גאַס 14, אָבער באמת האָב איך געוווינט נישט געמאָלדן, צוזאַמען מיט מיין פרוי, ביי פרוי מאַריאַ וועלון). פון שטוב פלעג איך אַרויסגיין איינמאָל אין עטלעכע וואָכן, אַזוי, אַז איך

1) מאַטעריאַלן פון דער וו. יי. ה. ק. אין קראָקע (נר. 1020).

האָב זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן. באַהאַנדלט האָט מען אונדז מענטש־לעך. דאָרט האָבן מיר געוווינט ביז דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, העכער צוויי יאָר. בשעת דעם אויפשטאַנד האָבן מיר זיך אַריבער־געטראָגן צום פּאַרפּאַלק סקאָרופּקאָ אויף קאָשיקאָווע־גאַס 53. דאָס זענען געווען גאָר גוטע מענטשן. זיי האָבן אונדז אויסגעהאַלטן לויט זייערע מעגלעכקייטן, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיט לעבנס־מיטל איז געווען זייער שווער. זיי האָבן זיך מיט אונדז געטיילט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט. די סקאָרופּקאָס האָבן אויך אויסגעהאַלטן זייער פּאָטער, אַן אַלטן דאָקטאָר, ווי אויך ה. סקאָרופּקאָס ברודער. פאַר דער מלחמה איז סקאָרופּקאָ געווען אַן אינדוסטריעלער. בשעת דער מלחמה האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט באַנק־ענינים. איך האָב ביי זיי געוווינט די גאַנצע צייט, וואָס עס האָט געדויערט דער אויפשטאַנד, ביז צום שליסן דעם וואַפנשטילשטאַנד מיט די דייטשן. דעם 5טן אָקטאָבער 1944 בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פּיאַסקאָוו מיט מיין פרוי. אויף אַ פּאַס פון די סיעראַסקיס, וועמענס טאָכטער מיר האָבן קענען־געלערנט בעת דער מלחמה. זיי האָבן אין פּיאַסקאָוו געהאַט אַן אייגן הייזל. לגבי אונדז האָבן זיי זיך אויפגעפירט זייער פריינטלעך, אונדז פולשטענדיק אויסגעהאַלטן. מיר האָבן זיי אָפּגעדינט לויט אונדזערע מעגלעכקייטן, ווייל מיין פרוי וואָס איז געווען אויף „אַרישע, דייטשע פּאַפּירן" פלעגט פאָרן קיין וואַרשע און זי האָט געבראַנגט אונדזערע בעל־הבתים זייער האָב און גוטס, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען אַ וואַליזע מיט איינשפּריצונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסן ווערט.

מיר זענען דאָרט פאַרבליבן 5—4 חדשים, ביז צום אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי".1)

1) צ. יי. ה. ק. נר. 1(695 פּראָט. ק. מירסקי).

XI

„אויסלענדישע בירגער" און די אפערע פון „האָטעל פּאָלסקי"

רעדנדיק וועגן „פּאַפּירן" האָט מען אויסגערעכנט „קענקאַרטעס", מעטריקעס, באַשטעטיקונגען. לאָמיר צוגעבן, אַז ביז אַ געוויסן מאָמענט האָבן די דייטשן רעספּעקטירט בירגער פון פרעמדע מלוכות. אין שייכות דערמיט האָט מען זיך אויך באַנוצט מיט פאַלשע (אָדער האַלב־פאַלשע) דאָקומענטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט אַזאַ אָדער אַן אַנדערע בירגערשאַפט. דאָס פאַרשאַפן זיך אַזעלכע דאָקומענטן האָט געפירט דורך פאַרשידענע מאַכינאַציעס, טראַנזאַקציעס, קאָמבינאַציעס. אויך דאָ זענען אגב געווען פאַרשידענע עטאַפּן, אָפּהענגיק פון דער „וויכטיקייט" פון די פּאַפּירן אין געגעבענעם צייט־אָפּשניט. אין אָנהייב פלעגט „טויגן" יעדע אויסלענדישע בירגערשאַפט; שפּעטער האָבן פאַרלוירן זייער כוח די בירגערשאַפטן פון אָקופּירטע לענדער. זייער לאַנג האָט מען רעספּעקטירט די בירגער פון פיינטלעכע לענדער (פאַרייניקטע שטאַטן, ענגלאַנד און פאַרשידענע דרום־אַמעריקאַנישע רעפּובליקן). סוף־כל־סוף זענען אויך די לעצטע געוואָרן טריף. נישט געקוקט דערויף האָבן (אין פאַרשידענע צייט־אָפּשניטן) די פּערעגאַטיוון, וואָס עס האָבן געשאַפן אויסלענדישע פּעסער, דערמעגלעכט פאַרשידענע אונטערנעמונגען.

מיט דער אויבנדערמאָנטער דערשיינונג איז פאַרבונדן צוו. אַנד. איינע פון די געהיימניספולסטע אַפּערעס, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „דער ענין פון האָטעל פּאָלסקי".

אין דעם זעלבן יאָר 1943, ווען עס זענען פֿאָרגעקומען די גהינומדיקע „ליקווידאַציעס“ אין די געטאָס, תּיכּף נאָכן אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און גלייכצייטיק מיט די שווידערלעכע רעפּרעסיעס קעגן די ייִדן וואָס האָבן זיך נאָך אויסבאַהאַלטן, האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן אַ מין ווערבירן אויף... עמיגראַציע.

די זאַמל־פּונקטן אין די ביוראָען (געפֿירט דורך דער געסטאַפּאָ) האָבן זיך אין אָנהייב געפֿונען אין האָטעל „ראָיאַל“ אויף כמיעלנע גאַס און שפּעטער אין „האָטעל פּאָלסקי“ (אויף דלוגע 29). פֿון דעם נעמט זיך דער נאָמען.

דער אָנהויב פֿון דער אַפֿערע איז געווען אַזאַ: פֿון אויסלאַנד (דורך דער נייטראַלער שווייץ) איז געקומען אַ געוויסע צאָל ארץ־ישׂראלדיקע און דרום־אַמעריקאַנער פּאַספּאָרטן (פֿאַר באַשטימטע ייִדן) דער געגעבענער ייִד פֿלעגט אַ דאַנק דעם פּאַס ווערן אַן אויסלענדישער בירגער און באַקומען דאָס רעכט אַרויסצופֿאָרן. מען האָט אַפֿילו געשמועסט וועגן אַן „אויסטויש“ אויף דייטשן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין געפֿאַנגענשאַפֿט ביי די אַליאירטע, אָבער אין דער צייט, ווען די דערמאָנטע פּעסער זענען אָנגעקומען, האָט שוין די מערהייט פֿון די מענטשן, פֿאַר וועלכע זיי זענען געווען באַשטימט, נישט געלעבט. די געסטאַפּאָ האָט דעריבער פֿאַרקויפֿט די דאָקומענטן אַנדערע ייִדן, וועלכע פֿלעגן אָננעמען די נעמען, וואָס האָבן פֿיגורירט אין די פּעסער. נאָך מער: אַזוי ווי די פּעסער זענען געווען אויסגעשטעלט פֿאַר גאַנצע משפּחות, האָט מען צוזאַמענגעפּאָרט פֿיקטיווע פּאָרן און צוגעגעבן זיי אַפֿילו קינדער. און דאָס איז נאָך אַלץ נישט גענוג. אין מאָמענט ווען וואַרשע (און נישט נאָר וואַרשע), איז, פֿאָרמעל, שוין געווען „יודנריין“, האָט זיך קיינער עפּעס נישט געוווּנדערט פֿון וואַנען עס נעמען זיך די הונדערטער מענטשן, וואָס האָבן זיך געמאָלדן. קיינער האָט זיי נישט אַרעסטירט, קיינער האָט זיי נישט געפֿרעגט ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ביז איצט. ווען עס פֿלעגט זיך מאַכן, אַז מען האָט איינעם פֿון זיי אַרעסטירט אויף דער גאַס, האָט די געסטאַפּאָ פֿון „האָטעל פּאָלסקי“ תּיכּף אינטערווענירט אינעם געגעבענעם קאָמיסאַריאַט און דער אַרעסטירטער פֿלעגט באַלד באַפֿרייט ווערן. מער ווי דרייסיק אַזעלכע „אויסלענדישע בירגער“ האָט מען אַפֿילו אַהערגעבראַכט פֿונעם לאַגער אין פּאָניאַטאָוו.

די פּאַספּאָרטן האָבן געהאַט אַ באַשטימטן פּרייז, וואָס איז מיט דער

צייט— אין פאַרגלייך מיט דער סיטואַציע — געוואָרן אַ קאָמיש נידעריקער. די רעגיסטרירטע האָבן געוווינט אין „האָטעל פּאָלסקי". די באַדינגונגען זענען געווען גוטע. די געסטאַפּאָ־לייט זענען געווען אויסערגעוויינלעך העפ־לעך. ביים מינדעסטן אינצידענט פלעגן זיי זיך אַנטשולדיקן. די אומבאַ־קוועמלעכקייטן האָבן זיי אויסגעטייטשט מיט די שווערקייטן פון די מלחמה־צייטן. די רעגיסטרירטע האָט מען איבערגעפירט אין אַ לאַגער וואָס עס האָט זיך געפונען אין וויטעל (פראַנקרייך). פון די וואָס זיינען אָפּגעפאָרן מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען בריוו. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי לעבן אין גוטע באַדינגונגען אויף די רעכט פון אינטערנירטע אויס־לענדער.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן ווי אַזוי דאָס אַלץ צוזאַמען האָט גע־מוזט ווירקן אויף יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און טאָג איין און טאָג אויס געקעמפט מיטן טויט. מען האָט די דייטשן נישט געגלויבט, אָבער גלייכצייטיק איז שווער געווען צו רעזיגנירן פון אַזאַ געלעגנהייט. אַחוץ דעם איז דאָ געווען פאַרמישט אויסלאַנד; דאָס לעגענדאַרע אויסלאַנד אויף וועמענס אינטערווענץ מען האָט געוואַרט פון אָנהויב אָן.

די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דורך געהיימע וועגן אַרויס־געשיקט אָנפראַגן וועגן דער דאָזיקער משונהדיקער אָפּערע קיין קלאָרע הכחשה איז נישט געקומען.

דער באַשלוס איז דעריבער געווען אָפּהענגיק אָדער פון אַ צופאַל אָדער פון דעם גלויבן אין זייער גוטן אינסטינקט מצד די מענטשן וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט. אַ געוויסן איינפלוס האָט אויך געהאַט דער פאַקט וואָס חשובע מענטשן וואָס האָבן גענאָסן פונעם אַלגעמיינעם צוטרוי, האָבן זיך אַנגאַזשירט אין דעם עניק. (צווישן אַנדערע האָט זיין משפחה פאַרעגיס־טרירט דוד גוזיק, איינער פון די פאַרמלחמהדיקע דירעקטאָרן פון „דזשאָינט" 1).

דאָס אַנטשטיין און די עקזיסטענץ פון דער באַשריבענער אימפּרעזע האָט — פאַרשטייט זיך — תיכף געשאַפן אַ גאַנצע קייט פון פאַרמיטלער און אינפאָרמאַטאָרן. מען האָט — אין אַ שטימונג פון פיבערדיקער שפּאַ־

1) געווען דירעקטאָר פון „דזשאָינט" אין פוילן אויך נאָך דער מלחמה, אומגעקומען אין אַ לופט־קאַטאַסטראָפע דעם 5טן סעפּטעמבער 1946.

בונג און וואַקלענישן „קאָמפּלעטירט״ משפחות און געדונגען זיך. מענטשן וואָס האָבן זיך שוין געהאַט רעגיסטרירט פלעגן זיך פּלוצים צוריקציִען אונטערן איינפלוס פון עפּעס אַ חשד. און פאַרקערט: מענטשן וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, פלעגן כּאַטיש פאַרנעמען די ליידיק־געוואָרענע ערטער.

דערווייל איז דער לעצטער טראַנספּאָרט, אַנשטאָט קיין וויטעל, אָפּ־געשיקט געוואָרן אין דער תפיסה פון פּאַוויאַק. דאָ איז אַ העלפט פון די נישט־דערגאַנגענע עמיגראַנטן דערשאָסן געוואָרן. אַ צווייטער טראַנספּאָרט איז (אַנשטאָט קיין וויטעל) פאַרפאָרן קיין האַמבורג און אַ סך פאַרשיקטע זענען שפּעטער אַריינגעפאַלן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

די וואָס זענען אָנגעקומען אין לאַגער פון וויטעל האָבן באמת געלעבט אין גוטע באַדינגונגען 1). ס'איז בלויז געשען איין „קליייניקייט״. אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן די דייטשן פאַראָרדנט אַ „קאָנטראָל״, אַ ווערימיקאַ־ציע פון די זעלבע פּעסער וואָס נישט עמעץ אַנדערש נאָר די געסטאַפּאָ אַליין האָט אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, אַרויסגעגעבן מיט דער גאַנצער פרעמעדי־טאַציע. די באַזיצער פון „פּאַפּירן״ וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר נישט־אויטענטישע (אָדער נישט געהערנדיק צו די געגעבענע מענטשן) זענען אויסגעמאָרדעט געוואָרן. אין רעזולטאַט פון דער דאָזיקער קאָמבי־נאַציע זייערע 2), האָבן די דייטשן איבערגעלאָזט ביים לעבן בלויז עטלעכע צענדליק פון די העכער דריי טויזנט יידן, וואָס זיי האָבן אַליין אין וואַרשע געמאַכט פאַר בירגער פון מעבר־לים מדינות און דערמעגלעכט זיי דאָס אַרויספאָרן.

צווישן אַ סך אַנדערע איז דעמאָלט אומגעקומען דער גרויסער ייִדיש־העברעיִשער דיכטער, דער פאַרטרויונגס־מאַן און באַזינגער פון דער ייִדי־שער קאַמף־אָרגאַניזאַציע — יצחק קאַצענעלסאָן 3).

די אָפּפערע פון „האָטעל פּאָלסקי״ האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיט די דערמאָנטע קרבנות. זי האָט איבערגעלאָזט עקשנותדיקע און ווייטיקלעכע

1) פון די זכרונות פון די אינטערנירטע אין וויטעל. פאַרגלייך צוו. אַנד. מיטן בוך פון הלל זיידמאַן.

2) נאָך איין מין פון די באַרימטע דייטשע „סעלעקציעס״.

3) דער מאַנוסקריפּט פון זיין ליד „פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״ איז אָפּ־געראַטעוועט געוואָרן נאָך דער מלחמה אין אויסלאַנד.

פאַרדאַכטן לגבי די, וואָס האָבן גורם געווען דאָס רעגיסטרירן זיך פון אַנדערע מענטשן און זענען אַליין געבליבן לעבן. מען האָט פאָרגעוואָרפן אומשולדיקע מענטשן וואָס האָבן געהאַט די בעסטע כוונות, אַז זיי זענען פּראָוואָקאַטאָרן, פאַרקויפטע נשמות, פאַררעטער 1).

אַחוץ אַלע אַנדערע 2) האָט די אַפּערע פֿ:ן „האָטעל פּאָלסקי" פאַרמאָגט נאָך איין אַספּעקט:

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, האָבן זיך די קאַנדידאַטן רעקרוטירט צווישן מענטשן, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען פאַרקאָנספּירירטע. אַזוי אַרום איז די באַשריבענע אַפּערע געווען אַ מיטל אַריינצוציען אין אַ פולאַפּקע מענטשן וואָס האָבן באַוויזן אויסצומיידן די פאַרוואָרפענע נעצן און וואָס האָבן געהאַט פאַרשידענע אויסזיכטן צו בלייבן לעבן. אגב־אורחא האָבן די קאָנסעקווענצן פון דער אַפּערע באַדראָט אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַצייטנס צוריקגעצויגן און זענען פאַרבליבן אין וואַרשע, אָבער בעת די באַמיִונגען אַריינצוקומען אין „האָטעל פּאָלסקי" זיך דעקאָנספּירירט. עס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אַ גאַנצע ריי „מעלינעס" און מיטלען. מען האָט אומפאָרזיכטיק אַנטפּלעקט אַ ריי שפורן, וואָס מען האָט שפּעטער מיט אַ סך אָנשטרענגונגען געמוזט נייטראַליזירן און פאַרווישן.

די געבערנגטע דערשיינונג איז נאָך איין שטריך צו די דייטשע מעטאָדן פון אַריינפירן אין טעות („טאַרנונג") וועגן וועלכע ס'איז שוין פיל מאָל דערמאָנט געוואָרן. דאָס גיט אויך אַן ענטפער פאַרוואָס די ערנסטע דערפאַרונגען האָבן נישט געקאָנט אַ סוף מאַכן צו אַלע שעדלעכע אילוזיעס. אין באַצוג צו די אַרישע פּאַפּירן: פאַרוואָס די שוין אויסגעקעמפטע (נאָך אַזויפיל אָנשטרענגונגען) קאָנספּיראַציע איז אונטערליגן פלוצימדיקע אויפטרייסלונגען.

נאָר צוליב דעם דערמאָנען מיר דאָ וועגן דער דאָזיקער אַפּערע. מיר באַגרענעצן זיך נאָר צו עטלעכע אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס, נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין גענויערע פּרטים.

1) זע צ. א. די דערציילונג פון אַדאָלף רודניצקי א. נ. „דער אומשולדיקער דאַניעל" (אין דער זאַמלונג פון דעם זעלבן מחבר) א. נ. „שעקספּיר".

2) ס'איז אַ פאַקט, אַז מען האָט פון אויסלאַנד געשיקט נישט נאָר פּעסער, נאָר עס זענען פאָרגעקומען געוויסע געשפּרעכן וועגן אַן אויסטויש.

X

אויף ארבעט אין „רייך“, אין אוקראינע, אין די באלאקן-לענדער און אין די סקאנדינאווישע לענדער

1. דאָס נעמען צו צוואַנגס־אַרבעט. — 2. עסקנים מיט „מאַכערס“. 3. „אַרבייטסאַמטן“. — 4. אַ בריוו פון „זון“. — 5. אַרבעטער פון דער גאַסן־כאַפעריי. — 6. „צייגן זי מיר אירע אָהרען“. — 7. די „טאָדט־אָרגאַניזאַציע“. — 8. אין קרים און ערגעץ אַנדערש. — 9. די אָדיסייע פון א. פאלמאן: מיט שקלאַפן קיין נאָרוועגיע; דאָס אַנטלויפן דורך בערג אין דעם נייטראַלן שוועדן. — 10. מיט דער דייטשער אַרמיי קיין דענעמאַרק. — 11. געפרווט — אָבער...

די דייטשן האָבן, ווי באַוווּסט, דורכגעפירט אין די פאַרנומענע לענדער אַ מאָביליזאַציע צווישן דער אָרטיקער באַפעלקערונג, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. מיליאָנען קנעכט האָבן געדאַרפט פאַרבייטן די דייטשן, וועלכע זענען אַוועק אויף די פראָנטן. דאָס האָט אויך געהאַט אַ שייכות מיט די דייטשע פלענער אויף להבא. עס איז געמלעך באַוווּסט, אַז לויט דעם היטלעריסטישן פּראָגראַם איז די דייטשע באַפעלקערונג — אַלס „הערן־פאָלק“ — באַשטימט געווען אויסשליסלעך נאָר צו די „איידעלערע“ אַרבעטן. דאַקעגן די „שוואַרצע“ אַרבעט האָבן — לויט דעם זעלביקן פּראָגראַם — געדאַרפט אויספירן די „נידעריקערע“,

באַזיגטע פעלקער און קודם־כל די פעלקער פון סלאַווישן אָפּשטאַם. די צוואַנגס־מאָביליזאַציע אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד האָט דעריבער גע־דאַרפט זיין דער יסוד פון דעם צוקונפטיקן דייטשן קאָלאָניאַלן סיסטעם אין האַרץ פון אייראָפּע.

אַ סך ייִדן, וואָס האָבן געלעבט אויף „פּאַפּירן" האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט. דאָס אַרויסגעפירט ווערן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד (וואָס פּאַר אַנדערע איז עס געווען אַ מין קאַ־טאָרגע, האָט זיי געגעבן נאָך איין שאַנס אויסצומיידן דעם טויט).

דאָס נעמען מענטשן אויף דער דאָזיקער אַרבעט האָבן דורכגעפירט די „אַרבעטס־אַמטן", ווי אויך זייערע פאַרשידענע אָפּטיילונגען און אַגענצן.

אין די דאָזיקע „אַרבעטס־אַמטן" איז געשען פאַרשידנס. נעמענדיק אין אַכט, אַז די באַפעלקערונג האָט זיך געווערט מיט אַלע כוחות קעגן דער כאַפּעניש אויף אַרבעט אין „רייך", איז דער נאָכפרעג תמיד געווען אַ גרויסער און דער „קאָנטיגענט" — נישט אויסגעפילט. אין די דאָרפישע גמינעס און אין די שטאָטישע צענטערן האָבן זיך תמיד געדרייט די אַזוי־גערופענע „מאַכערס", וועלכע האָבן פּאַר אַ געהעריקן שוחד באַפרייט די יעניקע, וועלכע זענען באַשטימט געווען אַרויסגעשיקט צו ווערן. כדי צו פאַרפולן דעם „קאָנטיגענט", האָבן זיי „געדונגען" אויף זייער אָרט אַנ־דערע, מייסטנטייל אָרעמע, וואָס האָבן מסכים געווען צום אַרויספאָר פּאַר אַ געוויסע סומע. (דאָס געלט איז איבערגעלאָזט געוואָרן זייער פאַמיליע, וואָס איז איבערגעבליבן אין לאַנד). דאָס באַשטימען אַרבעטער צום אַרויס־פאָר איז חוץ דעם געווען אַ גאַנץ שווערער ענין און איז זעלטן פאַרגע־קומען אָן קריגערייַ, וואָס איז געקומען פון קנאה. איבערהויפּט איז דאָס פאָרגעקומען אויפן דאָרף, ווו דאָס באַשטימען אַרבעטער פלעגט געמאַכט ווערן דורך דעם דאָרפסראַט. אין געוויסע ערטער האָט מען זיך דעריבער איינגעאָרדנט אַזוי: אַנשטאָט צו באַשטימען קרבנות, האָט מען צוזאַמענ־גענומען געלט און געדונגען אַרבעטער. די לעצטע האָט מען גענומען פון וואַנען עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווער שמועסט, אַז דער „פּרייווויליקער" האָט נישט פאַרלאַנגט קיין באַלוינונג. „אַ געשענקט פערד קוקט מען נישט אין די ציין" — זאָגט דאָס פאָלקסוואָרט. מען האָט דעריבער נישט פיל חוקר ודורש געווען אַבי צו באַקומען די געהעריקע צאָל. פון דער צוויי־

טער זייט אָבער האָט „אַ פּריווילעקיייט" אָן וואָרענישן געמוזט דערוועקן געוויסע חשדים און ס'איז נישט געווען עפּעס לייכטערס, ווי גראָד דורך דעם צו ציִען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. דעריבער האָט דער „מאַכער" זייער אָפּט געגומען שוחד פון דעם מענטש, וועלכן ער האָט באַפרייט און פון דער צווייטער זייט האָט ער אויך גענומען געלט פון דעם פּאַרקאָנספּי־רירטן ייִד, מיט וועלכן ער האָט פאַרפולט דאָס אָרט פון באַפרייטן. דאָס זעלביקע האָבן אויך געטון די באַאַמטע פון די „אַרבעטס־אַמטן".

טראָץ דעם אַלעם אָבער איז דאָס אָנקומען צו די געהעריקע מענטשן געווען זייער שווער. נישט איין ייִדישער מאַן, אָדער פרוי, איז אומגע־קומען נישט געפינענדיק די געהעריקע „מאַכערס".

אויסער דעם האָבן זיך די שוועריקייטן לחלוטין נישט געענדיקט אין דעם מאָמענט, ווען מען האָט זיך שוין געפונען אויף דער רשימה. עס האָט נאָך געוואַרט די קאָנטראָל פון „פּאַפּירן" אין דעם צעטיילונגס־אַרבעטסאַמט און עס האָט נאָך געוואַרט די מעדיצינישע אונטערזוכונג. (געפערלעך איבערהויפּט פאַר די ייִדישע מענער). צוליב דעם האָבן פיל בעסערע שאַנסן געגעבן די דירעקטע „באַציִונגען" מיט די פונקציאָנאַרן פון „אַרבעטס־אַמט", ווייל אין דער צייט, וואָס דער „הענדלער מיט דער לעבעדיקער סחורה" האָט פאַרענדיקט זיין אויפגאַבע דעמאָלט ווען די „סחורה" האָט זיך געפונען אויף דער רשימה, האָט דער באַאַמטער פון אַרבעטסאַמט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט דעם, דורך אים איבערגעקויפטן, דאָקטאָר.

ס'איז געווען נאָך אַן אַנדער אופן: די גאַנצע פּראָצעדור האָט דורכ־געמאַכט דער פּאַקטישער מאָביליזירטער. נאָכן דורכמאַכן די פּראָצעדור איז אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פון דעם אַמטלעכן בנין און ערשט דעמאָלט האָט מען אויף זיין אָרט אין דער קאָלאָנע אַריינגעשטעלט דעם ייִד.

ווי אַלץ אין די דאָזיקע יאָרן, איז די קאָנטראָל טיילמאָל געווען אַן איבערפלעכלעכע, אַן אַלגעמיינע — כמעט אינגאַנצן קיין קאָנטראָל נישט — טיילמאָל איז זי געווען אַ גרינטלעכע מיט פיל געפאַרן.

עלזאַ פאלקמאַן איז אַנטלאָפן פון לעמבערג קיין ראַדאָמסק. דאָרט האָט זי געלעבט אויף „פּאַפּירן" און האָט געאַרבעט (ווי אַ דינסט) ביי דער פרוי

פון אַ דייטשן מאַיאָר. אין יולי 1943 האָט זי אין אָרטיקן „אַרבעטס־אַמט" אָנגעמאָלדן איר גרייטקייט אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט אין „רייך". דער באַאַמטער האָט אָנגעקוקט אירע פּאַפּירן און צוליב דעם, וואָס איר „אַר־בעטס־קאַרטע" איז געווען אויסגעשטעלט אין וואַרשע, האָט ער זי איבער־געשיקט אין דער דאָרטיקער אָפּטיילונג. ער האָט נישט געוווּסט (דערפאַר אָבער האָט זי דאָס זייער גוט געוווּסט), אַז דאָרט טאָר זי זיך נישט ווייזן. (די קאַרטע איז געווען אַ „ליפע" און האָט נישט פיגורירט אין די דאָר־טיקע אַקטן און דאָס אַליין וואָלט זי געקענט דעמאַסקירן). צוליב דעם האָט עלזאַ פאַלקמאַן דערציילט דעם באַאַמטן אַזאַ מין מעשה: זי איז אַן אלמנה נאָך אַ וואַרשעווער גימנאַזיע־פּראָפעסאָר, וועלכער איז מיט אַ יאָר צוריק אַרעסטירט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין אָשוויענטשים. דאָרט איז ער אומגעקומען. תיכף נאָך דעם איז אויך אַוועק־געשטאָרבן איר קליין טעכטערל. זי איז געבליבן אַליין אָן קרובים און אָן באַאַקנטע, אַרומגערינגלט בלויז מיט שרעקלעכע זכרונות. דערביי איז זי גיכער גרייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, אײדער צו פאָרן קיין וואַרשע. דאָ אין ראַדאָמסק, ביי „אַ פריינדין פון דער יוגנט" איז זי אַביסל געקומען צו זיך. איצט וויל זי אַרויספאָרן קיין דייטשלאַנד כדי אָנצוהויבן אַ ניי לעבן אין א נייער סביבה. דער באַאַמטער איז געווען גערירט. ער האָט איר פאַרזיכערט, אַז ער פאַרשטייט איר לאַגע. לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער אין ווין און קאָן זיך אויף מענטשן. ער דערקענט גלייך ווער עס זאָגט דעם אמת און ווער עס זאָגט ליגן. וואָס נוגע איר, האָט ער תיכף באַמערקט, אַז ער האָט צו־טון מיט אַ „בעסערער דאַמע". ער האַלט פאַר זיין חוב — האָט ער דערקלערט — צו דערפילן איר ווונטש. „איר זענט אַן אלמנה נאָך אַ פּראָפעסאָר, אַ געבילדעטער מענטש"; און ער האָט איר פאָרגעלייגט אַ רשימה פון פרייע פּאָסטנס אין דייטשלאַנד, זי זאָל זיך אויסקלייבן, וועלכן פּאָסטן ס'איז איר צום האַרץ. ער האָט איר פאָרגעלייגט אויסצוקלייבן אין דרום־דייטשלאַנד. „די מענטשן זענען דאָרט האַרציקער". אַמבעסטן — די אַרבעט אין פּענסיאָנאַט אין קאַרלסרוהע. מען זוכט דאָרט, וואָס אַן אמת נאָר אַ מיידל צו פאַרשידענע באַדינונגס־אַרבעט, אויפן אָרט וועלן זיי זיך אָבער איבערצייגן, אַז איר זייט אַן איני־טעליגענטע פרוי און מען וועט אייך געבן אַ בעסערע אַרבעט. ס'קאָן אַפילו

זיין, אַז מען וועט אייך דאָרט נעמען אויף אַרבעט אין ביוראָ 1). געוויס: די אויפפירונג פון באַאַמטן האָט אויך געקענט זיין אין גאַנצן אַנדערש.

— —

רענא קנאל (געבוירן אין קראָקע 1927) דערציילט:

„די כלה פון אונדזער באַלעבאָס האָט אונדז דערציילט וועגן אַ געוויסן יונגן מענטש וואָס אַמטירט אין אַרבעטס־אַמט, אַז ער פירט אַרויס פּאָליאַקן צו צוואַנג־אַרבעט קיין דייטשלאַנד. ווייטער האָט זי איבערגעגעבן, אַז ייִדן דערליידיקן זיך דאָס ביי אים פאַר געלט. זייענדיק אין אַן עת־צרה, האָבן מיר זיך צו אים געוואָנדן. די מומע האָט פאַרקויפט חתונה־רינגלעך און האָט אים געגעבן צו צוויי טויזנט זלאָטעס פאַר אַ קאָפּ, כדי אונדז צו באַזאָרגן טראַנספּאָרט־שיינען צום אַרויספאָר. מיט דער הילף פון די באַשטעטיקונגען זענען מיר דעם 10טן אָקטאָבער 1943, אַרויסגעפאָרן, צוזאַמען מיט אַ פּאָליאַק, קיין טיראָל. אויפן וועג האָט מען אונדז זעקס מאָל קאָנטראָלירט די פּאַפּירן. איינמאָל האָט מען אונדז שיִער נישט פאַרהאַלטן צוליבן פעלן פון פּאָטאָגראַפיעס אויף אונדזערע דאָקומענטן. צום סוף זענען מיר אָנגעקומען קיין אייגעלס ביי אינסברוק, צו פרוי זאָפיאַ רזשעבאָווסקאַ, וואָס איז געווען אַ פריינדין פון רובעק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פרוי איז אַ ייִדישע, אָבער מען האָט דערפון נישט גערעדט. זי האָט זיך מיט אונדז פריינטלעך פאַראינטערעסירט. זי האָט אונדז געגעבן דעם אַדרעס פון פעלטשער יוזעף בויס אין סאלבערג־האַלע, ביי וועמען מיר האָבן געדאַרפט געפינען אַרבעט. ער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער מענטש. אַ פויער און אַ זון פון אַ פויער אונטער טאָרנע — איז ער געוואָרן פאַרשיקט אויף אַרבעט אין סודעטן־גאו; פון דאָרטן איז ער אַנטלאָפן און אָנגעקומען ווי אַ קראַנקער אין אינסבורגער שפּיטאָל. דאָ האָט ער דערציילט, אַז ער איז אַ זון פון אַ דאָקטאָר, וואָס איז געפאַלן אין קאַטין און דעריבער האָבן זיך מיט אים פאַראינטערעסירט אַנדערע דאָקטוירים. ער האָט געהאַט אַן אייגעבוירענע אינטעליגענץ און האָט זיך אָנגעהויבן לערנען מיט התמדה מעדיצין, לאַטיין. דורך אַסיסטירן ביי סעקציעס האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט די מלאכה אַזוי אַז מען האָט אים שפּעטער דער־

1) לויט דער מיטטיילונג פון א. פאַלקמאַן.

פאַר געצאָלט. גאָר שנעל איז ער געוואָרן דער פאַרטרעטער פון שפּיטאָל־לייטער אין באַראַק פאַר אויסלענדער. ער האָט שוין אָנגעהויבן היילן אויף אייגענער האַנט. מען דאַרף דאָ נאָך באַמערקן, אַז ער האָט זיך כסדר געלערנט. טראָצדעם וואָס ער האָט צוליב זיין נישט־פאַכמענישקייט מסתם געהאַט אַ סך מענטשן אויפן געוויסן, האָט ער אָבער געהאָלפן מענטשן און בפרט פּאָליאַקן. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ זעלטן גוט האַרץ. בעת אונדזער אָנקומען האָט ער געהאַט די אומבאַגרענעצטע מאַכט אין שפּיטאָל פאַר אויסלענדער. אונדז האָט ער אויך אַרויסגעוויזן אַ סך האַרץ. ווען מיר האָבן זיך געמאָלדן צו אים, האָט ער איבערגעלאָזט זיין אַרבעט און געגאַנגען מיט אונדז אין אַרבעטס־אַמט. די פּיס האָבן אונדז געציטערט פאַר שרעק, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום דאָקומענט אַ חוץ דעם פאַלשן פּאַפּירל פון טראַנספּאָרט־שיין אָן אַ פאָטאָגראַפיע. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט ווען מען האָט אונדז צוגעטיילט פאַר רוימערינס אין אַ שפּיטאָל. מיר האָבן מורא געהאַט צו בלייבן צוזאַמען אין איין האָטעל. מיר האָבן אָנגענומען די אַרבעט אין אַ פינף־שטאָקיקער געביידע, ווו איך האָב געדאַרפט אַרבעטן צוזאַמען מיט אַ דייטשקע. כ'האָב דעמאָלט געהאַט 16 יאָר. איך האָב דאָרט שווער געאַרבעט. אָבער נאָך זענען שווערער געווען די שיקאַנעס פון דער דייטשקע, וואָס האָט מיר שיקאַנירט אויף שריט און טריט. איין חודש האָב איך געהאַט מנוחה, ווייל זי איז קראַנק געוואָרן און זי איז געווען אין שפּיטאָל. ווען זי איז צוריקגעקומען איז זי געווען נאָך שלעכטער. איך האָב זיך דעמאָלט געוואָנדן צו דער באַלעבאָסטע פון האָטעל, זי זאָל מיך באַפרייען פון דער דייטשקע, איך האָב שוין נישט געבעטן, נאָר איך האָב געוואָרנט, אַז איך וועל איר טאָן אַזאַ זאַך, אַז זיי וועלן מיר געדענקען. איך בין געווען אין אַזאַ שטימונג, אַז איך האָב כסדר געטראַכט וועגן זעלבסטמאָרד. איך האָב אויך געליטן צוליב דעם, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט מיין מוטער. צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָב איך גלייך צומאָרגנס באַקומען אָן אַנדער אַרבעט. כ'האָב זיך איבערגעטראָגן אין אַ האָטעל ווו עס האָט געאַרבעט מיין קוזינע און ווו עס איז אַגב געווען אַ פרייער פּלאַץ. דאָרט האָב איך איבערגעלעבט דריי גיהנום־חדשים. די אייגנטימעריך פון האָטעל, ראָזאַ שטיינמייער פון האַלע אין טיראָל, האָט מיר פאַרסמט דאָס לעבן, נישט געגעבן צו עסן און מיך אויסגענוצט צו

די שווערסטע אַרבעטן אין שרעקלעכע באַדינגונגען. נאָך גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר זיך באַפרייט פון דער אַרבעט. ביידע האָבן מיר באַקומען אַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק. מיר האָבן געוווינט פּריוואַט ביי אַ דייטשקע. עס איז אונדז גוט געווען. דאָרט זענען מיר געווען צוויי יאָר״ 1).

אויף אַ ספּעציעל אינטערעסאַנטן אופן איז געקומען קיין דייטשלאַנד טאַדעוש פּעטערזייל (געב. 1923, אין לאָדזש): ער און זיין ברודער זענען דאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן פון אַ תפיסה. לאָמיר אָבער דערציילן זייער פאַל לויטן סדר פון די געגעבענע געשעענישן:

פון לאָדזש, ווו זיי האָבן געלעבט פאַר דער מלחמה, האָט זיך טאַדעוש פּעטערזייל (צוזאַמען מיט זיינע עלטערן) איבערגעצויגן קיין וואַרשע און געלעבט אין דאָרטיקן געטאָ ביז די גרויסע „אויסזידלונגען״. נאָך עטלעכע נישט־געלונגענע און גאַנץ סענסאַציאָנעלע פּרוון, געלינגט אים, דעם 10טן אויגוסט 1942, צו פאַרלאָזן די מויערן פון געטאָ אויף אַ לאַסט־וואָגן. אויף דער „אַרישער זייט״ טרעפט ער זיך מיט זיין ברודער. ער קריגט אַ פאַלשע „קענקאַרטע״ פון דעם סאָציאַליסטישן טוער ראַפאַל פּראַגא, פאַרברענגט אַ חודש־צייט אויף דער דאַטשע ראַדאָשטש, שפּעטער אין סקיערניעוויצער געגנט, נאָך שפּעטער אין וואַרשע. ענדלעך באַזעצט ער זיך, צוזאַמען מיט דעם ברודער, אין דעם שטעטל טערעספּאָל, ווו זיי האָבן נישט קיין יידישע באַקאַנטע.

טערעספּאָל, אַ גרענעץ־שטעטל, איז אָבער פול מיט געסטאַפּאָ און מיט כלערליי קאָנטראָלן. אַ דאַנק פּראָטעקציעס, באַקומט דער ברודער אַ פּאָסטן אויף דער באַן. היות ער האָט אָנגעגעבן, אַז ער האָט געענדיקט אַ מיטלשול, מאַכט אים דער דייטש באַלד פאַר אַן „אַספּיראַנט״; ער פאָדערט אָבער (וואָס איז איבעריקנס פאַרשטענדלעך) מען זאָל אים פאָרלייגן די מאַטורע־צייגעניש. ערשט דעמאָלט כאַפּט זיך דער ברודער אַז ער האָט געטון אַ נאַרישקייט. זיך צוריקציִען, דערויף איז שוין אָבער צו־שפּעט. פאַרט ער קיין וואַרשע און ברענגט פון דאָרטן עפּעס אַ פּאַפּירל, אונטערגעשריבן דורך (כלומרשט) זיינע געוועזענע צוויי פּראָפעסאָרן. דער דייטש הויבט נישט אָן צו צווייפלען אין דער אויטענטישקייט פון דער „באַשטעטיקונג״.

1) י. ה. ק. אין קראָקע, נר. 58 פּראָט. ד״ר איינהאָרן.

טאַדעוש פּעטערזייל בלייבט אָבער פּאָרט אָן אַרבעט און עס דראָט אים אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין דייטשלאַנד.

פונדעסטוועגן פאַלן זיי ביידע אַריין צוליב אַנדערע סיבות: אָן אַרעס־טירטע אונטערערדישע טועריז, געפּייניקט בעת דעם „פאַרהער״, האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע פּרטים וואָס — הגם האָבן מיט די פּעטערזיילס גאָרנישט צו טון — פירן אין רעזולטאַט צו אַנטדעקן זייער ייִדישן אָפּ־שטאַם.

היות אין טערעספּאָל איז קיין טורמע נישט פאַראַנען, פירט מען זיי אָפּ אין דער תפיסה פון בריסק (בזשעשטש): זיי זיצן דאָרט אָבער אַלס „גאַסט־העפטלינגען״, מיט וועלכע עס באַשעפטיקט זיך נישט די בריסקער פּאָליציי נאָר די געסטאַפּאָ פון טערעספּאָל. קיין טערעספּאָל ווערן זיי אויך פון צייט צו צייט געפירט אויף אַן אויספאָרשונג. די לעצטע פאַרלענגערט זיך, ווייל מען איז חושד די צוויי בחורים אין שפּיאָנאַזש.

בעת די געסטאַפּאָ פון טערעספּאָל ווייסט שוין פון לאַנג וועגן זייער ייִדישן אָפּשטאַם און זי פאָרשט בלויז וועגן זייערע צוגאָב־חטאים, אין דער תפיסה פון בריסק זענען זיי נאָך תמיד „אַריער״, אַרעסטירט פאַר עפּעס אַ פאַרברעך וואָס — אַדמיניסטראַטיוו — מוז זיך די אָרטיקע פּאָליציי מיט אים נישט פאַרנעמען.

אין דער פּראַקטיק איז פונדעסטוועגן זייער סיטואַציע אַ געפערלעכע און לויט אַלע סימנים און געזעצן פירט זי צום טויט.

דאָך: די בריסקער תפיסה איז תמיד איבערגעפולט און בכדי צו מאַכן פּלאַץ פאַר נייע העפטלינגען, אָרגאַניזירט די תפיסה־פאַרוואַלטונג פון צייט צו צייט אַ מאַסן־„סעלעקציע״. מען שיסט אויס אַ טייל פון די „איינגעזעצענע״ העפטלינגען, אַן אַנדער טייל שיקט מען אַרויס אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

און אָט (נאָך פינף חדשים זיצן אין דער תפיסה) ווערן די ביידע ברי־דער געשטעלט פאַר אַזאַ „סעלעקציע״. אויף דער פראַגע צוליב וואָס האָט מען זיי אַרעסטירט, ענטפערן זיי אַז פאַר אַ „שלייכהאַנדל״. אין רעזולטאַט ווערן זיי ביידע (הגם יעדער באַזונדער און אויף אַן אַנדערן אופן) צוגע־טיילט נישט אין דער גרופּע ע (ערשיסן), נאָר דווקא אין דער גרופּע אַ

(אַרבעט). און זיי ווערן טאַקע אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד, ווו עס הויבט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטל פון זייערע איבערלעבענישן... 1).

אויפן ערשטן אויגנבליק זעט אויס זייער אויסטערליש, וואָס ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אויף „פּאַפּירן" האָבן זיך באַמיט אַריינצוקריגן צווישן די צייַין פון דער חיה. איז דער פּאָליצייאישער סיסטעם דאָרט נישט געווען אַזוי פונאַנדערגעבויט, ווי אין גענעראַל-גובערנאַמענט? צי האָט ער זיך דען דאָרט נישט געמוזט טרעפן מיט דייטשן און מיט דער דייטשער מאַכט (וואָס דער ייִד, וועלכער האָט געלעבט אויף „פּאַפּירן" האָט זיך אַלעמאָל באַמיט אויסצומיידן) יעדע רגע און אויף איטלעכן שריט?

געוויס. אָבער:

דורכגייענדיק אַלע פּאַרמאַליטעטן איידער ער איז מאָביליזירט געוואָרן, איז דער ייִד דאָרט געוואָרן איינער פון די הונדערטער, טויזנטער אויסלענדישע אַרבעטער. עס האָט אים מער נישט געדראָט, אַז ס׳זאָל אַנטדעקט ווערן די פאַלשקייט פון זיינע פּאַפּירן. צווייטנס: ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט, זענען די דייטשן נישט פעיִק געווען צו דערקענען ווער ס׳איז אַ ייִד. אַממייסטן ייִדן זענען אַריינגעפאַלן דורך אַ מסירה. אין אַן אַרומרינגלונג פון בלויז דייטשן האָבן די מעגלעכקייטן דערקענט צו ווערן זיך באַגרענעצט צו אַ מינימום. לאָמיר צו דעם נאָך צוגעבן, אַז די קאָנצענטראַציע פון אויסלענדישע אַרבעטער איז דערגאַנגען ביז צו דער מדרגה פון אַ בבל-טורעם און דער איינצלנער מענטש מיט זיינע אייגנשאַפטן און באַזונדערקייטן איז דאָרט פאַרלוירן געגאַנגען. לסוף וואָלט דעם דייטשן „באָוער" 2), אָדער דעם דייטשן מייסטער קיינמאָל נישט געקענט איינפאַלן, אַז דער פאַרשוין, וואָס איז אים צוגעשיקט געוואָרן דורך דעם אָפיציעלן „אַרבעטס-אַמט", וואָס לעגיטימירט זיך מיט אַן אַמטלעכן שטעמפּל, קאָן זיין אַן אַנדערער ווי דער וואָס איז אָנגעגעבן אין פּאַפּיר. חוץ דעם איז אים געגאַנגען אין האָבן אַן אַרבעטס-אָקס, אַ שקלאַף און ער האָט במילא ווייניק אַריינגעטראַכט אין דעם צו וועלכער ראַסע זיין שקלאַף געהערט. די פּראַקטיק האָט טאַקע באַוויזן, אַז אויב דעם

---

1) מאַטעריאַלן פון דעם „פאַרשונג-צענטער פאַר געשיכטע פון פוילישע יידן" אין פּאַריז.

2) פּויער, לאַנדווירטשאַפטסמאַן.

ייִד האָט געדראָט ווען ס׳איז אַ געפֿאַר דערקענט צו זײַן, איז די געפֿאַר געקומען מצד זײַנע מיטאַרבעטער־שקלאַפֿן און זעלטן ווען מצד זײַנע באַלעבאַטים.

רעלאַציעס וועגן גורל פֿון אַזעלכע ייִדן זענען פֿאַראַן אַ סך. זיי זענען אינטערעסאַנט און ערנסט — דאָס איז אמת. צוליב סיבות, וועלכע מיר האָבן דערמאָנט גיבן זיי אָבער אַ בילד דעם וועגן דעם לעבן פֿון אויסלענדישן אַרבעטער אין דײַטשלאַנד אין אַלגעמיין, און זיי גיבן אונדז ווייניק איבער וועגן דעם ספּעציפֿישן לעבן פֿון ייִדן. דערמיט געהערן די דאָזיקע רעלאַציעס צו אַ זייער ערנסטער טעמע, וואָס איז אָבער פֿיל ברייטער ווי די וועלכע ווערט אַרומגענומען דורך דעם דאָזיקן בוך. חוץ דעם האָבן פֿראַגמענטן פֿון באַריכטן פֿון דעם געביט זיך שוין געפֿונען — אין אַ פֿאַרשידנאַרטיקער שייכות — אין די ביז־איצטיקע קאַפּיטלען (צווישן אַנדערן אין די אָפּשניטן וואָס האָבן אַ שייכות צו קינדער).

ספּעציפֿיש „ייִדיש" זענען אָבער אין די דאָזיקע וואַנדערונגען געווען די פֿאַרשידענע געשעענישן און פּאַסירונגען, וועלכע זענען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך מסירות פֿון די מיט־שקלאַפֿן. נאַטירלעך האָט דער פֿאַרלויף פֿון די מסירות און דער שאַנטאַזש, ווי אויך די קעגנווירקונגען דאָ אויסגעזען אַנדערש ווי אין פּוילן. דאָס זעלביקע, די סיטואַציעס, וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין די דאָזיקע באַדינגונגען.

אַ פֿרוי אין שפּעטלעכן עלטער — די פֿרוי זשעלאַזנא — האָט געאַרבעט (צוזאַמען מיט צוויי טעכטער) אין גערליץ. פֿון אַ געוויסן מאָמענט אָן האָבן די אַרבעטער פֿון פּוילן (צווישן וועלכע זי האָט זיך געפֿונען) זיך אָנגעהויבן אָנצושטויסן, אַז די פֿרוי זשעלאַזנא איז אַ ייִדישע. די קלאַנגען זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל צודרינגלעכער, עקשנותדיקער און בייזווילי־קער. עס האָט געדראָט „פֿאַרשיט" צו ווערן. יעדער פּרווו צו סוגערירן, אַז זיי זענען זיך טועה, אָדער אַ סוף צו מאַכן צו די קלאַנגען, וואָלט נאָך געווען אַ באַשטעטיקונג פֿון די חשדים. די סיטואַציע איז, דוכט זיך, געווען אָן אַן אויסוועג. און אָט (אַקוראַט דעמאָלט ווען די קלאַנגען זענען שוין איבערגעטרעטן די ראַמען פֿון ווינקל־שמועסן און האָבן שוין געדראָט זיך צו פֿאַרוואַנדלען אין אַן אָפֿענער מסירה) איז געקומען אַ פּלוצימדיקע ענדערונג: אין אַ געוויסן טאָג, ווען זי האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט

אין פֿאַבריק צו זיך אין באַראַק אַריין, זענען צו איר צוגעלאָפֿן עטלעכע מיט־שקלאַפֿן און אויסגערופֿן מיט גרויס פֿריינטלעכקייט

— פּאַני זשעלאַזנאַ, פּאַני זשעלאַזנאַ, איר האָט אַ בריוו פֿון אייער זון.

דער בריוו איז געקומען דורך דעם „רויטן קרייץ" פֿון אַ פֿולקאָוניק פֿון פּוילישן מיליטער — זשעלאַזני, דער פֿולקאָווניק האָט געשריבן צו זיין מוטער. ער האָט איר מיטגעטיילט, אַז ער האָט זיך וועגן איר נאָכגע־פֿרעגט, ווו ער האָט נאָר געקענט, ער האָט אָבער אַ לענגערע צייט נישט געקענט וועגן איר באַקומען קיין שום ידיעות. ערשט אין דער לעצטער צייט האָט אים דער „רויטער קרייץ" אינפֿאָרמירט וועגן דעם אָרט ווו זי געפֿינט זיך. דער בריוו איז פֿול געווען מיט ליבשאַפֿט און בענקעניש פֿון אַ זון צו זיין מוטער. מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסן, אַז דאָ איז געשען אַ געוויינלעכער טעות, וואַרשיינלעך צוליב דער ענלעכקייט פֿון די נעמען. אָבער אין רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיקן טעות האָבן זיך די מיטאַרבעטער פֿון פֿרוי זשעלאַזנאַ איבערצייגט, אַז זי איז די מוטער פֿון אַ פּוילישן פֿול־קאָווניק און פֿון דעמאָלט אָן איז שוין נישט מעגלעך געווען קיין שום פֿאַר־דאַכט. אויף די פֿאַרשידענע פֿראַגן און אַלוזיעס וועגן „זון", האָט די מכלומרשטע מאַמע געענטפֿערט מיט שווייגן. די מיטאַרבעטער האָבן זי פֿאַרשטאַנען: האָבן אַ זון, אַן אָפֿיציר (וועלכער קעמפֿט נאָך דערצו אין די רייען פֿון אַ פֿיינטלעכער אַרמיי) איז אין די געגעבענע באַדינגונגען געווען אַ גאַנץ דראַסטישער ענין. זי האָט אויך נישט געענטפֿערט אויפֿן בריוו און נישט אויפֿגעקלערט דעם טעות 1).

איך מיין, אַז דער אויטאָר פֿון דער בריוו (אויב די דאָזיקע פּרטים וועלן צו אים דערגיין) וועט זי פֿאַרשטיין און איר מוחל זיין.

***

אין די דאָזיקע געשעענישן פֿון דערקענט ווערן דורך מיט־שקלאַפֿן האָבן נאַטירלעך נישט געפֿעלט קיין פּאַראַדאָקסן. איבערהויפּט, ווען צווישן די אַרויסגעפֿירטע (צו דעם וועלן מיר זיך נאָך אומקערן) האָבן זיך גע־פֿונען פֿאַרשידענע טיפּן.

1) גבית עדות פֿון ל. ביאַלילעוו (פֿאַרשונגס־צענטער אין פּאַריז).

דוד ג., וועלכער האָט ווי אַן „אַריער" געאַרבעט אויף אַ פּלי־פּלאַץ איז צוזאַמען מיט דער גאַנצער מאַנשאַפט אַרויסגעפירט געוואָרן אין טיפן אוקראַינע. צוזאַמען מיט אים האָט זיך אויך געפונען אַ געוויסער סטעפאַן ד. דער דאָזיקער פאַרשוין איז געווען אַ לאָקאַטאָר פון נישט איין פאַר־מלחמהדיקער תפיסה. אַ דאַנק דער דאָזיקער רומרייכער פאַרגאַנגענהייט, אַ דאַנק זיין אַוואַנטוריסטישן כאַראַקטער און פיזישן כח, האָט ער געהאַט אַ גרויסן אויטאָריטעט צווישן די חברים. געווען איז ער אַן אַנטיסעמיט און דערצו אַ פאַרביסענער. אַזוי וויט, אַז אַפילו זיין גלייכגילטיקייט בנוגע דעם גורל פון פוילן האָט ער אויסגעטייטשט אויף פאָלגנדיקן אופן:

— וואָס? שלאָגן זיך פאַר אַזאַ פוילן, וואָס איז זי געווען פאַר דער מלחמה? אַ מענטש האָט אַ ייִד אַ ביסל אָנגעשלאָגן, אָדער אים עפּעס צוגע־לקחנט און דערפאַר האָט מען אים אין דער תפיסה אַריינגעשיקט... נישטאָ קיין נאַראָנים.

פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ נפש, וואָס דער אַנטיסעמיטיזם אין פאַרמל־חמהדיקן פוילן איז אים צו ווייניק געווען, האָט געזוכט און געלויערט אויף ייִדן אומעטום.

נאָר אָט האָט זיך געטראָפן, אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָבן די חברים אָנגעהויבן זיך אָנצושטויסן, אַז דוד ג. (וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטער אַן אַרישן נאָמען) איז אַ ייִד. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָנדייטונגען, בייזוויליקע אַלוזיעס, דראָאונגען. דעמאָלט האָט דוד ג. נישט האָבנדיק קיין שום אַנדער עצה, זיך געווענדעט דווקא צו סטעפאַנען, זיך מודה געווען, אַז ער איז אַ ייִד און געבעטן ביי אים הילף.

סטעפאַן האָט אים תיכף גענומען אונטער זיין שוץ. ווי אַן אָדערויף און אַ וואָרענונג האָט ער געגעבן עטלעכע „איבער די מאָרדעס" איינעם פון די בייזוויליקסטע חברהלייט. דאַן האָט ער דערקלערט, אַז ענלעכע און נאָך מער שאַרפערע רעפּרעסיעס וועלן אָנגעווענדעט ווערן לגבי יעדערן, וואָס וועט מאַכן די קלענסטע אַלוזיעס וועגן דוד ג׳ס ייִדישקייט. דעם צוזאָג האָט ער זייער שטרענג אויסגעפירט ביז די געפאַר איז פאַקטיש פאַר־שוווּנדן.

עד האָט אים אַזוי אַרום געראַטעוועט דאָס לעבן 1).

— —

אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד האָבן זיך געפונען נישט בלויז די פּאַפּירענע אַריער, וועלכע האָבן דאָס געוואָלט, נאָר אויך אַנדערע, וועלכע זענען דאָ אַהערגעשיקט געוואָרן קעגן זייער ווילן.

ד"ר עמיליאַ ז., וועלכע איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע פּאַר־עטאַפּן פון לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" אין וואַרשע (ד"ה שאַנטאַזשן, זוכן פון וווינונגען אד"גל) האָט צום סוף זיך באַזעצט הינטער וואַרשע, אין מיכאַלאָוויצע. דאָ האָט זי געלערנט די אָרטיקע קינדער און געהאַט — לסוף — אַ ביסל מנוחה.

אָבער אין אָנהויב סעפּטעמבער 1944 איז אין מיכאַלאָוויצע, ווו עס איז ביז איצט געווען רויק און געפּאַרלאַזט, פּלוצים פאַרגעקומען אַ כאַפּערײַ פון פּאָליאַקן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

מען האָט זי אויך געכאַפּט. און מען האָט זי אַוועקגעפירט צוזאַמען מיט אַנדערע. צום ערשט — קיין ווראָצלאַוו אין דער פאַבריק „פּאַהרענצוג און מאַטארענווערקס" (אַ ריזיקע פאַבריק, וואָס האָט געהאַט אַ ריי פיליאַלן). פון דאַנען ערשט האָט מען די געכאַפּטע פונאַנדערגעשיקט אויף פאַרשידענע אַרבעטס־ערטער. זי איז צוגעטיילט געוואָרן אין אַ דאָרף הינטער שטשיגאַניע, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אַ גרויסע פאַבריק אין דער אָרטיקער שטיינהאַקערײַ. זי האָט דאָרט געאַרבעט אין דער קיך (עס זענען געווען צוויי: איינע פאַר די דייטשן, אַ צווייטע פאַר די אַרבעטער פון אויסלאַנד, פּאָליאַקן, איטאַליענער וכרומה).

פאַר ניי־יאָר 1944 האָט מען געברענגט אויף דעם דאָזיקן אַרבעטס־פּלאַץ אַ פּאַרטיע פון הונדערט און פופציק „פאָלקס־דויטשן" פון פּוילן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן אַוואַנטורעס, ווייל די „פאָלקס־דויטשן" האָבן נישט געוואָלט עסן אין איין קיך מיט די פּאָליאַקן. עס האָט זיי נישט אַנטשפּראָכן די „לופט". ס'האָבן זיך אָנגעהויבן אינטריגעס און שיקאַנעס. צום גליק האָט דער אָנפירער — אַ דייטש, וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין פאָלקס־דייטשן, אַנטשיידן דעם ענין אויף זיין אופן: ער האָט צוגעזאָגט די פאָלקס־

1) מאַטעריאַלן פון פאַרשונג־צענטער..." אין פּאַריז.

דייטשן צו געבן בעסערע באַדינגונגען „אויב זיי וועלן מיט זייער אַר־בעטזאַמקייט באַווייזן, אַז זיי זענען מער ווערט, ווי די פּאַליאַקן".

איינע פון די ניי־אָנגעקומענע פאָלקסדייטשקעס האָט דערקענט אין עמיליאַ ז. אַ ייִדישע. זי האָט איר חשד מיטגעטיילט אַנדערע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בייזוויליק גערעדעריי. אין רעזולטאַט האָט דער אינזשיניער אַרויסגערופן צו זיך די פאַרדעכטיקטע.

— צייגען זי מיר איהרע אָהרען 1).

ער האָט זיי באַקוקט און באַמערקט:

— עס קאָן זיין, אָבער עס מוס ניכט זיין 2).

געזען אַזוי, האָט די פרוי עמיליאַ אים געזאָגט, אַז ער זאָל מאַכן תיכף אַן אָרדענונג און זאָל דעם ענין נישט אָפּשלעפּן, ווייל זי האָט שוין נישט קיין געדולד צו דער שפּיל.

— זענען זי ניכט פרעך און האַבען זי אַכט 3) — האָט ער געענט־פערט.

דעם 11טן פעברואַר 1945 איז פאַרגעקומען די עוואַקואַציע פון אַר־טיקן אַרבעטס־פּלאַץ. דער וועג, דורך גאַנץ סודעטן האָט געדויערט אַ גאַנצן חודש. די דייטשקעס זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט איר. ווען זיי זענען געווען הונגעריק האָבן זיי געשאָלטן היטלערן. היות אָבער אויף די שייד־וועגן זענען געשטאַנען פעלד־קיכן, וואָס האָבן געטיילט זופּן, זענען די דייטשקעס צוריק געוואָרן האָפערדיק און צוריק באַקומען זייער ענטוזיאַזם: אַלץ וועט זיך גוט ענדיקן, ווייל היטלער זאָרגט דאָך וועגן זיי. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען מיט נאַכטלעגער. זייער אָפט, ווען די עוואַקויִרטע האָבן זיך שוין צעלייגט ערגעץ ווו אויף שטרוי זענען אָנגעקומען דייטשן (ס'איז געווען די צייט פון אַלגעמיינעם צוריקטריט) און דערוויסנדיק זיך, אַז דאָ ליגן „פּאַלען" האָבן זיי די עוואַקויִרטע אַראָפּגעטריבן פון די געלעגערס, ווי אויך צוגענומען דאָס צוגעגרייטע עסן.

דערנאָך איז געקומען די קאַפּיטולאַציע פון דייטשלאַנד 4).

---

1) ווייזט מיר אייערע אויערן.
2) עס קאָן זיין, אָבער עס מוז נישט זיין.
3) זייט נישט חוצפּהדיק און היט זיך.
4) גבית עדות פון ד"ר עמיליאַ ז. (מאַטעריאַלן פון „פאַרשונגס־צענטער" אין פּאַריז).

אַרישע פּאַפּירן

די „אַרבעטס־אַמטן" זענען נישט געווען די איינציקע טויערן צום אַרויספאָר אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. נישט איינער האָט אויף אַ גאָר אַנדערן אופן זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די אייראָפּעיש־קאָלאָניאַלע שקלאַפן.

דער קראָקעווער, ברונאָ פּעטשעניק (געב' אין 1899) האָט זיך באַזאָרגט „אַרישע פּאַפּירן" אין דער צווייטער העלפט 1942. פאַר זיך, זיין פרוי און פאַר אַ זון פון זיין שוועגערין. שפּעטער האָט זיך די משפּחה צעטיילט: „די פרוי איז אַוועקגעפאָרן מיטן קינד קיין וואַרשע, איך האָב געהאַט בדעה צו פאָרן אין דער שווייץ (אַ קלייניקייט! — באַמערק. פון מ. ב.). דערמעגלעכן מיר דאָס האָבן געדאַרפט צוויי פּאָליאַקן. (איינער פון זיי — מראָזאָוויצקי — איז שפּעטער געפאַלן בעתן קריג; דער צווייטער יעזשי טשיעפּלאַק לעבט אין קראָקע). זיי האָבן ביי מיר גענומען 650 דאָלאַר, אָפּגעפירט מיך קיין ווין, און דאָרט איבערגעלאָזט מיך אויף הפקר, צונעמענדיק נאָך די רעשט זאַכן, וואָס איך האָב געהאַט (מלבושים, וועש און אַפילו דעם מאַנטל!). על פּי נס האָב איך אויפן וואָקזאַל געטראָפן פיר ייִנגלעך פון פוילן. איך האָב מיך געווענדעט צו זיי נאָך הילף, אָנגעבנדיק זיך פאַר אַ פּאָליאַק. זיי האָבן געאַרבעט אין ווין ווי מויערער און האָבן מיר צוגעהאָלפן באַקומען אַרבעט אין דער זעלבער פירמע. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָבן זיי אָבער צופעליק געטראָפן מראָזאָוויצקין. ער האָט זיי געזאָגט, אַז איך בין אַ ייִד און געפרעגט פאַרוואָס זיי פאַרנעמען זיך מיט מיר. איך האָב געמוזט תיכף אַנטלויפן. נישט וויסנדיק, וואָס צו טון אין ווין, האָב איך באַשלאָסן צוריקפאָרן קיין פוילן. דורך די דערמאָנטע ייִנגלעך האָב איך געמאַכט קאַנטשאַפט מיט אַ געוויסן מאַזאַנעק, אַ זייער אָרנטלעכן מענטש. צוזאַמען מיט אים בין איך אָפּגעפאָרן קיין זשיוויעץ. מאַזאַנעק האָט דאָרט געהאַט אַ באַקאַנטן פּאָליאַק אַ דעזערטיר פון דער דייטשער אַרמיי[1], וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיין פרוי. זי האָט אונדז אַכט טעג אויסבאַהאַלטן אין דעם א. ג. „אַמט דער עמטער" (אין הויז פון דער היטלעריסטישער פּאַרטיי!). שפּעטער זענען מיר אָפּגעפאָרן קיין קראָקע.

1) ס'האַנדלט זיך דאָ וועגן די פּוילישע טעריטאָריעס וואָס די דייטשן האָבן זיי „אײַנגעגלידערט" אין דעם דייטשן רייך און די באַוווינער — אין זייער אַרמיי.

ווען איך בין אָהינגעקומען (דעם 28טן אָקטאָבער) איז דאָס געטאָ געווען אַרומגערינגלט. דעם זעלבן טאָג האָט מען צוגענומען מיין ברודער.

פערצן טעג האָב איך מיך אַרומגעשלעפּט אין קראָקע. געגעכטיקט אין ביוראָען און מאַגאַזינען. זעענדיק, אַז איך וועל דאָ נישט אויסהאַלטן, בין איך געפאָרן קיין וואַרשע, מיט אַן אַדרעס, וואָס עס האָט מיר געגעבן אַן איידעלער פּאָליאַק יוזעף גלעיק..." אאַ"וו.

אַזוי אַרום האָט ער נאָך דער גאַנצער וואַנדערונג זיך ווידער געפונען ביים אויסגאַנגס־פּונקט, דאָס הייסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן דאָס לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" נישט אין אויסלאַנד נאָר אין פּוילן 1).

עס איז געווען נאָך איין וועג, אויבנאויפיק דער אויסטערלישסטער: די „טאָדט־אָרגאַניזאַציע" 2). די איינוווינער פון גענעראַל־גוווערנאַמענט דאַרפן גוט געדענקען די דאָזיקע פאָרמאַציע און דאָס מער צוליב איר אויסערלעכקייט, ווי צוליב אַנדערע סיבות. די מיטגלידער פון דער „טאָדט־אָרגאַניזאַציע" זענען געגאַנגען אָנגעטון אין מונדירן פון העל־גרינער פאַרב. זיי האָבן געטראָגן (אויפן לינקן אָרעם) אַ באַנד, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן. אויף דער דאָזיקער באַנד אין אויגנרייסנדיקע קאָלירן האָט זיך געפונען דער היטלעריסטישער עמבלעם: אַ שוואַרצער האַקנקרייץ אויף אַ רויטן פאָן. די העלקייט פון דעם דאָזיקן עמבלעם האָט ביים אָנהייב אַרויסגערופן אַ מורא שוין מיט איר אויסזען. שפּעטער האָט מען זיך ערשט דערוווּסט, אַז די לייט, וואָס זענען אָנגעטון אין די דאָזיקע מונדירן שטעלן מיט זיך נישט פאָר קיין פּאָליצייאישע, נאָר אַן אַרבעטס־פאָרמאַציע. פאַר דער מלחמה האָט די טעטיקייט פון דער „טאָדט־אָרגאַניזאַציע" זיך באַגרענעצט צו דער בויונג פון פעסטונגען, שוץ־ליניעס און סטראַ־

---

1) אַ דאַנק דעם דערמאָנטן אַדרעס קומט ער צו אליציא זאכארעוויטש, באַקומט אַ דירה, ווערט איינגעמאָלדן און מען שאַפט אים אַן אַרבעטס־קאַרטע. בשעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד נעמט ער אין אים אָנטייל (אויגוסט 1944). שפּעטער (דעם 8טן אויגוסט) נעמען אים די דייטשן צו (מיט טויזנט אַנדערע פּאָליאַקן). זיי אַרבעטן ביים פאַנאַנדערנעמען די באַריקאַדן, שפּעטער ביים ברענען מתים צווישן וואליא און פלאַץ טעאַטראַלני. פון דאָרט געלינגט אים צו אַנטלויפן קיין פּרושקוו. די לעצטע אָקופּאַציע־חדשים לעבט ער דורך אַ דאַנק דעם מסירת־נפש פון אַ פּאָליאַק ד"ר יוזעף ביעלאַק. (וו. יי. ה. ק. אין קראָקע, נר. 584).

2) דער נאָמען „טאָדט", קומט דערפון, וואָס דער שעפער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער היטלעריסטישער מיניסטער מיטן נאָמען: טאָדט. שפּעטער איז זי אונטערגעליגן דעם רייכסמיניסטער, ספּעער.

טעגישע וועגן. זי האָט דעמאָלט באַשעפטיקט בלויז זעלנער און אַרבעטער פון דייטשער נאַציאָנאַליטעט. אירע מיטגלידער זענען טיילווייז געווען מונדירירט און האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט סאַפּיאָרן־אָפּטיילונגען פון דער דייטשער אַרמיי. נאָכן פאַרנעמען פוילן און אַנדערע לענדער זענען די אויפגאַבן פון דער „ט. אָ" געוואַקסן. צווישן פאַרשידענע קליקעס איז אָנ־געגאַנגען אַ קאַמף וועגן צואייגענען זיך די פאַרשידענע אונטערנעמונגען פון די אָקופּירטע געביטן. ט(אָדט) אָ(רגאַניזאַציע) האָט געהאַט דעצידירטע פיינט, צווישן אַנדערע אין די קרייזן פון די „גאַולייטערס" און „קאָמיסאַרן", וועלכע האָבן די פאַרכאַפּטע אונטערנעמונגען געפּרווט איינשליסן אין זייע־רע ממשלה־קרייזן. עס איז לסוף געבליבן, אַז צו דער ט. א. האָבן געהערט אַלע אונטערנעמונגען פון דער בוי־אינדוסטריע אויף די אָקופּירטע גע־ביטן. די ט. א. האָט פולשטענדיק געביטן איר אורשפּרונגלעכן כאַראַקטער און סטרוקטור. מען האָט אין איר איינגעשלאָסן אַ מאַסע אויסלענדער, אַרבעטער און געפאַנגענע. באַלד איז ט. א. אַרויסגעטרעטן ווי אַן אונטער־נעמער און האָט אַרונטערגענומען אונטער איר אָנפירערשאַפט אַלע בוי־אַרבעטן פון מיליטערישער באַדייטונג. זי האָט אָנגעקניפּט באַציונגען מיט פּריוואַטע פירמעס אין גאַנץ אייראָפּע. זי האָט באַשעפטיקט געדונגענע אַר־בעטער נעבן פּריזוויליקע. זי איז אין משך פון דער צייט געוואָרן אַ מעכ־טיקער אינסטרומענט. אַ געמיש פון אַ מלוכהשער אונטערנעמונג און פּרי־וואַטן געשעפט 1).

ניִשט פאַר איין ייִד איז די ט. א. געוואָרן אַ מיטל צו אַנטלויפן. פאַנטאַסטיש? ניִשט מער ווי אַלץ אין יענע צייטן. צווישן די וואָס זענען געגאַנגען מיט דעם דאָזיקן ריזיקאַלישן וועג זענען אייניקע געפאַלן אויף די ערשטע עטאַפּן. אַנדערע אָבער זענען דורך דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע געוואָרפן געוואָרן איבער ימען און לענדער.

צווישן אַנדערע וואָס האָבן זיך אַריינגעקריגן אין דער ט. א. האָט זיך געראַטעוועט דער אינזשיניער שינאַגעל 2). מען קען מיינען, אַז דאָס איז געווען אַן אַוואַנטוריסט, אַ ריזיקאַנט. אין דער אמתן אָבער איז ער להיפוך — אַ שטילער, רויִקער, סאָלידער און פאַמעלעכער מענטש. ווען איך רעד

1) פאַרגלייך: שענדע.
2) לעבט אין פּאַריז.

מיט אים וועגן זיינע איבערלעבונגען, דוכט זיך מיר אַלץ אויס, אַז ער אַליין — דערמאָנענדיק זיך אין זיי — וווּנדערט זיך אַליין אויף זיך. מינוטנווייז, ווען ער פּרוּווט מיר דערקלערן צוליב וועלכע סיבות ער האָט זיך אַנטשלאָסן אויף דעם, אָדער יענעם שריט, פאַרענטפערט ער זיך: — ניין, דאָס איז נישט קיין שום פאַנטאַזיע. עס איז פּאַקטיש שוין נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג. אָדער: אַ פריינט האָט מיר איינגערעדט. די דאָזיקע „סאָלידקייט" פון געמיט, די דאָזיקע „סטאַטעטשנעקייט" האָט זיך אים געגעבן שטאַרק צו פילן. און דאָס צוליב אינגאַנצן אַנדערע טעמים, ווי מען קאָן מיינען. אָבער צום אַלעם ערשטן לאָמיר דערציילן ווי אַזוי ס'איז געווען מיט דעם דאָזיקן אַריינקריגן זיך אין די רייען פון דער ט. א.:

אין דער צווייטער העלפט פון 1942 יאָר האָט שינאַגעל זיך געפונען אין אַ לאַגער אין לעמבערג. דאָ איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס, וועלכן ער האָט דורכגעמאַכט אין לאַגער־שפּיטאָל 1). נאָך דער קרענק האָט מען אים צוזאַמען מיט אַנדערע אַוועקגעפירט אין באָד. ער האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט (בעסער געזאָגט אַ צופעליק געשאַפענעם מאָמענט) און איז אַנטלאָפן, באַהאַלטנדיק זיך צום ערשט אין דער לאַבאָראַטאָריע פון דער פירמע „גאַליקאַל" (ווו ער האָט געהאַט פריינט) דערנאָך אין ליטשאַקווו. דאָ, ווען זיין לאַגע איז שוין געווען האָפנונגסלאָז, האָט אים אָפּגעזוכט זיין קוזין עמאַנועל שינאַגעל. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל; פון וואַנען?

פון לעמבערג איז עמאַנועל אַנטלאָפן אַ סך פריִער (נאָך פון געטאָ), אָנגערעדט דערצו פון זיין חבר לאַקס (שטאַמט פון וויעליטשקע, הינטער קראָקע); מיט פאַלשע דאָקומענטן האָט ער זיך פאַרשריבן אין עפּעס אַ באַן־פירמע. פון דאָרט האָט מען אים אין אָקטאָבער 1942 אַרויסגעשיקט קיין קיִעוו, פון קיִעוו קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. אין דניעפּראָפּעטראָווסק האָבן זיינע מיטאַרבעטער־לאַנדסלייט (און מען דאַרף געדענקען, אַז אין דער ט. א. האָבן די אויסלענדישע אַרבעטער גאַנץ אָפט זיך רעקרוטירט פון דער אונטערוועלט־געדיכטעניש) דערשמעקט אין אים אַ ייִד. מען האָט זיך געמוזט אויסלייזן. דאָס האָט אָבער אויך נישט געהאָלפן. זיי זענען

1) דאָס בלויזע דעצידירן זיך אין לאַגער אויף גיין אין שפּיטאָל האָט באַדייט טויט. ס'איז אָבער געשען אויך אַנדערש. די דייטשן, וועלכע האָבן אין יענע צייטן נאָך געהאַט ווייטגייענדיקע פּלענער, האָבן די קראַנקע נישט דערמאָרדעט, צוליב דעם, וואָס זיי האָבן געוואָלט וועגן זיך שאַפן אַ פאַלשן איינדרוק.

אַוועק מיט אַ מסירה צום „מייסטער״. דער לעצטער האָט אויפגענומען די מוסרים מיט רוגזה; געזאָגט, אַז זיי רעדן נאַרישקייטן, אַז ער ווייס אַליין מיט וועמען ער האָט צו טון [1]). טראָץ דעם אָבער האָט דער סם פון פאַרדאַכט שוין געשאַפן בייזע געפאַרן. צום גליק האָט אַרום געהערשט אַ באַלאַגאַן. פאַרשידענע פאָלקן און זייערע אָפּשפּליטערונגען האָבן זיך אין בהלה אויסגעמישט און זיך ווידער פאַרלוירן (דאָס איז געווען בעת דעם באַרימטן צוריקטריט). לאַקס און שינאַגעל האָבן זיך באַקענט מיט עפּעס אַ פראַנצויזישן מייסטער. זיי האָבן זיך אַריינגעדרייט אין זיין גרופּע און זענען מיט אים אַוועק אויף קרים. אָבער ווען דער מייסטער איז אַוועק אין אורלויב, האָבן זיי (עס איז זיי זעט אויס נמאס געוואָרן דאָס „איינטאָניקע״ לעבן) באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און צו מאַכן אַ רייזע אין דער היים־שטאָט... קראָקע(!). דעם דאָזיקן אויספלוג מאַכן זיי אויף אַזאַ אופן: אַ באַקאַנטע פריילין שרייבט זיי אויס אויף דער מאַשין די אַזוי גערופענע „מאַרש־באַפעלע״ [2]) אין בלאַנקאָ. די פּאַפּירלעך זענען אויס זייער נעבעכדיק און פּרימיטיוו. די בחורים רעכענען אָבער אויס אויף דער מיסטישער ווירקונג פון די אַמטלעכע בלאַנקן און אויף דעם באַלאַגאַן, וואָס הערשט אַרום. זיי קומען, ווי עס איז, אָן קיין לעמבערג און דאָ זוכן זיי אויף, אין אַפּריל 1943, דעם דערמאָנטן ברונאָ שינאַגעל, וועלכער ציטערט אין זיין באַהעלטעניש, ווי אַ דאַרער בלאַט.

זיי רעדן אים צו, ער זאָל פאָרן צוזאַמען מיט זיי. פאַראַן נאָך איין אַזאַ פּאַפּירל אין בלאַנקאָ און דאָס קאָן זיין פאַר אים. אָבער ברונאָ שינאַגעל איז אַ סאָלידער מענטש, איז נישט עפּעס קיין לופט־קאָפּ, ווי זיי, די יונגע בחורים. ער רעדט וועגן זיין „נישט גוטן״ פּנים (אַזוי מיינט ער) און וועגן דער פּרימיטיווקייט פון דעם פראָפּאָנירטן פּאַפּירל. ער זעט אָבער פאַר זיך נישט קיין אַנדערן אויסוועג. ער איז מסכים. די בחורים רעזיגנירן פון זייער רייזע קיין קראָקע און באַשליסן צו פאָרן אין קרים. די רייזע דויערט

1) אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער ט. א.: די מאַכט האָט דאָרט אַריינגעפּאַקט דייטשן, וועלכע זענען אין די מיליטערישע רייען געווען נישט זיכער. חוץ דעם עלטערע מענטשן, האַנטווערקער, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסן ענטוזיאַזם פאַר דער מלחמה. דעריבער האָט טאַקע געטראָפן, אַז דאָרט האָבן זיך געפונען אָרנטלעכע מענטשן.

2) דערלויבעניש צו פאָרן.

8 טעג. אַרום איז אַלץ צעהאַקט. די נסיעה מוז אַלעמאָל איבערגעריסן ווערן, אויף די „פּאַפּירלעך" וואַקסט אָן אַ באַרג מיט שטעמפּלען, ווייל אין הסכם מיט די פאָרשריפטן פון דער ט. א. מעלדן זיי זיך אויף יעדן עטאַפּ. די שטעמפּלען זענען פון איין זייט גוט (ווייל זיי פאַרשטעלן דעם אורשפּרינג־לעכן פּרימיטיוויזם פון די „פּאַפּירלעך"), פון דער צווייטער זייט זאָגן זיי אָבער עדות, אַז די אַרבעטער פון גרויסן „רייך" שלעפּן זיך צופיל אַרום. אין סימפּעראָפּאָל האָט זיך אַ דייטשער באַאַמטער אויף זיי אין אַ רעכטן אמת צעבייזערט און דאָס איז געווען זייער גליק. כדי זיי, די פּוילישע פּוי־לענצער, זאָלן זיך נישט קענען מער אַרומשלעפּן, האָט ער זיי צוגענומען די פריִערדיקע פאַלשע פּאַפּירן און זיי אַרויסגעגעבן נייע, אמתדיקע „מאַרש־באַפעהלע" — אויסגעשטעלט מיט אַ דירעקטע טראַסע: סימפּעראָפּאָל— יאַלטע.

איצט אַנשטייט אָבער אַ נייער קאָנפליקט. אינזשעניער ברונאָ שינאַ־געל, וועלכער וויל קומען צו עפּעס אַ באַשטימטער פּאָזיציע (זאָל זיין אַ שלעכטע, זאָל זיין אַ שווערע אַרבעטס־פּאָזיציע, אָבער דאָך — אַ סטאַבי־לע) וויל זיך אַריינדרייען אין אַ וואָסער ס'איז גרופּע. זיי אָבער, להיפּוך, ווילן נייע איינדרוקן. לאַקס טיילט זיך לסוף אָפּ אוןביידע שינאַגעלס פאָרן קיין יאַלטע. דאָ מעלדן זיי זיך אין דער אָרטיקער ט. א. ווו מען שטעלט פעסט, אַז די פּעטענטן געהערן גאָר נישט אַהערצו. זיי קאָנען ווערן צוגע־נומען, אויב זיי ווילן 1), אָבער: „פון וואַנען קומט איר דאָ אַהער? גייט צום ערשט אין דער פעלד־זשאַנדאַרמעריע. ווען זיי וועלן מסכים זיין, וועלן מיר איך צונעמען". זיי זענען געגאַנגען. דאָרט האָט זיי אויסגעפרעגט אַ „שטאַבס־פעלדפעבל", דער עיקר וועגן זייער ביז איצטיקער אָנגעהעריקייט צו ט. א. אין דעם מאָמענט, ווען זיי שטייען און ווייסן נישט וואָס צו ענט־פערן, עפנט זיך די טיר און עמעץ קומט אַריין מיט אַ מיטטיילונג, אַז פון ערגעץ אַן איינהייט זענען פאַרשוווּנדן עטלעכע אַרבעטער. דער פעלדפעבל פרעגט זיי צו געהערן זיי נישט אַמאָל צו דער דאָזיקער איינהייט (ער רופט דערביי אָן דעם נומער) זיי ענטפערן, אַז ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, זיי געדענקען נישט. ער שרייבט זיי אויס אַ צוטיילונג צו אַרבעט אין אַ וואַלד.

---

1) צווישן די פאַרשידענע דייטשע אַרבעטס־שטעלעס האָט זיך געפירט אַ שטאַרקער קאַמף וועגן מענטשן, וועגן אַרבעטער.

ווען זיי קומען אָן אויפֿן אַרבעטס־פּלאַץ, ברעכט אויס אַ נייער אינצידענט: זייער „מאַרשבאַפעהלע" איז אויסגעשטעלט אויף דריי פּערזאָן (ווי מיר געדענקען אויך פֿאַר דעם אַוועקגעפֿאַרענעם לאַקס). עס קומט אויס, אַז זיי האָבן די מאַכט אַריינגעפֿירט אין אַ טעות, כדי צו באַקומען נאָך אַ שפּייזפּאַרציע. אַלס שטראָף וועלן זיי דעריבער דאָ עטלעכע טעג באַקומען... פֿאַרקלענערטע שפּייז־צוטיילונגען.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. דורך דער גאַנצער צייט פֿון זייער אַרבעט איז קיינעם נישט איינגעפֿאַלן זיי צו פֿרעגן אויף אַ פּערזענלעכן דאָקומענט. דאַקעגן האָט ברונאָ שינאַגעל (סיי דאָ און סיי אויף די ווייטערדיקע וואַנדערונגען) געליטן פֿון אַן אַנדער צרה. נעמלעך: פֿון זיין סאָלידקייט. די צרות זענען געקומען פֿון זיינע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פֿון דער אונטערוועלט. זיי האָבן נישט געוואָלט ליידן אַזאַ מין חבר, וואָס זידלט זיך נישט מיט געמיינע ווערטער, וועלכער מאַכט נישט קיין „קאַנטן" און ווינטשט זי נאָר מען זאָל אים לאָזן צורו. די דאָזיקע סאָלידקייט האָט איינציק און אַליין אַרויסגערופֿן ביי זיינע מיטאַרבעטער דעם חשד, אַז.. ס׳קאָן זיין דאָס ער איז אַ ייִד.

אין יאַלטע האָבן זיי געאַרבעט ביזן סוף 1943. דאַן קומט דער צוריקטריט פֿון די דייטשן. די גאַנצע „טאָדט־אָרגאַניזאַציע" ווערט אָנגעלאָדן אויף אויטאָס און איבערגעפֿירט אין קאַנטאָ־קוזינקאָ, הינטער אָדעס. דאָ בויען זיי אָקאָפּעס. אין צוויי חדשים אַרום — קיין אָדעס, ווו זיי טרעפֿן לאַקסן (דער לעצטער האָט זיך אין דער צייט אַריינגעדרייט אין אַ בוי־טרעסט און האָט אַפֿילו אַוואַנסירט צו „אַ פֿאָראַרבעטער"). לאַקס פֿאָרט אַרויס מיט „זיין" גרופּע קיין איטאַליע. די שינאַגעלס ווערן אָנגעלאָדן אויף אַעראָפּלאַנען און ווערן געשיקט אין קרים. דאָס מאָל נישט קיין יאַלטע, נאָר קיין סעוואַסטאָפּאָל. ווייטער אַ שווערע אַרבעט ביים גראָבן אָקאָפּעס. די דייטשן, אין דערוואַרטונג פֿון אַ נייעם צוריקטריט, רייסן אויף טונעלן, דערטרינקען אין טייך באַנען. דערנאָך ווערט ט. א. אויפֿגעלאָדנט אויף אַ קליין דאַמף־שיפֿל „ציססען", וואָס קומט נאָך אַ מעת־לעת אָן קיין קאָנסטאַנץ אין רומעניע. דאָ בלייבן זיי עטלעכע וואָכן, כדי שפּעטער דורך אַן אומוועג — סערביע, אונגאַרן, ווין, — איבערגעוואָרפֿן צו ווערן קיין מינכען. איין טייל פֿון ט. א. בלייבט אין מינכען, אַ צווייטער טייל (מיט ביידע

שינאַגעלס) ווערן איבערגעשיקט אין צענטראַל־דייטשלאַנד. עס הייבט זיך אָן די ערגסטע צייט. זיי האָבן געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון סינטעטישן בענזין, (אין זייץ, הינטער לייפּציק), ביים דעקן דעכער. כסדרדיקע באָמ־באַרדירונגען. די אַרבעטער סאַבאָטירן. אַרום ווערט אַלץ גרעסער דער באַלאַגאַן. אין אַפּריל 1945 ווערן זיי באַפרייט דורך די אַמעריקאַנער מילי־טער־אָפּטיילונגען 1).

— —

נאָך אויסטערלישער איז געווען דער גורל פון אַן אַנדערן מיט־גליד פון דער „טאָדט־אָרגאַניזאַציע״. ער אילוסטרירט אַמבולטסטן די גע־שעענישן אין לעבן פון די מענטשן אויף „פּאַפּירן״ און דעריבער איז מיט דער דאָזיקער געשיכטע כדאי זיך נענטער צו באַקענען.

אַדאָלף פאַלקמאַן איז אַרויסגעפאָרן פון לעמבערג אין זומער פון 1943 יאָר, (דאָס הייסט שוין נאָך דעם ווי ער איז איבערגעקומען אַלע „אַקציעס״, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין יענער שטאָט). זיינע „אַרישע״ פּאַפּירן זע־נען באַשטאַנען פון „אַ קענקאַרטע״, וואָס איז, נאַטירלעך, געווען אַ גע־פעלשטע.

ער איז געפאָרן קיין ראַדאָמסק. דערנאָך — נאָך אַ ריי איבערלעבונ־גען —קיין וואַרשע. נאָך דעם, ווי ער האָט דורכגעמאַכט די געוויינלעכע וואַנדערונגען ביים זוכן אַ וווינונג און אַרבעט, האָט ער לסוף געפונען אַ בעל־יועץ (אַן אונטערנעמערישן און האַרציקן) אין דער פּערזאָן פון אַלעקן — אַן אַקטיוון און דרייסטן טוער פון דער פּוילישער אונטערערד. אַלעקן איז איינגעפאַלן צו פאַרשרייבן פאַלקמאַנען אויף אַרבעט, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי קיין נאָרוועגיע. די דאָזיקע קאָמבינאַציע האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוי:

אַ פריינט פון אַלעקן, אַן אינזשיניער האָט געהאַט אַ באַקאַנטן אין דער פירמע „ברייט עט דאוב״ פון דאַרמשטאַט. די וואַרשעווער פיליע פון דער דאָזיקער פירמע האָט געזוכט אַרבעטער, וועלכע זאָלן מסכים זיין צו פאָרן קיין נאָרוועגיע.

אין דער באַגלייטונג פון אַלעקן איז פאַלקמאַן אַוועק אין דער אָנגע־רופענער פירמע. זי האָט זיך געפונען אויף אַלייע יערוזאַלימסקע און מאַר־

1) מאַטעריאַלן פון „פאַרשונגס־צענטער״ אין פּאַריז (פּראָט. מ. ב.).

שאַלקאָווסקע. דער באַאַמטער (צו וועלכן זיי האָבן זיך געדאַרפט ווענדן) האָט איבערגעוויזן דעם ענין צו זיין סעקרעטאַרקע. די לעצטע האָט אַקוראַט צוגעגרייט אַ רשימה פון אַ טראַנספּאָרט, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקגעשיקט ווערן דעם זעלביקן טאָג אין אָוונט. ווען זי האָט געפאָדערט „פּאַפּירן״, האָט פאַלקמאַן איר דערלאַנגט זיין „קענקאַרטע״.

— און אַן אַרבעטס־קאַרטע האָט איר?

ער האָט געשוויגן, מיינענדיק, אַז דער גאַנצער ענין איז פאַרלוירן. די באַאַמטין האָט זיך, אָבער, גאָרנישט געוווּנדערט — איר האָט נישט? — נו, נו, איז וועלן מיר אייך אויסשטעלן אַן אַרבעטס־קאַרטע.

מען איז אין דעם ביוראָ שוין, זעט אויס, געווען צוגעוווינט, אַז די קאַנדידאַטן וואָס מעלדן זיך צום אַרויספאָר קיין נאַרוועגיע זאָלן עפּעס האָבן אויפן געוויסן. פאַר דער פירמע איז אָבער געווען גאַנץ גלייכגילטיק וואָסערע פאַרשוינען עס ווילן פאָרן און וואָס פאַר אַ חטאים זיי האָבן הינטער זיך. מען האָט אים געפרעגט אויף זיינע פערסאָנאַליען און פאַלקמאַן האָט אָנגעגעבן די, וועלכע ער האָט זיך שוין גוט אויסגעלערנט.

— אייער פאַך?

פאַלקמאַן האָט אַ רגע געשוויגן. די פירמע האָט געזוכט אַרבעטער צו בוי־אַרבעט. ער האָט געענטפערט:

אַ מאַלער.

— אַ מאַלער? מיר בויען אין נאָרוועגיע באַראַקן. פאַר קיין מאַלער האָבן מיר נישט קיין באַשעפטיקונגען.

— כ׳קאָן אויך אַרבעטן אַלס סטאָלער — האָט פאַלקמאַן געפּרוּווט אויסבעסערן זיין מערכה.

— אויף אַזאַ אופן זייט איר דאָך נישט קיין מאַלער, נאָר אַ סטאָלער — האָט זי אים צוגעהאָלפן.

— יאָ, איך בין אַ סטאָלער.

זי האָט אים פאַרשריבן אַלס סטאָלער מיט אַ מינע, ווי ס׳וואָלט געווען זייער נאַטירלעך, וואָס דער מענטש, וועלכער זוכט אַרבעט, געדענקט נישט זיין אייגנטלעך פאַך.

— ביטע אָנגעבן די אַדרעסן פון אייערע קרובים — זאָגט צו אים

די סעקרעטאַרשע ווייטער — מיר זאָלן זיי קענען איבערשיקן אייערע פאַרדינסטן.

ווייל מיט דעם דאָזיקן מין אַרבעט איז געווען אַזוי: דער אַרבעטער גופא האָט אויפן אָרט נאָר באַקומען אויסגעצאָלט אַ קליינע סומע אויף „קעשענע־הוצאות". ווייטער איז אַ גרעסערער טייל פון פאַרדינסט אַי־בערגעשיקט געוואָרן דורך דער פירמע אין גענעראַל־גובערנאַמענט, ווו עס פלעגט אויסגעצאָלט ווערן די „אַרבעטס־אומפעיִקע" קרובים פון אַר־בעטער. דאָס איבעריקע האָט דער אַרבעטער געמוזט „אָפּשפּאָרן" אין דער רייכסבאַנק. גאַנץ אָפט פלעגט עס גענומען ווערן בתורת „הלוואה" כדי „אויפצובויען" עפּעס א בנין אין דער גמינע, אָדער אין קרייז.

פאַלקמאַן האָט זיך אַ רגע געפונען אין פאַרלעגנהייט. קיין שום אַדרעס איז אים נישט געקומען אויפן געדאַנק. צום גליק האָט דער אַנוועזנדיקער אַלעק אָנגערופן עפּעס אַן אַדרעס.

— יאָ, דאָס איז מיינע אַ קוזינקע — האָט פאַלקמאַן באַשטעטיקט.

— איידער איר וועט אונטערשרייבן דעם אָפּמאַך — האָט די סעקרע־טאַרשע ווייטער גערעדט, מוז איך אייך אויפמערקזאַם מאַכן, אַז אונדזערע לוינען זענען לויט די נאָרמעס פון דער „טאָדט־אָרגאַניזאַציע". עס פאַר־פליכטעט אייך אַ מיליטערישע דיסציפּלין, ווי אַלע אַנדערע מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאָרמאַציע. אין בערלין וועט איר מוזן דורכגיין אַ גרינטלעכע מעדיצינישע אונטערזוכונג. צי איז אייך דאָס באַוווּסט.

דער לעצטער זאַץ האָט אויסגעזען צו זיין אַ בפירושע אַלוזיע. פאַלק־מאַן שאָקלט מיטן קאָפּ: — זאָל זיין אַזוי — טראַכט ער — וואָס עס ווילט זיך. ווייניקסטנס איז מיין לעבן כאָטש ביז בערלין פאַראַנגירט. דערנאָך וועלן מיר ווייטער זען.

ער נעמט די פעדער אין דער האַנט און שרייבט אונטער דעם אָפּמאַך. דאָס מיידל ציט מיט די אַקסלען, ווי זי וואָלט בדעה געהאַט דערמיט צו זאָגן: — כ'האָב דיך, נאַר, געוואָרנט וועגן דער געפאַר.

זי גיט אים אַרויס אַ צעטל, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער „טאָדט־אָרגאַניזאַציע" און, אַז ער וועט אַרויסגעשיקט ווערן דורך דער פירמע „ברייט עט דאוב" קיין בערלין, אַן אויסגעצייכנט „פּאַפּירל". האָבנדיק אַזעלכעס אין טאַש קאָן מען שפּאַצירן אָן מורא איבער די גאַסן.

אַלעק האָט באַטראַכט דאָס פּאַפּירל מיט באַגייסטערונג און זאָגט:

— טייערע פריילין, צי וואָלט איר נישט געוואָלט מיר אויך געבן אַזאַ צעטל.

דאָס מיידל מיינט צוערשט, אַז ער האָט אויך בדעה אַרויסצופאָרן אויף אַרבעט. אָבער אין אַ רגע אַרום פאַרזיכערט איר אַלעק, אַז וועגן אַרויס־פאָרן קיין נאָרוועגיע טראַכט ער גאָרנישט.

— דאָס איז אַ גוט „פּאַפּירל", אַזעלכעס איז גוט צו האָבן ביי זיך. און ער גיט צו איר אַ ווילערישן שמייכל.

— דאָס איז גילטיק בלויז ביז היינט אין אָוונט — זאָגט דאָס מיידל.

— בעסער ווי גאָרנישט — לאַכט אַלעק.

און ער באַקומט.

שפּעטער, אויף דער פראַגע פון פאַלקמאַנען, טייטשט אַלעק אויס:

— אַ הערלעך „פּאַפּירל" — לאַכט ער — דאָס איז נישט שווער נאָכ־צומאַכן. דער שטעמפּל איז אַ געוויינלעכער, אַ גומענער. און וואָס שייך דער דאַטע, קאָן מען דאָך זי אויך איבערמאַכן. און מיט אַ באַזונדערער סאַטיס־פאַקציע ווייזט ער פאַלקמאַנען דעם טעקסט פון דער באַמערקונג אויפן סוף פון דעם צעטל.

— „עס פאַרטרעט אַלע דאָקומענטן"1) (ווייל אַלע דאָקומענטן האָבן דאָך געדאַרפט איבערגעלאָזט ווערן אין ביוראָ).

פאַלקמאַן איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ מיטגליד פון דער „טאָדט־אָרגאַ־ניזאַציע". דעם 18טן אויגוסט האָט ער פאַרלאָזט וואַרשע. אַלעק און זיין פרוי האָבן אים באַגלייט צו דער באַן. דאָ האָבן זיי, אין דער אָנוועזנהייט פון דרייסיק צוקונפטיקע מיטאַרבעטער פון פאַלקמאַנען, אָפּגעשפּילט אַ

1) כ'האָב מיט אַ כיוון געבראַכט אָט דעם זייטיקן עפּיזאָד. ער אילוסטרירט די מעטאָדן מיט וועלכע עס האָט געאַרבעט די אונטערערדישע „לעגאַליזאַציע־ביוראָ" ביים באַקומען „מוסטערן". איך געדענק, אַז יעדער פון אונדז, דער אונטערערדי־שער פּ.פּ.ס., וועלכער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ נייעם פאָרמולאַר, האָט אים געזוכט צו באַקומען, אַפילו ווען ער איז געווען גילטיק נישט מער ווי עטלעכע טעג און אים איבערגעשיקט אין „לעגאַליזאַציע־ביוראָ". מען האָט קיינמאָל נישט געקענט וויסן ביי וואָסערע סיטואַציעס דער אָדער יענער פאָרמולאַר קען בעסער צונוץ קומען. די אונטערערדישע פאַבריקלעך האָבן דעריבער געדאַרפט האָבן אַן אויסוואַל פון אַלערליי מוסטערן. פאַרגלייך די פּרטים אויף דער טעמע מיט דעם קאַפּיטל, א. ג. „פּאַפּירן".

„פאַמיליען־סצענע". די פרוי מאַרטאַ האָט געהאַט פאַרווײנטע אויגן און אַלע מאָל האָט זי זיך געוואָרפן דעם אָפּפאָרנדיקן אויפן האַלדז. זי האָט הויך געקלאָגט אויפן ביטערן גורל, וואָס צעשיידט זיי. די באַאמטע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער דאָזיקער רירנדיקער סצענע און מאַנכע פון זיי האָבן באַלד באַקומען סימפּאַטיע צו פאַלקמאַנען, וועלכער קוקט נישט אויף דעם דאָזיקן משפּחה־געפיל און פאָרט דאָך אויספּילן זיין חוב לגבי דעם „גרויסן דייטשלאַנד".

אויפן וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרעסטע טייל פון זיינע חברים זענען שוין געווען אויף אַרבעט אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין כאַרקאָוו און ערגעץ אַנדערש און אַלעמען איז געלונגען צו אַנטלויפן.

אין בערלין איז פאַלקמאַן דורכגעגאַנגען די מעדיצינישע אונטערזוכונג. אַ דייטשער דאָקטאָר האָט אונטערזוכט הונדערט און פופציק האַלבנאַקעטע מענער אָן גרויסן אינטערעס. אים האָט אינטערעסירט די מוסקול־קראַפט פון יעדן אונטערזוכטן און ס'איז אים נישט איינגעפאַלן זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דעם דעטייל, וואָס האָט אַזוי באַזאָרגט דעם אומגליקלעכן ייִד.

פאַלקמאַנס גרופּע האָט זיך אויפגעהאַלטן אין בערלין נאָך דריי וואָכן. נאָך דעם האָט מען זיי אַרויסגעשיקט אין אַ זאַמל־לאַגער אין שוואַרצענזעע, שפּעטער קיין שטשעטשין. בעדער, אַנטלויזונגס־אַנשטאַלטן. צום סוף האָט מען זיי פאַרלאָדנט אויף דעם דאַמפער „דונאַי". צוליב דעם, וואָס דער דאַמפער האָט אויך געפירט דייטשע סאָלדאַטן, האָבן די אַרבעטער געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער שרעק און היסטעריע פון די דייטשע אָפיצירן צוליב די ענגלישע מינעס.

זיי האָבן געמיטן די שוועדישע ברעגן און אָנגעקומען אין דעם פיאָרד פון אָסלאָ. דאָ האָט מען אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע גרופּע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן קיין מאָ־ראַנאַ. פאַלקמאַן, ווי מיר געדענקען, האָט זיך אָנגעגעבן אַלס סטאָליער, אַ פאַכמאַן און דעריבער איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אָנפירער פון דער גרופּע. ער האָט „אַוואַנסירט". דריי טעג האָט געדויערט די רייזע מיט דער באַן.

דאָס נאָרוועגישע שטעטל מאָ ליגט 30 קילאָמעטער פון דער לעצטער באַן־סטאַציע אין נאָרוועגיע און מער ווייניק פונקט אַזויפיל פון צפונדיקן

פּאָלאַר־קרייז. פּאַלקמאַנס גרופּע איז דורך די דייטשן איינגעאָרדנט געוואָרן אין צוויי קליינע באַראַקן. די אַרבעטער (מיטן אויסנאַם פון די סאָוויעטישע געפאַנגענע) האָבן זיך געמעגט פריי באַוועגן, סיי אויפן שטח פון די באַראַקן און סיי אין שטעטל. דאָס בויען די באַראַקן איז געגאַנגען פּאַמעלעך. די אַרבעטער האָבן זיך נישט געאײַלט און די אויפזעער איז דער גאַנצער עסק נישט אָנגעגאַנגען.

עס האָט זיך גאַנץ גיך אָנגעבונדן אַ פריינטשאַפט־קאָנטאַקט צווישן די נאָרוועגישע און פּוילישע אַרבעטער.

די לעצטע פלעגן ברענגען ראַדיאָ־ידיעות. דער האַס צום אָקופּאַנט איז אַן אַלגעמיינער און קיין שום צד שטערט זיך נישט אַרויסצוזאָגן הויך, וואָס ער טראַכט. לסוף נעמט מען אַרומרעדן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן. אין חשבון גייט אַריין נאָר איין ריכטונג, נעמלעך: דאָס נייטראַלע שוועדן. די אַרבעטער הייבן אָן פאַרשווינדן איינער נאָך דעם צווייטן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אויפן באַפעל, וואָס איז געקומען פון וואַרשע אַרעסטירט צוויי מענטשן. דער דאָזיקער פאַקט האָט עדות געזאָגט, אַז די פאַרבינדונג פון דער געסטאַפּאָ מיט דעם גענעראַל־גוווערנאַמענט איז פיל בעסער, ווי עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן פּאַלקמאַנען מיט זייע חברים. גלייכצייטיק זענען אויך אַנטלאָפן צוויי אַנדערע אַרבעטער, וועלכע דער אינזשיניער האָט חושד געווען, אַז זיי זענען ייִדן.

די ביידע געשעענישן האָבן צוגעאײַלט פּאַלקמאַנס דעציזיע. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך געגרייט צו אַנטלויפן נאָך זיבן חברים. אין דער לעצטער מינוט האָבן זיך צו זיי געוואָלט פאַראייניקן נאָך צוויי. מען האָט אָנגענומען נאָר איינעם. דער דאָזיקער האָט משמעות אין וואַרשע געזאָלט האָבן דערהרגעט צוויי דייטשע פּאָליציאַנטן און האָט אַ ליאָדע טאָג געקאָנט אַרעסטירט ווערן. אויפן זאַמלפּונקט האָבן זיך, אַנשטאָט אַכט, צוגעשטעלט צען קאַנדידאַטן צו מאַכן פליטה: „פּאַליאַר", פּאַלקמאַן, טאַדעאוש, וויאַטעק, יוזעף, צוויי יונגע ייִנגלעך פון וואַרשע, מיעטעק, העריק, פעליקס און פראַנטשישעק. בלויז דריי צווישן זיי האָבן געהאַט זומערדיקע מאַנטלען. די איבעריקע האָבן בלויז געהאַט סוועטערס. אַלע זענען זיי געגאַנגען אין שווערע און אין שטאַרקע שיך. אָבער קיינער האָט נישט געהאַט אַזעלכע שיך, וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער וואַנדערונג אין די

בערג. זיי האָבן נישט געהאַט קיין מאַפּע, קיין קאָמפּאַס. קיינער פון זיי האָט נישט קיין נאַרטן און איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין בערג פון דעם טיפּ: אין דער פּאָלאַר־געגנט. זיי זענען אַרויס נישט ווייסנדיק וווהין. דאָס איז געווען דעם 16טן אָקטאָבער אין יאָר 1943, אין אַ שבתדיקן טאָג (דעמאָלט האָט מען די אַרבעט געענדיקט 12 אַזייגער בייטאָג). דאָס איז געווען דריי וואָכן נאָכן אָנקומען אין מאָ.

די וואַנדערונג האָט געדויערט 4 טעג (להיפּוך דעם אויסרעכענונג אויף 10, צי 15 שעה). אַריבערגייענדיק די ערשטע באַרג־וואַנט האָבן זיי, צו זייער איבעראַשונג, דערזען אַ צווייטע, אַ נאָך מער משופּעדיקערע און געפערלעכערע. זיי האָבן אָבער זיך נישט געקאָנט דערלויבן אויף קיין אָפּרו. פראָסט און מידקייט. זיי זענען געווען אויפן ראַנד פון דערשעפּט־קייט. זיי האָבן איבערגענעכטיקט אויף אַן אָרט, וואָס איז פריי געווען פון ווינט, אויפן שניי. באַגינען האָבן זיי זיך ווייטער געלאָזט אין וועג. געגאַנ־גען שווייגנדיק. נאָך 24 שעה גאַנג האָבן זיי דערזען עטלעכע הייזלעך. אין טאָל האָט זיך פאַר זיי אויסגעשפּרייט אַן אָזערע. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי קומען שוין צו צו דער גרענעץ. דער אָנפירער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַן אויסשפּירונג. אַ האַלבן טאָג האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט ביז ער האָט געפונען אַן אַריבערגאַנג איבער דער כלומרשטער אָזערע, און אין תוך — איבער אַ באַרג־טייכל, וואָס איז ברייט געווען 10 צי 12 מעטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די הייזלעך זענען געווען ליידיק, פאַרלאָזט דורך די פישער. שפּעטער איז זיי אויסגעקומען, לויט דער ריי נאָך, אַרי־בערצושפּרינגען אַ שמאָל אָרט פון טייכל. ווען דער אַכטער איז אַריבער־געשפּרונגען צו די פריערדיקע, האָט ער דערציילט, אַז די צוויי לעצטע זענען פאַרהאַלטן געוואָרן מיט דעם אויסגעשריי: „האַלט״. ער האָט נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן. יענע צוויי זענען פאַרשוווּנדן. צי זאָלן זיי טאַקע דאָ, ביים ציל, אַריינפאַלן אין די הענט פון פיינט, אין דער קעגנאיבערדיקער זייט האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. עס איז געבליבן נאָר איינס: שפּאַ־נען מיט אַלע כוחות פאָרויס. דער טרויעריקער פאַרפאַל האָט זיי צוגעגעבן זיכערקייט, אַז זיי געפינען זיך אויף דער גרענעץ. נאָך 4 שעה גאַנג אין איין אָטעם איז ווידער צוגעפאַלן די נאַכט. זיי האָבן באַשלאָסן איבערצו־נעכטיקן אויפן ברעג פון קליינעם רעשיקן טייכל. איבערצייגט דערין, אַז

זיי געפינען זיך שוין אין שוועדן, האָבן זיי אָנגעהויבן זינגען „נאָך איז פּוילן נישט פאַרלוירן״; דערביי האָבן זיי אויך צעריסן די דייטשע „קענ־קאַרטעס״ און אַלע איבעריקע „פּאַפּירן״ — די סימבאָלן פון שקלאַפעריי. זיי האָבן געהאַט הינטער זיך 36 שעה גאַנג, דערונטער נאָר 6 שעה פון באַדינגלעכן אָפּרו, אָבער די זיכערקייט, אַז זיי זענען שוין אַריבער די גרענעץ האָט פאַרטריבן די מידקייט. זיי האָבן זיך דערציילט וועגן זייערע איבערלעבונגען ביי די דייטשן און זענען איינגעשלאָפן ערשט שפּעט ביינאַכט.

צומאָרגנס זענען זיי געגאַנגען ווייטער. געגאַנגען אין אַ גוטער שטימונג, טראָץ דעם, וואָס זיי האָבן שוין לגמרי נישט געהאַט קיין שפּייז. זיי האָבן ווידער אָנגעטראָפן אויף עטלעכע פּוסטע פישער־הייזלעך. אין איי־נער פון זיי האָט פאַלקמאַן געפונען אַ נאָרוועגישע צייטונג. דערפון איז געוועזן צו דרינגען, אַז זיי געפינען זיך נאָך אַלץ אין... נאָרוועגיע.

עס איז געקומען צו קעגנזייטיקע פאָרוואורפן און די שטימונג איז געוואָרן אַ געדריקטע. זיי זענען געגאַנגען ווייטער, אויסגעשעפּט ביזן דנאָ און פסיכיש איינגאַנצן צוטרייסלט. זיי האָבן זיך געשאָלטן אין שינאה פּונקט אַזוי ליידנשאַפטלעך, ווי זיי האָבן זיך נעכטן דערקלערט אין פריינטשאַפט.

ס׳איז אויסגעקומען ביז דער קני צו קריכן אין קאַלוזשעס. די בערג האָבן זיך דאָ אויפגעהויבן, דאָ אַראָפּגעלאָזט. נאָך עטלעכע שעה האָבן זיי ווידער אָנגעטראָפן אַ ליידיקע כאַטע. זיי זענען געווען דורכגעווייקט און הונגעריק. קיין שום כוח האָט זיי נישט געקענט צווינגען צום ווייטערדיקן גאַנג. אין דער כאַטע האָבן זיי באַמערקט שפּורן פון אַ שייטער, וואָס איז אויסגעלאָשן געוואָרן מיט עטלעכע שעה צוריק. זיי האָבן דעם שייטער אָנ־געצונדן. פאַלקמאַן, וואָס האָט אַרומגעקרייזט דאָס הייזל האָט באַמערקט שפּורן פון פערדישע טריט. אַ דענערווירטער האָט ער זיך אומגעקערט צו די חברים. עס האָט געדראָט אַ געפאַר. אָבער קיינער האָט אים נישט גע־וואָלט גלייבן. זיי זענען געווען צו מיד און דערשעפּט, כדי צו קענען וועגן עפּעס צו טראַכטן.

זיי האָבן אַראָפּגענומען פון זיך די מלבושים און זיי צעהאַנגען ביים

פּייער. די זאַכן האָבן זיך אָנגעצונדן פון די פלאַמען און מען האָט זיי איינ־געלאָשן מיט קללות און קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען.

באַגינען זענען זיי ווידער אַרויס אין וועג. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער 4טער טאָג פון זייער וואַנדערונג. אין האַלבן טאָג זענען זיי געבליבן שטיין אויף אַן אָרט פון וואַנען עס האָט זיך געזען ווייט און ברייט דער אַרום. עס האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַ יאוש. זיי האָבן שוין געוואָלט נאָר איינס — דעם טויט.

פלוצים האָט איינער פון די חברה, מיעטעק, דערזען, אַז אונטן אין טאָל באַוועגן זיך קליינע פּונקטן. ער האָט אַלאַרמירט די איבעריקע. זענען דאָס פיינט אָדער פריינט? דייטשן, נאָרוועגער, אָדער שוועדן? ברענגען זיי רעטונג, אָדער אומקום?

די פּונקטן אין טאָל פאַרגרעסערן זיך. ווערן פאַרלוירן, כדי אין אַ רגע אַרום ווידער אויפצוטויכן, גרעסערע, דייטלעכערע און נענטערע. אַ טייל פון זיי וויל זיך באַהאַלטן, אַנדערע לייגן פאָר, אַז מען זאָל זיך לאָזן לויפן. פאַלקמאַן דערזעט אָבער פלוצים עטלעכע פּרטים:

— די אָנקומענדיקע זענען פאַליאַקן. פאָליאַקן פון נאָרוועגיע, זייע־רע אַרבעטס־חברים און פּונקט, ווי זיי, אַנטלויפנדיקע.

די גרופּן באַגעגענען זיך מיט פרייד־אויסגעשרייען. מען וואַרפט די היטלען אין דער הייך. די אָנגעקומענע פאָליאַקן (געווען זענען זיי זיבן) זענען געגאַנגען מיט אַ נאָרוועגישן וועג־ווייזער. דער לעצטער דערקלערט, אַז זיי געפינען זיך טאַקע אויף דער גרענעץ. חוץ דעם: דאָס הייזל, אין וועלכן זיי האָבן איבערגענעכטיקט די לעצטע נאַכט געהערט צו דער דייטש־נאָרוועגישער גרענעץ־וואַך. זיי זענען דעריבער געווען ביים לייב אין פּיסק.

די אָנפירערשאַפט האָט איבערגענומען דער נאָרוועגישער וועג־ווייזער. נאָך 4 שעה ווייטערדיקן גאַנג זענען זיי אין שפּעטן נאָך מיטיק אָנ־געקומען צו די ערשטע שוועדישע הייזלעך. אין אַ שעה אַרום האָבן זיי זיך געפונען אין בנין פון פּאָסט־אַמט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט. אַ ליבנסווירדיקע באַאַמטין האָט זיי אויפגענומען מיט אַ זאַטן איבערבייס און האָט טעלעפאָניש צו וויסן געטון דער גרענעץ־וואַך וועגן זייער אָנקום. עס איז אָנגעקומען אַן אָפיציר, וועלכער האָט פאַר־

שריבן זייערע פּערסאָנאַליען. פּאַלקמאַן האָט זיך פאַרשריבן אויף זיין „אַרישן“ נאָמען. ער האָט נעמלעך נאָך נישט געטרויט אַז אין אייראָפּע קאָן זיין אַ לאַנד, ווו זיין „ראַסע“ איז פאַר די איינוווינער און בעיקר פאַר דער מאַכט אַ גלייכגילטיקער ענין.

אַ באַקוועמער אויטאָ האָט זיי אַוועקגעפירט צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע, וואָס האָט זיך געפונען 30 קילאָמעטער ווייט פון דעם אָרט. דעם ווייטערדיקן וועג האָבן זיי דורכגעמאַכט אין די לוקסוסדיקע שוועדישע וואַגאָנען. אין צוויי טעג אַרום זענען זיי אָנגעקומען אין דעם שיינעם שטאָקהאָלם. דאָ האָט זיך מיט זיי פאַרנומען דער פּוילישער קאָנסולאַט, וועלכער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט מלבושים און געלט. זיי האָבן באַקומען פּאַספּאָרטן. אויטענטישע. מיטן פּוילישן אדלער. אויך פּאַלקמאַן האָט אַזאַ פּאַספּאָרט באַקומען און דאָס מאָל אויף זיין ריכטיקן נאָמען.

ווען ער האָט געענומען דערציילן וועגן דעם גורל פון ייִדן אין גע־נעראַל־גוווערנאַמענט, האָט מען אים נישט געוואָלט גלייבן. פאַר די שווע־דישע איינוווינער איז דאָס געווען אינגאַנצן אומגלויבלעך 1). זיינע דער־ציילונגען האָט פאַרשריבן דער ליטעראַט סטעפאַן שענדע 2).

---

1) אין האַרבסט פון יאָר 1942 האָט דער עמיסאַר פון דער אַרמיי און פּוי־לישער רעגירונג אין לאָנדאָן, יאַן קאַרסקי, איידער ער איז אַרויסגעפאָרן פון פּוילן קיין לאָנדאָן, זיך אַריבערגעשמוגלט אין וואַרשעווער געטאָ. חוץ דעם האָט ער געהאַט אַ געשפּרעך מיט צוויי פאָרשטייער פון דער יידישער אונטערערד. ער איז אויך געווען אין בעלזשעץ (אין יאָר 1942 איז די פאַרניכטונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, ווי באַוווסט, שוין דורכגעפירט געוואָרן אויף אַ מאַסן אופן און אין אַ משוגענעם טעמפּאָ). זיינע אָבסערוואַציעס פון אָקופּירטן פּוילן האָט קאָרסקי באַשריבן אין בוך א. נ.: „סטאָרי אָף א סעקרעט סטאַט“ (לאָנדאָן 1944, באָסטאָן 1944). אין די קאַפּיטלען 29 און 30 פון דעם בוך געפינען זיך זיינע באַשרייבונגען פון זיין עקסקורסיע אין געטאָ און אין בעלזשעץ. נאָך פריער, באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין לאָנדאָן, האָט ער, אין הסכם מיט דער בקשה פון די צוויי פאָרשטייער פון יידישן אונטערערד, איבערגעגעבן די ידיעות פון פּוילן „אַרטורן“ ד״ה ש. זיגלבוימען — איינעם פון די צוויי יידישע פאָרשטייער אין פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט אין לאָנדאָן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן, וואָס זענען אין מערץ 1943 פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם יידישן חודש־זשורנאַל „אונזער צייט“ אין ניו־יאָרק, זאָגן עדות, אַז אויך קאָרסקי האָט זיך אין אויסלאַנד אָנגעטראָפן אויף אַן אומצוטרוי צו זיינע ידיעות. איידער ער איז צוגעטראָטן צו באַשרייבן די רעלאַציעס פון זיין באַזוך אין וואַרשעווער געטאָ, האָט קאָרסקי אונטערגע־שטראָכן: כ׳וועל נישט קאָנען דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געזען. די דאָזיקע איינדרוקן שטייגן איבער די מענטשלעכע כוחות פון איבערגעבן. כ׳ווייס חוץ דעם, אַז איר וועט נישט בכח זיין צו גלייבן, אַפילו ווען מען זאָל דאָס קענען אויסדערציילן. שוין אויפן וועג האָב איך געפּרוווט די ידיעות איבערגעבן אין די

אין שטאָקהאָלם בין איך געווען אין 1947. פּאָלקמאַן האָט מיר דערציילט וועגן זיינע געשפּרעכן באַלד נאָך זיין אַריבערקומען אין שוועדן. איך האָב באַמערקט, אַז ער ברענגט מיר כסדר ראיות, דאָס מאָל כדי מיך איבערצייגן, אַז דעמאָלט האָט מען אים טאַקע נישט געוואָלט גלויבן. ער האָט געהאַלטן, אַז איך קאָן איצט אין דעם צווייפלען. איך האָב אָבער דערין נישט געצווייפלט. איך האָב געוווּסט פון מיינע אייגענע געשפּרעכן (כאָטש איך האָב זיי געפירט דריי יאָר נאָך דער מלחמה), אַז זיי גלויבן ווייטער נישט. זיי האָבן שוין געלייענט נישט איין בוך און הונדערטער אַרטיקלען, זיי האָבן געזען דאָקומענטירטע פילמען, זיי קענען דעם נירנבערגער פּראָצעס א״אַנד. אָבער ווען זיי פּרוּוון זיך דעם אמת לעבעדיק מאַכן אין זייער באַוווּסטזיין — קענען זיי נישט. זיי ווערן הילפלאָז. דער דאָזיקער אמת קען נישט געפינען קיין אָרט אין זייער פאַנטאַזיע, אין זייער געדאַנק, אין דעם געדאַנק פון מענטשן ערלעכע, מענטשלעך־גוטע, וועלכע האָבן געלעבט אין אַ לאַנד, וואָס איז נישט בלויז נישט אָקופּירט

ענגלישע אַמבאַסאַדעס און... און אין... די דאָזיקע מענטשן האָבן אַלץ אויסגעהערט העפלעך און מיטפילנדיק. אָבער שפּעטער האָבן זיי מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נאָך אַזעלכע שווערע איבערלעבונגען מאָלט מיר מיין פאַנטאַזיע אויס מאַקאַבריסטישע בילדער. ווארום דאָס וואָס איך דערצייל „קען דאָך נישט זיין וואָר". לאָמיר צו דעם צוגעבן, אַז אויך די פּוילישע יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז דאָס וועט מען אין אויסלאַנד נישט וועלן גלייבן. דעריבער האָבן די צוויי דערמאָנטע פאָרשטייער פון יידישן אונטערגרונט דורך קאָרסקין געבעטן מען זאָל אונטערנעמען דראַסטישע שריט, כדי איבערצוצייגן דער וועלט אין דער אמתדיקייט פון די פאַקטן. געטריי דעם דאָזיקן רוף האָט ש. זיגעלבוים, נישט קענענדיק איינברעכן דעם מויער פון אומגלויבן כדי צו ברענגען צו שריט, וואָס זאָלן זיין פון אַ וועזנטלעכער באַדייטונג פאַר די קרבנות, זיך דעצידירט צו געבן דער וועלט פון אמתדיקייט מיט דעם קרבן פון אייגענעם לעבן. אין דער נאַכט פון 12טן אויפן 13טן מאַי איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. אין דעם געזעגענונגס־בריוו צו דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן האָט ער געשריבן: „מיט מיין טויט וויל איך אויסדריקן אַ פּראָטעסט קעגן דער פּאַסיווקייט פון דער וועלט, וועלכע קוקט צו און דערלאָזט צו דער עקסטערמינאַציע פון יידישן פאָלק". (פאַרגלייך: „דאָס זיגלבוים־בוך" — ניו־יאָרק. פאַרלאַג „אונזער צייט"). (זיגלבוים האָט זיך ביים אויסברוך פון דער מלחמה געפונען אין וואַרשע. אין די טעג, ווען וואַרשע האָט זיך נאָך פאַרטיידיקט, האָט ער אָרגאַניזירט אַרבעטס־באַטאַליאָנען. קיין אויסלאַנד האָט ער זיך אַרויסגעקריגן קאָנספּיראַטיוו אין דעצעמבער 1939, דורך דייטשלאַנד און בעלגיע).

2) א. נ. „דער לעצטער ייד פון פּוילן" האָט זיך באַוויזן אין עטלעכע שפּראַכן, צוו. אַנד. אין דייטש, א. נ. „דער לעצטער יודע אין פּאָלען" (אייראָפּא פאַרלאַג, ציריך, ניו־יאָרק 1945). דער אָריגינעלער טיטול אין שוועדיש: „דער סיסטע יודען פראן פּאָלען" באָנניערס בעקפּארלאַג 1944).

געווען — נאָר האָט בכלל נישט דורכגעמאַכט די מלחמה און צוליב דעם האָבן זיי נישט קיין מעגלעכקייט געהאַט צו זען. וואָס איז דער וווּנדער? אפילו די עדות פון די אַלע איבערלעבונגען זאָגן אָפּט, ווי מיר ווייסן, אַז דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט איז מסתמא נאָר געווען אַ קאָשמאַרער חלום.

***

פֿאַלקמאַן איז נישט געווען דער איינציקער ייִד, וואָס איז אָנגעקומען קיין שוועדן אויף אַזאַ אופן. אין דעם זעלביקן שטאָקהאָלם האָב איך גע־טראָפן קעלערן. ער איז אַהערצו אָנגעקומען אויף פּונקט אַזאַ אופן ווי פֿאַלקמאַן, מיט דעם אונטערשיד, וואָס ער איז געקומען פון... פינלאַנד.

די וואַריאַנטן קען מען פאַרפילפאַכן. אין דענעמאַרק (קאָפּענ־האַגן) האָב איך געטראָפן אַ לעמבערגער פרוי ל. קרעמער. לעבנדיק אויף „אַרישע פּאַפּירן", האָט זי געאַרבעט אַלס קראַנקנשוועסטער, זי האָט מיט איר סאַניטאַרער אָפּטיילונג דורכגעוואַנדערט גאַנץ אייראָפּע און איז אַזוי אַרום דאָ אַריינגעפאַלן... אין געפאַנגענשאַפט צו דער באַפרייערישער אַר־מיי. זי וווינט ביז היינט אין קאָפּענהאַגן.

און אָט — לשם ענדערונג — דער גורל פון אַ „פּאַפּירענעם אַריער"1) וואָס האָט נישט דערגרייכט שוועדן, ווייל מען האָט אים טאַקע אַרעסטירט אויף דער גרענעץ. דער דאָזיקער — ווי מיר וועלן עס זען — האָט גע־האַט הינטער זיך אַ נסיעה אין פאַרשידענע לענדער, פון סאַמע דרום ביזן סוף צפון אייראָפּע:

„אין יוני 1940 האָט מען מיך מיט מיין משפחה עוואַקויִרט פון קראָקע. מיר זענען אַרויסגעפאָרן קיין טאַרנע. אין אָנהויב זענען די באַדינ־גונגען געווען נישקשהדיק. כ'האָב געוווינט אויפן דאָרף, געהאַנדלט און געהאָלפן דער משפחה. נאָכדעם בין איך אָן אַן „אפּאסקע" געפאָרן אין קראָקעווער געטאָ. דער אָ־דע מאַן (ד. ה. ייִדישער פּאָליציאַנט) גרינער האָט מיר דערפאַר געוואָלט אַרעסטירן, ער האָט מיר אָבער אָפּגעלאָזן נאָך אַן אינטערווענץ פון מיין שוואָגער.

נאָכדעם בין איך געפאָרן קיין באראנוווּ צו מיין כלה. כ'האָב פּונקט

1) יאַן הערמאַן (געב. אין קראָקע 1910) פון באַרוף אַ זייגערמאַכער.

אָנגעטראָפן אויף אַן „אַקציע״. כ׳האָב זיך באַהאַלטן אויפן דאַך. נאָכדעם בין איך ווידער געפאָרן מיט סחורה קיין דעמביץ. אויף דער סטאַציע אַ רעוויזיע. אַזוי ווי כ׳האָב נישט געהאַט קיין „קענקאַרטע״, האָב איך באַצאָלט 30 זלאָטעס און מען האָט מיך באַפרייט. איינער האָט אָנגעוויזן, אַז כ׳בין אַ ייִד. מען האָט מיר געפירט אויף דער שוץ־פּאָליציי. גענוי אונטערזוכט, אָבער גאָרנישט פעסטגעשטעלט. זיי האָבן זיך נאָר געוווּנדערט, וואָס כ׳האָב אַ דייטשן נאָמען און כ׳בין נישט קיין פאָלקס־דייטש. מען האָט מיר ווי אַן „אַריער״ געשיקט מיט אַ גרופּע קיין קראָקע, אויף דער וואַנסקאַ־גאַס 1), פונוואַנען עס האָט געדאַרפט גיין אַ טראַנספּאָרט מיט פּאָליאַקן קיין דייטשלאַנד. מען האָט אונדז געפירט איבער די גאַסן געקייטלט אין צוויי.

ווידער אונטערזוכונגען. עס האָבן אונדז אונטערזוכט דריי דאָקטוירים, אַן אוקראַאינער, אַ דייטש און אַ פּאָליאַק. אַלץ אין אָרדענונג. מיר פאָרן קיין בייערן. אין מידנילקע האָט זיך דער צוג פאַרהאַלטן. דער רוב איז אַנטלאָפן און איך צווישן זיי.

אין אַפּריל 1942 בין איך געפאָרן צו מיינע עלטערן קיין זשאַרנוּוו. איך האָב פּונקט אָנגעטראָפן אויף אַ כאַפּ־אַקציע. מען האָט מיר געשיקט קיין פּוסטאָקאָוו 2). מיר זענען אונטערליגן דעם „יודנראַט״ אין דעמביץ. אין פּוסטקאָוו האָב איך פאַרלוירן אַ ברודער. די ס. ס.־לייט האָבן געשאָסן יעדן וואָס איז זיי נישט געפעלן. כ׳בין אַנטלאָפן מיט 15 חברים פון דעם גיהנום.

מיר זענען געגאַנגען ביינאַכט און בייטאָג פלעגן מיר זיך באַהאַלטן. כ׳בין אָנגעקומען קיין קראָקע. דאָ האָב איך געטראָפן אַ יונג ייִנגל האָבער (פון טאַרנע) וואָס האָט מיך געראַטן צו באַזאָרגן זיך איטאַליענישע „פּאַפּירן״. ער האָט מיר באַקאַנט מיט אַ גרופּע „אַריער״ וואָס האָבן מיר באַזאָרגט „פּאַפּירן״. זיי האָבן מיר אַריינגעצויגן אין קרייז פון זייערע אינטערעסן. מיר פלעגן פאָרן צוזאַמען, לרוב אין דער „סביבה פון נאָווי־סאַנטש, נאָך קריבוו און פאַרקויפן ייִדן איטאַליענישע „פּאַפּירן״. מיר האָבן זיך פריי באַוועגט און געפאָרן אין דייטשע וואַגאָנען.

איינמאָל זענען מיר, אַ גאַנצע גרופּע, געפאָרן מיט „פּאַפּירן״ קיין

1) דאָס איז געווען אַן אָפּטיילונג פון דעם אַרבעטסאַמט.
2) אַ לאַגער.

גריבוּוו. כ׳האָב מורא געהאַט צו פאָרן מיט זיי און ווי עפּעס פאַרפילנדיק — האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין אַ דייטשן וואַגאָן. צי זיי האָבן זיך שכורדי־קערהייט פאַרראַטן, אָדער מען האָט זיי געמסרט — גענוג, אַז מען האָט פאַרהאַלטן דעם צוג. אַ קאָנטראָל. מען האָט אַלע געכאַפּט. אין דייטשן וואַגאָן איז די פּאָליציי נישט אַריין.

כ׳קום צוריק קיין קראָקע, כ׳בין אַריין צו דער פרוי פון מיינס אַ פריינט און פאַרברענט אַלע קאָמפּראָמיטירנדיקע פּאַפּירן. כ׳האָב מיך באַזאָרגט אַ פּוילישע „קענקאַרטע״ און געפאָרן צו מיינע עלטערן קיין טאַרנע. מען כאַפּט ווידער מענטשן אויף דער גאַס. כ׳בין ווידער אין קראָקע אויף דער וואַנסקא גאַס און מען טוט מיר ווידער באַקוקן אויף אַלע אופנים. אין רעזולטאַט — האָט מען מיר צוגעטיילט צו אַ טראַנס־פּאָרט פּוילישע אַרבעטער, וואָס איז געפאָרן קיין בערלין.

דער בערלינער אַרבעטס־אַמט האָט מיך צוגעטיילט צו דער פירמע כריסטאָף און אונמאַך. דאָרט איז געווען אַ שווערע אַרבעט ביי בעטאָן. עס האָבן דאָרט געאַרבעט אַלע נאַציאָנאַליטעטן — מחוץ יידן. צום ערגסטן האָט מען טראַקטירט פּאָליאַקן. איין פּאָליאַק האָט מיר נאָכגעפּאָרשט. כ׳האָב ווידער געוואָלט פאַרלאָזן בערלין. כ׳האָב זיך געוואָנדן צום שעף מיט אַן אויסרייד, אַז מיט מיינע נערוון קען איך נישט פאַרטראָגן די כסדרדיקע באָמבאַרדירונגען און כ׳בעט מיר איבערטראָגן קיין אויסלאַנד.

מען האָט מיך געשיקט קיין גריכנלאַנד. אין גריכנלאַנד איז געווען אַ שווערע אַרבעט ביים בויען מיליטערישע בונקערס. נישט זייענדיק צו־געוווינט צום דאָרטיקן קלימאַט — בין איך נאָך אַכט וואָכן קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע. מען האָט מיך איבערגעשיקט קיין פינלאַנד, צו אַזאַ זעל־בער אַרבעט — ביי בונקערס.

אין פינלאַנד האָט מען טעגלעך געהאַט אַ האַלב ברויט און פיש וויפל נאָר מעגלעך. צוליבן דערנענטערן זיך פון סאָוויעטישן פראָנט, האָט מען אונדז איבערגעשיקט קיין נאָרוועגן, קיין אָדעסנעס. די נאָרוועגן האָבן זייער מיטגעפילט מיט די יידן. זיי האָבן דערציילט, אַז די יידן האָט מען כלומרשט געשיקט קיין מזרח אויף אַרבעט, אָבער באמת האָט מען זיי דער־טרונקען אין סקאַגעראַג. זיי האָבן זייער געהאָלפן די אויסלענדער.

אין יאָר 1942 האָב איך באַקומען אַ צוויי־חדשימדיקן אורלויב. כ׳בין

געפאָרן קיין לובלין און וואַרשע. כ׳האָב מיטגעבראַכט מיט זיך בריוו פון געפאַנגענע. כ׳האָב אָבער געמוזט אַוועקפאָרן פאַרן סוף פון אורלויב — ווייל אַ פּאָליאַק האָט מיך דערקענט. כ׳האָב זיך צוריקגעקערט קיין נאַר־וועגיע.

אין אַנדעסנעס האָט אַ פאָלקס־דויטש פון לאָדזש געמסרט צוויי יידן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן״. כ׳האָב געפּלאַנט צו אַנטלויפן.

דעם 25טן אפּריל 1944 בין איך אַוועק מיט דריי פּאָליאַקן, דריי האָ־לענדער און איין סערב.

צוויי קילאָמעטער פאַר דער שוועדישער גרענעץ האָט אונדז פאַר־האַלטן און אַרעסטירט אַ וואַך פון ס. ד.. פאַר אַ נישט פעסטגעשטעלטן שפּיאָנאַזש בין איך געוואָרן פאַראורטיילט אויף 10 יאָר תפיסה. דער תפיסה־דאָקטאָר האָפמאַן, אַ געוועזענער קאַפּיטאַן פון דער פּוילישער אַרמיי (אין וועמענס פּולק איך האָב געדינט) האָט געוווּסט, אַז איך בין אַ ייִד. ער האָט זיך מיט מיר פאַראינטערעסירט.

כ׳בין דאָ געווען ביזן 5טן יאַנואַר 1945, פון וואַנען מען האָט מיך איבערגעפירט אין דער האַמבורגער תפיסה און נאָכדעם קיין דאַכאַו. ביז דער באַפרייונג״ 1).

⁂

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז נישט איינער פון די „אַריער״, וועלכע דער גורל האָט געוואָרפן אויף דעם שטורמישן קאָנטינענט האָט איבער־געלעבט אויסטערלישע אינצידענטן און זיך אָנגעטראָפן אויף אומגעוויינ־לעכע מענטשן, ווי אַ משל:

אַ גרויסן עכאָ (איבערהויפּט צווישן ייִדן) האָט שוין פאַר דער מלחמה געהאַט די טעטיקייט פון געוועזענעם „גרויס־מופטי״ פון ירושלים — האַי אמין אל הוסייני. דער דאָזיקער אַמביציעזער אַראַבישער פּאָליטיקער (וועלכן טשוירטשיל האָט באַצייכנט, ווי „אַ טאָן דינאַמיט, וואָס לויפט אויף צוויי פיס״), איז ווי באַוווּסט געווען דער אָנטיילנעמער פון אַ ריי פאַרשוועררונגען און אינטריגעס אויפן נאָענטן מזרח. אין דער געשיכטע

1) וו. יי. ה. ק. אין קראָקע (פּראָט. בוימינגער 555).

פון ישראל, למשל, האָט ער זיך פאַרשריבן, ווי דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַ ריי בלוטיקע פּאָגראָמען קעגן דעם יונגן יידישן ישוב. בעת דער לעצטער מלחמה האָט ער זיך, אָן באַוואָרעניש, פאַרבונדן מיט היטלערן. ער האָט אויסגעבויט אַ נעץ פון דייטשע אַגענטן אויפן נאָענטן מזרח. אין מאַי 1941 האָט ער צוגעגרייט אַ רעוואָלט אין ישראל. שפּעטער האָט ער אין איי־ראָפּע פאָרמירט מוסולמענישע ס. ס.־בריגאַדעס, אַרויסגעגעבן אויפרופן, אַרומגעפאָרן, אַגיטירט, אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן. ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן כאַפּן מפּלות האָט ער זיך צוריקגעצויגן אין דער סביבה פון די „געהויבענע געסט פון פירער". צום סוף האָט ער זיך געפונען אין לינץ. דאָ האָט ער (צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע „געהויבענע געסט") געוווינט אין אַ האָטעל ווו עס האָט געאַרבעט אַלס „פוץ־פראַו" (רוימערין) די פרוי ס. ב. דאָס איז געווען אַ יידישע פרוי, וואָס איז אַנטלאָפן פון טויט־לאַגער אין לעמבערג, האָט זיך באַזאָרגט מיט „אַרישע פּאַפּירן", איז אַרויסגע־פאָרן קיין לינץ און אַ דאַנק דעם אָרטיקן „אַרבעטס־אַמט" געקריגן די אַר־בעט אין דעם דערמאָנטן האָטעל. צוליב דעם, וואָס זי האָט געקענט פראַנ־צויזיש, האָט מען זי צוגעטיילט צום „גרויס־מופטי" אַלס שטוב־מיידל. דאָס דאָזיקע מיידל האָט דורך איר חתן (וואָס איז געווען אין קאָנטאַקט מיט דעם אַליאַנטישן אויסשפּיר־דינסט) צוגעשטעלט ווערטפולן מאַטע־ריאַל. דער מופטי האָט זיך נאַטאַריש געפונען אונטער איר קאָנטראָל. „יעדער טריט זיינער, יעדע טרעפונג זיינע מיט די נאַציסטן, מיט די אונ־גאַרישע מיניסטאָרן און פירער פון ס. ס. איז גענוי איבערגעגעבן געוואָרן".

ווען דער „גרויס־מופטי" האָט פאַרלאָזן דעם האָטעל, האָט דאָס מיידל פון אים באַקומען 25 רייכסמאַרק, טרינקגעלט.1)

---

1) פאַרגלייך: ס. ווייזענטאַל — „דער גרויס מופטי — דער גרויסאַגענט פון דער אַקס" ר. ד. פאַרלאַג, זאַלצבורג—וויען, זייט 53.

צא

אויף אוקראַינישע פּאַפּירן

אין רוב משלים, וואָס מיר האָבן געגעבן ביז איצט, האָט זיך נאַטיר־לעך געהאַנדלט וועגן — אַזוי צו זאָגן — פּוילישע פּאַפּירן. דאָס זענען אָבער נישט געווען די איינציקע.

די מזרח־געביטן פון פאַרמלחמהדיקן פּוילן זענען אין אַ גרויסער מאָס געווען באַוווינט דורך דער אוקראַינישער מינדערהייט. אין סעפּ־טעמבער 1939 זענען די דאָזיקע שטחים פאַרנומען געוואָרן דורך די סאָ־וויעטישע חילות. (ווי אַ פּועל־יוצא פונעם אָפּמאַך צווישן מאָלאָטאָוו און ריבענטראָפּ, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן אין אויגוסט 1939). זומער 1941, נאָכן אויסברוך פון דער סאָוויעטיש־דייטשער מלחמה זענען די דאָזיקע טעריטאָריעס איבערגעגאַנגען אונטער דייטשער אָקופּאַציע. שוין אין די פריִערדיקע קאַפּיטלעך איז אויסגעקומען צו דערמאָנען, אַז דאָ האָט דער אַנטי־ייִדישער טעראָר, פון דער ערשטער רגע אָן, געבושעוועט מיט אַ באַ־זונדערער חיהשקייט.

דער אָקופּאַנט האָט זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס באַנוצט מיט דער אוקראַינישער באַפעלקערונג (וועלכע ער האָט אגב אויסגעשפּילט קעגן די פּאָליאַקן). ווייל אויב די פּאָליאַקן זענען געווען אַ באַזיגט פאָלק און שונאים פון דייטשלאַנד, זענען די אוקראַינער באַטראַכט געוואָרן פאַר ענטוזיאַסטן פונעם „דריטן רייך”, וואָס האָבן אין די דייטשן געזען זייערע „באַפרייער” און די שעפער פון אַ צוקונפטיקער, אומאָפּהענגיקער אוקראַינע. מען האָט דעריבער אָרגאַניזירט אַן אוקראַינישע פּאָליציי, אוקראַינישע מיט־

שלעפּער. שוין אין די ערשטע טעג פון דער דייטשער אָקופּאַציע זענען אין לעמבערג און אין אַנדערע ערטער פאַרגעקומען בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן. די דייטשן האָבן, אין דאָזיקן פּרט, געגעבן די אוקראַינער „פרייע הענט" אויף באַשטימטע טעג. שפּעטער זענען אויך פאָרגעקומען, בפרט אויף דער פּראָווינץ, שחיטות פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, אויסגעפירטע דורך אוקראַינער. אין תוך גענומען האָט זיך די אוקראַיני־שע „פרייהייט" באַגרענעצט בלויז אויף דעם. קיין אוקראַינישע מדינה האָבן די דייטשן נישט פּראָקלאַמירט (און — ווי עס איז שוין איצט באַקאַנט — האָבן זיי דאָס אַפילו נישט געהאַט אין זייער פּראָגראַם, וואָס האָט בלויז פאַראויסגעזען פאַר אוקראַינע די ראָלע פון אַ... דייטשער קאָ־לאָניע). עס זענען — פאַרשטייט זיך — געווען אויך אויסנאמען. עס זענען געווען אוקראַינער וואָס האָבן זיך לגבי יידן אויפגעפירט אָרנטלעך, אַזעל־כע וואָס האָבן אינדיווידועל געהאָלפן יידן, טיילמאָל אַפילו מיט מסירת נפש. וועגן אייניקע אַזעלכע פאַלן דערמאָנען מיר אגב אין דאָזיקן בוך.

***

כדי צו קאָנען לעבן אויף „אוקראַינישע פּאַפּירן" האָט דער קאַנדי־דאַט געמוזט — קודם כל באַהערשן די אוקראַינישע שפּראַך, קענען די אוקראַינישע מנהגים און אָריענטירן זיך — דאָס מאָל — אין דער גרי־כיש־קאַטוילישער אמונה. צוליב די פּריווילעגיעס פון וועלכע ס'האָט גענאָסן די אוקראַינישע באַפעלקערונג האָבן די „פּאַפּירן" פון דאָזיקן טיפּ געהאַט אַ סך מעלות; מען פלעגט זעלטענער לעגיטימירט ווערן. עס פלעגן פאָרקומען ווייניקער „לאַפּאַנקעס" אא"וו. עס איז לייכטער געווען זיך איינ־צומעלדן, צו באַקומען אַ פּאָסטן אא"וו. אויסער דעם איז געווען ווייניק וואַרשיינלעך אַז יידן זאָלן לעבן אונטער דער דאָזיקער מאַסקע, פּשוט צוליב דעם וואָס ווייניק פון זיי זענען אין אַ גענוגנדיקער מאָס געווען צונויפגעבונדן מיט דער אוקראַינישער סביבה. דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די געוויינלעכע אָבסערוואַציע און דעם כסדרדיקן פאַרדאַכט וועגן יידי־שער אָפּשטאַמונג. פון דער צווייטער זייט איז די דאָזיקע ראָל, צוליב די זעלבע סיבות, געווען אַ סך מער קאָמפּליצירט און פאַרבונדן מיט ספּע־ציפישע מאָמענטן.

מיכאל בארוויטש

***

יוסף קערן 1) איז אין יאָר 1942 אַלט געווען 23 יאָר און זיין פרוי 21 יאָר. ביז דעם קומען פון די דייטשן זענען זיי ביידע געווען סטודענטן פון לעמבערגער אוניווערסיטעט.

אין אויגוסט 1942 איז אין לעמבערג פאָרגעקומען די (שוין אויף אַן אַנדער אָרט דערמאָנטע) „אַקציע" וואָס האָט געדויערט מערערע טעג און האָט גורם געווען טויזנטער יידישע קרבנות. אייניקע טעג פאַרן אָנהויב פון דער אַקציע האָט קערן געפונען אַן אוקראַינישע מעטריקע; ער האָט זי געהאַלטן אין קעשענע אויף על כל צרה שלא תבא. שוין בשעת דער „אַקציע", האָט ער, ביי אַ „מאכער" געקויפט אַן אַנדערע מעטריקע (אויך אַן אוקראַינישע) פאַר זיין פרוי רבקה.

דעם צווייטן טאָג פון דער „אַקציע" (אגב אומאָפּהענגיק פון איר) האָט מען די קערנס אַרויסגעוואָרפן פון זייער דירה אויף דער יאַנאָווסקאַ־גאַס; זיי האָבן זיך אַריינגעצויגן אין אַ קעמערל ביי אַ באַקאַנטן טראַמוויי־אַרבעטער, אָבער שלאָפן זענען זיי געגאַנגען (אויפן פאָרשלאַג פון דער פרוי) צו אַן עמעריטירטער גאַסן־פרוי וואָס האָט געוווינט אין באָגדאַנאָווקע (אַ פאָרשטאָט פון לעמבערג). זעקס אַזייגער אין דער פרי האָט די אייגנטימערין פון דער שטוב דערקלערט, אַז זי קען זיי מער נישט האַלטן ביי זיך, ווייל די געסטאַפּאָ איז שוין נאָענט. זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון דער ראָגאַטקע. דאָ האָט מען לעגיטימירט די דורכגייער. זיי האָבן אויסגעמיטן די קאָנטראָל, מאַכנדיק זיך לויפן נאָך אַ טראַמוויי. איי־נעם טראַמוויי — אַ רעוויזיע. אַזוי ווי זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אוק־ראַיניש, האָט די קאָנטראָל זיי דורכגעלאָזט.

עס הויבט זיך אָן אַ משונהדיק יאָגעניש איבער דער שטאָט (ווו עס בושעוועט אַ מערדערלעכע „אַקציע"). אויף הויך־ליטשאַקאָוו — באַמערקט קערן אַ שילדל פון אַן אוקראַינישן דאָקטאָר. ער גייט אַריין און דער־קלערט, אַז ער איז געקומען פון דער פּראָווינץ. דאָ — זאָגט ער — כאַפּט

---

1) אַ פּסעוודאָנים. אויף דער בקשה פונעם עדות — פאַרטרעט איך מיטן דאָזיקן פּסעוודאָנים זיין אמתן נאָמען. איך פאַרטרעט אויך מיט אַן אַנדערן נאָ־מען, זיין אוקראַינישן נאָמען וועגן וועלכן עס ווערט דערמאָנט שפּעטער.

מען אויף אַרבעט. אזוי ווי ער האָט אָבער שוואַכע לונגען בעט ער אַ באַ־שטעטיקונג, אַז ער איז נישט פעיִק צו פיזישער אַרבעט. דער דאָקטאָר באַטראַכט אים און אָנערקענענדיק, אַז דער פּאַציענט איז באמת קראַנק, גיט ער אים אַרויס אַ באַשטעטיקונג. (דאָס איז שוין, נאָך דער מעטריקע, דאָס צווייטע „פּאַפּירל“ אויפן נייעם נאָמען!).

אַ סך יִדן האָבן נאָך אין דער צייט געוווינט אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. דאָס פאַרמאַכטע געטאָ איז אין לעמבערג געשאַפן געוואָרן ערשט נאָך דער פריִער־דערמאָנטער „אַקציע“. דערפאַר אָבער זענען די באַנדעס דייטשע און אוקראַינישע מערדער געווען „טעטיק“ אומעטום. ווו אַדורכ־שלאָפן די נאַכט? נישט האָבנדיק קיין אַנדער אָרט, איז קערן אַוועק מיט זיין פרוי אין דער פאַבריק פון גרעיעט (אויף קאַזימיעזשאָווסקע גאַס). די יִדן וואָס זענען דאָ געווען באַשעפטיקט פלעגן נישט אַהיימגיין שלאָפן גלויבנדיק, אַז דאָס אַרבעט־אָרט וועט זיי באַשיצן פון די „כאַפּער“. ווען קערן איז אַהינגעקומען מיט זיין פרוי, האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז דעם טאָג איז דאָ פאָרגעקומען אַ „סעלעקציע“ נאָך וועלכער מען האָט צוגענומען 80 פראָצענט אַרבעטער. כדי זיי זאָלן קענען נעכטיקן, באַקומען די קערנס פון באַקאַנטע אַ לעגיטימאַציע פון אַן „אַרויסגעפירט“ יִנגל. (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, אַז אויפן פאַל פון אַ קאָנטראָל זאָלן זיי קענען אָנגיין פאַר אַרבעטער פון דער פאַבריק. דאָס האָט אגב — ווי מען זעט — אויך נישט געגעבן קיין גרויסע גאַראַנטיע. די מיסטעריע פון באַשטעטיקונגען — וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט אין דער הקדמה. — געשלאָפן זענען זיי אין אַ קעלער.

אַזוי אַרום פיגורירט קערן ביינאַכט ווי „יהודה העפּלער וועל קלאָר“ און בייטאָג גייט ער מיט זיין פרוי אַרויס אין גאַס אַריין כדי אַרומצו־בלאָנדזשען ווי... אוקראַאינער (די אָרעמבענדער מיטן מגן־דוד טראָגן זיי אַרום אין טאַש, כדי צו קענען אין אָוונט אַריינגיין אין דער פאַבריק.)

זיי באַזוכן פאַרשידענע יִדן, וואָס וווינען נאָך אין שטאָט... און וואַרטן מיט צוגעגרייטן סם. עס גייען אַרום קלאַנגען, אַז אויף די באַן־סטאַציעס העגגט מען די געכאַפּטע יִדן. אויף די מויערן זעט מען אַפישן, וואָס זע־נען מודיע די „אַריער“, אַז פאַר אויסבאַהאַלטן אַ יִד דראָט טויט־שטראָף. איידער די אַפישן האָבן זיך באַוויזן זענען די קערנס איינמאָל אַריינ־

געגאַנגען צו אַ באַקאַנטער כדי אָפּצוועסן אַ וואַרעמען טעלער זופּ (אַ גע־וועזן דינסט־מיידל פון זיינע עלטערן, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ פרוי פון אַ פריזירער וועלכער האָט געאַרבעט אויף דער באַן). דער פרי־זירער נעמט אַריין קערנען אין וואַרשטאַט אַריין כדי אים אָפּצוראַזירן. אין אַ מינוט שפּעטער קומען אַריין צוויי „שופּאָס", וואָס זוכן ייִדן. אויף זייער פראַגע, ענטפערט דער פריזירער, אַז קיין ייִדן זענען ביי אים נישט פאַראַן. די שופּאָס גייען אַוועק.

אַ צווייטן באַזוך האָבן די קערנס געמאַכט ביי זיין געוועזענעם פּראָ־פעסאָר סטאַסיאַק, אַ סאַנסקריטאָלאָג. ער האָט זיי גאַר האַרציק אויפגע־נומען, געטרייסט און געוויזן זיי אַ קאָלעקציע דאָקומענטן וועגן דער ייִדי־שער מאַרטיראָלאָגיע, וואָס ער האָט געזאַמלט פון אָנהויב אָן. ער האָט זיי אויך מודיע געווען, אַז קערנס אַ געוועזענער אוניווערסיטעט־קאָלעגע אַר־בעט אין סאַנאַקער סטאַראָסטוועביים אַרויסגעבן „קען־קאַרטעס".

נאָך דעם ווי די „אַקציע" איז פאַרענדיקט געוואָרן — זענען די קערנס נאָך אַדורכגעשלאָפן אַ נאַכט ביי אַ געוויסן אָקסנער (ווּעמענס פאָטער האָט זיך אָפּגעסמט אויפן „זאַמל־פונקט" נאָכדעם ווי מ'האָט אים פאַרנומען בעת דער „אַקציע"). זיי האָבן זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אַ פאַרשוין, וועגן וועלכן זיי האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז ער האָט „פּראָפעסיאָנעל" אויסגעגעבן ייִדן. טראָץ דעם האָט ער פאַר די קערנס נאָך באַזאָרגט אַר־בעט־דאָקומענטן (פון „באַואַבטיילונג — לעמבערג", מיט פאָטאָגראַפיעס) ווי אויך באַשטעטיקונגען, אַז זיי פאָרן אויף אורלויב.

די קערנס ווילן זיך דורכשלאָגן קיין אונגאַרן.

דער לעצטער באַקאַנטער וועמען זיי האָבן געזען אין לעמבערג, פאַרן אָפּפאָרן, איז געווען ד"ר לייב לאַנדוי (דער באַוווּסטער אַדוואָקאַט און עסקן). ד"ר לאַנדוי האָט זיי ביידע געקושט און געזאָגט:

— קינדער! פון אייך, פון די וואָס פאָרן אַוועק — וועט אפשר איבער־לעבן 10 פּראָצענט. מיר דאָ — וועלן זיכער אומקומען. אויב איר וועט לעבן, זאָלט איר געדענקען און דערציילן!

דעם 2טן סעפּטעמבער 1942, מיטאָג, זענען זיי אויפגעזעסן אויפן צוג וואָס איז געגאַנגען קיין סאַמבאָר. אין די לאַצן האָבן זיי געהאַט די אוקראַי־נישע אָפּצייכענונג. רבקה האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַן אַנטאָלאָגיע פון

אוקראַיִנישע לידער. מיט איינמאָל האָט זי אין בוך געפונען א... דעדיקאַציע. „מיין טייערער רבקהן — אוירי לעכאָוויטש“. קערן איז אַריין אין קלאָזעט ווו ער האָט אויסגעריסן און פאַרניכטעט דעם שערבלאַט. אַרום זיי זענען געגאַנגען געשפּרעכן — הויפּטזעכלעך וועגן דער „אַקציע“ אויף ייִדן. זיי האָבן קודם כל געביטן דעם צוג אין סאַמבאָר און שפּעטער אויף דער סטאַציע כירוּוו־זאַגוזשע. פאַרטאָג זענען זיי מיט צוויי וואַליזעס אויסגעשטיגן אין סאַנאָק.

דער אַלטער אַדרעס פונעם פריִער־דערמאָנטן חבר האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט־אַקטועל. נאָך אַ צייט אַרומזוכן האָבן זיי אים געפונען, בעתן מיטאָג־איבערייס, אין זיין נייער דירה. דער חבר האָט קיין גרויסן ענטוזיאַזם נישט אַרויסגעוויזן. ער איז אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן ווען זיי האָבן אים פאַרבעטן אין אַ רעסטאָראַן אַריין אויף אַ מיטאָג מיט בראָנפן. דעמאָלט האָט ער צו זיי געזאָגט:

— קודם־כל מוזט איר, ווי אוקראַיִנער, אריינדרינגען אין דער היגער אוקראַיִנישער געזעלשאַפט, מיט וועלכער איך — אַ פּאָליאַק, האָב אַ גאָר קנאַפּן קאָנטאַקט. שנית, איז סאַנאָק אַ פאַרמאַכטע שטאָט און מ'טאָר דאָ נישט איינמעלדן קיין פּריש־אָנגעקומענע אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש.

זיי זענען אַוועק אין „וווינונגס־אַמט“ בעטן די דערלויבעניש. דער באַאַמטער האָט באַקומען אַ פּעקל ציגאַרעטן און געגעבן די דערלויבעניש אָן באַזונדערע שוועריקייטן. שפּעטער האָבן זיי, לויט דער אָנווייזונג פונעם חבר, געדונגען אַ שטוב ביי אַ פּאָלקס־שול לערער מיטן נאָמען דאָמבראָווסקי.

„די לייכטקייט פון די אַלע פאָרמאַליטעטן האָט זיך אונדז אויסגעוויזן גאָר משונהדיק. מיר האָבן זיך געריכט אויף אַ סך מער פראַגן ווי מען האָט אונדז געשטעלט“.

פּונקט אין די טעג האָט זיך, אין סאַנאָק ווידער, אָנגעהויבן אַן „אַקציע“ קעגן ייִדן... „מיין חבר וועלכער האָט געאַרבעט אין סטאַראָסטווע און וועלכן מיר האָבן אייניקע מאָל געבאָרגט פאַרשידענע געלט־סומעס, האָט אונדז אויפגעקלערט ווי אַזוי עס זעט אויס די פּראָצעדור פון באַקומען אַ קענקאַרטע: פּאָליאַקן האָבן געמוזט פאָרשטעלן זייערע מעטריקעס און פלעגן באַקומען קענקאַרטעס במשך דריי וואָכן. וואָס שייך אוקראַיִנער,

האָבן זיי אויסער די מעטריקעס געמוזט פאָרשטעלן אַ באַשטעטיקונג פונעם אָרטיקן אוקראַיִנישן קאָמיטעט, אַז זיי זענען טאַקע אוקראַיִנער.

„איך האָב נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו באַמיִען זיך וועגן אַזאַ באַשטעטיקונג. איך האָב געפרעגט צי אַלע אוקראַיִנער טוען אַזוי. ער האָט געענטפערט אַז 80־90 פּראָצענט. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז ער קען אונדז די קאַרטעס אַרויסגעבן אָן דער דערמאָנטער באַשטעטיקונג. אויב מיר ווילן אָבער אַז אונדזערע דאָקומענטן זאָלן האָבן די שטאַרקע „באַזע“, איז אַזאַ צייגניש אומבאַדינגט נויטיק.

איך בין דעריבער אַוועק אין דעם אוקראַיִנישן קאָמיטעט (אַליין, אָן רבקהן) און באַקומען די באַשטעטיקונג אָן שום שוועריקייטן. פאַר מיר און פאַר רבקהן, ווי פאַר מיין כלה. דער באַאַמטער האָט מיט מיר פאַרפירט אַ פריינטלעכן שמועס. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ווי אַ סימפּאַטיקער פון באַנדעראַ 1) האָב איך געמוזט „אָפּציִען“ פון וואָלין דורך לעמבערג. דער באַאַמטער האָט מיך שפּעטער באַקענט מיט איינעם פון די וויכטיקסטע מיטגלידער פון קאָמיטעט — פּעטראָ סוויאַט, וועלכער האָט מיר, נאָך אַ לענגערן שמועס, וועגן ליטעראַטור און פּאָליטיק, פּראָפּאָנירט דעם פּאָסטן פון רעפערענט פאַר קולטור און בילדונג ביים סאַנאָקער אוקראַיִנישן קאָמיטעט. ער האָט מיר אויפגעקלערט, אַז מיין אַרבעט וואָלט באַשטאַנען פון אַרומפאָרן אין דער פּראָווינץ מיט ליטעראַרישע און פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע רעפעראַטן. ער האָט מיר אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן פּראָפּאַגירן אוקראַיִנישן נאַציאָנאַליזם אין גייסט וואָס איז נישט געווען אין הסכם מיט דער אָפּיציעלער ליניע פון די דייטשן.

דער ענין פון איבערנעמען די אַרבעט האָט צום גליק געדאַרפט זיין אַקטועל ערשט מיט אייניקע וואָכן שפּעטער. אין דער צווישנצייט האָבן מיר געשלאָסן קאַנטשאַפט מיט עטלעכע מער קולטורעלע אוקראַיִנער; אין זכרון איז מיר פאַרבליבן דער מאָלער געץ, וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַן אוקראַיִנישן מוזיי אויפן סאַנאָקער שלאָס.

1) פירער פון די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן. ער איז שוין דעמאָלט געווען אַ ביסל צעקריגט מיט די דייטשן צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט פּראָקלאַמירט די אוקראַיִנישע מלוכה, נאָר בלויז געשאַפן דעם „דיסטריקט לעמבערג“.

אונדזערע מעטריקעס און די באַשטעטיקונגען האָבן מיר אַריינגע־טראָגן אין סטאַראָסטע. די ליטעראַרין פון דער קענקאַרטן־אָפּטיילונג פון וועלכער ס׳איז אָפּהענגיק געווען מיין חבר ל. איז געווען אַ דייטשקע — די פרוי פונעם געסטאַפּאָוויעץ קאַצמאַן, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די יידישע ענינים און וועמען מען פלעגט רופן דער „סאַנאָקער־יודענקעניג״. די פאָטאָגראַפיעס וועלכע איך האָב בייגעלייגט צו מיין ביטע זענען גע־מאַכט געוואָרן אין לעמבערג אין סאָמע ברען פון דער אויגוסט־„אַקציע״. ווי עס האָט מיר דערציילט מיין חבר, האָט די קאַצמאַן ביים אונטערשרייבן מיין קאַרטע געזאָגט: „דאָס איז דאָך אַ טיפּישער ייד״1). איך ווייס ביז איצט נישט צי דער דאָזיקער פאַקט איז געווען אמת, צי מיין חבר האָט אים אַליין אויסגעטראַכט כדי צו פאַרשטאַרקן זיין קרעדיט ביי אונדז.

דערווייל האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה פון קראָקע, פון אַ געוויסן אַדוואָקאַט ליסיאַק, אַן אוקראַינער, וועלכער איז געווען אַ פריינט פון אונדזער משפחה. ער האָט זיך דערוווסט, אַז מיר לעבן און זענען אין סאַנאָק און האָט אונדז פאַרבעטן צו זיך. מיר זענען אָפּגעפאָרן אַן ערך דעם 15טן סעפּטעמבער.

פאַר דער מלחמה איז ליסיאַק געווען אַ דעפּוטאַט פון „או. נ. ד.״ (אוקראַינישע נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטן). ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן פּערזענלעכן חן, מיט אַ סך ליטעראַרישע קולטור, אָבער אַ גאַר לייכטזיניקער.

נאָכן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי איז ער אַנטלאָפן פון מזרח־גאַליציע (פון זשוראַוונאָ) קיין קראָקע. דאָ האָט ער געהאַט אַ זייער גוט־גייענדיקע אַדוואָקאַטן־קאַנצעלאַריע — קודם־כל פאַר אינטערוועוצן — און אַ סך פּערזענלעכע קאָנטאַקטן מיט דייטשן. זיין פרוי (די צווייטע) איז גע־ווען אַ רוסישע. ער אַליין איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער און קענער פון דער רוסישער ליטעראַטור. מיט גרויסע הוצאות איז אים געלונגען צונויפ־צוזאַמלען אַ רייכע ביבליאָטעק וועגן רוסלאַנד.

איך האָב נישט געוווסט וואָס פאַראַ פּאָליטישע ראָלע ער האָט דע־מאָלט געשפּילט. פאַר מיר איז וויכטיק געווען בלויז דאָס וואָס ער האָט

1) אגב: קערן האָט אַ „גוטן״ אויסזען (מ. ב.).

מיר פאַרגעשלאָגן, אַז איך זאָל קאַטאַלאָגירן זיין ביבליאָטעק און עווענ־טועל קאָמפּלעטירן זי אין די וואַרשעווער בוכהאַנדלונגען.

שוין דעמאָלט האָט ליסיאַק נישט געצווייפלט אין דער מפּלה פון די דייטשן. ער האָט אָבער געגלויבט, אַז זי וועט קומען מיט אייניקע יאָר שפּעטער ווי איך אַז באַזיגט וועלן ווערן סיי די דייטשן און סיי די רוסן. ער פלעגט מיר — מיט גרויס פאַרגעניגן — דערציילן אַ מעשהלע וועגן צווי מייז, וואָס האָבן זיך אַזוי לאַנג געגריזשעט ביז עס איז פון זיי כמעט גאָרנישט פאַרבליבן. ד״ר ליסיאַק האָט מיך אויך אַריינגעפירט צו עטלעכע אוקראַיִנישע משפחות. אין זכרון האָט זיך מיר איינגעקריצט אַ קאָזאַקישער פולקאָווניק יעווטימאָוויטש, וועלכער פלעגט ווי אַ באַגריסונג אַרויסזאָגן דעם זאַץ „סלאַוואָ פּאַנו העטמאַנו״ 1).

מיר זענען ביידע (איך און רבקה) געשלאָפן אין ד״ר ליסיאַקס קאַנ־צעלאַריע, ווייל ער האָט נישט געוואָלט, צוליב באַשטימטע סיבות, אַריינ־פירן אונדז צו זיך אַהיים. נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך באַקומען דעם איינדרוק (אפשר איז ער געווען נישט באַגרינדעט און אומגערעכט לגבי ד״ר ליסיאַק) אַז זיין ענטוזיאַזם לגבי אונדז האָט זיך אַביסל אָפּגעקילט. איינמאָל האָט ער מיך געוואָרנט, אַז עמעץ פון אונדזערע בשותפותדיקע באַקאַנטע, אַן אוקראַאינער, וואָס האָט געאַרבעט אין געסטאַפּאָ, האָט אונדז געזען אין גאַס און, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען מיר זאָלן זיך וואָס ווייניקער ווייזן אויף די קראָקעווער גאַסן. יעדנפאַלס דאַרפן מיר קודם־כל זיך באַזאָרגן רעגולערע קענקאַרטעס פון דער סאַנאָקער סטאַראָסטווע. מיר זענען דעריבער אַוועק קיין סאַנאָק. ד״ר ליסיאַק האָט אונדז מיטגעגעבן אייניקע רעקאָמענדאַציע־בריוו. איין בריוו איז געווען אַדרעסירט צום די־רעקטאָר פון סאַנאָקער שפּיטאָל ד״ר לאָמישקאָ (אגב אַ גאָר אָרנטלעכער מענטש). פאַרשטייט זיך, אַז קיין איינער פון די דאָזיקע בריוו האָט נישט דערמאָנט וועגן אונדזער ייִדישער אָפּשטאַמונג.

אין דער דאָזיקער צייט האָט זיך אין סאַנאָק באַוויזן איינער פון מיינע אוניווערסיטעט־קאָלעגן, אַ פּאָליאַק, וועלכער האָט געשמט פאַר אַן אַנטי־סעמיט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק (וואָס האָט אגב אין אָנהויב נישט געהאַט קיין שום באַזע און טראָצדעם געווען זייער שטאַרק), אַז איך דאַרף

1) רום דעם הער העטמאַן.

מיך ריכטן אויף אַ מסירה. אַ געוויסן טאָג האָב איך מיט רבקהן געגעסן מיטאָג אין אַ רעסטאָראַן. ביי אַ שכנותדיק טישל איז געזעסן דער אויבנ־דערמאָנטער חבר מיינער מיט אַ גרעסערער געזעלשאַפט. מיט איינמאָל האָבן זיך אַלע אויגן געווענדט אויף אונדז. הער וו. האָט זיך שנעל גע־זעגנט מיט זיינע מיטעסער, צו אונדז האָט ער לייכט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. נאָך זיין אַוועקגיין האָט די גאַנצע געזעלשאַפט אָנגעהויבן דערציילן „יידישע" וויצן און געגנומען וואָס אַמאָל שטאַרקער אונדז אָבסערווירן. מיר זענען אַרויס פון רעסטאָראַן מיט אַ רויקן שריט, אָבער מיטן באַוווסטזיין, אַז דאָס „סאַנאָקער קאַפּיטל" דאַרף מען פאַרענדיקן.

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַזוכט דעם ד"ר לאַמישקאָ. ווען מיר האָבן דערמאָנט, אַז מיר האָבן בדעה צו פאָרן קיין קראָקע, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: — איר קענט פאָרן, אָבער די פריילן „יאָאַסיע" (רבקהס אַרישער נאָמען) וועל איך נישט לאָזן פאָרן. נישט האָבנדיק קיין באַשטעטי־קונגען פון דער „ווערמאַכט", פון ס. ס. אָדער לכל הפחות פון עפּעס אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע וועט מען אייך כאַפּן און אַרויספירן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. אויב איר ווילט אומבאַדינגט פאָרן, וועל איך אייך געבן אַ באַשטעטיקונג מיט אַ שטעמפּל, אַז איר היילט אייך ביי מיר, און אַז איר קענט נישט פיזיש אַרבעטן. די פריילין יאָאַסיע, אַזאַ בלייכינקע, קען דאָ אויף אייך אויסוואַרטן; אפשר וועט זי אויף עטלעכע טעג גיין אויף אָבסער־וואַציע אין שפּיטאָל אַריין; זי וועט ביי מיר זיין ווי אַ מלכה. מיין פרוי האָט מיט עטלעכע טעג פריִער געדאַרפט פאָרן קיין קראָקע, און איך האָב זי אויך נישט געלאָזט. איצט קומט פאָר אַ גרויסע כוואַליע פון לאַפּאַנקעס. מען מוז דאָס איבערוואַרטן.

עס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז יאָאַסיע (רבקה) איז געגאַנגען אין שפּיטאָל אַריין און איך בין געפאָרן קיין קראָקע. (מיר האָבן שוין דע־מאָלט ביידע געהאַט רעגולערע אויטענטישע „קענקאַרטעס" — וואָס זענען אין דער דאָזיקער צייט געווען גאָר געשעצטע דאָקומענטן).

אין קראָקע האָט מיך ד"ר ליסיאַק גאָר האַרציק אויפגענומען. כדי אים נישט אויסצושטעלן אויף אַ סכנה און נישט אָפּשטויסן האָב איך גע־דונגען אַ שטוב אין האָטעל „מאָנאָפּאָל" אויף גערטרודע־גאַס. איך האָב

מיך צווישן אַנדערע געטראָפן אויך מיט איגנאַצי פיק1) וועלכער האָט מיר געגעבן פאַרשידענע אַדרעסן אין וואַרשע.

איך האָב מיך אָריענטירט, אַז ד״ר ליסיאַק וואָלט — נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער האַרציקייט לגבי מיר — באַשטאַנען אַז איך זאָל מיך איינאָרדענען ערגעץ ווו אויסער קראָקע. אַ באַזונדערע סימפּאַטיע צו מיר האָט אַרויסגעוויזן דער שוין דערמאָנטער פּולקאָווניק יעווטימאָוויטש, וועלכער האָט געטראָגן לאַנגע קאָזאַקישע וואָנסעס און האָט שיין געזונגען. — מען דאַרף — האָט ער געזאָגט — דעם יונגנמאַן איינאָרדענען; צום בעסטן אין וואַרשע. ער קען אונדז נאָך צונוץ קומען.

ובכן בין איך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע און האָב מיך אַריינגעצויגן אין האָטעלעכל „זגאָדאַ״. אַרומשלעפּנדיק זיך איבער דער שטאָט, האָב איך באַמערקט, אַז דער אוקראַאינישער צייכן, וואָס איך האָב געטראָגן אין לאַץ פון מיין רעקל וועקט רעספּעקט און... אַנטיפּאַטיע. איך האָב מיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט די מענטשן, וואָס פיק האָט מיר געהאַט אָנגעוויזן. איך האָב אָנגעשריבן איינס אָדער צוויי אַרטיקלען פאַר עפּעס אַן אומלעגאַל בלעטל. ווי אַזוי עס האָט געהייסן געדענק איך נישט. די פּאָליאַקן און ייִדן מיט וועלכע איך האָב — אין שייכות מיט דער אַרבעט — זיך צוזאַמענגע־טראָפן, האָבן געהאַלטן, אַז איך דאַרף ווייטער אָנגיין פאַר אַן אוקראַאינער; אַזוי אַרום וועל איך האָבן אַ גרעסערע באַוועגונגס־פרייהייט און איך וועל קענען צו עפּעס נוצן. מיטיק פלעג איך עסן אין אַ קאַנטין פאַר פּוילישע ליטעראַטן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָב איך מיך געווענדט צום אָרטיקן אוקראַאי־נישן קאָמיטעט, ווו מען האָט מיר פאָרגעשלאָגן דעם פּאָסטן פון אַ קינאָ־פאַרוואַלטער. איך האָב אויך געהאַט אויסזיכטן אויף אַ דירה, נישט אין האָטעל. איך האָב וועגן דעם אַלעם מודיע געווען רבקהן און געבעטן זי זאָל תיכף קומען קיין וואַרשע. עס האָט אויסגעזען, אַז מיר וועלן זיך דאָ קענען איינאָרדענען און איבערלעבן די מלחמה. רבקה האָט אָבער נישט געהאַט דעם מוט אַליין זיך צו לאָזן אין וועג אַריין און זי האָט מיר געשריבן, אַז איך זאָל נאָך איר קומען. איך בין דעריבער אָפּגעפאָרן מיטן נאַכט־צוג קיין

---

1) פּוילישער ליטעראַט און ראַדיקאַל־לינקער טוער. שפּעטער אַרעסטירט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

קראָקע. מיט מיר צוזאַמען איז געפאָרן קאָסקאָ,1) וועלכער האָט געהאַט אין קראָקע פאַרשידענע קאָנטאַקטן. פון קראָקע בין איך דורך טאַרנאָוו און סטרוזשע אָנגעקומען קיין סאַנאָק. אויף דער באַן־סטאַציע אין טאַרנאָוו האָבן ציווילע אַגענטן לעגיטימירט די פּאַסאַזשירן. איך בין רו:יק געזעסן בײַ אַ סאַכאַרין־לעמאָניאַדע און בין טאַקע געווען דער איינציקער בײַ וועמען מען האָט נישט געפאָדערט די „פּאַפּירן“. 5 פאַרטאָג בין איך אָנגעקומען קיין סאַנאָק און אַוועק צו אונדזערע בעלי־בתים, די דאָמבראָווסקיס. זיי האָבן מיך האַרציק אויפגענומען.

— הער קאָזאַק! וואָס הערט מען דאָרט אין קראָקע און אין וואַרשע? בײַ אונדז קומען פאָר שוידערלעכע זאַכן. איר ווייסט? ס'איז דאָ פאָרגעקומען אַן „אַקציע“ אויף ייִדן. אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן אין די וועלדער אַרײַן; זיי פאַלן אָן אויף די דײַטשן. סאַראַ נידערטרעכטיקייט! צו צווײַ, צו דרײַ וואַרפן זיי זיך אויף דײַטשן און הרגענען זיי — און שפּעטער גייט דאָס אַלץ אויס צו אונדז. אַ גליק וואָס די פּויערים כאַפּן זיי ביסלעכווײַז אויס און וואָס דער ווינטער דערנענטערט זיך. אפשר וועלן זיי אויספגרן!

אין דער פרי בין איך אַוועק אין שפּיטאָל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז רבקה האָט דאָרט גאָר גוטע באַדינגונגען. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אוקראַינישע ביכער. אגב האָב איך איר אויך געהאַט געשיקט פון קראָקע אייניקע אוקראַינישע ראָמאַנען. אירס אַ שפּיטאָל־חברטע, אַ פרוי פון אַן אוקראַ:נישן אַדוואָקאַט פון סטרי, האָט מיך אַוועקגערופן אין אַ זייט:

— הער יורעק! אײַער כלה האָט מיר אַ סך דערציילט וועגן אײַך. איר ווייסט אַליין נישט וואָס פאַראַ גוטע נשמה זי איז. אַן אמתע אוקראַינערן. איר, יונגע מענטשן, זענט לייכטזיניק. איצט זענען גוטע צײַטן. איר דאַרפט חתונה האָבן. מען קען נישט פאַרדרייען אַ מיידל דעם קאָפּ אָן אַ סוף. אפשר ווילט איר חתונה האָבן אין סטרי, בײַ אונדז אין דער צערקווע? מיר, מײַן מאַן און איך — וועלן אײַך האַרציק אויפנעמען.

מען האָט געדאַרפט פאָרן קיין וואַרשע, נעמען דעם פּאָסטן און די דירה, כדי אַראָפּצוברענגען מײַן מוטער. מיר זענען אָבער בײדע געווען אויסגעמאַטערט. האָבנדיק אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו קיין זאַקאָפּאַנע האָבן מיר באַשלאָסן קודם כל אַהין צו פאָרן. איך דערמאָן מיך דאָס אָפּשטייגן

1) פּוילישער ליטעראַט.

אין נאָווי־סאָנטש. אָן ייִדן האָט דאָס קליינע שטעטל אויסגעזען פּאַר אונדז מרה־שחורהדיק און ליידיק. אין צוג קיין כּאַבראָווקע זענען צוזאַמען מיט אונדז געפאָרן עטלעכע אוקראַיִנישע פּויערים. איך האָב מיט רבקהן גע־רעדט גאָר שטיל. מיט איינמאָל האָט איינער פון די פּויערים זיך צו אונדז געווענדעט: — און מיר שעפּטשען שוין זייט עטלעכע מינוט, אַז איר מוזט זיין אונדזעריקע. אין די דאָזיקע קאַנטן דערקענט מען באַלד.

קיין זאַקאָפּאַנע זענען מיר אָנגעקומען אין אָוונט. מיר האָבן געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דער פּרוי דזיקיעוויטש, אַ רוסישע אייגנטימערין פון אַ פּענסיאָנאַט אין סאָפּליצאָווא. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פּרוי איז אַוועקגעפאָרן אויף צוויי טעג קיין נאָווי־טאַרג. די פאַר־וואַלטערין האָט אונדז דערקלערט אַז זי קען אונדז נישט געבן קיין שטוב, ווייל „סאָפּליצאָווא״ איז פאַרנומען דורכן „שטאַבסאָרט־קאָמענדאַנט״ און בלויז דייטשע אָפיצירן מעגן דאָ וווינען. זי האָט אונדז געגעבן אָן עצה מיר זאָלן פאַרפאָרן אין „זשוואָניוווקאַ״ — „דעם איינציקן אָרנטלעכן האָ־טעל, וועלכן די דייטשן האָבן ביז איצט נישט פאַרנומען״. דער האָטעל איז געווען זייער עלעגאַנט, מיט פּערסישע טעפּיכער און אַ „טאַבל־ד׳האָט״. באַלד ביים אָוונט־ברויט האָבן מיר זיך אָריענטירט אַז אָנגייענדיק פאַר אוקראַיִנער רופן מיר אַרויס אַ פּאַניק. עס האָט זיך אונדז אויך אויסגע־וויזן, אַז צווישן דעם צענדליק געסט געפינט זיך אַ פאַרקאָנספּירירטער ייִד, און אפשר מער ווי איינער. דאָס אַרויסרופן אַ פּאַניק איז בכלל נישט געווען קיין אָנגענעמע זאַך.

אין צוויי טעג אַרום זענען מיר ווידער געגאַנגען צו פּרוי דזיקיע־וויטש. זי האָט איבערגערעדט די פראַגע מיטן קאָמענדאַנט, און מיטגע־טיילט אונדז, אַז דער דייטש וויל מיך זען איידער ער וועט באַשטיין מיר צו דערלויבן וווינען אין האָטעל. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם צי מיר זענען „געזונט ריין״ און „געזעלשאַפטספעיִק״. דער „שטאַבסאָרטקאָמענ־דאַנט״ (קאַפּיטאַן כּראַדיל) איז געווען אַ מאַן פון קרוב פופציק יאָר; אַכט יאָר איז ער געווען אין רוסישער געפאַנגענשאַפט. ער האָט מיט מיר גע־שמועסט מער ווי אַ שעה וועגן אַלץ און גאָרנישט. סוף־כּל־סוף האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט? זעלטן ווען איז מיר אויסגעקומען צו טרעפן אַזאַ

קולטורעלן סלאַוו. וואָס טוט איר אייגנטלעך? איך האָב געענטפערט, אַז איך אַרבעט אין אוקראַאינישן קאָמיטעט אין סאַנאָק.

— און דאָס גענוגט אייך צו לעבן? צו וואָס דאַרפט איר דאָס? די צייטן זענען אומרויִקע. דאָ האָבן מיר פּרעכטיקע סאַנאַטאָריעס פאַר קור־געסט, וואָס קומען צוריק פון פראָנט. אפשר וועט איר ווערן אַן אַדמיניס־טראַטאָר, אָדער עפּעס ענלעכעס! איר וועט באַקומען אַ דירה, געהאַלט, דייטשע „לעבנסמיטל־קאַרטן" און אַן אַרבעט־באַשטעטיקונג.

איך האָב מיט וואַקלעניש געענטפערט, אַז יאָ, מיט פאַרגעניגן, אָבער, אַז איך האָב נאָך אין לעמבערג אַן אַלטע מאַמע, וועלכע מען האָט „אויסגע־זידלט" פון וואָלין. איך וואָלט שטאַרק געוואָלט זי אַראָפּברענגען און לעבן צוזאַמען מיט איר.

— אויב אַזוי, טאָ פאָרט און ברענגט אַראָפּ אייער מוטער „אונד שנעל!!!"

מיר זענען נאָך עטלעכע טעג פאַרבליבן אין זאַקאָפּאַנע. כראַדילס פאָרשלאַג איז געווען אַ לאָקנדיקער; רבקה האָט אָבער געהאַט דעם איינ־דרוק אַז צווישן די אָרטיקע אוקראַאינער איז פאַראַן עמעץ וואָס קען אונדז און האָט אונדז לאַנג אָבסערווירט אין גאַס. מיר האָבן טראַכט דעם באַ־שלאָסן צו פאָרן קיין לעמבערג און שפּעטער געניסן פון דער זאַקאָפּאַנער גאַסטפריינדלעכקייט. דאָס געלט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָט שוין גע־האַלטן ביים אויסשעפּן זיך. מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין קראָקע ווו מיר האָבן פאַרברענגט עטלעכע טעג אין האָטעל „שפּאַץ" אויף מיאַדאָווא־גאַס. קיין לעמבערג האָבן מיר באַשלאָסן צו פאָרן נישט דורך דעמביצא (ווו עס פלעגן פאָרקומען גרויסע „לאַפּאַנקעס"), נאָר דורך טאַרנאָוו, סטרוזשע, ניי־זאַגוזש און סאַמבאָר. אין דער נאַכט פון 14 אויפן 15־טן נאָוועמבער האָט דער צוג מיט וועלכן מיר זענען געפאָרן זיך דערנענטערט צו זאַגוזשע, ווו מיר האָבן געדאַרפט וואַרטן עטלעכע שעה אויף אַ פאַרבינדונג. ווען מיר זענען אַרום 1 אַזייגער אויסגעשטיגן אויף דער סטאַציע האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דאָרט קומט פאָר אַ „לאַפּאַנקע". די באַן־וואַך, ציווילע שפּיצלען און שופּאָס האָבן אַלע פאַרזאַמלטע אַריינגעפירט אין אַ קליין שטיבעלע, ווו מען האָט רעווידירט דאָס געפּעק און קאָנטראָלירט די „פּאַפּירן". צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דער אָנפירער פון דער סאַנאָקער קרימינאַל־

פּאָליציי (אַ פּאָלקס־דייטש פון פּויזן וואָס האָט שטאַרק פיינט געהאַט אוק־ראַינער. איך האָב אים שוין איינמאָל געהאַט געזען).

די פאַרהאַלטענע (צווישן וועלכע ס׳האָט זיך געפונען אַ גרויסע צאָל האַנדלענדיקע פרויען) האָט מען נאָך אַ קאָנטראָל אַרויסגעלאָזט אָדער אַרעסטירט. ווען עס איז געקומען אונדזער ריי האָט דער אָנפירער פון דער קריפּאָ גענומען אין דער האַנט מיינע און רבקהס „פּאַפּירן״.

אַזוי, זענט איר דאָס, דער קאָזאַק. מיר זוכן אייך שוין לאַנג אַרום. ווו זענט איר לעצטנס פאַרשוווּנדן געוואָרן?

מיט איינמאָל, האָט ער מיר אָן אַ שום סיבה אַראָפּגעלאָזט צוויי פּעטש:

— דאָ אין שטוב הענגט דעם „פּירערס״ אַ פּאָרטרעט און איר נעמט אַפילו דאָס היטל נישט אַראָפּ. מיר וועלן איצט לערנער אַ שמועס געבן.

איך האָב געפילט אַז נאָך די פּעטש הויבן די אויגן אָן ווערן מאָדנע „שפּיציק״. דער אַגענט האָט זיך געווענדט צו רבקהן:

— גייט אַרויס און וואַרט צו.

און צו מיר:

— הייסט עס אַז איר זענט באמת אַן אוקראַינער? לאָזט ביטע אַראָפּ די הויזן. איך האָב ביי מיר געהאַט אַ גראַם מאָרפין. איך האָב זי געוואָלט אַרויסנעמען. צוויי באַן־וועכטער האָבן מיך אָנגעכאַפּט ביי די הענט:

— ער האָט געוואָלט זיך אָפּסמן. ס׳איז אַ ייִד. זיי טוען אַזוי... און ווו איז די זשידאָוויצע?

זיי האָבן אַ שפּרונג געטון צו דער טיר זוכן רבקהן, זי איז שוין אָבער נעלם געוואָרן. (ווי איך האָב מיך דערוווּסט, ווען איך האָב זי געטראָפן ערשט נאָך דער מלחמה, איז זי אנטלאָפן קיין סאַנאָק, נאָכדעם ווי זי האָט 8 אָדער 9 קילאָמעטער זיך געשלעפּט אויפן בויך. שפּעטער איז זי מיט דער הילף פון עמיל דזשיעדזיץ און ד״ר לאָמישקאַ 1) אָפּגעפאָרן קיין קראָקע, מיט פּאַפּירן וועלכע זי האָט צוגעגנבעט ביי אַן אוקראַינער. (יעדנפאַלס איז זייער גורל, זינט דעם מאָמענט אַ גאַנץ פאַרשידענער).

דערווייל האָבן די פּאָליציאַנטן, וועלכע זענען צוריקגעקומען מיט גאָרנישט אָנגעהויבן מיך מקלען.

---

1) וועלכער האָט שוין דעמאָלט געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדישע.

— אַזוי, ער האָט זיך געוואָלט אָפּסמען.

איך זאָג, אַז דאָס איז אַ פּראָשעק קעגן קאָפּ־ווייטיק.

— מיר וועלן געבן צו מאַכן אַ כעמישע אַנאַליזע; דו וועסט אונדז נישט אָפּנאַרן.

זיי האָבן מיך געמזיקט אַ דריי פערטל שעה. איך האָב מיך נישט מודה געווען אַז איך בין אַ ייִד. איך האָב געטענהט, אַז דער צייכן וואָס וועקט דעם חשד אויף מילה שטאַמט פון אַ פימאָזע.1) אַז אין סאַנאָק קענען מיך אַלע פאַר אַן אוקראַינער, אַז איך האָב געאַרבעט אין קאָמיטעט.

זיי האָבן זיך גענומען באַראַטן צי מען זאָל מיך תיכף דערשיסן, אויף דער סטאַציע, ווי עס האָט זיך געפירט — אָדער ווייטער פירן די אויס־פאָרשונג. סוף־כל־סוף האָבן זיי מיר אָנגעטון קייטעלעך אויף די הענט, און אָפּגעפירט, מיטן נאַכט־צוג אין דער פּאָליציי אין סאַנאָק. דאָ האָט זיך אָנ־געהויבן אַ מאַסאַקרע.

איך בין געווען שטאַרק אומרויִק וויסנדיק, אַז איך האָב ביי זיך אין דער וואַליזקע, אַ ריי אַדרעסן פאַרשריבענע אגב אויף אוקראַיִניש, אָבער וואָס האָבן געקענט קאָמפּראָמיטירן די געגעבענע מענטשן. איך האָב אויך געהאַט אוקראַיִנישע בריוו פון מיינע באַקאַנטע.

צום גליק — זענען די סאַנאָקער פּאָליציאַנטן געווען שטאַרק אין כעס וואָס „דער ייִד האָט זיך אַזוי גוט „אַסעקורירט" און פירט מיט זיך אוקראַיִנישע בריוו און ביכער". אין מיין אָנוועזנהייט האָבן זיי דאָס אַלץ צעריסן אויף שטיק־שטיקלעך. דעמאָלט איז מיר אַראָפּגעפאַלן אַ שטיין פון האַרץ. אַרום 4 אַזייגער פאַרטאָג האָבן זיי מיר אָפּגעפירט אין תפיסה אַריין".

אין תפיסה זענען פאַרגעקומען אָפּטע „פאַרהערן" בשעת וועלכע מען האָט אים פאַרשטייט זיך געשלאָגן. טראָץ דעם האָט ער קאָנסעקווענט געטענהט, אַז ער איז אַן אוקראַיִנער. זיינע קאַמער־חברים האָבן אים פאַר־פּאָלגט ווי אַ ייִד. צוליב דעם האָט ער צו קיינעם נישט גערעדט. ער האָט געפונען אַ שטיקל גלאָז (מיט וועלכן די אַרעסטאַנטן פלעגן זיך רייניקן די נעגל), צעבראָקט עס אויף קליינע שטיקעלעך און געגעסן דעם גלאָז־פּו־דער צוזאַמען מיט ברויט כדי קראַנק צו ווערן און אָפּגעשיקט ווערן אין שפּיטאָל. ליידער; נישט געקוקט אויפן דאָזיקן מיטל האָט דער מאָגן — ווי

1) אַן אָפּעראַציע נאָך אַ קרענק.

צו להכעיס — אויסגעצייכנט פונקציאָנירט. אין פינף וואָכן שפּעטער האָט אים אַרויסגערופן דער געסטאַפּאָ־אַגענט קאַצמאַן (ווי שוין געזאָגט, אַ ספּעציאַליסט פון ייִדישע ענינים). דאָס איז געווען דעם 20טן דעצעמבער. קאַצמאַן האָט צו אים געזאָגט:

— דו ביסט אַ ייִד. איך ווייס עס און דו אויך. ביי מיר לעבן ייִדן אַ טאָג אָדער צוויי, קיינמאָל נישט מער. דו האָסט אגב געהאַט די מעגלעכקייט וועגן דעם זיך איבערצוצייגן בשעת דיין דאָ־זיין. איצט דערנענטערט זיך דער יום־טוב פון ניי־יאָר; איך פּאָר אויף אורלויב און דיין ענין מוז גע־לייזט ווערן פאַרן 1טן יאַנואַר. איך לייג דיר דעריבער פאָר אַט־וואָס: זיי זיך מודה, אַז דו ביסט אַ ייִד. איך גיב דיר מיין ערן־וואָרט, אַז איך וועל נישט פאָרשן ווו דו האָסט גענומען די „פּאַפּירן" און איך וועל דיך מער נישט שלאָגן. דו וועסט באַקומען אַ קוילעכל אין קאָפּ און דו וועסט גיין אין הימל אַריין. מיך וועט מען דערוויל שיקן אויפן פראָנט; איך וועל זיין פאַרלייזיקט, כ'וועל מיך מוזן שלאָגן מיט די דאָזיקע... מיט די רוסן. און דו וועסט דערוויל אַראָפּקוקן פון אויבן און וועסט לאַכן. אויב אָבער דו וועסט נישט באַשטיין... קוק ווי דו זעסט שוין איצט אויס. איך זאָג דיר צו אַז פון די 365 ביינער, וועגן וועלכע עס דערמאָנט דער תלמוד (!) וועט קיין איינס נישט בלייבן ביי דיר גאַנץ. „וויר האָבן זאָלכע פאַלן ווי דו געזען".

„איך געדענק גענוי — דערציילט ער — אַז זיין פאָרשלאָג האָט מיך געלאָקט. איך האָב אָבער נישט געגלויבט, אַז ער וועט האַלטן וואָרט און מיך מער נישט שלאָגן. איך האָב געענטפערט:

— קיינמאָל האָב איך נישט געזאָגט, אַז איך בין אַ פּאָליאַק... איך בין אַן אוקראַאינער... גיט מיר אַן אוקראַאינישן אינטעליגענט, זאָל ער זיך מיט מיר דורכשמועסן און ער וועט זיך איבערצייגן, אַז איך קען אַזעלכע פּרטים פון אונדזער אוקראַאיניש לעבן און פון אונדזערע אוקראַאינישע ענינים — וואָס קיין שום נישט־אוקראַאינער (אַלץ איינס צי אַ פּאָליאַק, אַ ייִד, אָדער אַ דייטש) קען נישט וויסן.

קאַצמאַן האָט אַ טראַכט געטון און אָנגעקלונגען נאָך אַן אוקראַאינער, דעם געסטאַפּאָ־אַגענט העמעניוק. (וועלכער האָט געשמט ווי אַ ספּעציאַ־ליסט פון שלאָגן פּאָליאַקן, האָט באַזיצט די דייטשע בירגערשאַפט און זיך

באַרימט, אַז ער האָט געענדיקט פילאָזאָפיע). אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז העמעניוק אָנגעקומען פון דער געסטאַפּאָ־געביידע. קאַצמאַן האָט מיך פאָרגעשטעלט:

— „ער איסט איין יודע, דער בעהאַופּטעט אוקראַינער צו זיין". באַווייז אים אָבער, אַז ער האָט אַ טעות

העמעניוק האָט מיר קודם־כל געשטעלט אַ פראַגע פון געשיכטע: — „ווען איז פאָרגעקומען דער אַריינמאַרש פון כמיעלניצקי קיין קיעוו?". איך האָב געענטפערט ריכטיק. די צווייטע קשיא: — „ווער איז געווען דער גרעסטער אוקראַינישער פּאָעט?". איך האָב אים געענטפערט, אַז אַנטאָניטש 1) (און נישט שעווטשענקאָ).

נאָך דעם ענטפער האָט העמעניוק גענומען מיט מיר שמועסן וועגן דער מאָדערנער אוקראַינישער ליטעראַטור, שפּעטער וועגן פּאָליטיק. אויף דעם געביט איז צווישן אונדז געקומען צו אַ סכסוך (וועלכן איך האָב ספּעציעל פּראָוואָצירט), ווייל איך האָב — אין הסכם מיט דעם פּראָגראַם פון באַנדעראַ קריטיקירט די דייטשן, אַז זיי האָבן „אונדז, די אוקראַינער, אָפּגענאַרט, צונעמענדיק ביי אונדז גאַליציע" און העמעניוק איז געווען אַן אָנהענגער פון פולשטענדיקער צוזאַמענאַרבעט מיט די דייטשן. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַפילו אויף מיר אויפגעהויבן די האַנט. איך האָב אים אָבער דעמאָלט דערמאָנט וועגן וואָס קאַצמאַן האָט אים אייגנטלעך גערופן; אויף דעם האָט ער אַ וואָרף געטון דער וואָך אַ באַפעל:

— „וועג מיט דעם דרעק".

צו קאַצמאַנען אָבער האָט ער געזאָגט:

— ס'איז נישט מעגלעך, ער זאָל זיין אַ ייִד. ער רעדט צו גוט אוקראַיניש און קען צו גוט אונדזערע ענינים.

דעמאָלט האָט מיך קאַצמאַן געפרעגט ווי ס'קומט אַז איך בין געמלט. איך האָב געענטפערט, אַז ווינענדיק אין יאָר 1936 אין אָסטראָג, האָב איך מיך אָנגעשטעקט מיט אַ ווענערישער קראַנקהייט. עס האָט זיך געמאַכט אַ פימאָזע און דער כירורג („אַזאַ הויכער, אַלטער, און גרויער דאָקטאָר קורקעוויטש") האָט מיך מלה געווען אין זיין קאַבינעט אויף זשעליגאָווסקיגאַס (דער נאָמען און די גאַס זענען געווען אויסגעטראַכטע). איך בין דע־

1) אַ מאָדערנער אוקראַינישער אַוואַנגאַרד־פּאָעט.

מאָלט אַלט געווען 16 יאָר און איך האָב מיך שטאַרק געזאָרגט, דער דאָק־טאָר האָט מיך אָבער געטרייסט, זאָגנדיק, אַז יעדער דאָקטאָר און בכלל יעדער מענטש וועט דערקענען, אַז דאָס זעט גאַנץ אַנדערש אויס ווי ייִדישע מילה. „שרייבט קיין אָסטראָג, אפשר איז דער דאָזיקער דאָקטאָר נאָך דאָרט".

מען האָט מיך אָפּגעשיקט צום תפיסה־דאָקטאָר, וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט פעסטצושטעלן דערקלערנדיק, אַז ער איז נישט קיין כירורג. אויף צו מאָרגנס האָט מען מיך אַ געשמידטן אין קייטן, אונטער אַ שמירה, אָפּגעשיקט אין קרייז־שפּיטאָל וועמענס דירעקטאָר איז געווען אַ דייטש, דער שעף פון „קרייזגעזונדהייטסאַמט" אין סאַנאָק (אויב איך געדענק גוט ד"ר זסאָלאַני). איך האָב געמאַכט אַן אַנטשפּרעכנדיק — אידיאָטישע מינע. ד"ר וואָלאַנסקי (אַ פּאָליאַק) האָט מיך לאַנג באַטראַכט און שפּעטער גערופן דעם ד"ר זסאָלאַני וועלכער האָט נאָך אַן אויספירלעכן באַטראַכטן געזאָגט:

— „הער קאָלעגע, דער קערל האָט רעכט. ביי דען יודען הייסט עס נעמליך „סירקומסיזיאָ" אונד ביי אים איסט בלאָז איינע „קאָנסיזיאָ". אויב איר וועט אייך גוט צוקוקן וועט איר נאָך באַמערקן אַ שפּור.

מען האָט מיך, נאָך אַלץ אונטער אַ שמירה אָפּגעפירט אין „קרייזגע־זונדהייטסאַמט". ד"ר זסאָלאַני איז אַהינגעפאָרן מיט אַן אויטאָ. דאָרט האָט מען מיר געגעבן אַ באַשטעטיקונג אויף אַן אַמטלעכן פּאַפּיר־בויגן מיט אַ דייטשן שטעמפּל, אַז דאָס איז בלויז אַ צייכן פון אַן אָפּעראַציע. אויפן צו־ריקוועג אין תפיסה אַריין האָט מיר איינער פון די וועכטער געמאַכט פאָר־וואורפן, אַז אין אַזעלכע אומרויִקע צייטן האָב איך מיר דערלויבט „מיט אַזאַ דעפעקט" אַרומצופאָרן, אָן אַן אַנטשפּרעכנדיקער באַשטעטיקונג. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין פרוי האָט קרובים מיטן נאָמען קאָזאַק, אויסגעדריקט די השערה, אַז מיר זענען אפשר קרובים און געגעבן מיר אַ סיגאַרעט.

דער תפיסה־שעף, אַ פאָלקס־דייטש, האָט מיר געזאָגט, אַז ס'איז אים זייער פיינלעך, וואָס מען האָט מיך שלעכט באַהאַנדלט; ער וועט זיך פאַר־זענלעך באַמיען, אַז מען זאָל מיך נאָך דעם זעלבן אָוונט אַרויסלאָזן אויף דער פריי. די קאַמער־חברים האָבן מיך געבעטן, אַז „איך זאָל פאַרגעסן וועגן אַלע מיספאַרשטענדענישן".

להיפוך צו מיינע דערוואַרטונגען, האָט מען מיך נאָך געהאַלטן אַ

גאַנצן חודש, אָבער שוין אָן שיקאַנעס און פאַרהערן. דעם 20־טן יאַנואַר 1943 האָט מען מיך אַרויסגערופן צו קאַצמאַנען ביי וועלכן ס'איז געווען נאָך אַ געסטאַפּאָוויעץ. זיי האָבן מיך מכבד געווען מיט אַ סיגאַרעט.

— „אַלזאָ זי זינד קיין יודע, קיין יודע!

דער צווייטער געסטאַפּאָוויעץ האָט מיך אַ פרעג געטון וואָס עס גע־שעט מיט דזיעדזיצן...1) איך האָב געטראַכט, אַז עס הויבט זיך אָן אַן אַנ־דערע, שוין אַ נישט־יידישע, אפּערע.

איך האָב געענטפערט, אַז איך ווייס נישט; אַז מיר האָבן אָפט גע־שפּילט אין שאַך, אין אַ קאַפע און ער פלעגט תמיד געווינען. דעמאָלט האָט דער נייער געסטאַפּאָוויעץ געזאָגט:

— אַ שאָד! איר האָט אייך אומשולדיק אַזוי פיל אָנגעליטן. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר וועלן אייך קענען באַפרייען און דאָ דערווייל...

אָבער קאַצמאַן האָט מיר אַ מורמל געטון: האָב נישט קיין מורא. די אויספאָרשונג איז שוין געענדיקט. אין ערגסטן פאַל וועסטו פאָרן אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד.

נאָכן דאָזיקן פאַרהער האָט מען מיך איבערגעטראָגן אין אַ בעסערער קאַמער, ווו עס זענען געזעסן מענטשן געכאַפּטע בעת „לאַפּאַנקעס". מען האָט אונדז כלומרשט אַלע געדאַרפט אָפּפירן אין „אַרבעטס־אַמט" קיין קראָקע. אין דער קאַמער איז אויך געווען אַ גאַנצע גרופּע פויערים, אוק־ראַינישע נאַציאָנאַליסטן. זיי האָבן זיך וועגן מיר שטאַרק געזאָרגט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז אַלע אָפּגעפירט אין דער טאַרנאָווער תפיסה, ווו עס האָבן שוין געוואַרט עטלעכע טראַנספּאָרטן. קיי־נער פון אונדז האָט, צוליב דעם פאַרהעלטנסמעסיק לייכטן רעזשים, זיך נישט אַריענטירט, אַז מען פירט אונדז נישט קיין קראָקע, נאָר...

אין דער העלפט פעברואַר האָט מען אונדז אָפּטראַנספּאָרטירט קיין אָשוויענטשים, אינעם לאַגער בירקענאו. נאָך אַ „קאַראַנטען" וואָס האָט געדויערט זעקס וואָכן, האָט מען די לעבנגעבליבענע (פון אונדזער טראַנס־פּאָרט ווייניקער ווי אַ העלפט) איבערגעטראָגן קיין אוישוויץ.

פון דעמאָלט אָן הויבן זיך שוין אָן די „געווײנלעכע" טעג פון אַן

1) אַ יונגער שרייבער, אַ פּאָליאַק, און לינקער טוער וועגן וועלכן ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן.

„אַריער" אין לאַגער. אָנהויב סעפּטעמבער האָט מען אים (אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער עוואַקואַציע פון סלאַוון) איבערגעטראָגן אין לאַגער לעיטמעריץ (אין טשעכישן סודעטן לאַנד) נעבן — קאָמאַנדאָ פלאָסענבורג.1) (דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע לאַגערן. דער לעצטער „אַפּעל" איז נאָך פאָרגעקומען דעם 7־טן צי דעם 8־טן מאַי 1945).

***

מיר האָבן זיך לענגער אָפּגעשטעלט אויפן גורל פון דער דערמאָנטער פּערזאָן כדי אויף דעם באַשטימטן משל נענטער צו באַווייזן דעם אָפּשניט פון „אוקראַינישע פּאַפּירן". לאָמיר דערמאָנען, אַז שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלען, איז אויסגעקומען דאָ און דאָרט צו באַהאַנדלען פראַגמענטן פון דעם דאָזיקן געביט. פאַרשידענע באַזונדער אינטערעסאַנטע משלים וועט דער לייענער געפינען אינעם קאַפּיטל וואָס נעמט אַרום פאַרשידענע וואַריאַנטן. צ. א. אַ ייִדן, וואָס האָט געלעבט ווי אַ פּראָוואָסלאַוונער פּאָפּ און אַ רב וואָס איז אָנגעגאַנגען פאַר אַן אוקראַינישן מאָנאַך.

1) מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג־צענטער פאַר געשיכטע פון פּוילישע ייִדן" אין פּאַריז. (פּראָט. מ. ב.).

XII

„אויך... אראבישע פאפירן"

מיר וועלן דאָ איצט ברענגען אַ משל וואָס צייכנט זיך אויס (אין די פוילישע באַדינגונגען) מיט זיין עקזאָטיק. עס האַנדלט זיך וועגן אַ יידישער פרוי 1) וואָס האָט געלעבט אויף... אַראַבישע „פאַפירן". נישט געקוקט דער־רויף, זענען אירע דאָקומענטן שטאַרק רעספעקטירט געוואָרן דורך די דייטשן.

— „איך בין אַ דאָרפיש מיידל, געבוירן אין זכרון יעקב. מיין פאָטער איז געווען איינער פון די בילויים, וואָס זענען אין יאָר 1897 געקומען קיין ארץ־ישראל. זיין נאָמען איז געווען חיים דוב שוואַרץ". מיט די דאָזיקע ווערטער האָט פרוי מדפיס־קופּפערבערג אָנגעהויבן צו דערציילן וועגן אירע געשיכטעס.

ווען די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז זי מיט איר מאַן אַנטלאָפן פון וואַרשע קיין לעמבערג. דאָרט האָט זי געאַרבעט אין אַ סאָוויעטישן שפּיטאָל. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין לעמבערג, האָט פרוי קופּפערבערג געפּאַסט אַז אָריגינעלן באַשלוס. אַלס אַ געבוירענע אין ארץ־ישראל, האָט זי געטראַכט, אַז זי וועט זיך פאַר די דייטשן אָנגעבן אַלס אַן אַראַבישע פרוי. איר אויפגאַבע איז אויף אַזויפיל געווען פאַרלייכטערט, וואָס זי האָט אויסער דעם מאַנדאַט־פּאַס נאָך געהאַט ביי זיך אַ טערקישן

1) רחל קופּפערבערג. איצט אין ישראל. איר דערציילונג האָט פאַרשריבן נ. זילבערבערג אין פּאַריז ווהין רחל קופּפערבערג איז געקומען ווי אַ שליחה פון „עלית הנוער" („אונדזער וואָרט" — 1102).

געבורט־שיין פון פּאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. אַ קליינע פעלשונג אין די דאָקומענטן און פון דער פרוי רחל איז געוואָרן אַן עכטע אַראַבערין פון קריסטלעכן גלויבן. איר נייער נאָמען איז געווען אַליציאַ קריסטין על־נאַזאַרי. „איצט איז זי שוין אויף „זיכער" אַן אַראַבערין, און אויב אַזוי, מוז מען זיין ווייטער קאָנסעקווענט.

זי איז אַליין אַוועק צו די דייטשן, פאַרגעשטעלט אירע פּאַפּירן און... געפּאָדערט פאַר זיך אַרבעט און אַ וווינונג.

דער דייטשישער אָפיציר האָופטמאַן בענכער איז געוואָרן שטאַרק איבערראַשט פון דאָזיקן וויזיט. מיט אַזאַ פּעטענט האָט ער געהאַט דאָס ערשטע מאָל צו טון. איז ער דעריבער אַוועק צו זיין שעף, דעם פאָן בויטעל, און אים ראַפּאָרטירט וועגן דער אַראַבישער פרוי. יענער האָט זי גערופן צו זיך אין קאַבינעט. מיט דער גרעסטער העפלעכקייט האָט ער זי אויפגענומען. — עס וועט פאַר אים זיין אַ... כבוד אַ קוש צו טון די האַנט פון אַ פאַרשטייערין פון דער העכסטער אַראַבישער אַריסטאָקראַטיע — האָט ער געזאָגט. שוין איר פאַמיליען־נאָמען, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן „על" באַווייזט, אַז זי שטאַמט פון גרויסן אַראַבישן יחוס. ווען זי האָט געפּרוווט אים צו דערווייזן, אַז איר יחוס איז נישט וויכטיק אין דעם פאַל, איז אים איר באַשיידנקייט נאָך מער געפעלן און ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיך אַליין באַשעפטיקן מיט איר גורל. אויף זיין באַפעל האָט זי נאָך דעם זעלבן טאָג באַקומען אַ וווינונג אויף דער סופּינסקי־גאַס, אין האַרץ פון דייטשן קוואַרטאַל, וווּ עס האָבן געוווינט לויטער דייטשן. דאָס איז געווען אַ וווינונג מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן. דאָרט אַהין האָט זי אויך באַלד אַריינגענומען אַן אוקראַינערין, וואָס איז איר געטריי געווען און וואָס האָט געוווסט וועגן איר סוד. די אַרבעט האָט זי זיך אַליין אויסגעקליבן. זי איז געוואָרן אויפזעערין אין דער קיך פון אַ מיליטערישן שפּיטאָל. צו עסן האָט שוין נישט געפעלט.

דערווייל זענען די רציחות איבער דער ייִדישער באַפעלקערונג געוואָרן מיט יעדן טאָג אַלץ שטאַרקער. זי האָט דעמאָלט אין געהיים צווישן געטון עטלעכע אירע באַקאַנטע, זיי זאָלן אין אָוונט צו איר קומען און דאָרט שוין פאַרבלייבן.

פון אָנהויב זענען עס געווען ווירקלעך נישט מער, ווי עטלעכע גע־

ציילטע מענטשן, אָבער יעדער איינער פון זיי האָט דאָך געהאַט איבערגע־לאָזט אין געטאָ זיינעם אַ נאָענטן. איידער זי האָט זיך אַרומגעזען האָבן זיך שוין אין איר גרויסער וווינונג געפונען אַ געוויסע צאָל מענטשן. צווישן זיי זענען געווען דער באַרימטער מוזיקער, פּראָפעסאָר לעאָפּאָלד מינצער, דער מאַטעמאַטיקער פּראָפ׳ קנאַסטער, ד״ר רובינרויט פון וואַר־שע, דער ספּאָרטלער מאַרעק האַלצשטאַרק מיט זיין פרוי און אַנדערע אירע באַקאַנטע.

זי האָט זיי ביי זיך איינגעאָרדנט אין אַ גרויס פּאַרמאַסקירט צימער, וואָס האָט זיך געפונען נעבן דער קיך. אַהין האָט געפירט אַ געהיימע טיר. די איינציקע אומבאַקוועמלעכקייט איז געווען, וואָס אַלע האָבן זיך געמוזט זייר שטיל פאַרהאַלטן. די דייטשע שכנים זאָלן נישט הערן קיין שום גערויש. עס איז נאָך געווען צו לייזן איין שווער פּראָבלעם: ווו נעמט מען צו עסן פאַר אַזויפיל מענטשן? דערצו נאָך איז זי אַליין געווען אָן געלט־מיטלען, און אַ טייל פון אירע אויסבאַהאַלטענע האָבן אויך נישט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה. צום גליק האָט איר אין דעם פאַל פיל געהאָלפן איר שטעלע אין שפּיטאָל. דער דייטשישער הויפּט־באַזאָרגער האָט פאַר איר און פאַר דער אוקראַ:נישער פרוי באַשטימט די זעלבע לע־בנסמיטל־צוטיילונג, וואָס עס באַקומט אַ דייטשישער אָפיציר. מען האָט געקריגן מעל, צוקער, פּוטער. פלעגט מען דאָס יעדן טאָג פאַרקויפן צו פּאָליאַקן און פאַרן געלט קויפן מאַרמעלאַד און שוואַרץ ברויט.

— „אונדזער מנוחה האָט אָבער, ליידער, נישט לאַנג געדויערט. דאָס אומגליק איז שנעל געקומען. ווייל אָט האָט זיך פאַרגלוסט דעם גענעראַל צוזאַמען מיטן הויפּטמאַן איר אָפּצושטאַטן אַ וויזיט אין דער וווינונג. מילא, וועגן דער האַרצקלאַפּעניש און שרעק פון אירע „לאָקאַטאָרן“ בעת יענעם באַזוך איז שוין אָפּגערעדט. פיל ערגער איז געווען, ווען דער הויפּטמאַן האָט, נאָכדעם, ווי ער האָט באַקוקט די וווינונג, איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל מסכים זיין און אַריינגעמען אַ פרוי, וואָס קומט צו פאָרן פון דייטשלאַנד. אַ ברירה האָט זי געהאַט? דריי טעג שפּעטער — און די דייטשקע איז אָנ־געקומען. וואָס טוט מען, אַז די דייטשן זאָלן נישט געוואָר ווערן, אַז אין דער זעלבער וווינונג געפינען זיך די ייִדן? דער עיקר: וואָס טוט מען, אַז די דייטשקע זאָל נישט אַריינשטעקן איר נאָז אין דער קיך, פון וואַנען עס

פּירט די געהיימע טיר צום פאַרמאַסקירטן צימער מיט די ייִדן. די „אַראַבערין“ מיט דער אוקראַינערין האָבן דעריבער באַשלאָסן אָפּצושפּילן אַ קאָמעדיע פאַר דער דייטשקע. די אוקראַינערין האָט כלומרשט באַקומען אין דער קיך אַ שגעון־אָנפאַל און ווילדערהייט גענומען ברעכן די טעלער און כלים. דערביי האָט די „אַראַבערין“ אָנגעזאָגט די דייטשקע, אַז זי זאָל נישט וואַגן אַרײַנצוגיין אין קיך, ווייל גראָד קען די אוקראַינערין ווידער באַקומען אַ שגעון־אָנפאַל. דאָס האָט געהאָלפן. די דייטשקע האָט אויסגעמיטן אַרײַנצוקומען אין דער קיך.

ס׳האָט פּאַסירט, וואָס דער הויפּטמאַן האָט זיך אומגעריכט צוריקגעקערט אין דער וווינונג, האָבנדיק אַ פאַרדאַכט, אַז עפּעס איז דאָרט נישט אין אָרדענונג, אַז ער הערט עפּעס דורך דער וואַנט, פאַרשידענע גערוישן און שאָרכן. איינמאָל האָט אַפילו פּאַסירט, אַז ער האָט זיך אַרײַנגעגנבעט שטילערהייט אין דער קיך. די געהיימע טיר איז געווען אָפן. אין לעצטן אויגנבליק האָבן נאָך אַ טייל מענער באַוויזן זיך אויסצובאַהאַלטן הינטער די גרויסע שענק. בלויז דער דעמאָלט שטערבלעך־קראַנקער מאַרעק האָלצשטאַרק האָט עס נישט באַוויזן. ער איז געלעגן אין בעט און זיין פרוי האָט אים געווישט דעם שווייס פון שטערן. אויך אין דעם פאַל האָט די אײדעלע אוקראַינישע פרוי געראַטעוועט די לאַגע. זי האָט אויפן אָרט דערקלערט, אַז דאָס איז איר קראַנקער ברודער מיט זיין פרוי, וואָס זענען פון דער פּראָווינץ געקומען אַהער צו אַ דאָקטאָר.

די „אַראַבערין“ דערמאָנט זיך דעם שרעקלעכן מאָמענט, ווען מאַרעק האָלצשטאַרק האָט ביי זיי אין וווינונג, נאָך אַ לענגערער לונגען־קראַנקייט, אויסגעהויכט די נשמה. וואָכן־לאַנג האָט ער זיך ביי אַלעמען געבעטן מען זאָל אים אַרויסלאָזן אויף דער גאַס, ווו ער וועט שטאַרבן. קיינער איז אָבער דערויף נישט איינגעגאַנגען...

ווי אַזוי באַזייטיקט מען דעם מת פון דער וווינונג? די פאַרצווייפלונג פון אַלע שטוביקע האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. די „אַראַבערין“ צוזאַמען מיט די אוקראַינערין האָבן דעם טויטן פאַרפּאַקט אין בעטגעוואַנט און אַרײַנגעלייגט אין אַ זאַק פון קוילן. ווען עס איז געוואָרן אין דרויסן פינצטער, האָבן זיי אַרויסגעטראָגן דעם טויטן און מיט דער הילף פון אַ קליין

אַרישע פּאַפּירן

קינדער־שליטעלע האָבן זיי די „קוילן“ אַוועקגעפּירט אין לעמבערגער פּאַרק און דאָרט דעם זאַק שנעל אונטערגעוואָרפן. צומאָרגנס איז אין דער לעמבערגער פּרעסע אָנגעגעבן געוואָרן, אַז די פּאָליציי האָט געפונען אַ געהיימניספולן מת און אַז מען זוכט די שולדיקע. מען האָט זיי קיינמאָל נישט אַנטדעקט.

XIII

א ביסל וואַריאַנטן

1. אַ ייִנגל אין דער ראָל פון אַ מיידל. — 2. אַ מיידל אין דער ראָל פון אַ בחור. — 3. זוכנדיק אַ גייסטיקע רעקאָמפּענסאַציע. — 4. די טראַגיקאָמעדיע פון פאַרשטעלן זיך און אינסצעניזאַציע. — 5. אינקאָגניטאָ... פאַרן אייגענעם ווייב און וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען. — 6. ווען איין פּאַפּירענער „אַריער" האָט אָנגעטראָפן אַ צווייטן. — 7. אַ רב אַלס פּראַוואָסלאַוונער פּאָפּ. — 8. אין דער ראָל פון אַ גלח.

„אַ רעדאַקציע איז אַ רעדוקציע". אומאָפּהענגיק פון דער כּסדרדיקייט פון רעפּערירטע געפּאַרן און פאַרהעלטענישן, זענען וועזנטלעך געווען פאַרן לעבן אויף „פּאַפּירן": ערשטנס — די כּסדרדיקע אומדערוואַרטקייט פון דער סיטואַציע (און צוזאַמען דערמיט די כּסדרדיקע נויטווענדיקייט אין אימפּראָוויזירן). צווייטנס — און דאָס אין יעדן פּרט — די אומפּאַרענדיקטע נויטווענדיקייט צו אינסצעניזירן, צו מאַכן כלערליי נייע טריקן.

רעדנדיק וועגן „אַ גוטן" אָדער „שלעכטן" אויסזען, האָט מען צום ביישפּיל דערמאָנט וועגן פאַרבן די האָר וועגן פאַרשידענע סיסטעמען פון אָנטאָן זיך; אַפילו ביז צו מאַכן פון זיך (פון אַ יונג מיידל) עפּעס אַ מין מכשפה־געשטאַלט, אַ שרעק בילד פאַר פייגל. צי איז דאָס שוין אַלץ? פאַרשטייט זיך, אַז נישט.

די עלטערן פון (דעם דעמאָלט 9 יעריקן) אַדאַם פּראָסט איז איינגעפאַלן זייער זון צו פאַרשטעלן... פאַר אַ מיידל. „איך האָב מיך באַהאַלטן ביי אַן אַריערין אויף דער ליטשקאָווסקי־גאַס (אין לעמבערג). צום ערשט בין איך דאָרט געווען אַליין. דערנאָך איז דאָרט אַהינגעקומען מיין פאָטער (וועלכער איז אַנטלאָפן פון לאַגער) און מיין מוטער (וועלכע איז שאַנטאַזשירט געוואָרן אין בוטשאַטש). אויף דער גאַס בין איך נישט אַרויסגעגאַנגען. אין באַהעלטעניש בין איך נישט געווען איבערגעטאָן. אָבער ווען די רוסן האָבן גענומען באָמבאַרדירן לעמבערג, און מען האָט געמוזט גיין אין שוץ־קעלער, האָב איך זיך אויפסניי געמוזט איבערטאָן און בין געווען... אַן אומגעזעצלעך קינד פון מיין מוטער. מיין פאָטער האָט זיך אויך געמוזט איבערטאָן ווי אַן עלטערע פרוי, ווייל אין קעלער האָט זיך געפונען אַ משפחה, וואָס האָט אים געקענט נאָך פון פאַר דער מלחמה. מיין פאָטער האָט געשפילט די ראָל פון אַ טויב־שטומע, כדי זיך נישט צו פאַרראַטן מיטן מענערישן קול. דער דאָזיקער משפחה האָט מען געזאָגט, אַז מיר זענען אַנטלאָפן פון סטאַניסלאַוואָוו פון די רוסן. מיין טאַטע — די פרוי האָט פאַרלוירן איר מאַן אין סטאַניסלאַוואָוו און צוליב דעם איז זי פולשטענדיק טויב געוואָרן. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן ביז די דייטשן האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, ד״ה ביז דעם 28טן יולי 1944.

בעת מיין באַהאַלטן זיך ביי דער דאָזיקער אַריערין, בין איך פון צייט צו צייט געגאַנגען (אַלס מיידל) אין קלויסטער אַריין, כדי נישט צו דערוועקן קיין חשדים. כ׳האָב געהאַט לאַנגע האָר און כ׳האָב וועגן זיך גערעדט אין ווייבלעכן געשלעכט. דאָס איז מיר, אגב, ביז צום סוף געווען שווער. מיין פאָטער איז געווען פאַרוויקלט אין אַ טוך און האָט געטראָגן אַ לאַנגע ספּודניצע, הינטער וועלכער ער האָט געטראָגן פאַרקאַשערטע הויזן.

מען האָט געדאַרפט אַרויסגיין אויפן הויף כדי נישט צו ברענגען אויף זיך קיין פאַרדאַכט. איך האָב זיך געשפּילט מיט אַ קליין מיידל און איינמאָל בין איך אַראָפּגעפאַלן פון דער הוידעלקע. אויפן הויף זענען געווען אַ סך מענטשן. צום גליק האָבן זיי גאָרנישט באַמערקט.

מיין פאָטער, אַרויסגייענדיק פון קעלער, פלעגט אַ קוק טון צי אויף די טרעפּן איז קיינער נישטאָ. דעמאָלט פלעגט ער פאַרשאַרצן די ספּודניצע און גיך אַרויפלויפן אין שטוב אַריין. איינמאָל האָט דאָס באַמערקט עפּעס

אַ הער, וועלכער איז געשטאַנען אין קעגנאיבערדיקן פענצטער. ער האָט געזאָגט דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט אונדז אויסבאַהאַלטן: — אייער טויב־שטומע באָבעשי לויפט עפעס צו־שנעל אויף די טרעפּן, ווי פאַר אַן עלטערע פרוי 1).

אַדאַם פּראָסט האָט באַהאַלטן פאָטאָגראַפיעס פון יענער צייט. אויף איינער זעט מען אים, ווי אַ יינגל. אויף דער צווייטער — ווי אַ מיידל. איך האָב אים געפרעגט אין וויץ, צי ער וואָלט נאָך איצט געקענט שפּילן די ראָל פון אַ מיידל? ער גיט אַ שמייכל: אין צווישן צייט איז ער דורכ־געגאַנגען די מוטאַציע פון דער שטימע. איך קוק אויף אים און אויף זיין פאָטאָגראַפיע. יאָ, ער אַלס מיידל, איז נאָך, ווי מען זאָגט, האַלבע צרות. יעדעס מאָל, ווען איך טרעף אָבער זיין פאָטער, דעם דאָקטאָר פּראָסט, אַ גענוג דיקלעכן מאַנספּאַרשוין, איז מיר שווער אים צו פאַר־וואַנדלען אין מיין פאַרשטעלונג אין אַ באָבעשי.

און אָט דער איבערדערציילטער פאַל איז חלילה נישט געווען קיין איינצלנער: „מיין פאָטער — דערציילט דוד טענענבוים — האָט דערליי־דיקט אַ באַהעלטעניש ביי אַ געוויסן פּאָליאַק אין זשימנע וואָדאַ, הינטער לעמבערג. מיר זענען געווען ביי אים אַרום דריי חדשים. דערנאָך האָט מען איבער אַ צענדליק הייזער געמאַכט פאַר אַ געטאָ און צווישן זיי — אויך דאָס הויז וווּ מיר האָבן זיך געפונען. היות מיר זענען פאַרמעל דאָרט גע־ווען איינגעמאָלדן, האָבן מיר באַקומען אַ באַפעל זיך אַרויסצוציִען. דע־מאָלט איז מיין מוטער איינגעפאַלן מיך צו פאַרשטעלן אַלס מיידל. מיר האָבן דערליידיקט די געהעריקע פאַפּירן און געדונגען אַ וווינונג אין זשימנע וואָדע. דאָס, וואָס איך האָב געהאַט קורצע האָר, האָט מיין מוטער פאַר־טייטשט דערמיט, וואָס איך בין נאָך אַן אויערן־קראַנקייט. און דאָס, וואָס איך בין נישט געגאַנגען אין שולע — דערמיט, וואָס איך בין נערוון־קראַנק. אין נאָענטער שכנות האָט געוווינט מיין שול־חבר. איך בין געווען אַזוי פאַרענדערט, אַז ער האָט מיר נישט דערקענט, כאָטש ער האָט מיך עטלעכע מאָל געזען 2).

אויך ער האָט באַהאַלטן פאָטאָגראַפיעס, אויף וועלכע ער האָט שוין

1) מאַטעריאַלן פון „פאַרשונגס־צענטער" אין פּאַריז.
2) פּראָטאָקאָל נומ. 255 וואָיעוואָדישע יידישע קאָמיסיע אין קראָקע.

לאַנגע האָר. מיידלשע, לאַנגע האָר. זעט אויס: מיט דער צייט זענען זיי אויסגעוואַקסן.

פאַרוואָס האָט מען די יינגלעך פאַרשטעלט פאַר מיידלעך איז נישט שווער צו פאַרשטיין. ס'איז געגאַנגען אין דעם, וואָס בעת אַ פאַרדאַכט האָט מען ביי די מענער פעסטגעשטעלט די „ראַסע" דורך בודק זיין צו זיי זענען געמלהט 1). אָפּטמאָל איז דאָס אויך קיין סימן נישט געווען 2). אָבער אויף דערויף האָט מען שוין נישט געקאָנט אויסשטעלן.

פונדעסטוועגן... האָבן זיך אויך געטראָפן פאַרקערטע פאַלן. די אַכט־יעריקע בראָנקע מאַנטעל איז צום ביישפּיל פאַרשטעלט געוואָרן אַלס יינגל. מען האָט איר אָפּגעשניטן די צעפּ, זי גלאַטיק פאַרקאַמט, מיט אַ שרונט אין דער זייט, אָנגעטאָן הייזעלעך און געהייסן רעדן וועגן זיך אין מענלעכן געשלעכט. זי איז געווען, שמועסט מען, גאָר אַ שיין יינגל און אַ קונדאָס, נישט בעסער פון אַלע איבעריקע אירס גלייכן 3). צוליב וואָס זשע האָט מען עס געטון? צוליב פאַנטאַזיע? זענען זיי אין יענע צייטן אַזעלכע זאַכן גע־קראָכן אין קאָפּ? אַבסאָלוט נישט! די סיבות זענען געווען זייער באַשטימ־טע, נויטווענדיקע פּראַקטישע, פּראָזאַישע. דער מוטער האָט זיך, נעמ־לעך, איינגעגעבן צו באַקומען פאַרן קינד אַן אויטענטישן געבורט־שיין.

1) ס'איז מיר שווער דאָ נישט צו ציטירן אַ געוויסן באַפליגלטן זאָג פון אַ פרוי, וועלכע האָט, העלפנדיק יידן זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן דעם דאָזיקן „באַזונדערן סימן". די דאָזיקע פרוי איז געמלעך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מען דאַרף אויפהערן די מיידלעך דורכצושטעכן די אויערן ביים אָנטאָן אוי־רינגלעך. מען קאָן נישט וויסן ווּעמען די מענטשן־פרעסער וועלן זיך אויסקלייבן פאַר קרבנות אין דער צוקונפט. אין אויסלאַנד האָט מען אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אָנשטאַט דעם דורכשטעכן די אויערן, אָנצוטאָן די אוירינגלעך מיט ספּעציעלע קלאַמרעס. אַזוי אַרום קאָן אויסקומען, אַז אויך דורכגעשטאָכענע אויערן קאָנען מיט דער צייט ווערן „אַ באַזונדערער סימן".

2) מילה איז אין פוילן געווען „אַ באַזונדערער סימן" פון יידן. אין ענגלאַנד (אָדער אין אַנדערע לענדער) האָט עס נישט געקענט זיין קיין סימן, ווייל ס'איז אַנגעווענדעט געוואָרן אויך פון נישט־יידן. אין פוילן ביי נישט־יידן, האָט זיך אַזאַ זאַך געקענט טרעפן נאָר ספּאָראַדיש, ווי אַן אַקט פון מעדיציניש ער נויטווענדיקייט. דערמיט האָט זיך אויך פאַרטיידיקט נישט איין „פּאַפּירענער אַריער" ווען מ'האָט אים געכאַפּט ווען אים האָט זיך איינגעגעבן „צו באַווייזן" אין אַלע אַנדערע פּרטים זיין נישט־יידישקייט, האָט זיך געמאַכט אַמאָל, אַז מ'האָט אים געגלויבט. חוץ דעם האָבן געוויסע יידן אויף „אַרישע פּאַפּירן" דורכגעמאַכט אַ צווייטע אָפּעראַציע, וועלכע האָט געדאַרפט פאַרווישן די שפּורן פון דעם ריטועלן מילה־אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין דער קינדהייט.

3) מאַטעריאַלן פון „פאַרשונגס־צענטער" אין פּאַריז.

דאָרט אָבער האָט פיגורירט אַ ייִנגל. צוליב דעם, וואָס דאָס פּאַפּיר האָט דעצידירט וועגן לעבן האָט דאָס געשלעכט זיך געמוזט צופּאַסן צום פּאַפּיר, נישט פאַרקערט.

— —

לאָמיר איבערחזרן: כּדי צו דעמאַסקירן דעם ציטווייליקן „אַריער" האָבן געלויערט אַזויפיל — דערביי אַזעלכע פאַרשידנאַרטיקע פאַקטאָרן, אַז די זאָרג צו פאַרקאָנספּירירן דעם אָפּשטאַם האָט זיך אַריינגעריסן אין יעדער באַוועגונג, אין יעדן שריט.

די דאָזיקע „אויסשטראַלונג" אין דעם געפאַרפולן סוד איז פאַרגע־מען נישט בלויז לויט „דער גלייכער ליניע", ד"ה נישט בלויז מיטן וועג פון דירעקטע צוזאַמענהאַנגען, נאָר אָפטמאָל מיט אַן אַרומיקן וועג.

אומאָפּהענגיק פון בייטן דעם נאָמען און די פּרטים פון אָפּשטאַם, האָט דאָס לעבן אויף „פּאַפּירן" געבראַכט (און דאָס ווי אַ געזעץ) צו בייטן די פּראָפעסיע. דאָס האָט ווידער געבראַכט מיט זיך אַ וויטגייענדיקע ענ־דערונג פון לעבנס־סטיל, פון די פאַראינטערעסירונגען און נייגונגען. מיט איין וואָרט: דאָס צופּאַסן זיך צו דעם שטייגער־לעבן פון יענער נייער פּראָ־פעסיע. אין מאָמענט ווען דאָס „איינאָרדענען זיך" איז נאָך געווען אין גאַנג, די געפאַר — דירעקט, באַשטימט, ממשותדיק און די וואַכזאַמקייט אָנגעשאַרפט, האָט מען געדענקט אין יעדן דעטייל פון דער „אומוואַנדלונג". מיט דער צייט אָבער, ווען די סיטואַציע פון דעם פּאַפּירענעם „אַריער" האָט זיך פאַרפעסטיקט און די געפאַר דעקאָנספּירירט צו ווערן האָט אים גענומען אויסזען ווייניקער וואַרשיינלעך, האָט ער זיך גענומען פילן עט־וואָס זיכערער. דעמאָלט זענען במילא צוריקגעקומען די אַלטע „געוווינ־הייטן". אַ קעכין (וועלכע איז פריִער געווען אַן אַדוואָקאַט) האָט פּלוצים גענומען אין דער האַנט אַריין אַ בוך. דערצו, גאָר אָפט נאָך אַזוינס, וואָס אַ קעכין לייענט געוויינלעך נישט. אַ שוואַרץ־אַרבעטערין (וועלכע איז פריִער געווען אַ דאָקטאָר), האָט זיך פּלוצים געטראָפן, אַז עמיצער אין איר סביבה זאָל אַוועקפאַלן אין חלשות און דעמאָלט — צי קען אַ דאָק־טאָר, אין דער נאָענטקייט פון אַ קראַנקן, זיך איינהאַלטן פון צו געבן אים כאָטש די ערשטע הילף?

דאָס פּלוצימדיקע אָנרופן זיך פון די סטרונעס, וועלכע זענען פאַר־משפט געווען אויף אַרבעטסלאָזיקייט האָט טיילמאָל געהאַט אויך אַנדערע סיבות. צום ביישפּיל:

דער באַרימטער געלערנטער — דער באַקטעריאָלאָג, פּראָפ. לודוויק הירשפעלד (געשמדט שוין אין די קינדער־יאָרן און ביז צו דער מלחמה, נישט האָבנדיק קיין שום מגע־ומשא מיט זיין יידישער אָפּשטאַמונג) האָט נאָך דעם ווי ער איז אַנטלאָפן פון וואַרשעווער געטאָ, (ווו ער איז דורך די דייטשן אַריינגעטריבן געוואָרן), גענומען דורכמאַכן דאָס לעבן אויף „פּאַ־פּירן" מיט אַלע אירע צרות. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער זיך געפונען צוזאַמען מיט זיין טאָכטער אין אַ פּוילישן פּריצישן הויף. דאָרט האָט ער זיך געפונען נישט אַלס באַהאַלטענער ייִד, נאָר צווישן אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּערזאָנען (נישט־ייִדן), וועלכע האָבן אין יענער צייט געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער און זוכן זיך אַ באַהעלטעניש. אַזעלכע מינים דערשיינונגען האָט מען דעמאָלט געקענט טרעפן אַ סך. אין געגעבענעם פאַל האָבן די באַלעבאַטים געהאַט צו זייערע געסט די בעסטע באַציִונג. דאָס האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט פאַרהיטן דערפון, אַז די וועלכע האָבן געזעסן ביי די „פרעמדע טישן" זאָלן פון צייט צו צייט (באַדיי פון דער דינערשאַפט) נישט האָבן קיין בושות. עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, אַז דאָס אַלץ, (סיי די דאָזיקע בושות, סיי דאָס עסן „יענעמס ברויט" אין אַלגעמיין) האָט געטראָפן אין דער אייגנליבע און אין דער אַמביציע, באַזונדערס ביי מענטשן, וועלכע האָבן הינטער זיך געהאַט אַ בעסערע פאַרגאַנגענהייט.

די סיטואַציע האָט דערביי פאַרלאַנגט פון די דאָזיקע מענטשן (און דאָס נישט בלויז פון פּראָפ. הירשפעלד), אַז זיי זאָלן ווערן גרויע, נישט אָנזעעוודיקע מענטשן, וואָס טיילן זיך מיט גאָרנישט אויס פון זייער סביבה.

די לאַגע פון זיין „אַ פינפט ראָד צום וואָגן" האָט באַזונדערס דעפּרי־מירנדיק געווירקט אויפן פּראָפעסאָרס טאָכטער. זי האָט געדענקט ווי איר פאָטער האָט געשטראַלט אין די לעקציע־זאַלן פון די אוניווערסיטעטן אין וואַרשע, פּאַריז א"אַנד. הויפּטשטעט. און זי האָט אויך געדענקט די אַמאָלי־קע באַציִונג פון אַנדערע מענטשן צו איר, דעם פּראָפעסאָרס טאָכטער. דאָ איז זי געווען די טאָכטער פון אַ גרויען, פאַרטונקלטן מענטש, אין דער פאָרשטעלונג פון דער דינערשאַפט — אַ בעטלער. צו דעם צו זענען די

דאָזיקע רעפלעקסן זיך צוזאַמענגעקומען מיט איר קרענק, וואָס האָט גע־מאַכט אַ סוף צו איר יונג לעבן.

— „און איך האָב זיך געטראַכט — דערציילט דער פּראָפ. הירשפעלד — איך וועל פּרווון צו שפּילן די שווערסטע שפּיל — מיט דעם כח פון מיין וואָרט וועל איך פּרווון צו שאַפן די וויזיע פון דער גרויסער וועלט, פון דעם אוניווערזיטעטס־לעבן, פול מיט שפּאַנונגען און האָפענונגען. אין משך פון די לאַנגע ווינטער־אָוונטן האָט די גאַנצע געזעלשאַפט איבערגעקליבן אַרבעס און איך האָב, הויך אויף אַ קול, פאָרגעלייענט ראָמאַנען. איך האָב פאָרגעלייגט דער געזעלשאַפט, אַנשטאָט פאַרצולייענען ראָמאַנען, צו האַלטן פאַר זיי רעפעראַטן. איך האָב, וואָס אַן אמת געוואָלט אָפּדאַנקען די גראַ־בקאָווסקיס פאַר זייער גוטסקייט דורך געבן זיי אַ ביסל גייסטיקע צעשטריי־אונג. אָבער מיין הויפּט־ציל איז געווען, אַז מיין טאָכטער זאָל זיך נישט פילן, ווי אַ טאָכטער פון אַ גרויען מענטש, אַז זי זאָל אויפסניי קאָנען קוקן מיט צוטרוי אין דער צוקונפט אַריין. און איך האָב אָנגעהויבן מיינע רעפע־ראַטן. איך האָב זיך באַמיט צו רעדן וועגן זאַכן, וואָס זאָלן אַלעמען פאַר־אינטערעסירן. איך האָב גערעדט וועגן די סיבות פון וועלט־אַנטשטייונג, וועגן די דעמאָלטיקע פּרווון אויסצוטייטשן די אַנטשטייונג פון די מינים אד״גל. ווו זענען די צייטן ווען סטודענטן פלעגן קומען פון אַנדערע אָפּ־טיילונגען כדי מיט שפּאַנונג צו הערן מיינע רעפעראַטן? ווי ווייט אומרעאַל האָט מיר איצט אויסגעזען מיין פאַרלעזונג אין פּאַריז, ווו צווישן די סטו־דענטן האָב איך געזען מיין צעשטראַלט קינד! דאָ — ווי אַ צוגאָב צום אי־בערקלייבן די אַרבעס — האָט איך גערעדט צו עלטערע מענטשן, מיטן געדאַנק, ניין, מיט דער ווייטיקלעכער האָפענונג, אַז מיט דער הי׳ך פון מיינע ווערטער וועל איך קענען דערוואַרעמען מיין פרירנדיק קינד.

די פרוי גראַבקאָווסקאַ האָט מיך שפּעטער געפרעגט: הלמאי איך דעקאָנספּירירן זיך אַזוי? „טייערע פרוי! מיין לעבן וואָלט איך אָפּגעגעבן, ווען איך זאָל עס קענען אַריינזעצן אין מיין קינד. און ווען איך האָב גע־רעדט האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי רייסט זיך פון אירע מאַטערנ־דיקע געדאַנקען, פון דער טראַגעדיע, וואָס הייסט: באַהאַלטן זיך. פון די זכרונות וועגן די אומגעקומענע און פון דער בענקשאַפט נאָך דער אײַגע־

בער היים. איך פיר זי אַריין אין דער גרויסער, שטראַלנדיקער וועלט. איך דערמאָן זי די זאָרגלאָזע צייט פון אירע סטודיען אין פּאַריז" 1).

דאָס מאַניפעסטירן דעם שייכות מיט דעם געפייניקטן פאָלק, מיט זיינע מנהגים, טראַדיציעס און קולטור־ווערטן האָט, טראָץ די פּרינציפּן פון קאָנספּיראַציע, להכעיס דער געפאַר, אָנגענומען אַ פאַרשידנאַרטיקע ווענדונג. מיר ווילן דערמאָנען דאָ וועגן איין פאָרם פון די דאָזיקע געפילן: וועגן פּראַקטיצירן, בעתן זיין אויף „פּאַפּירן", די יידישע רעליגיעזע טראַדיציעס:

„...אונדזער באַלעבאָסטע 2) געדענקט זייער גוט וועגן די דאַטעס פון די יידישע ימים־טובים. נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק האָט זי אויסגערעכנט ווען עס וועלן הײ־יאָר אויספאַלן די ימים־נוראים. זי קוקט אויס אומגעדולדיק יעדן שבת און יעדן יום־טוב זי זאָל האָבן די מעגלעכקייט אָנצוצינדן ליכט, אָדער צו מאַכן אַ בעסער אָונטברויט. זי וויל, אויף איר אופן, אויסדריקן איר צוגעבונדנקייט צום יידישן פאָלק און גלייכצייטיק אויך אונדז אין דעם דערמאָנען 3). וואָס אַן אמת האָט זי נישט קיין גרויסע טראַדיציאָנעלע דערציִונג. זי דריקט דאָס אַלץ אָבער אויס אויף איר אופן. זי פאַרזיכערט אונדז אַלעמאָל, אַז אין איר ווױנונג וועלן קיין יידן אין דייטשע הענט נישט אַריינפאַלן, ווייל זי בעט צו גאָט און ער הערט איר געבעט.

נעכטן אין דער פרי האָט אונדז די באַלעבאָסטע אָנגעזאָגט, אַז היינט אויף דער נאַכט איז יום־טוב. מיר האָבן אָנגעהויבן קלערן צי זי איז זיך נישט טועה 4). איינעם האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער יום טוב איז שוין אַדורך מיט אַ וואָך צוריק. לויט די חשבונות פון אַ צווייטן האָט יום־טוב געדאַרפט ערשט זיין אין אַ וואָך אַרום. געזיגט האָט אָבער די מיינונג פון

---

1) לודוויק הירשפעלד: „די געשיכטע פון איין לעבן" — 1946. פאַרלאַג: טשיטעלניק.

2) עס גייט דאָ וועגן אַ יידישע פרוי. אויף „פּאַפּירן" וועלכע דינגט אויף איר נאָמען אַ ווױנונג, אין וועלכער זי אָרדנט איין „אַ מלינה" פאַר אַנדערע יידן.

3) ד. ה. די וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין איר שטוב.

4) אין יענער צייט איז קיין יידישער לוח נישט געווען און מען האָט געמוזט די דאַטעס פון די ימים טובים אַליין אויסרעכענען.

אונדזער באַלעבאָסטע, כאָטש זי האָט זיך וויניק וואָס געקענט אויף רי־טועלע אויסרעכענונגען 1).

און אָט אַ פראַגמענט פונעם גבית־עדות פון מאַסיאַ מאַלץ (געבוירן אין בוקאָווסק, פּאָוויאַט סאַנאָק, אין יאָר 1924):

„דער פּאָפּ, וועלכן די דייטשן האָבן איבערגעגעבן די פּאַרוואַלטונג פון מיין פּאָטערס פּאַרמעגן (600 מאָרג וואַלד), — האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ לעגיטימאַציע אויפן נאָמען טשעסלאַוואַ סאָקאָלאָווסקאַ.

אַ דאַנק דער דאָזיקער לעגיטימאַציע איז מיר געלונגען אַרויסצובאַ־קומען זיך פונעם געטאָ און צו דערגרייכן די באַן־סטאַנציע. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין טאַרנאָוו. איך האָב מיך דעמאָלט צעשיידט מיט מיינע עלטערן און מער האָב איך זיי נישט געזען. אויף צומאָרגנס, נאָך מיין אָפּ־פאָרן, איז אין בוקאָווסק פאָרגעקומען אַן „אַקציע". אין טאַרנאָוו האָב איך געוואָלט זען מיין קוזין, מען האָט מיך אָבער נישט אַריינגעלאָזט אין געטאָ און איך האָב מורא געהאַט מיך צופיל אַרומצודרייען. איך בין אַוועק־געפאָרן קיין קראָקע. אין צוג האָבן מיך מענטשן געפרעגט וווהין איך פאָר. איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב אַ פעטער, אַ גלח און איך פאָר טאָקע צו אים. אין קראָקע האָב איך נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטון. איך האָב גע־האָט אין טאַש 250 זלאָטעס. איך האָב מיך אַרומגעשלעפּט אומבאַהאָלפן איבער דער שטאָט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערזען אַ מענטש מיט אַ מגן־דוד און אַן אויפשריפט „אַרצט". איך בין צו אים צוגעגאַנגען, פאַר־געשטעלט מיין לאַגע. ער האָט מיך אָפּגעשיקט צו אַן אונגאַרישן ייִד מיטן נאָמען טראַכטמאַן, וועלכער האָט געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן" און אויס־באַהאַלטן ביי זיך 4 ייִדישע פרויען. טראַכטמאַן האָט אַרויסגעוויזן אַ סך האַרציקייט און האָט זיך מיט מיר פאַרנומען. איך האָב געוואָלט צוריק־פאָרן אַהיים, קיין בוקאָווסק, וויל איך האָבן שטאַרק געבענקט. טראַכטמאַן האָט מיר אויף דעם נישט דערלויבט, האַלטנדיק, אַז איך וואָלט אַזוי אַרום געגאַנגען אויף אַ זיכערן טויט. ער האָט מיך געשיקט קיין קאָצמיזשאָוו. איינע פון די מיידלעך וואָס זענען געווען באַהאַלטן, האָט מיר געראָטן, אַז

---

1) ט. באָזשיקאָווסקי: „צווישן פאַלנדיקע ווענט", זייט 183־182.

אין קאַצמיזשאַוו, זאָל איך מיך ווענדן צום בעקער (דעם נאָמען געדענק איך נישט), אַ גאָר אָרנטלעכער מענטש. איך בין אָפּגעפאָרן קיין קאַצמי־זשאַוו, דאָרט בין איך אַריינגעגאַנגען אין דער בעקעריי מכלומרשט קויפן אַ זעמל. איך האָב געפרעגט צו זיי דאַרפן נישט אַ מענטש צו הילף. דער בעקער האָט מיך אָפּגעשיקט צו די קאָסאָווסקיס וואָס האָבן געהאַלטן דעם באַן־בופעט. זיי האָבן זיך צו מיר שטאַרק צוגעבונדן און מיך באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד. איך האָב שווער געאַרבעט, אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען אַ סגולה, ווייל בשעת דער אַרבעט פלעג איך פאַרגעסן אין מיינע צרות. די ערגסטע זענען געווען די פרייע מאָמענטן ווען איך פלעג מיך דערמאָנען אין דער פאַרגאַנגענהייט.

מיינע בעל־טובות זענען געווען אַנטיסעמיטן. מיט אַ געוויסער צייט שפּעטער האָבן מיינע בעלי־בתים אויפגענומען ביי זיך אַ 12־יעריק מיי־דעלע קאַזיאַ, אַ יתומה וואָס דער גלח פון בוטשטאטש האָט צו זיי גע־ברענגט. איר מוטער איז אומגעקומען אין אַשוויענטשים און דער טאַטע האָט זיך געפונען אין געפאַנגענשאַפט. מיר האָבן זיך שטאַרק ליב באַ־קומען. עס האָט אונדז אינסטינקטיוו געצויגן איינע צו דער אַנדערער. טיילמאָל פלעגט זיך מיר דוכטן, אַז זי איז אַ ייִדישע. איר גוט אויסזען און דאָס וואָס זי האָט זיך אויסגעצייכנט אָריענטירט אין אַלע רעליגיעזע מנהגים פלעגט ביי מיר אַוועקנעמען יעדן חשד. נאָכן אַריינקומען פון דער רויטער אַרמיי האָבן די קאָסאָווסקיס, (זיי האָבן געשטאַמט פון בידגאָשטש און זענען פון דאָרט אַרויסגעשיקט געוואָרן) געדאַרפט פאַרלאָזן קאַצמי־זשאַוו, און זיי האָבן זיך געגרייט צו דער רייזע.

אַ געוויסן אָוונט האָט קאַזיאַ (אין אמתן האָט זי געהייסן ריסיע) נישט געקענט איינשלאָפן. זי האָט זיך אַזוי לאַנג געדרייט אין בעט ביז זי האָט זיך מודה געווען, אַז זי איז אַ ייִדישע. מיר האָבן זיך אַרומגעכאַפּט און אַדורכגעשמועסט אַ גאַנצע נאַכט. מיר האָבן זיך דערציילט וועגן אונדזערע משפחות און דערמאָנט זכרונות פונעם אַמאָליקן לעבן" 1).

מיר האָבן דערמאָנט וועגן פאַרשידענע אינסצעניזאַציעס, וועלכע עס האָבן קאָמפּאָנירט די פּאַפּירענע „אַריער", וועגן אויסטראַכטן פיקטיווע משפחות און משפּחה־וויזיטן, וועגן פייערן די נאָמענסטעג, וועגן שיקן זיך

1) וו. יי. ה. ק. פּראָט. נומ' 1043.

אַליין... בריוו און מתנות און וועגן איינאָרדענען (צוליב דעם זעלביקן טעם) שמחהלעך. די דאָזיקע ענינים וואָלטן געקענט אויסזען פריילעך ווען זיי וואָלטן נישט פאָרגעקומען אויפן סאַמע ראַנד פון אָפּגרונט. זייער קאָמיזם האָט זיך געגרענעצט מיט דער טראַגעדיע, נישט נאָר אויף איין שריט, נאָר אויף איין זשעסט, אויף איין וואָרט, אָדער אַ גרימאַסע. און גאַנץ אָפט האָט ער זיך נישט בלויז געגרענעצט, נאָר איז געווען מיט דער טראַגעדיע אָנ־געזאַפּט און דורכגענומען. דעריבער, ווען מען וואָלט דאָס לעבן אויף „פּאַ־פּירן" געוואָלט אויסדריקן אין אַ צייכענונג און ווען דער צייכנער וואָלט צוהילף גענומען אַלטמאָדישע סימבאָלן וואָלט ער אויסגעקליבן אַזאַ: דער הויפּטהעלד אין אַ לאַכנדיקער מאַסקע פּירט אויס אַ טאַנץ מיטן טויט.

יעדער פּאַפּירענער „אַריער" האָט איבערגעלעבט נעבן די מאָמענטן פון געפאַר — און אָפט צוזאַמען מיט זיי — צענדליקער קאָמישע סיטואַ־ציעס. און נאָך מער — אויסטערלישע „קורצשלוסן", איבערבליקן, קאָנ־פראָנטאַציעס. דערמיט בין איך אויסן (צווישן אַנדערן) די געשפּרעכן מיט די (באַהאַלטענע) ייִדן וועגן ייִדן, די אַלע חשדים פון די נישט־ייִדן וועגן ייִדישער אָפּשטאַמונג, דאָס אויפבויען גאַנצע ראַסן־טעאָריעס אויפן סמך פון גאַנץ צופעליקע דערשיינונגען. אַממייסטן קאָמיש דערביי איז געווען דאָס, וואָס טראָגט דעם טעות, וואָס אַזאַ טעאָרעטיקער איז באַגאַנגען שוין אין סאַמע יסוד (וועגן וואָס ער אַליין האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, ס׳האָט אָבער וועגן דעם גוט געוווּסט זיין מיטשמועסער, דער באַהאַלטענער ייִד), האָט דאָך אַלץ געשטימט ביז צום לעצטן פּונקט. דערביי — די זעלבסטצו־פרידנקייט און די זעלבסטזיכערקייט פון אַזעלכע ראַסיסטן און אין סך־הכל: אויפן סמך פון אַזעלכע אַבסורדאַלע נאַרישקייטן — לאַגערן, גאַז־קאַמערן, אַ ים מיט איבערמענטשלעכע ליידן, וואָס מענטשן האָבן גורם געווען אַנ־דערע מענטשן. און זעקס מיליאָן קרבנות. ערשט אין דער דאָזיקער גלייכ־שטעלונג נעמט אָן אַ באַזונדערע אויסדריקלעכקייט די פאַרקערטע הערהאַר־כיע אין דעם לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן". זיי טייטשן אויך אויס פאַרוואָס — ביים שרייבן די דאָזיקע באַמערקונגען — קער איך זיך אַלעמאָל אום צו פאַרשידענע קליינקייטן און צו דעם „קאָמיזם" פון צופעליקע סיטואַ־ציעס. אין דעם גראָטעסקן קווי־פּראָ־קוואָ פון דעם מין האָט שטענדיק גע־הוזקט אַ דורכנעמענדיק געלעכטער.

מיספּאַרשטענדענישן אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן איבעריקנס נישט געפֿעלט אויך צווישן ייִדן:

1944־סטער יאָר. וואַרשע. אין אַ געשפּרעך איבער דער „ייִדן־פֿראַגע“, געפֿירט צופֿעליק, אין אַ צופֿעליקער געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך צופֿעליק פֿאַרזאַמלט אין איינער אַ שטוב, האָט אויך אָנטייל גענומען אַ געוויסע יונגע פֿרוי. אַרויסזאָגנדיק איר שטאַנדפּונקט האָט זי זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט טעאָרעטישע הנחות, נאָר האָט אויך אים באַקרעפֿטיקט מיט מענטש־לעכע פּסיכאָלאָגישע פֿאַקטאָרן. צווישן די געסט האָט זיך געפֿונען אויך אַ באַהאַלטענער ייִד. די אַקצענטן, וועלכע האָבן עדות געזאָגט וועגן דער ערנסטקייט פֿון דער יונגער פֿרוי ביים באַהאַנדלען די „ייִדן־פֿראַגע“ האָבן אים גערירט. ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָט ער איר פֿאַרגעלייגט זי אָפּצופֿירן אַ היים. אויפֿן וועג האָבן זיי פֿאַרגעזעצט דאָס געשפּרעך. עס האָט זיך פֿאַרבונדן אַ פֿריינטשאַפֿט. אין צוויי חדשים אַרום האָבן זיי חתונה געהאַט. ערשט אין אַכט חדשים אַרום (ד״ה אין זעקס חדשים נאָך זייער חתונה) האָט די פֿרוי פֿאַרטרויט דעם מאַן, אַז זי איז אַ ייִדישע. אין רעזולטאַט פֿון דער דאָזיקער פֿאַרטרויאונג האָט זי זיך דערוווּסט, אַז ער איז אויך אַ ייִד.

אַ פּאַרפּאָלק!

אַנדערהאַלבן יאָר נאָך דער מלחמה האָב איך אין איינער אַ וואַרשע־ווער קאַפֿע געטראָפֿן אַ ייִנגערן קאָלעגע פֿון די אוניווערסיטעט־יאָרן, דעם ייִד ז. ער איז געזעסן ביי אַ טישל אין דער געזעלשאַפֿט פֿון נאָך עטלעכע מענטשן. די גרופּע האָט אויפֿן ערשטן אויגנבליק געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ משפּחה. איך האָב אים געגריסט. ז. האָט צום ערשט צוריקגעענט־פֿערט, דערנאָך האָט ער די זייניקע איבערגעבעטן און זיך דערנענטערט צו מיין טישל ווי געוויינלעך ביים באַגעגענען זיך נאָך אַזויפֿיל (און נאָך אַזעלכע) יאָרן נישט זעען זיך, זענען געפֿאַלן סטערעאָטיפּישע פֿראַגן. קעגן דער געוווינהייט, האָט מיין קאָלעגע נישט אַ מאָך געטון מיטן קאָפּ צום צייכן, אַז „מען וואָלט געקענט גאַנצע ביכער אָנשרייבן“. ער איז באַלד גרייט געווען מיר צו געבן אינפֿאָרמאַציעס פֿון אַ גאַנץ זאַכלעכן אינהאַלט. נישט געקוקט אויף זיין כאַראַקטעריסטישער פֿאַוואָלעדיקייט האָט ער זיי געגעבן מיט אַ געוויסער איילקייט. מסתמא כדי עפּעס נישט צו פֿאַר־

שפּעטיקן, ובכן: נאָך פאַרשידענע איבערלעבענישן אין די ערשטע יאָרן פון דער אָקופּאַציע האָט ער זיך לסוף געפונען אין עפּעס אַ פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונג. דאָרט האָט ער באַקענט זיין איצטיקע פרוי. יאָ, יאָ, דאָס איז טאַקע יענע יונגע, שיינע בלאָנדינקע ביים טישל. די עלטערע פרוי — דאָס איז איר מוטער — זיין שוויגער. דער מאַנספּאַרשוין וואָס זיצט מיט זיי ביים טישל איז זיין שוואָגער. די איבעריקע צוויי פרויען — זענען מו־מעס (אָדער קוזינקעס) פון דער פרוי. זיי וווינען אַלע אין פויזן פון וואַנען זיין פרוי שטאַמט טאַקע. אין וואַרשע געפינען זיי זיך נאָר אויף אַן אויס־פלוג. ער אַליין געפינט זיך דאָ אין אַמטלעכע אָנגעלעגנהייטן, דעריבער האָט ער זיי מיטגענומען. זיי האָבן נאָך נישט געזען די הויפּטשטאָט נאָך דער מלחמה און זיי האָבן איצט אויסגענוצט די געלעגנהייט. (אגב זעען זיי טאַקע אויס ווי „אַ משפחה אונטערוועגס"; אויף דעם האָט מען זיך געקענט אָנשטויסן אַפילו אָן זיינע אינפאָרמאַציעס). ווי עס גייט אים? נישקשה, גאַנץ גוט! ער איז אַ דירעקטאָר פון די און די אונטערנעמונגען אין פויזן. מאַטעריעל? יאָ, ער קען זיך נישט באַקלאָגן, פאַרקערט: ער ווערט זייער געאַכט און געשעצט.

איך גלויב אים. אַ דירעקטאָר, ווי פון בילד אַראָפּ. אַנאַרמאַל דיק, אָנגעגאָסן און שוין מיט דער דאָזיקער אָנגעגאָסנקייט — שווער פאַמע־לעך, וועקנדיק אַכטונג צו זיך.

ער האָט אָבער די אינפאָרמאַציעס וועגן זיך נישט פאַרענדיקט. ביז איצט איז נאָר געווען אַ נויטווענדיקער אַריינפיר. דער פּרט וואָס גיט אים דעם אייגנטלעכן אימפּולס זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ (און דערפון נעמט זיך אויך זיין איילִיקייט בעתן דערציילן) קומט אין אַ מינוט אַרום.

— נאַטירלעך — זאָגט ער — וועגן דעם, אַז איך בין אַ ייִד, ווייסט קיינער נישט.

אין זיך בין איך אַביסל פאַרוווּנדערט. אויב מען קען רעדן וועגן „אַ נישט גוטן" אויסזען, אָדער וועגן „אַ ראַסן־פּנים" קען דאָס געזאָגט ווערן בנוגע מיין מיטשמועסער. דאָס איז געוויס מיין סוביעקטיוו געפיל, וואָס ווערט אַרויסגערופן פון דעם, וואָס איך קען אים צופעליק.

— קיינער נישט? — פרעג איך און די דאָזיקע פראַגע שטעל איך בכדי בכלל עפּעס צו זאָגן.

— געוויס! קיינעם וואָלט נישט אפילו אײַנגעפֿאַלן!

אויף להכעיס, צוליב זײַן אינטאָנאַציע פֿון דער לעצטער פֿראַגע, מאַך איך דעם אָנשטעל פֿון אַן איגנאָראַנט אין די דאָזיקע פֿראַגן, וועלכע איך קען זייער גוט און באַמערק:

— אָבער זאָגט מיר, איך בעט אײַך, פֿאַרוואָס האַלט איר אויך איצט, נאָך דער מלחמה, דאָס קאָנספּירירן אייער ראַסע פֿאַר אַזוי „זעלבסט־פֿאַרשטענדלעך" און אַזוי „נאַטירלעך"?

קענען מײַנע דערוואַרטונגען האָט מײַן מיטשמועסער זיך נישט פֿאַרופֿן אויף די אַרגומענטן פֿון דער „אַטמאָספֿער" און נישט אויפֿן ווילן צו אַ „פֿולשטענדיקער אַסימילאַציע". אפשר האָט ער אויך טראַץ מײַן פֿראַגע געוווסט, אַז איך קען די דאָזיקע טענדענצן און, אַז מען דאַרף זיי מיר ערשט נישט ספּעציעל פֿאַרטייטשן. ער האָט אָבער געהאַט זײַן פּערזענלעכן „האָז, פֿאַר וועלכן ער איז אַנטלאָפֿן". ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע וואָסערדיקע, פֿאַרזאָרגטע אויגן, עטלעכע מאָל אַ באַוועג געטון מיט זײַנע פֿולע ליפּן און דיקע באַקן, געכאַפּט דעם אָטעם און געזאָגט:

— מײַן פֿרוי און איר משפּחה ווייסן אויך נישט דערפֿון. כ'האָב אײַך טאַקע וועגן דעם געוואָלט וואָרענען איידער איך וועל אײַך פֿאַר זיי פֿאַרשטעלן. לעצטנס לעב איך איבער אַן אמתע טראַגעדיע צוליב דעם.

— ערשט לעצטנס?

— מײַן פֿרוי דאַרף געבוירן אַ קינד. כ'ווייס נישט וואָס צו טון. ס'איז אײַנגעטרעטן אַ לענגער שטילשווייגן.

— ראָט מיך, איך בעט אײַך, וואָס קען מען אין אַזאַ פֿאַל טון? — האָט ער אָנגעהויבן אין אַ מינוט אַרום.

— כ'מיין — האָב איך מיט אַ כיוון געזאָגט — אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען איר אויסצוזאָגן דעם דאָזיקן „שרעקלעכן" אמת.

— און צי האָט איר זיך ליב? — האָב איך ווײַטער געפֿרעגט.

— זייער און...

און מיט דער גאַנצער — לאָמיר דאָס אָנרופֿן — משפּחה־קלאַוויאַטור: מיט די מומעס, פֿעטערס און די „קוואַטערס" און שוין אויך מיט די פֿאַרגעזעענע „קוואַטערס" פֿון צוקונפֿטיקן דור; מיט דעם שטאָלץ פֿון דער משפּחה פֿון איידעמס פֿעיִקייטן און געזעלשאַפֿטלעכער פּאָזיציע; מיט

דער רירנדיקער זאָרג און גוטסקייט פון שווער און שוויגער צו דעם איי־
דעם. „מיין ליבכען וואָסווילסטו נאָך מער?"

— און דעריבער? — פּראָוואָציר איך.

— דאָס וואָלט געווען דער סוף — זאָגט ער, קוקנדיק סענטימענטאַל און טרויעריק אין דער ריכטונג פון טיש וווּ עס זיצט די משפּחה. — דאָס וואָלט אומבאַדינגט געברענגט צו אַן איבעררייס און דאָס וואָלט איך נישט איבערגעלעבט; נישט מיין פרוי, נישט מיינע שוויגער־עלטערן.

— דאָס איבעררייסן?

אין זיך טראַכט איך: אָפּוועגנדיק די גאַנצע „ראַם" און די שיין, מיט וועלכער זיין פאַמיליע (וואָס לויכט פאַר מיר איצט אין דער פּערס־פּעקטיוו פון אַ קאַפע־טישל) האָט שוין באַוויזן אַרומצוואַקסן, דראָט נישט קיין שום איבעררייס. חוץ דעם מיטן איבעררייס, אָדער אָן אים, וואָלטן די אַלע גליקלעכע (מיט אים און מיט איר) איבערגעהאַלטן דעם דאָזיקן דונער פון העלן הימל, מיט בירגערלעכער אויסגעהאַלטנקייט, ביז אין דער טיפער עלטער. אָבער איידער אַרויסצוזאָגן מיין פּראָזאַישע פּאָרויסזעאונג, פרעג איך ווייטער נאַיוו:

— אָבער פאַרוואָס?

— זיי זענען שרעקלעכע אַנטיסעמיטן...

עס מאַטערט מיך הויך אויסצודריקן מיין פאַרווונדערונג: — „כאָטש זיי ווייסן נישט, אַז איר זענט אַ ייִד?" איך טו דאָס אָבער נישט. בייזוויליקייט איז בייזוויליקייט און סוביעקטיווע עגמת נפשן דאַרף מען שאַנעווען.

צום פאַמיליע־טישל האָב איך שוין קיין חשק נישט געהאַט צוצוגיין. איך בין אַ לאָיאַלער מענטש און קיין סודות וואָלט איך נישט פאַראַטן, אָבער פון דער צווייטער זייט האָב איך נישט געהאַט קיין שום סיבות צו פאַרשטעלן אי מיין אַנדערע ראַסע, אי מיינע אַנדערע אָנשוירונגען. דער־נאָך וואָלטן זיי אים נאָך געקענט פאַרהאַלטן, וואָס ער חברט זיך מיט אַזעלכע ווי איך.

איך האָב אים קיין שום זאַך נישט געעצהט. איך האָב זיך נאָר דערלויבט אויף איין באַמערקונג: אַז ער זאָל דאָס קינד — טראָץ אַלעם — דאָך נישט האַלטן אין פולשטענדיקן אומוויסן.

— אין אַזאַ קלימאַט קען פון אים לייכט אויסוואַקסן אַ פעסטער

אַנטיסעמיט; דערנאָך וועט פּלוצים עמיצער אַרויסשלעפּן זיין אָפּשטאַם, וועגן וועלכן ער האָט קיין אַנונג נישט געהאַט. און דעמאָלט וועט טאַקע זיין אַ טראַגעדיע. עס איז דאָך שוין אַזעלכעס געווען. אפילו פאַר דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוריקקומענדיק צו די אָקופּאַציע־יאָרן און צו די מיספאַרשטענדע־נישן צווישן יידן, וועלכע האָבן געלעבט אויף „אַרישע פּאַפּירן":

אין אָלקוש איז דער אַנפּירער (אָדער פאַרטרעטער פון אַנפירער) פון אַ מלוכהשער דייטשער אונטערנעמונג געווען אַן אוקראַינער (געשיקט אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן דורך דער אָקופּאַציע־מאַכט), וואָס האָט אַוואַנ־סירט צו אַ „פאָלקסדויטש" אָדער גאָר „רייכסדויטש". ווי עס פּאַסט פאַר אַ דייטש (דערצו נאָך פון א יונגער דאַטע, אויף אַ וויכטיקן — אין לאָקאַלן מאַסשטאַב־אַמט) האָט ער זיך אויפגעפירט גענוג „ענערגיש".

איינמאָל איז אין זיין פריוואַטער וווינונג קאַליע געוואָרן דאָס עלעק־טרישע ליכט. צוליב דעם האָט ער זיך געווענדט — ווי ס'איז אין יענער צייט געווען דער שטייגער — צום נאָענטן לאַגער, מען זאָל אים אַרויס־שיקן פאַכמענער צו פאַריכטן דאָס ליכט. מען האָט אַרויסגעשיקט צוויי עלעקטראָטעכניקער — יידן פון אָרטיקן „אַרבעטסלאַגער". ביים פאַריכטן די אינסטאַלאַציע איז אַנוועזנד געווען אַן אַלטע פרוי, די שוויגער פון באַלעבאָס. זי האָט די אויסגעהונגערטע לאַגערניקעס געגעבן אַ גוט מיטאָג און זיי צוגערעדט זיי זאָלן אַרבעטן פּאַמעלעך. „עס ברענט נישט. איר מוזט זיך נישט איילן". דרייענדיק זיך אַרום זיי האָט זי אָבער נישט בלויז צוגעשאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף זייער נויט, נאָר זי האָט נאָך עפּעס געפּליסטערט אין פאַרטראַכטקייט (כלומרשט צו זיך, אָבער אין דער אמתן אַזוי, אַז זיי זאָלן הערן), און דערצו נאָך אויף יידיש:

— ס'איז געווען אַמאָל אַ המן, אָבער אויף אים איז אויך געקומען אַ שוואַרצער סוף. ס'וועט קומען אויך אויפן היינטיקן המן.

די לאַגערניקעס האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע. אין די באַדינגונגען איז שווער געווען נישט צו האָבן אַזאַ חשד. איבער־געשראָקן צוליב די מעגלעכע קאָנסעקווענצן, האָבן זיי פאַרריכט די אינ־

סטאַלאַציע (להיפוך די עצות פון דער גוטער אַלטיטשקער) וואָס גיכער, כדי פון דאַנען צו אַנטלויפן.

אין צוויי טעג אַרום איז די אינסטאַלאַציע אין דער וווינונג פון דייטש אויפסניי קאַליע געוואָרן. דער דייטש האָט זיך ווידער געווענדט צום לאַגער און דער לאַגער־פירער האָט ווידער געשיקט די צוויי עלעקטראָטעכניקער. די אַלטיטשקע האָט זיי ווידער געגעבן אַ גוט מיטאָג און האָט ווידעראַמאָל מיט אויסגעטריקנטע ליפּן איבערגעחזרט דעם שפּרוך וועגן המנען. די לאַגערניקעס זענען ווידער געוואָרן דערשראָקן. אויף גיך צורעכט געמאַכט די אינסטאַלאַציע, כדי פון דאַנען צו אַנטלויפן.

אַן אַנאַלאָגישע סיטואַציע האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. די צוויי עלעקטראָטעכניקער, אין געשפּאַנטער נערוועזיטעט, האָבן געבעטן דעם וואַרשטאַט־אַנפירער ער זאָל שיקן אַנדערע אויף זייער אָרט. דאָס נאָענטסטע מאָל האָט מען אַרויסגעשיקט צוויי בחורים, נישט קיין שרעקעוודיקע (און אפשר גאָר אַזעלכע גאַזווע, אַז ס'איז זיי אפילו נישט איינגעפאַלן צו האָבן אַ חשד). מיט דעם מיטאָג זענען זיי געווען איבערגליקלעך. ווען זיי האָבן געהערט דעם פּריערדיקן שפּרוך פון דער אַלטער דייטשקע, האָבן זיי געפרעגט די אַלטע פון וואַנען זי קען ייִדיש. די אַלטע האָט זיך אין אָנהויב געפּרוווט אַרויסדרייען, אָבער צום סוף האָט זי פאַרטרויט די לאַגערניקעס די גאַנצע מעשה. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אוקראַינער, וועלכער האָט אַוואַנסירט צו אַ דייטש האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִדיש מיידל פון ליטע. די אַלטע איז געווען איר מאַמע. דאָס האָט זי ספּעציעל קאַליע געמאַכט דאָס עלעקטרישע ליכט, כדי צו קענען אַהערברענגען די לאַגערניקעס און זיי אָנצוקאָרמענען. דעם שפּרוך פון המנען האָט זי געזאָגט, כדי זיי צו דערמוטיקן. לעבנדיק איינזאַם און זיכער אין דעם דאָזיקן דייטשן הויז, האָט זי מיטגעלעבט מיט דער טראַגעדיע פון איר פאָלק. זי האָט זיך אויסגעוויינט אירע אַלטע אויגן. און אַזוי האָט זי אויסגעטראַכט איר אַקציע צו העלפן מיט וואָס נישט איז די אומגליקלעכע ייִדישע לאַגערניקעס 1).

---

1) גבית עדות פון י. וואַלד (מאַטעריאַלן פון „פאָרשונג־צענטער" אין פּאַריז. פּראָט. מ. ב.).

אַרישע פּאַפּירן

**
*

איינער פון די געוועזענע „פּאַפּירענע אַריער” פאַרצייכנט אַ געשפּרעך, וועלכן ס'איז כדאי איבערצוחזרן. אָבער פריִער — אַ קליינע אינפאָרמאַציע וועגן אַ פּאָר פּרטים, וואָס קומען פאָר אין דעם געשפּרעך:

די זאַך געשעט אין אַ שטוב ווו עס קומען אַריין די „פּאַפּירענע אַריער”. דער אויטאָר פון די זכרונות און זיין ברודער יעזשיק. עס קומט דאָרט אַריין נאָך איינער — יורעק. צווישן די שטובלייט געפינט זיך איינער, אַ געוויסער הער אַדאַם (וועלכער איז זיי באַקאַנט קודם־כל דערפון, וואָס ער האָט אַלעמען געגעבן הילף אין פאַרשידענע פאָרמען) אָבער אין דער דערמאָנטער שטוב איז אויך געווען אַן אינזשעניער, דער „גראָבער ביק” יאַנעק ס. אַ פּייערלעשער און אַ שילער פון דער גימנאַזיע אין פּויזן, וועלכער שדכנט זיך צו אַנקען. עס איז נישט געווען קיין סוד, אַז די דאָזיקע אַנקע ק. איז אומאָפיציעל די כלה פון יורעקן. יאַנעק איז געווען אייפערזיכטיק און האָט געגראָבן אַ גרוב אונטער זיין חבר. ער האָט געבעטן אַ באַקאַנטן, וועלכער איז געפאָרן קיין קראָקע, יענער זאָל זיך דאָרט אינפאָרמירן וועגן דער פאַמיליע גאַרטשאַק (יורעק האָט זיך געמאַכט פּאַפּירן אויף דעם נאָמען). דער באַקאַנטער איז צוריקגעקומען מיט דער אינפאָרמאַציע, אַז די פאַמיליע גאַרטשאַק איז אַ ייִדישע, וואָס האָט זיך געשמדט פאַר דער מלחמה. יאַנעק האָט אויסגענוצט די דאָזיקע אינפאָרמאַציע, כדי אָפּצורעדן אַנקען פון יורעקן, וואָס האָט געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז אַ קאַפּיטאַן פון פּוילישן מיליטער (וואָס איז אגב געווען אמת).

צוליב דעם, וואָס דער ענין האָט געקענט אָננעמען נאָך אַן ערגערע ווענדונג, האָבן די חברה באַשלאָסן אויסצוזאָגן אַדאַמען דעם גאַנצן אמת. געוואָלט האָט דאָס קודם כל... יעזשיק. ער האָט אויך גענומען אויף זיך דורכצורעדן מיט אַדאַמען. די ייִנגלעך זענען מיט אים געווען אויף „דו” און זיי האָבן אים שטענדיק איבערגעגעבן אַלע זייערע סודות. גאַנץ אָפט, ווען ס'איז נישט מעגלעך געווען צו רעדן, האָבן זיי זיך איבערגעשריבן. דעם דאָזיקן סיסטעם האָט זיי אַדאַם אויסגעלערנט. אין דעם פאַל האָט יעזשיק פּראָפּאָנירט אַדאַמען זיך „איבערצושרייבן”. אַדאַם זיצט ביי איין טיש און יעזשיק — ביים צווייטן. דער „בריוו־אויסטויש” זעט אויס אַזוי:

יעזשיק: „ליפאַ״ 1).

אַדאַם: וואָס פאַר אַ „ליפאַ״?

יעזשיק: איך בין אַ „ליפע״, דו ביסט אַ „ליפע״.

אַדאַם: כ׳פאַרשטיי נישט.

יעזשיק: דו מאַכסט דעם אָנשטעל.

אַדאַם: כ׳פאַרשטיי נישט.

יעזשיק: איך בין דער זעלביקער, וואָס דו.

אַדאַם: דאָס הייסט?

יעזשיק: „אַ פויער״ 2).

אַדאַם: כ׳פאַרשטיי נישט.

יעזשיק: אַ ייִד.

דאָ זאָגט אַדאַם הויך: איך אַ ייִד? ביסט משוגע געוואָרן? פון וואַנען איז דאָס דיר איינגעפאַלן.

יעזשיק האָט זיך אַביסל פאַרלוירן, אָבער זיך באַמיט נישט אַרויסצווייזן זיין פאַרלוירנקייט.

— ווילסט פון מיר מאַכן אַן אידיאָט? וואָלסט זיך בעסער נישט נאַריש געמאַכט, אויב איך בין זיך דיר אַליין מודה.

אַדאַם: אָבער איך פאַרזיכער דיר, אַז דו ביסט זיך טועה.

נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע האָט אַדאַם אָנגעהויבן נאָכגעבן:

— מיין מאַמע האָט טאַקע געשטאַמט פון ייִדן. אָבער דאָס איז שוין אַ מעשה... באַזונדערס האָסטו אויך אַ גוטן אויסזען... דאָס הייסט, אַז יורעק איז אויך אַ ייִד?

דערויף איז אין צימער אַריינגעקומען יורעק.

אַדאַם: נו, נו, נו, איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ.

***

וואַריאַנטן פון דער דערשיינונג, וואָס ווערט אַרומגערעדט אין דעם בוך?

---

1) ווי עס איז שוין דערמאָנט אויף אַן אַנדער אָרט: דאָס וואָרט „ליפאַ״ האָט געמיינט: „אַ פאַלשע זאַך״, אַן אויסגעטראַכטע.

2) איינער פון די דעמאָלט באַנוצטע פסעוודאָנימען פאַר אַ ייִד.

אַרישע פּאַפּירן

דער שפּעטערדיקער הויפּט־ראַבינער פון פּוילישן מיליטער, ד״ר דוד כהנה (שטאַמט פון לעמבערג), האָט איבערגעלעבט די אָקופּאַציע אַלס... מאָנאַך פון... גריכיש־קאַטוילישן גלויבן. ער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַלס אַזעלכער ידורך דעם מעטראָפּאָליט פון דער דאָזיקער קירכע שעפּטיצקי... זיין פרוי און קינדער האָבן איבערגעלעבט (אויך אַ דאַנק דער הילף) אַלס מיטגלידער פון אַן אוקראַיִנישער משפּחה.

דער העברעיִשער ליטעראַט יהושע שלייען האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די יאָרן פון מאָרד, ווי אַן אוקראַיִנישער וואַנדערנדיקער פּאָפּ.

אויף דעם פּראָצעס קעגן דעם אָקופּאַציע־גובערנאַטאָר פון וואַרשע פישער 1), האָט עדות געזאָגט צווישן אַנדערע אַ ייִד, וועלכער האָט (אויסבאַהאַלטנדיק זיך בעת דער אָקופּאַציע אויף „אַרישע פּאַפּירן") גע־אַרבעט אין דער פּריוואַטער ווילע פון פישערן אַלס טויער־היטער, צי עפּעס ענלעכס. מסתמא אין זין פון פאָלקס־ווערטל, אַז אין פּיסק פון לייב איז אַמזיכערסטן. ידי כהנים פון דער ראַסיסטישער עבודה האָבן נישט אַרויסגעשפּירט, נישט אַנטדעקט און נישט געטראָפן.

אויפן פּראָצעס קעגן דעם פּילמאָליקן מערדער בערנאַרד לעל 2) איז צווישן אַנדערע אַרויסגעטראָטן אַלס עדות דער ייִד כוועדקאָווסקי, וועלכער האָט די אָקופּאַציע איבערגעלעבט אַלס קאַטוילישער גלח. אַלס אַזעלכער האָט ער געענדי נאָכגעפאָרשט דעם פאַרלויף פון ידי אויסגעפירטע מאָרדן, פון וועלכע ער איז אָפט געווען אַן עד־ראיה.

---

1) דער פּראָצעס פון פישערן און זיינע מיטהעלפער איז פאָרגעקומען פאַרן העכסטן נאַציאָנאַלן טריבונאַל אין וואַרשע, אין יאַנואַר 1947.
2) איינער פון די הענקער פון די לובלינער יידן. דער פּראָצעס איז פאָרגע־קומען פאַרן פוילישן געריכט אין אָנהויב סעפּטעמבער 1944.

XIV

די קאָרעספּאָנדענץ

מען האָט נאָך ביז היינט נישט באַאַרבעט אויף אַ ברייטערן פאַרנעם די בריוו, געשריבענע בעת די דאָזיקע יאָרן. זיי זענען געווען גאָר צאָלרייך און לחלוטין נישט געוויינלעך. נישט ווייניקער פאַנטאַסטיש זענען געווען די וועגן און די אופנים אויף וועלכע מען האָט די בריוו און גריפּסן געשמוגלט און געשיקט. פראַגמענטן פון דער קאָרעספּאָנדענץ פון די געטאָס, לאַגערן, תפיסות, פּאַרטיזאַנקע, פון באַהעלטענישן זענען דערגאַנגען אויך צו אונדז. עס זענען פאַראַן בריוו, אַרויסגעוואָרפענע פון די טויט־וואַגאָנען; בריוו געפונענע אויף דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צום מאַסן־קבר; פאַראַן פראַגמענטן פון אָרגאַניזאַציאָנעלער קאָרעספּאָנדענץ; אַלע מעגלעכע מינים פון צוואות און חשבונות־הנפש.

אויך די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן מיר געזאַמלט בשעת דער מלחמה. כמעט יעדע אונטערערדישע גרופּע האָט אויסבאַהאַלטן אַ גרעסערע אָדער קלענערע קאָלעקציעס בריוו. נישט נאָר אַזעלכע וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו איר אייגענער טעטיקייט, נאָר אויך די פּריוואַטע. אַ צוטריט צו זיי פלעגט גורם זיין דער צופאַל, אָדער באַוווסטזיניקע זוכונגען. אַ גרויסע זאַמלונג פון קאָרעספּאָנדענץ פון דאָזיקן סאָרט איז אַנטדעקט געוואָרן צ״אַנד. אויך אינעם קאָנספּיראַטיוון רינגלבלום־אַרכיוו.

דאָס וואָס די דאָזיקע דאָקומענטן האָבן נאָך ביז איצט נישט זוכה געווען באַאַרבעט צו ווערן — איז לגמרי נישט קיין צופאַל. אומאָפּהענגיק דערפון ווי הויך איז די צאָל פון די היינט פאַראַנענע בריוו — בילדן זיי

בלויז די רעשטלעך פון רעשטלעך. אין דער דעמאָלסטיקער תקופה פלעגט מען אַ בריוו פאַרניכטן באַלד נאָכן איבערלייענען. זיי זענען דאָך געווען אַ סכנה סיי פאַרן אַדרעסאַט, סיי פאַר די ענינים וואָס מען האָט אין זיי באַרירט. שנית, דרינגט אַרויס פון דער נאַטור פון די בריוו, אַז מען האָט זיי רעדאַגירט אויף דער גיך און באַמיט זיך צו שרייבן בצמצומדיק. דערפאַר טאַקע קענען זיי — טראָץ דעם וואָס זיי שפּיגלען אָפּ די געפילן פון געגעבענעם מאָמענט — נישט פאַרגליכן ווערן מיט די צאָלרייכע באַריכטן געשריבענע שוין נאָך דער מלחמה, ביי אַ שרייבטיש, רויִק. מיר טרעפן אויך אָפט אָן אויף קריפּטאַמינען. דעם אמת פלעגט מען אויס־דריקן מיט סינאָנימען און אָפּגעשמועסטע ווערטער. דער תוכן פלעגט זיך דעריבער איבערוקן פונעם טעקסט אַליין אויף ענינים, וואָס זענען געלעגן אַ חוץ אים. די לעצטע גיבן ערשט דעם אמתדיקן שליסל וואָס דערלויבט צו פאַרשטיין דעם אינהאַלט.

אויף די וועגן פון „אַרישע פּאַפּירן" האָט די קאָרעספּאָנדענץ — פאַרשטייט זיך — געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע. דאָס איז שייך סיי די בריוו, אין וועלכע מען האָט געגעבן הילף, סיי די וואָס האָבן אַנט־האַלטן ידיעות אויף טאַקטישע אָנווייזונגען, ווי אויך די צומייסטן באַנאַ־לע, וועלכע מען האָט געשיקט צו זיך אַליין, מיט ווונטשן אין שייכות מיט דעם אייגענעם געבורט־טאָג פון דעם געגעבענעם יחיד. און דווקא די לעצטע אילוסטרירן צום בעסטן ווי ווייט זייער אמתע אויסשפּראַך איז געלעגן... אַ חוץ דעם געגעבענעם טעקסט.

עס איז נאַטירלעך שווער זיך אַריינצולאָזן אין אַ געגויערן אַנאַליז. בכדי אָבער צו אילוסטרירן נאָר איין אַספּעקט פונעם לעבן אויף „אַרישע פּאַפּירן" וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף אַ קליינעם משל. איך קלויב בכיוון אויס (פון די צענדליקער אָן שום ספק מער „רעפּרעזענטאַטיווע") דעם דאָזיקן נאַיִוון און אַזוי פשוט־מענטשלעך רירנדיקן בריוו.

אָט ליגט פאַר מיר אַ גאַנץ אָנזעעוודיקע צאָל קאַרטלעך פון פאַרשי־דענער גרויס. הויפּטזעכלעך — ווי מען זעט עס — אַרויסגעריסענע פון אַ שילער־העפט. יעדעס בלעטל טראָגט אויף זיך זאָרגפעליק געצייכנטע גראָבע ליניעס געמאַכטע מיט אַ בלייפעדער. אַזוי פלעגן טון קינדער כדי זיך לייכטער צו מאַכן די קונסט פון „שטעלן אותיות". און די שריפט: אַ גרויסע,

אַ גלייכע (אַזוי ווי ביי אַן אָנפאַנגער) אַ באַצויבערנדיק אומבאַהאָלפענע. מען פילט וויפל מי עס האָט אַריינגעלייגט אין יעדן זילב די קליינע בריוו־שרייבערין. און אָט עטלעכע, אגב צופעליקע אויסגעקליבענע, טעקסטן. איך שרייב זיי איבער — אויב דאָס איז איבערהויפט מעגלעך (ווייל אייגנטלעך וואָלט מען געדאַרפט ברענגען אַ פאָטאָקאָפּיע) מיט אַלע פעלערן (ווי אַזוי איבערצוזעצן פון פויליש אויף ייִדיש די אָרטאָגראַפישע פעלערן?):

„מײַן ליבער ראַמעקל.

דעם בריוו איך שרייב אָן הילף. איך קוש דיך

אירקאַ".

„ראַמעק קום שנעל ווייל ס'איז מיר זייער אומעטיק אירקאַ".

„מײַן בריליאַנטענער ראַמעקל

אין אַ רגע אַרום האָב איך אַ לעקציע, אַ שפּעטער גיי איך שפּאַצירן.

איך קוש דיך — אירקאַ. איצט איז 10 אַזייגער".

„ליבער ראַמעקל"!

איך פריי מיך שטאַרק וואָס דו וועסט קומען אויף יום־טוב.
איך לערן מיך רוימישע ציפערן און די חדשים.

איך פאַרגעטער דיך, אירקאַ".

„ליבער ראַמעקל!

איך דאַנק דיר פאַר דעם אויסגעצייכנטן ווורשטעלע.

עס האָט מיר זייער געשמעקט און איך האָב עס שנעל גע־שלונגען.

היינט איז זונטיק און די זון לייכט.

דאָס בריוול וואָס איך האָב פון דיר באַקומען, האָב איך אַליין איבערגעלייענט.

איך קוש, אירקאַ".

„ליבער ראַמעקל!

איך מוז מאַכן די אויפגאַבע, אָבער פריער וויל איך צו דיר אָנשרייבן אַ בריוועלע.

עס פרייט מיך זייער וואָס דאָס בריוול האָט דיר אַזוי געשמעקט.
מיין ליבער גרויסער שלעכטער וואָלף, איך וואָלט וועלן דו זאָלסט מיר שוין אויפעסן.
און צומייסטנס וואָלט איך וועלן די וואַיטקאָווע זאָל קומען און זאָגן: הער ראָמעק איז דאָ!
איך קוש דיך אירקאָ אויך מוסיאָ״.

„ליבער ראָמעקל!
איך שרייב דיר איצט וועגן דער לערע, איך לערן מיך איצט די פאַרמערונג־טאַבעלע ביז הונדערט.
ביז אַכט קען איך קוים כאַפּעלעך. איך האָב נאָך דריי פעלערן צום שרייבן. איך בין מיך טועה ביז רז. זש...
אין פענסיאָנאַט איז צוגעקומען אַ נישט גוט מיידעלע יאַלאַנטאַ.
איך האָב אַ פּרעכטיקן יום־טובדיקן טיש, פון אויסשניטן.
עס זענען פאַראַן אויף אים אַ סך קוכנס, וויין, טאָרן אויך שינקעס. אַ שאָד וואָס מען קען דאָס ניש אויפעסן. איך קוש דיך אירקאָ״.

„ליבער ראָמעקל!
דו מיינסט, אַז איך קען נאָר אַביסל די פאַרמערונג־טאַבעלע.
איך קען אָבער ביז הונדערט אויף כאַפּעלעך.
יאַלאַנטע האָט זיך נאָך נישט פאַרבעסערט
איך קוש דיך שטאַרק, אירקאָ״ 1)

און איצט אַ קורצער קאָמענטאַר: די ציטירטע בריוועלעך זענען געשריבן געוואָרן אין 1942 און 1943 דורך אַ (דעמאָלט) זיבן־יעריק מיידעלע 2), וואָס האָט מיט איר מוטער געלעבט אין וואַרשע אויף „אַרישע פּאַפּירן״, צו איר פאָטער, וועלכער האָט זיך נאָך געפונען אין געטאָ אין באָכניע. זי רופט אים ביים נאָמען כדי אויסצומיידן דאָס וואָרט: „פאָטער״. די „וואַיטקאָווא״ איז — פאַרשטייט זיך די באַלעבאָסטע, ביי וועלכער די

1) די מאַטעריאַלן פון „פאַרשונג־צענטער״ פאַר געשיכטע פון פוילישע יידן״ אין פּאַריז.
2) אינאַ רענערט.

קליינע האָט געווײנט (צוזאַמען מיט דער מוטער). „יאַלאַנטאַ“ — אַ פרוי וואָס האָט געדראָט זיי בײדע צו מסרן. איך שטעל מיך אָפּ, אין די בריוו אויף עפּעס אַנדערש: אויף דער אויסערגעוויינלעכער בענקשאַפט, וואָס מען פילט אין די פּשוטע זאַצן. און די „באַוווסטזיניקייט“ פון דער זיבן־יעריקער „אַריערין“, די אַלעגאָריעס און סינאָנימען, וואָס זי באַנוצט. און אויך דער הויפּט־מאָטיוו פון די בריוו: די לערע. בענקענדיק אין תהום פון געטאָ, פלעגט דער פאָטער — זעט אויס — כסדר זיך נאָכפרעגן וועגן די פאָרשריטן פון דער טאָכטער אויפן געביט פון דערציִונג. די יאָרן 1942־1943. „אַקציעס“ און „אויסזידלונגען“. טויט און גרויל. און אויפן דאָזיקן „פאָן“ געניַע ידיעות וועגן די פאָרשריטן אין אַריטמעטיק און אָרטאָגראַפיע. דאָס ייִד־פלאַטערל וויקלט זיין פאָדים נישט פרעגנדיק אויף וואָס די מענטשן וועלן דעם פאָדים פאַרווענדן. דאָ האָבן מיר אָבער נישט צו טון מיט אומ־באַוווסטזיניקייט. פאַרקערט: די בריוו־שרייבערין האָט זיך געניַי אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון סיי פון דער אַלגעמיינער לאַגע, סיי פון דער לאַגע אין וועל־כער ס'האָט זיך געפונען איר פאָטער און זי אַליין.

די בריוו אירע פלעגט דער פאָטער אַרומטראָגן ביי זיך. שפּעטער איז אים אויך געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געטאָ און קומען קיין וואַרשע אויף „אַרישע פּאַפּירן“. דאָ האָט ער די בריוו אַרויסגענומען פון טאַש און אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד כדי נישט צו קאָמפּראָמיטירן זיין פרוי און קינד בעת אַן עווענטועלן „דורכפאַל“. און ער איז פּאַקטיש דורכגעפאַלן. אַ געוויסן טאָג נישט מער אַהיימגעקומען. אַרעסטירט געוואָרן צוליב א מסירה און אומגעקומען. די בריוו זענען פאַרבליבן אין שופלאָד.

סוף פון ערשטן באַנד

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט **(לידער)**
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער **(לידער)**
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ **(ראָמאַן)** **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" **(ראָמאַן)**
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם **(ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן **(זכרונות)**
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פּערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־־פּרעמיע פון „בונד״ אין פּוילן, וואַרשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**

81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פּערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85־86) מרדכי שטריגלער — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**

89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91־92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**

94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות **(קראָקע)**

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפּט־מאַגנאַטן

102) **משה זאָנשיין** — יידיש וואַרשע

103) **פּ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) — **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**

105־106־107) — **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פּאַפּירן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

108־109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**

110) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש

עס גרייט זיך צום דרוק:

ברוך האַגער — מלכות חסידות

ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**

פּנחס שטיינוואַקס — יידן צום געדענקען

ש. בערלינסקי— ירושה

מאַקס וויינרייך — הינטערן פּלויט **(וועגן אורי קאָוונער)**

פרעסע־שטימען וועגן די ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

✶

ד״ר ל. זשיטניצקי שרייבט וועגן זיגמונט טורקאָוס בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן״ אין אַן אָפּהאַנדלונג א. נ. „אַ מענטש דערציילט וועגן אַ פאַרשוווּנדענעם לעבן״ („די פּרעסע״, בוענאָס־איירעס, 6טער סעפּ־טעמבער 1951):

פאַרוואָס אייגנטלעך „ אַ מענטש דערציילט זיין לעבן?״ און נישט „אַ ייִדישער שוישפּילער דערציילט זיין לעבן?״ דאָס אייגנטלעך איז די זאַך, וואָס זיגמונט טורקאָוו איז נישט אויסן זיך פאַרצושטעלן אין זיין בוך „פראַגמענטן פון אַ לעבן״, ווי איי־נער וואָס דערציילט זיין געשיכטע ווי ער איז געקומען צו ווערן אַ שוישפּילער ביי ייִדן, די זאַך גייט אַ ביסל ווייטער און טיפער: דורכן בילד פונעם לעבן פון אַ ייִדישן קינסטלער, אָנהייבנדיק פון זיינע קינדישע יאָרן ביז עלטער־רייפקייט, צו אַנטפּלעקן, דערציילן און דער־מאָנען אַ ייִדיש לעבן, וואָס איז גע־ווען און אומרחמנותדיק געוואָרן אונטערגעשניטן און אומגעבראַכט. זיגמונט טורקאָוס „פראַגמענטן פון אַ לעבן״, איז די געשיכטע פון טוי־זנטער און טויזנטער, אָפּגעשפּיגלט אינעם לעבן פון אַזאַ איינעם, וואָס איז געגאַנגען פאַרויס, ווייל צו דעם האָט אים געפירט און געשטויסן דאָס לעבן פון אַ גרויסער ייִדישער מאַסע. די ייִדישע מאַסע זאָל אים ווי געוועזן האָבן אָנגעטרויט: „דער־צייל ווי עס איז געווען, וואָס מיר זענען געווען און וואָס איז שוין מער נישטאָ״, — זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אַליין אויסגעווײַלט פאַרן אָביעקט, ער איז דער „איינער פאַר אַלע״ און ער האָט עס געטון נישט נאָר מיט אַחריות, נאָר מיט אַ טיפן טרויער און גרויסן יראת הכבוד צו די, וואָס זענען אַמאָל געווען און זענען שוין מער נישט פאַראַן: זיג־מונט טורקאָוו רעדט טאַקע צו דער וועלט, אָבער מיט אַ בליק און דער־מאָנונג פאַר די, וואָס זענען געווען

דער כוח און שיינקייט פונעם ייִדי־
שן גייסט און ייִדישן זיין. און עס
איז גאָרנישט וויכטיק ווי זיי הייסן.
מען דאַרף אויך נישט זייערע נע־
מען, — עס איז נישט וויכטיק צי
עס איז אַ פאָטער פון אַ זיגמונט
טורקאָוו אָדער אַ פעטער „סראָל־
חיים", אַזוי האָבן זיי געהייסן און
אַזוי אויך דער כבוד צו זייער זכר...

לייענענדיק זיגמונט טורקאָווס „פראַגמענטן פון אַ לעבן" האָט מען גלייך דעם איינדרוק, אַז ער איז נישט געשריבן אויס דעם די וועלט זאָל וויסן זיין געשיכטע. נאָך אַלע־מען איז עס שוין גאָרנישט קיין נייס זכרונות אָדער מעמואַרן פון אַ שוישפילער־לעבן. עס פעלט נישט אַזאַ ליטעראַטור אויך ביי ייִדן און דאָ הייבט זיך טאַקע אָן דער אונ־טערשיד צווישן זיגמונט טורקאָווס „פראַגמענטן פון אַ לעבן" מיט אַל־געמיינע מעמואַרן אָדער זכרונות. זיגמונט טורקאָוו, האָט מען אָן איינ־דרוק, אַז ער איז נישט אויסן נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווײ־טע. ער איז גאָר עפּעס אַנדערש און די אויסנדיקייט צו באַווייזן אַ לעבן, וואָס איז געווען די דער־הויבנקייט און די שיינקייט אַליין. עס איז געווען מיט וואָס זיך אי־בערצונעמען, באַזונדערס מיטן מע־נטש, עס איז געווען אַ לעבן וואָס האָט געהאַט אַן אינהאַלט, אַ מהות און הויפּטזעכלעך אַ שטרעבונג. מענטשן האָבן געוואָלט און גע־שטרעבט און די מענטשן זענען גע־ווען ייִדן. אויף אַ וווּנדערבאַר־שיי־נעם אופן האָט געלעבט אין זיי

האַרמאָניש דער ייִד און דער מענטש. מען האָט גאָרנישט געקענט אָפּטיילן איינס פונעם צווייטן. אין האַרצן האָט געלעבט הוילע גוטס און מען האָט עס באַטראַכט נישט ווי אַ טוגנט, נאָר ווי אַ בויט, ווי אַ מוז. די ייִדישע וועלט האָט אַפילו זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער ניט ייִדישער וועלט און איז אויסגע־שטאַנען פון דער נישט ייִדישער וועלט ענוים קשים, פונדעסטוועגן

האָט ער נישט צעשטערט די נשמה
הארמאָניע, די נשמה איז געווען
אן עיקר און איז אויך געווען ווי
אַ מין הייליקייט אין אַ היכל פון
שיינקייט.

און דאָס גאַנצע בוך זיגמונט
טורקאָווס איז אַ דעראינערונג און
אַ געזאַנג צו שיינקייט, וואָס איז
אומגעבראַכט געוואָרן פון טייוולאָ־
ניש־טומאהדיקע הענט. זיגמונט
טורקאָוו איז ניט געקומען צו שריי־
בן זיינע „פראַגמענטן פון אַ לעבן״,
ווייל ער וויל דערציילן וועגן זיך,
נאָר אַ רעאַליטעט האָט אים גע־
שטויסן דערצו. אַ קינד פונעם ייִדי־
שן לעבן אין פוילן, דאָרט ווו ער
האָט אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע
טעג, חדשים און יאָרן פאַרן ייִדישן
טעאַטער, פאַר דער ייִדישער קול־
טור און ייִדישן גייסט, האָט עס אים
באַלד נאָכן קריג געצויגן קיין פוי־
לן דאָרט מיט אייגענע אויגן זען,
וואָס איז דאָרט נאָך געבליבן און
וואָס איז דאָרט נאָך פאַראַן. ער
האָט געמוזט פאָרן און זען מיט
אייגענע אויגן, ווייל דער געוויסן
האָט גערופן און געפייניקט, קומט
ער אויף די חורבות און דאָרט
שוועבן אַרויס זעונגען פון אַמאָל
און די זעונגען זענען פאַרבונדן מיט
דער געשיכטע פון אַן אייגענעם
לעבן. מוז מען פאַר דעם אָנרופן
נעמען, אַריינפירן גאַנצע עדות?

ניין! עס איז גענוג צו נעמען איין
ייִדיש הויז אין איר אומגעוואָרצלט־
קייט אינעם אַמאָליקן ייִדישן לעבן
אין פוילן, עס איז גענוג צו נעמען
איין ייִדישע משפחה אין אירע אי־
בערוואַנדערונגען פון איין גאַס אין
אַ צווייטער, אין אירע פאַרבינדונ־
גען מיט מענטשן און איינגעפונ־
דעוודיקייט אין ייִדישן לעבן און
עס ווערט אַ געשיכטע פון אַלע
ייִדישע היימען און מענטשן אין
פוילן. אַזוי איז עס געווען דאָס לע־
בן און פאַר אַ מוסטער איז גענוג
דאָס איינציקע קנעפל. אָבער אין
זיגמונט טורקאָווס בוך איז עס
עפּעס ווי אַ קנעפּל פאַר אַ מוסטער:
ער גיט די פּערל פונעם אַמאָליקן
ייִדישן לעבן און באַווייזט ווי אויף
דער פּערלדיקייט האָט זיך אָפּגע־
שפּיגלט די אָדיסייע פון אַ ייִדישן
קינד, פון אַ יוגנטלעכן און יונגב־
מאַן, וואָס האָט געלעבט אין אספּי־
ראַציעס צו זיין עפּעס מער, ווי אַ
געוויינלעכער ייד און מענטש, נאָר
גאָר ווערן דער וואָס ברענגט אַריין
דורך קונסט, גייסט ־ שיינקייט און
גייסט ־ רייכקייט אין אַ שפּרודל־
דיקן ייִדישן לעבן.

אַזוי אַרום ווערן זיגמונט טור־
קאָווס „פראַגמענטן פון אַ לעבן״
אַבסאָלוטע געשיכטע פון אַ געוועז־
זענעם ייִדישן לעבן, אילוסטרירט
אינעם בילד פון אַ ייִדישן שוישפּי־

לער, אַ קינסטלער, וואָס האָט גע־שטרעבט צו טעאַטער נישט ווייל ער איז אויסן געווען אַרויסצושטעלן זיך פאַר דער וועלט, נאָר ווייל ער האָט אין דעם געזען אַ גרויסע אי־דעע צו באַרייכערן דעם ייִדישן גייסט. און אויך נישט גרינג איז געווען דער וועג צו דעם, איז עס נישט נאָר זיין אינדיווידועלער וועג נאָר דער וועג, וואָס עס האָבן דורכ־געמאַכט טויזנטער און טויזנטער ייִדישע קינדער אינעם אַמאָליקן פוילן פון אַ רייכן און פאַרצווייגטן ייִדישן לעבן. דער וועג איז געווען אַ דאָרנדיקער, פול מיט יסורים אָבער מען האָט עס אָנגענומען מיט ליבע און ליבשאַפט, ווייל דער קאַמף און די שטרעבונגען האָבן אָנגעוויזן פריידיקע און ליכטיקע פּערספּעקטיוון. עס איז געווען אי־בערצייגונג און גלויבן ביי די על־טערע און דער גלויבן און איבער־צייגונג האָט זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן אריבערגעטראָגן אויך אויף די קינדער, אויף דער יוגנט, אויף די וואָס זענען געווען דער ריכטיקער המשך.

אָננעמען ז. טורקאָווס „פראַגמענ־טן פון אַ לעבן" נאָר ווי אַ געשיכ־טע פון אַ יחיד הייסט נישט זען און נישט באַגרייפן וואָס דער מחבר איז אויסן. אפילו ווען ער באַטיטלט זיין בוך ווי „פראַגמענטן פון אַ לע־בן", מיינט ער נישט נאָר זיין לעבן פון אַ יחיד, נאָר פון רבים, פּערזאָ־ניפיצירט אין דער געשיכטע פון אַ יחיד. דעריבער שפּירט מען ווי דאָס גאַנצע זאָל זיין ווי אַרומגענומען מיט אַ פאָדים פון אַ טיפן טרויער און בענקעניש. ס'איז זיגמונט טור־קאָווס דענקען און פילן וועגן אַ וועלט אין וועלכער ער אַליין איז געווען, — אַ וועלט אַ הויכע, אַ דערהויבענע, אַ שיינע מיט אירע מידות פון מענטשלעכקייט און מענטשישקייט; זיגמונט טורקאָוו האָט געלעבט דאָס לעבן פון דער וועלט און וועגן דעם דערציילט ער. ער דערציילט פּשוט און איינפאַך, ווי נאָר אַן אמתער מענטשלעכער מענטש קען דערציילן אַזאַ לעבן!

משה שענדעריי שרייבט וועגן דניאל טשאַרניס בוך „ווילנע" („די אידישע צייטונג", בוענאָס־איירעס, 24טער יאַנואַר 1952):

פיינער הומאָר, לייכטע סאַטירע, ווען נישט ווען אַ טראָפּעלע סאַר־קאַזם; פונעם געוועב פון געראַטע־נע הלצהלעך און ראַפינירטע ווער־טערשפּיל, וואָס הייטערט אויף דאָס געמיט, רייסט זיך דורך פון צייט

צו צייט אַ געפּילפּולע נאָטע, וואָס
גיט אַ ציפּ ביים האַרצן און פּלומפּט
אויס פון די טיפענישן פון דער
נשמה אַ שטראָמעלע טרערן, וואָס

דערקייקלט זיך און פאַרנעפּלט די
אויגן...

און דאָס אַלץ איז דורכגעדרונ־
גען מיט טיפער לעבנס־חכמה וואָס
טרינקט אין די סאַמאָראָדנע אור־
קוואַלן פון יידישקייט און איז אין
דער זעלבער צייט באַהויכט מיט
אייראָפּעיִשער גרויס־שטאָטישקייט.
איישישאָק און פּאַריז, ווילנע און
ווין, רבנים, שרייבער, אַקטיאָרן,
כלל טוער, סתם יידן און יידי־
נעס, לומדים, אינטעליגענטן און
עמך; אַלע גייען דורך אין דער
בילדער ־ גאַלעריע וואָס דניאל
טשאַרני פירט דורך פאַרן לייענער
פון זיין בוך „ווילנע", וואָס דער
פאַרלאַג פון „דאָס פּוילישע ייִדנ־
טום" האָט אַרויסגעגעבן אַלס דעם
78טן נומער פון זיינע ביכער סע־
ריעס.

קאַלירפול, קלאַנגרייך און אַ קליין
ביסעלע צעשויבערט, ווי דאָס לע־
בן אַליין, קומט פאַר אונדז אויף
דאָס יידישע לעבן פון ירושלים
ד'ליטא און אומגעגנט אין די לעצ־
טע יאָרצענדליקער פון איר קיום;
זינט דעם „ערב" פון דער ערשטער
רוסישער רעוואָלוציע, ביז האַרט
פאַרן לעצטן אַקט, דער צווייטער
וועלט־קריג.

דאָס בוך איז געשריבן אין פאָרם
פון פּערזענלעכע זכרונות (מעמואַ־
רן). אָבער דער גורל פון דעם יחיד,
דניאל טשאַרני, איז ווי צונויפגע־
וועבט מיטן גורל פון כלל, פון גאַנ־
צן יידישן ישוב אין מזרח־אייראָפּע.

די מעמואַרן הויבן זיך אָן פון
יאָר 1903, דאָס יאָר פון קעשענע־
ווער פּאָגראָם, דער ערשטער אָנזאָג
פון דער גרויסער פּורעניות, וואָס
רוקט זיך אָן אויפן יידישן גורל.
דניאל טשאַרני איז דאַן אַ יונג,
שוואַך בחורל, מיט אַ שאַרפער,
כמעט אומהיילבאַרער קראַנקייט,
וואָס פרעסט זיך איין אין איין האַנט,
און דראָעט צו פאַרכאַפּן דעם גאַנצן

קערפּער. אַן ענלעכער געשוויר אױ־
פן קערפּער פון גאַנצן פאָלק איז
דער קעשענעװער פּאָגראָם, װאָס
דראָעט אױסצושפּרייטן זיך און
פאַרכאַפּן דעם גאַנצן ייִדישן פאָלקס
קערפּער, שטעלנדיק אין סכנה זיין
עצם קיום.

און ביידע, דער שרייבער און זיין
פּילגעפּלאָגטע אומה, װאַקסן און
אַנטװיקלען זיך צו־להכעיס אַלע
שטערונגען און סכנות. פון דעם
מאָגערן, פאַרקרענקטן בחור װאַ־
קסט אױס אַ באַגאַבטער פּאָעט, אַ
פיינער סטיליסט פון דער ייִדישער
פּראָזע, אַ מענטש, פון פאַרנעם, אַ
באַדייטנדיקע פּערזענלעכקייט. און
ביי כל ישראל צעבליט זיך אױך,
אין דער זעלבער צייט, דאָס גייס־
טיקע לעבן, מיט ליטעראַטורן, גאַנ־
צע צװיי, טעאַטער אױך אױף צװיי
שפּראַכן, קונסט און מאָלעריי, סקול־
פּטור אאַז״וו. סיי דער פּאָעט, סיי
דאָס פאָלק מאַכן דורך זייער יוגנט־
לעכן שטורעם און דראַנג־פּעריאָד;
דער פּאָעט האָט זיינע לבנה־נעכט
אױפן װילנער שלאָסבאַרג, װוּ צניי־
עותדיקע ייִדישע טעכטער באַגלייטן
אים אױף „מחדש זיין די לבנה״,
און ס׳פאָלק שטורעמט און ברויזט
מיט טעאָריעס, אידעען און אידעאַ־
לן, ציוניזם, סאָציאַליזם, קאָמו־
ניזם, און נאָך אַ פּאָר צענדליק קלע־
נערע איזמען, אָפּצװייגונגען פון די
גרעסערע. דער לייענער װערט
פאַרכאַפּט פון לעבנס־דראַנג פון
פאַרקרענקטן פּאָעט און דורכגע־
דרונגען מיט טיפער באַװוּנדערונג
פאַרן לעבנס־כּוח פון דער אױסגע־
מאַטערטער אומה, װאָס פילט זיך
דאָך נישט דערשעפּט.

דניאל טשאַרניס שרייבערישע
האַרפע האָט אַנצאָליקע סטרונעס,
און קען זיך דערפאַר אָפּרופן אױף
אַלץ, װאָס זיין שאַרף אויג דערזעט
און זיין ראַפינירטער קינסטלערי־
שער געהער פאַרנעמט. דערפאַר
נעמט ער אַרום דאָס לעבן, דאָס
ייִדישע לעבן, אין אַלע זיינע שאַ־
טירונגען און ניואַנסן. אַלץ איז זיינס,
אַלע, פון דעם רב ביזן אַקטיאָר, גע־
הערן צו אים. ער אָבער געהערט
נישט צו קיינעם באַזונדער, נאָר צו
אַלעמען צוזאַמען.

האָט ער װערטער פול מיט באַ־
ציִונג און פאַרערונג פאַרן צװייטן
װילנער גאון, ר׳ חיים־עוזר גראָד־
זענסקי, װעלכער האָט געהאַט צייט
פאַר אַלע ייִדן, פון גרויס ביז קליין,
יעדן אױסגעהערט, מיט יעדן מיט־
געפילט, מיט יעדן מיטגעװייטיקט.
דערציילט טשאַרני:

— אױך פאַר מיר — דעם „אַפּי־
קורס״ — פלעגט ר׳ חיים־עוזר גע־
פינען גענוג צייט״. ער פלעגט מיך
אױספרעגן, װאָס עס הערט זיך אין
דער גרויסער װעלט. און װען איך

פלעג אים דערציילן, אַז די רשעות קעגן ייִדן שטאַרקט זיך פון חודש צו חודש, סיי אין נאַצי־דייטשלאַנד און סיי אַפילו אין דער פרייער פראַנקרייך, — פלעגט ר׳ חיים־עוזר פאַרשטעקן זיין קאָפּ אין עפּעס אַ ספר, ווי ער וואָלט געזוכט אין אים אַ שטיקל טרייסט פאַר דעם פאָלק ישראל.

האָבן מיר אין אַ קורץ געפאַסטן דיאַלאָג צווישן אַ רב און אַן „אַפּי־קורס״ דעם גאַנצן מהות פון ייִדישן אומפאַרבעסערלעכן אָפּטימיזם, וואָס הערט נישט אויף צו גלויבן אין דער לייזונג און וויל גאָרנישט הערן אַפילו פון אויפלייזונג, חס־ושלום.

און ווי אַ ווידערקול פון אָט דעם געשפּרעך קומט אַ קורצער בריוו־טויש צווישן דניאל טשאַרני און דעם קינסטלער מאַרק שאַגאַל.

„גאַנץ ווילנע — האָב איך אים געשריבן — איז פאַרקאַכט אין דער פּלאַסטישער קונסט, און איך מיין, אַז ער וועט אין ווילנע געפינען אַ שטיק וויטעבסק. אויך אין ווילנע שלאָפן ביינאַכט די קלויסטערס אין לבנה־יאַרמעלקעס, און די אַפּאָסטאַ־לן פון דעם אַלטן ווילנער קאַש־טשאַל (קאַטוילישער קלויסטער) זע־ען אויס ווי „גוטע ייִדן״.

און אויף דעם בריוול, וואָס פאַר־ייִדישט אַזוי די אַרומיקע נישט־ייִדישע וועלט ענטפערט דער גרוי־סער קינסטלער מאַרק שאַגאַל:

— „מסתמא זענט איר שוין נישט געווען בכוח צו פאַרבלייבן אין דעם דאָזיקן פאַריז, ווו עס פאָדערן זיך כוחות פון אַ טיוּול, כדי צו קענען פאַרבלייבן אַ ריינער מענטש־ייִד״...

— געדענקט איר אָבער, אַז איך בין אייך מקנא שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איר געפינט זיך אין אַזאַ שטאָט, וואָס איז נישט־ווייט פון מיין שטח (פון וויטעבסק), ווו איך וואָלט גערן פאַרבליבן אויף אייביקע יאָרן. אַנטלויפנדיק ווי איר, פון אַזאַ מין וועלט, מיט אַזעלכע מענטשן״.

פאַרגלייכט מען דעם מינדלעכן דיאַלאָג מיטן רב און דעם בריוולעכן מיטן קינסטלער, דערפילט מען ממש דעם דופק פון ייִדישן לעבן און פאַרגעפילן אין יענע יאָרן פאַ־רן שווידערלעכן שטורעם. מ׳פילט, ווי דער אַלטער רב איז איינגעוואָר־צלט אין דעם אייביקן באָדן פון ייִדישן בטחון און אמונה, און דער יונגער קינסטלער, דער אינטעליגענטער מאָדערנער ייִד, איז אויס־געוואָרצלט פון דער אַרומיקער וועלט און פון דער פרעמדער סבי־בה. מען הייבט אָן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מאַרק שאַגאַל האָט גע־מאָלט דעם „פליִענדיקן ייִד״, צווי־

שן הימל און ערד, אַן אַן אחיזה אין בײדע...

און אַט אַזוי העפט אויס דניאל טשאַרני אויף דער קאַנווע פון זײַנע פּערזענלעכע דעראינערונגען דעם געמיט פון ייִדישן זײַן און פילן אין דער אַזוי־שטורעמדיקער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווי אַ פלאַם פון אַ ליכט, וואָס האַלט זיך ביי אויסלעשן צעפלאַקערן זיך אין ייִדישן לעבן העלע פייערן פון אידעען און באַוועגונגען. עס ווערן אויסגעאַרבעט אומצאָליקע טעאָריעס וועגן אַ באַבייטער וועלט, וועגן אַ בעסערן לעבן אין דער נישט ווייטער צוקונפט, צו וועלכער גאָר ווייניקע פון די טעאָרעטיקער האָבן דערלעבט אויף צו זען, וואָס פאַר אַן אומגעלומפּערטע צורה זי האָט. דניאל טשאַרני זעט אַפילו אין דעם אומקום די ספּעציפישע אייגנשאַפט פון ייִדן און ייִדישקייט.

אַ סך גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער ווי די ייִדן האָבן נישט געקענט אָפּוועגדן פון זיך די גרויסע געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף זיי פון נאַצי־דייטשלאַנד. אַ סך גרעסערע און שטאַרקערע פעלקער האָבן זיך געלאָזט אויסשלאַכטן ווי טשערעדעס קי אָן ווידערשטאַנד, בשעת אונדזערע ייִדן פון ווילנע און ביאַליסטאָק, פון וואַרשע און לובלין זענען פעיִק געווען צו גיין על קידוש השם און שטעלן דעם גרעסטן ווידערשטאַנד איבער זייערע כוחות, איבער זייערע מעגלעכקייטן".

„...און ראַטעווען, אויב נישט זיך פערזענלעך, איז לכל הפחות, ראַטעווען דעם שטאָלץ און די ווירדע פון דעם ייִדישן מענטש, וואָס קומט אום מיטן פּנים צו גאָט, מיטן פּנים צו דער וועלט".

עס איז אַ ניי וואָרט, וואָס דניאל טשאַרני זאָגט וועגן אונדזערע קדושים; עס איז אַ נייער טאָן אין דעם קלאָג־ליד פון אונדזער חורבן־איכה. עס איז אַן אייגנאַרטיקע אויסטייטשונג פון דעם קאַפּיטל פון מאַרטירערטום. ס'איז אַ טיף ייִדיש, אַ טיף מענטשלעך וואָרט, וואָס האָט געדאַרפט געהערט ווערן.

טשאַרני איז אָבער נישט קיין פאַרליבטער ראָמאַנטיקער, וואָס זעט בלויז די מעלות פון דער כלה. ער זעט אויך די צווייטע זייט פון דער מטבע. די באַשרייבונג פון זײַן רייזע קיין איישישאָק און קיין גלובאָקע דערמאָנען שטאַרק אין שלום עליכמס קאַפּיטלען פון ניי־קאַסרילעווקע, מיט דעם חילוק בלויז, וואָס עס זענעןווירקלעך פּערזענלעכע איבערלעבונגען, נישט בלויז קינסטלערישע „פאַנטאַזיעס".

עס קומען בולט אַרויס די אַלע

פלאָגן און חסרונות פון קליינשטעטלדיקן לעבן. די צעריסנקייט אין רעכטס און לינקס, די צעשפּליטערטקייט אין תרפּ׳ט פאַראיינדלעך און גרופּירונגען; די נאַיווע יאָגעניש פון די כלל טוער נאָך אַ וואָרט און נאָך אַ פיגוראַציע. די מעשה, ווי אַזוי טשאַרני, דער איינגעלאַדענער „פּרעלעגענט״ קען נישט קומען צום וואָרט, ווייל ביז צוועלף בייניאַכט האָבן פאַרנומען די צייט די כלל־טוער מיט זייערע „קורצע״ באַגריסונגען, און פּונקט האַלבע נאַכט האָט די פּאָליציי אויסגעלאָשן די „עלעקטרע״ און די פאַרזאַמלונג האָט זיך געמוזט פאַנאַנדערגיין, דערמאָנט שטאַרק אין עטוואָס, וואָס קען אויך אָפּטער פּאַסירן ביי אונדז אין די נייע מקומות, וווּהין אונדזערע כלל־טוער האָבן אַריבערגעטראָגן די שוואַכקייט פון די אַלטע היימען, מיטן איינציקן חילוק, וואָס די פּאָליציי איז אַמאָל טאָלעראַנטער און טרייבט קיינעם נישט, בלויז דער דיקטאַטאָר דער „זייגער״, הייבט דעם עולם פון די בענקלעך און דער „פּרעלעגענט״ האָט אַ ברירה אָדער פאַרענדיקן בחפזון ווי די עשרת בני המן פון דער מגילה, אָדער פאַרקירצן דעם פאָרטראַג און ווי עס איז ראַטעווען די לאַגע.

טשאַרני ברענגט דעם שלוס פון זיינער אַ רעדע אויף אַ געזעגענונגס באַנקעט אין ווילנע אין 1936, וואָס איז כדאַי געהערט צו ווערן אַפילו אין די נייע היימען.

— „איך האָב אין די אורוועלדער פון דעם ייִדישן לעבן אין דעם פאַליניזירטן ליטע־לאַנד אָנגעקליבן אַ פולן וואָגן מיט שישקעס (אַ ווונק אויף איישישאָק), וואָס איך וועל פּרוּוון צו פאַרקויפן אויף אַלע קולטור־יאַרידן פון ייִדיש־לאַנד״.

און נאָכן חורבן פון אייראָפּעיִשן ייִדיש־לאַנד האָט טשאַרני אַרויסגעלאָזט זיין בוך דווקא אויף אונדזער נייעם קולטור־יאַריד אין בוענאָס־איירעס, וואָס שטרענגט זיך אָן צו פאַרבייטן ווילנע און וואַרשע, און ממשיך זיין צו שפּולן דעם פאָדים פון ייִדישער גייסטיקייט, וואָס איז דאָרט אַזוי ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן, סיי דורך די, וואָס האָבן געקוילעט און געמאָרדעט, סיי דורך די, וואָס שטיקן און וואַרגן נאָך ביים היינטיקן טאָג.

פאַרענדיקט טאָקע טשאַרני זיין בוך „ווילנע״, וואָס איז געשריבן אין אַ גאָר לייכטן הומאָריסטישן טאָן, און לייענט זיך לייכט און מיט שטאַרקן אינטערעס, מיט אַ טרויעריקער נאָטע, וואָס דערמאָנט אין דעם לעצטן אַקאָרד פון אַ צעבראָכענער האַרפע, וואָס וועט שוין קיינמאָל נישט שפּילן מער.

— „כ׳וועל נאָך, אפשר, אָנשרייבן

ווען עס איז אַ בוך וועגן ווילנע, ווו אַלע מיינע איצטערדיקע און פריִ־ערדיקע איבערלעבונגען וועלן באַ־קומען זייער געהעריקן תיקון און דאָס וועט זיין די איינציקע טרייסט אין מיין ווייטערדיקן וואַנדער־וואַנ־דער־גאַנג איבער אַלע אונדזערע איישישאָקס פון נאָך דער וועלט!״

געזאָלט האָט דאָס בוך זיין אַ פּערזענלעכע טרייסט פון אַ ייִדישן מחבר, געוואָרן איז עס אַ מצבה, אַ דענק־זייל אויף דעם קבר פון דעם אזוי שיינעם און ליבן, וואָס איז געווען און... נישטאָ מער. שרייבט טשאַרני:

— „אַזוי האָב איך זיך באַרימט אין 1936סטן יאָר פאַר מיינע פריינט און פען־ברידער פון ווילנע, און איצטער, אין 1951סטן יאָר, איז די דעמאָלסטדיקע באַרימעריי מקוים געוואָרן״.

מיין בוך ווילנע ליגט פאַר אייך אָפן און מיין אבל־האַרץ — אויך״.

און דער לייענער פילט און זאַפּט אַריין אין זיין געמיט דעם גאַנצן טיפן טרויער פון דער לעצטער פּראָזע, איינער פון די שענסטע אַקאָרדן אין אונדזער טרויער עלע־גיע אויפן „דריטן חורבן״.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 105

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA
Hecho el Depósito que marca la Ley

COPYRIGHT BY
MICHAL BORWICZ, Paris

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 1º DE DICIEMBRE DE 1954 EN LOS "TALLERES GRAFICOS ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE GASCON Nº 1231, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

MICHAL BORWICZ

DOCUMENTOS "ARIOS"

(ARISHE PAPIRN)

TOMO I

★

Editado por
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires — 1955